STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11385

DI KROYN FUN MITSRAYIM

Boleslaw Prus

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָלעסלאַוו פּרוס.

די קרוין פון מִצְרַיִם

היסטאָרישער ראָמאַן

יודיש: ע. נ. פרענק.

1-טעם בוך.
2-טעם בוך.
3-טעם בוך.
4-טעם בוך.

פערלאַג „א. גיטלין".

וואַרשוי 1918.

געזעצט ביי א. שריפטגיסער, שמ.-יזרסקא 28.

PRINTED in POLAND

Druk. Br. Wójcikiewicz, Pawia 10.

די קרוין פון מצרים.

„די קרוין פון מצרים" איז איינער פון יענע גרויסע היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס דער איינדרוק פון זיי ווערט איינגעקריצט אין זכרון אויפ'ן גאַנצען לעבען. פאַר אַ קינסטלער איז דאָס דער גרעסטער לוין.

באָלעסלאַוו פרוס האָט דאָ אַזוי בריים, פריי און רייך געמאָלט דאָס אַמאָליגע מצרים, אַז דער לעזער ווייס נישט וואָס פריהער צו בעוואונדערן: צי די גרויסע מענגעס טיפען און געשטאַלטען, וואָס דרעהען זיך פאַר זיין אויג ווי לעבעדיגע מענשען מיט בלוט און אָטעם, צי די רייכע שפאַנענדיגע האַנדלונג, וואָס שפיעלט אויף די יערוועו, ווי אַ שטיק הייס לעבען, צי דער לעבעדיגער בעוועגליכער שמועס, וואָס די פאַרשוינען פיהרען צווישען זיך און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי דערדאָזיגער שמועס וואָלט געפיהרט געוואָרען אויף דער גאַס, ביי איהם, ביים לעזער, אונטער'ן פענסטער.

דאָ איז אַלץ אַזוי רעאַל און נאַטירליך, אין אַלץ איז דאָ אַריינגעגאָסען געוואָרען אַזוי פיעל לעבען און בלוט,

אַז דאָס היסטאָרישע, דאָס אַלטע, דאָס איבערגעלעבטע ווערט אַזוי ווי אַנטרונען, און פון די זייטלעך פון בוך טרעט-אויס דאָס היינטיגע, דאָס איצטיגע לעבען.

די אַמאָליגע האַנדלונג און די פּאַרצייטיגע העלדען, וואָס זענען שוין לאַנג געשטאָרבען, ווערען פון דאָס ניי געבוירען, ווערען היינטיגע, איצטיגע, וואָס אָטעמען צוגלייך מיט אונז די אייגענע לופט, וואָס מיר.

דערין ליעגט דער סוד און דער כּשוף פון קונסט, פון אמת׳ער קונסט, וואָס קאָן בעלעבען דאָס טויטע און אַריינגיסען הייסע שטראַהלען אין לאַנג-פּערלאָשענע אויגען.

פאַר אונז ליעגט דאָ דאָס אַלטע מצרים, דער אַלטער קייזערליכער הויף, די אַלטע קרוין און די אַלטע שטרענגע און אייגענאַרטיגע מושלים—די פּרעה׳ס.

אָבער באָלעסלאַוו פּרוס איז געגאַנגען ווייטער און טיעפער: ער האָט גענומען—דאָס הייסט קינסטלעריש געשילדערט, און שילדערן קינסטלעריש הייסט טאַקי נעהמען—נישט בלויז דעם קייזערליכען הויף—ער האָט גענומען דאָס גאַנצע מצרים, פון אויבען ביז אַראָב, אין דער ברייט און אין דער לענג, אַלע שיכטען, אַלע קלאַסען פון פאָלק—פון די פּרעה׳ס ביז דעם סאַמע פּערוואָהרלאָזטען המון, פון די גלענדצסטע אַרמעע-פיהרער ביז דעם לעצטען דיענער ערגעץ אין אַ לעצטען פּאַלאַצל. זיי אַלע, ווי געזאָגט, לעבען און בעוועגען זיך, ריידען און לאַכען, און מיר, די לעזער, פּלאָנטערן זיך צווישען זיי, געהען, וואו זיי געהען, זיצען, וואו זיי זיצען, טהוען, וואָס זיי טהוען; מיר זעהען זייער מעשים, דרינגען זיך אַדורך מיט זייערע מחשבות און מיר האָבען די גאַנצע

צייט אַ געפיהל, ווי מיר וואָלטען געשפירט זייער אָטעם...

אַזוינס קאָן נאָר געבען אַ ווערק פון אַנ׳אמת׳ען גרויסען קינסטלער, און באָלעסלאַוו פרוס האָט עס גע-געבען מיט דער פולער האַנד.

פאַר אונז, יודען, האָט דאָסדאָזיגע ריזענווערק גאָר אַ בעזונדער בעדייטונג. אין מצרים האָבען מיר אַמאָל צו-זייהט שטיקער פון אונזער נשמה; דאָרט, אין יענעם לאַנד האָבען מיר זיך בעקאָנט מיט אונזער ערשטען צער און אונזערע ערשטע האָפנונגען, און משה׳ס וויעג איז אויך דאָרט געשטאַנען. און דעריבער, ווען עס קומט אַ גרויסער קינסטלער און שילדערט אַ געוויסע עפּאָכע פון יענעם לאַנד, מוז עס אַמנאָהנטסטען בעריהרען דעם יוד, ווי אַ ווייטער אָבקלאַנג פון זיין אייגענער נשמה.

עס איז, נאַטירליך, איבעריג צו דערמאָהנען, וויפיעל ליכט און עשירות אַזאַ ווערק טראָגט-אַריין אין אונזער יונגער יודישער ליטעראַטור. דאָס וועט שפירען אַ יעדע-רער, וואָס האָט נאָר עטוואָס ליעבע פאַר איהר

ערשטעם קאפיטעל.

אין דעם 33-טען יאהר פון רעמסס דעם צוועלפטענס גליקליכען הערשען, האט מצרים אבגעהאלטען צווי גרויסע שמחות, וועלכע האבען פול געמאכט די הערצער פון די פרומע איינוואהנער מיט שטאלץ און פערגניגען.

אין חודש מעחיר, אין דעצעמבער איז צוריק געקומען קיין טעבי, א בעשאטענער מיט זעהר טהייערע מתנות, דער אבגאט חאנסו, וועלכער האט דריי יאהר מיט ניין חדשים געריינט אין לאנד בוחטען, האט דארט געזונד געמאכט דעם קעניגס טאכטער, וועלכע האט געהייסען בענטרעש און האט ארויסגעיאגט א שד נישט נאר פון דעם קעניגס פאמיליע, אבער אויך פון דעם פעסטונג אין בוחטען

אין חודש פארמוטי, אין פעברואר, האט דער קעניג פון העכערן און נידריגערן מצרים, דער הערשער פון צידון און ניין פעלקער, מער-אמן-רעמסס דער צוועלפטער, נאכדעם ווי ער האט זיך בעראטהען מיט די געטער, וואס ער איז זיי גלייך, — בעשטימט פאר א ערפאטער, ארער טראן-פאלגער, זיין צוויי און צוואנציג יעהריגען זוהן חם-סעמארער: אמן-רעמסס.

דיעזע בעשטימונג האט זעהר דערפרייט די פרומע

כהנים, די ווירדיגע מאנארהען. די העלדענמוטהיגע ארמעע, דאס געטרייע פאלק און אלע בעשעפענישען, וואס האבען געלעבט אין מצרים. ווארום די עלטערע זיהן פון דעם קעניג, וועלכע עס האט איהם געבוירען די טאכטער פון דעם קעניג חת, זייען פערפאלגט געוועזען פון א שד דורך א כשוף, וועלכע מען האט נישט געקענט ערפארשען. איין זוהן, א 27-יעהריגער, האט נישט געקענט געהן, זייט ער איז מינדיג געווארען; דער צווייטער זוהן האט זיך דורכגעשניטען די אדערן און איז געשטארבען, און דער דריטער איז משוגע געווארען דורך פערסמ'טען וויין, וועלכען ער האט נישט געוואלט אויפהערען צו טרינקען און, מיינענדיג, אז ער איז א אפע (מאלפע), איז ער גאנצע טעג געוועזען אויף די בוימער.

ערשט דער פירטער זוהן, וועלכען עס האט איהם געבוירען די מלכה ניקאטרים, וואס איז געוועזען א טאכ-טער פון דעם כהן-גדול אמענהאטעפ, איז געוועזען שטארק, ווי דער אקס אפים, מוטהיג ווי א לייב און קלוג, ווי די כהנים. פון קינדהייט אן, האט ער ארום זיך געהאלטען מיליטער-לייט און ווען ער איז נאך געוועזען א געוועהנלי-כער פרינץ, האט ער געפלעגט זאגען:

— ווען גאט וואלט אנשטאט א פירטען זוהן, מיך געמאכט פאר א פרעה (קעניג אין מצרים), וואלט איך איינ-גענומען, ווי דער גרויסער רעמסס, ניין פעלקער, פון וועלכע מען האט קיינמאל אין מצרים נישט געהערט, איך וואלט געבויעט א בית-המקדש פאר די אבגעטער, וואס וואלט גרעסער געוועזען פון גאנץ טעבי, און פאר זיך וואלט איך געבויעט א פיראמידע (א גרויסע זאל אויף א קבר), ביי וועלכע די מצבה פון חעאפס וואלט אויסגעזעהען, ווי א

רויזען-בוימעלע נעבען א גרויסע, ענטוויקעלטע פאלמע...

בעקומענדיג דעם ערווינשטען טיטול ערפאטר, האט דער יונגער פרינץ געבעטען דעם פאטער, אז ער זאל איהם בעשטימען אלס אנפיהרער פון דעם קארפוס מענפי. דער היילינגער רעמסס דער צוועלפטער האט אבגעהאלטען א בעראטונג מיט די געטער, צו וועלכע ער איז גלייך און דערנאך האט ער איהם געזאגט אז ער וועט איהם טהון זיין רצון, אויב ער, דער טראן-פאלגער, וועט דערווייזען, אז ער וועט קענען פיהרען א מענגע מיליטער בשעת א מלחמה.

צו דיעזען צוועק איז צונויפגערופען געווארען א בעראטונג, וואס איהר פארזיצענדער איז געוועזען דער קריגס-מיניסטער שם-אמן-הרהור, וועלכער איז געוועזען א כהן-גדול אין דעם גרעסטען טעמפעל פון דעם אבגאט עמון אין טעבי.

די בעראטונג האט בעשלאסען:

אין העלפט חודש מיסארי (אנפאנגס יוני), וועט דער טראן-פאלגער צונויפנעהמען די צעהן פאלקען מיליטער וואס געפינען זיך אין דער לענג פון דער ליניע, וועלכע שליסט די שטאדט מעמפיס מיט דער שטאדט הי-איטא אין דער סעבעניטישער בוכטא.

מיט דיעזען קארפוס פון צעהן טויזענד מאן, וואס איז געוועזען גרייט צו דער מלחמה און איז פערזארגט געוועזען מיט אלעם, וואס איז צו דער מלחמה נויטהיג געוועזען, וועט דער טראן-פאלגער געהן אויף מזרח, צו דעם וועג וואס ציהט זיך פון מעמפיס ביז חאטעם, אויף דער גרענעץ פון גושן און דער מדבר פון מצרים.

דער גענעראל ניטאגער, דער הויפט אנפיהרער פון

דער אַדמעע, וואָס היט די טהויערען פֿון מצרים פֿאַר אָנפֿאַלען פֿון די אַזיאַטישע פֿעלקער, וועט אין דער זעלבער צייט אַרויסגעהן פֿון די ביטערע אָזיערעם געגען דעם טראָןפֿאָלגער.

די ביידע אַרמעען. די אַזיאַטישע אין די מערב'דיגע, וועלען זיך צוזאַמענטרעפֿען אין די געגענדען פֿון דער שטאָדט פּי־בעלות, אָבער נאָר אין דער מדבר, כדי די אַרבייטזאַמע ערד־אַרבייטער אין גושן, זאָלען נישט געשטערט ווערען אין זייער אַרבייט.

דער טראָן־פֿאָלגער וועט מנצח זיין, אויב ער וועט זיך נישט לאָזען בעפֿאַלען פֿון ניטאַגער, אויב ער וועט פֿערזאַמלען אויף איין אָרט אַלע פֿאָלקען און זיי גרייט שטעלען צו דער מלחמה, איידער דער פֿיינד וועט אָנקומען.

אין דער מחנה פֿון דעם פּירשט רעמסס, וועט זיך געפֿינען הרהור, דער קריגס־מיניסטער אַליין און וועגעאַלעם, וואָס עס וועט פֿאָרקומען, וועט ער פּרעה'ן אָבגעבען אַ ראַפּאָרט.

די גרענעצען צווישען גושן און צווישען דער מדבר. זענען געוועזען צוויי וועגען. איין וועג איז געוועזען אַ טראַנספּאָרטס־קאַנאַל פֿון מעמפֿיס ביז צו דער אָזיערע טימפֿאַ; דער צווייטער — אַ שאָסע. דער קאַנאַל איז געוועזען אויף דער ערד פֿון גושן און דער שאָסע — אויף דער מדבר, וועלכע ביידע וועגען האָבען אַרומגענומען אין אַ האַלב־ראָד. פֿון דעם שאָסע האָט מען אויף דעם גאַנצען שטח אַרויסגעזעהן דעם קאַנאַל.

די צוויי שטיקער לאַנד, וואָס האָבען זיך געפֿונען אין ביידע זייטען פֿון די צוויי גרענצען, האָבען זיך אונטערשיי־

דעט איינם פון דעם אנדערן אין יעדער הינזיכט. גושן האט אויסגעזעהן, ווי א ריזענדיג שאך-ברעט, וואס זיינע גרינע און געלע פעלדער, האבען זיך אבגעגרענצט איינם פון אנדערן מיט דער קאליער פון תבואה און פאלמען, וועלכע האבען נעוואקסען צווישען זיי; אויף דעם געלען זאמד פון דער מדבר און אויף איהרע ווייסע בערגלעך, האט אשטיקעל גרינקייט, אדער אביסעל גרעסערע און קלענערע בוימליך, אויסגעזעהן, ווי א פערבלאנדזעטער רייזענדער.

אויף דער פרוכטבארער ערד פון גושן, האבען אויף יעדען בערגעל געוואקסען הועלדלעך פון פערשידענע בוימער, צווישען וועלכע עס האבען זיך בעהאלטען פאלאצען מיט רייהען הויכע זיילען, אדער קלייניע, לעהמיגע פויערן-הייזליך. נעבען עטליכע וועלדליך האבען זיך געפונען שטעדטליך מיט הייזער, וואס האבען געהאט פלאכע דעכער; נעבען אנדערע וועלדליך האט מען געזעהן הויכע, פיראמידאלישע טהירען פון טעמפלען, וועלכע האבען אויסגעזעהן, ווי דאפעלטע פעלזען, וואס זענען בעציערט מיט עפעם וואונדערליכע צייכענס.

אין דער מדבר, פון אונטער דער ערשטער רייהע פון אביסעל גרינע בערגלעך, האט מען ארויסגעזהן נאקעטע בערג, וואס זענען געוועזען בעשאטען מיט פיעל פעלזען.

עס האט זיך געדאכט, אז דאס מערב-דיגע לאנדשטיק, וואס איז איבערזעטיגט מיט לעבען, ווארפט אויף דער צווייטער זייט קאנאל מיט א קעניגליכער פרייגיביגקייט גרינס און בלומען; די אייביג-הונגעריגע מדבר, פרעסט אבער אלעס אויף און בעארבייטעט עס אויף זאמד.

דאס ביסעלע געוויקסען, וואס איז ארויסגעיאגט גע-

וואָרען פֿון גושן אויף די פֿעלזען און זאַמדען, האָט זיך געהאַלטען אין די נידריגערע ערטער, וואוהין מען האָט געקענט צו פֿיהרען וואַסער דורך די גרובען, וואָס זענען דורכגעגראָבען געוואָרען אין שאָסע. צווישען די גאָלע בערג, נעבען דעם שאָסע, האָבען געטרונקען בלויע טהוי די פֿערבאָרגענע אָאַזען *), אויף וועלכע עס האָט געוואַקסען גערשטען און ווייץ, וויין־בוימער, פֿאַלמען און טאַמארינדוסען. **)

אויף אַזעלכע ערטער, האָבען געוואָהנט מענשען, יעדע פֿאַמיליע אויף אַן אַנדער אָרט, וועלכע בעגעגנענדיג זיך אויף אַ מאַרק אין פֿי־בעלות, האָבען זיי אַפילו נישט געוואוסט, אַז זיי זענען שכנים.

אין 16־טען מיסאָרי איז שוין דאָס מיליטער געוועזען צונויף פֿערזאַמעלט. די ניין פֿאַלקען פֿון דעם טראָן־פֿאָלגער, וואָס האָבען געצאָלט אָבוואַרטען דאָס אזיאַטישע מיליטער פֿון ניטאַגער, זענען שוין געוועזען צונויפֿגעקליבען אויף דעם וועג נעבען דער שטאָדט פֿי־בעלות מיט דעם לאַגער און מיט אַ טהייל פֿון די מלחמה־מאַשינען.

די בעוועגונגען פֿון די ניין פֿאַלקען, האָט געפֿיהרט דער טראָן־פֿאָלגער אַליין. ער האָט אָרגאַניזירט צוויי רייהען פֿון פֿאָרפּאָסטען. די ערשטע, ווייטערע רייהע, האָט געזאָלט נאָכשפּירען דעם שונא און די צווייטע, נאָהענטערע — האָט בעדאַרפֿט היטען די אייגענע אַרמעע פֿון אָנפֿאַלען, וועלכע האָבען לייכט געקענט פֿאָרקומען אין דעם געגענד, וואָס איז פֿול מיט בערג און טהאָלען. ער, רעמסס, איז אין

1) אָאַזען — פֿרוכטבאַרע ערטער אין אַ מדבר.

2) טאַמאַרינדוסען — הויכע בוימער, וואָס וואַקסען אין אזיע.

משך פון דער וואך אליין ארומגעפארען און בעקוקט די פאלקען, וואס מארשירען אויף פערשידענע וועגען, גוט אכטונג־געבענדיג. צי די סאלדאטען האבען גוט געוועהר און ווארימע מאנטלען אויף ביי נאכט. צי עס געפינט זיך אין דעם לאגער גענוג סוחארען, פלייש און געטרוקענטע פיש. ער האט אויך געהייסען, אז די פרויען, קינדער און שקלאפען פון דעם מיליטער, וואס נעהמט אויף דער מזרח־גרענעץ, זאלען איבערגעפיהרט ווערען אויף דעם קאנאל, כדי דער לאגער זאל זיין קלענער און די ארמעע זאל זיך קענען לייכטער בעוועגען.

די עלטסטע גענעראלען האבען בעוואונדערט די וויסענשאפט, די התלהבות און פארזיכטיגקייט פון דעם טראן־פאלגער און נאך מעהר — זיין ארבייט און פשטות. זיין גרויסען הויף, זיין קעניגליך געצעלט, וועגען און לעקטיקעס האט ער איבערגעלאזט אין טעמפים, און ער אליין, אין מלבושים פון א געוועהנליכען אפיציר, איז געריטען אויף א פערד פון איין פאלק צום אנדערן אין בעגלייטונג פון צוויי אדיוטאנטען.

אזוי ארום איז גיך צוגעגאנגען די קאנצענטראציע פון דעם קארפוס, און דאס מיליטער איז אין א בעשטימטע צייט געשטאנען נעבען פי־בעלות.

אנדערש איז אבער געוועזען אין דעם שטאב פון דעם טראן־פאלגער, אין דעם גריכישען פאלק, וואס האט איהם בעגלייט מיט עטליכע מלחמה־מאשינען.

דער שטאב, וואס האט זיך צונויפגעקליבען אין מעמפיס, האט געהאט דעם קורצסטען וועג און דאדורך איז ער ארויסגעגאנגען אמשפעטסטען, ציהענדיג מיט זיך א גרויסע

לאַגער. די אָפֿיצירען האָבען געשטאַמט פֿון מיוחסים'דיגע משפחות און כּמעט יעדער פֿון זיי האָט געהאַט זיין לעקטיקאַ מיט פֿיער נעגערען, אַ וואָגען אויף צוויי רעדער, אַ רייך געצעלט און אַ מענגע קאַסטענס מיט מלבושים און עמענוואַרג, קרוגען מיט ביער און וויין. אויסער־דעם איז מיט דעם שטאַב מיטגעגאַנגען אַ טרופּע פֿון זינגערינס און טענצערינס מיט מוזיק און יעדע פֿון זיי, אַלס גרויסאַרטיגע דאַמע, האָט געמוזט האָבען אַ וואָגען, וואָס איז געוועזען איינגעשפּאַנט אין איין אָדער צוויי פּאָר אָקסען, און אויך אַ אייגענע לעקטיקאַ.

ווען די גאַנצע מענגע מענער פֿרויען, אָקסען אין פֿערשיערענע זאַכען, האָט זיך אַרויסגעשאָטען פֿון מעמפֿיס, האָט זי פֿערנומען מעהר אָרט, ווי די אַרמעע פֿון דעם טראָן־פֿאָלגער. און מאַרשירט האָט זי אַזוי לאַנגזאַם, אַז די מלחמה־מאַשינען, וועלכע מען האָט איבערגעלאָזט אויף דער ענדע, האָבען אַרויסגעריהרט אַ גאַנצען מעת־לעת שפּעטער, ווי מען האָט געהייסען, ערגער איז געוועזען מיט די זינגערינס און טענצערינס; ווען זיי האָבען נאָר וואָס דערזעהען די מדבּר, וואָס איז אויף דעם אָרט גאָר נישט אַזוי שרעקליך, האָבען זיי זיך דערשראָקען און אָנגעהויבען צו וויינען. אום די פֿרויען צו בערוהיגען, האָט מען זיך אויפֿגעשטעלט די געצעלטען, איינגעאָרדענט פֿאָרשטעלונגען אין דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ מאָהל־צייט.

די פֿערוויילונגען אין דער קיהלער נאַכט, אונטער דעם אויסגעשטערענדען הימעל, אויף דער ווילדער נאַטור, זענען אַזוי געפֿעלען געוואָרען די טענצערינס און זינגערינס, אַז זיי האָבען געזאָגט, אַז פֿון דאַמאָלס אָן, וועלען זיי אַרויסטרעטען נאָר אין דער מדבּר. ווען דער טראָן־פֿאָל־

גער איז דערווייל געוואָרען געוואָרען, ווי זיין שטאַב פֿיהרט זיך אויף, האָט ער געשיקט אַ בעפֿעהל, אז מען זאָל ווי אמגיכסטען צוריקשיקען די פֿרויען אין דער שטאָדט אַריין און מען זאָל גיכער גהען.

ביי דעם שטאַב האָט זיך געפֿונען דער קריגס־מיניסטער הרהור, אָבער נאָר אַלס צוזעהער. ער האָט מיט זיך ניש מיטגעפֿיהרט קיין זינגערינס, ער האָט אָבער אויך קיין שום בעמערקונג די אָפֿיצירען נישט געמאַכט. ער האָט געהייסען זיין לעקטיקאַ אַרויסטראָגען פֿאַר דער מחנה פֿון דעם שטאַב, און האָט זיך מיט איהר געהאַלטען. ווען זי האָט געריהרט פֿון אָרט האָט ער זיך געהייסען טראָגען, ווען זי האָט גערוהט, איז ער זיך אויך געלעגען אין דעם שאָטען פֿון דעם פֿעכער, מיט וועלכען זיין אַדיוטאַנט האָט איהם בעשאָטענט.

דער קריגס־מיניסטער הרהור, איז געוועזען אַ פֿיער ציג־יעהריגער, שטאַרק געבויטער מאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטען זעהר שטיל. זעלטען ווען האָט ער אַרויסגערעדט אַ וואָרט, און אויך זעלטען ווען האָט ער אויף עמיצען אַ קוק געטהון פֿון אונטער די אַראָבגעלאָזטע ברעמען

ווי יעדער מצרי, האָט ער געהאַט נאַקעטע הענד, אַ אויפֿגעדעקטע ברוסט, סאַנדאַלען אויף די פֿיס, אַ קורץ קליידעל און פֿאַרענט אַ שירץ מיט בלויע און ווייסע פּאַסען. אַלס כהן־גדול האָט ער זיך ראַזירט די באָרד און דעם קאָפּ, און האָט געטראָגען איבערגעוואָרפֿען אויף דעם לינקען אַרם אַ פֿעל פֿון אַ חיה. אַלס סאָלדאַט, האָט ער אויף דעם קאָפּ געטראָגען אַ גוואַרדישען הוט, פֿון אונטער וועלכער

עס האָט זיך אויף זײַן קאָרק אַראָבגעלאָזט אויך אַ טיבעל מיט ווײַסע און בלויע פּאַסען.

זײַן לעקטיקאַ, וואָס איז געטראָגען געוואָרען דורך זעקס שוואַרצע שקלאַפען, האָבען שטענדיג בעגלייט דרײַ מענשען: איינער האָט געטראָגען אַ פעכער, דער צווייטער — דעם מיניסטערס האַק און דער דריטער — אַ קעסטעל מיט פּאַפּירוס. 1) דער דריטער איז געוועזען פּענטוער, דער כהן און שרײַבער פון מיניסטער, אַ אויסגעדאַרטער בעל-תשובה, וועלכער האָט אפילו אויף דער גרעסטער היץ נישט בעדעקט דעם געגאָלטען קאָפּ, „געשטאַמט האָט ער פון פּראָסטען המון און דאָך האָט ער פערנומען אַ וויכטיגע שטעל אין דער מלוכה, ווײַל ער האָט געהאַט גרויסע פעהיגקייטען.

חאָטש דער מיניסטער מיט זײַנע בעאַמטע האָט זיך שטענדיג געפונען אָן דער שפּיץ פון דעם שטאַב און ער האָט זיך נישט געמישט אין דעם, וואָס דער שטאַב האָט געטהון. פונדעסטוועגען האָט ער גוט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך אונטער איהם. יעדע שעה און פיעל מאָל יעדע האַלבע שעה, איז צו זײַן לעקטיקאַ צוגעגאַנגען — אַ מאָל אַ געוועהנליכער, נידריגער כהן, אַ פשוט'ער „גאָטס דיענער„ אַ מאָל אַ סאָלדאַט, אַ מאָל אַ הענדלער אָדער אַ שקלאַף, וועלכער איז מכלומר'ש קאַלטבלוטיג פאַרבײַגעגאַנגען פאַר דעם מיניסטער און האָט עפּעס אַ וואָרט פון מויל אַרויס-

---

1) פּאַפּירוס — אַ מין פּאַפּיר, אויף וועלכע מען האָט געשריבען אין מצרים אין די אוראַלטע צײַטען.

געלאָזט. אַזאַ וואָרט האָט פענטוער פיעל מאָל פערשריבען, זעהר פיעל האָט ער אָבער געדענקט, דען ער האָט געהאַט אַ אונגעוועהנליכען זכּרון.

די קלײניגקײטען האָט קײנער נישט בעמערקט אין דער מחנה פון דעם שטאַב. די מיוחסים׳דיגע אָפיצירען זענען געוועזען אַזוי בעשעפטיגט מיט לויפען, רעדען אָדער זינגען, אַז זײ האָבען נישט געקענט זעהן, ווער עס געהט צו נעהנטער צו דעם מיניסטער; בפרט, אַז אָהן זײ, זענען שטענדיג מאַסען מענשען געגאַנגען אויף דעם שאָסע

אין 15-טען מיסאָרי איז דער שטאַב פון דעם טראָנפאָלגער צוזאַמען מיט דעם מיניסטער געוועזען אַ גאַנצע נאַכט אונטער דעם הימעל אויף אַ אָרט, וואָס איז ווײַט געוועזען אײן מײַל פון די פאָלקען, וואָס זענען שוין געשטאַנען גרײט צו דער מלחמה אין דער ברײט פון שאָסע, אונטער דער שטאָדט פּי-בעלות

פאַר אײנם אוהר. דאָס הײסט ווען בײַ אונז איז זעקס אין דער פריה, האָבען די בערגלעך פון דער מדבּר בעקומען אַ פיאָלעט-קאָליער. פון אונטער די בערג, האָט זיך בעוויזען די זון. דאָס לאַנד גושן איז בענאָסען געוואָרען מיט אַ רויטליכקײַט, און די שטעדטליך, טעמפּלען, פּאַלאַצען פון מאַגנאַטען און קלײנע הײַזלעך פון פויערען, האָבען אויסגעזעהען ווי פונקען און פלאַמען, וואָס זענען אין אײן מינוט אָנגעצונדען געוואָרען צווישען גרינס.

באַלד איז דער הימעל אויף מערב זײַט בענאָסען געוואָרען מיט אַ גאָלד-קאָליער. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גרינס פון לאַנד גושן ווערד צושווימען אין גאָלד, און אין דער מענגע קאַנאַלען, אָנשטאָט וואַסער, פליסט

זילבער. די בערג פון דער וויסטע, זענען וואס א מאהל מעהר פיאָלעט געוואָרען, ווארפענדיג לאנגע שאטענס אויף די זאמדען און שווארצקייט אויף די געוויקסען

די וואבען, וואס זענען געשטעלט געוואָרען אין דער לענג פון דעם שאסע, האבען זעהר גוט געקענט זעהען די פעלדער אויף דער צווייטער זייט פון קאנאל, וואס זענען אויסגעזעצט געוועזען מיט פאלמען. אויף עטליכע פעלדער האט זיך געגרינט פלאקס, ווייץ. גראז, אנדערע פעלדער האבען אויסגעזעהן ווי פערגאָלדעט פון דעם גערשטען, וואס איז שוין צום צווייטען מאל אין יאהר רייף געוואָרען, פון די הייזלעך, וואס זענען געוועזען פערבאָרגען צווישען בוי־מער, האבען גלייכצייטיג אנגעהויבען צו דער ארבייט ארויס־געהן פויערען, נאקעטע, מיט קופערנע קערפערס, וואס זייער קליידונג איז געוועזן נור א קורץ קליידעל און א הויב אויף דעם קאפ.

פיעל זענען געגאנגען צו קאנאלען, זיי צו רייניגען פון שליים, אדער צו שעפען פון זיי וואסער און עס גיסען אויף די פעלדער דורך מאשינען. אנדערע, פערשפרייטענדיג זיך צווישען בוימער, האבען צונויפגעקליבען רייפע פייגען און ווייגטרויבען. עס האבען זיך אויך בעוויזען פיעל נאקעטע קינדער און פרויען אין ווייסע, געלבע אדער רויטע העמדער אהן ארבעל.

פלוצלונג איז אנגעקומען גיך רייטענדיג א כאלדאט פון דער ערשטער פארפאסט און האט מודיע געוועזן דעם מיניסטער, אז דער טראן־פאלגער קומט אן. דער מיניסטער איז אראבגעגאנגען פון דער לעקטיקא, און אין דער זעל־בער מינוט זענען אנגעקומען עטליכע רייטער, וואס זענען

באלד אראבגעשפרונגען פון די פערד. דערנאך האבען דער מיניסטער און איינער פון די רייטער אנגעהויבען צו געהן איינער געגען דעם אנדערן, בוקענדיג זיך נאך יעדע עטלי-בע טריט.

— שלום עליכם, צום זוהן פון פרעה, איינביג זאל ער לעבען! — האט געזאגט דער מיניסטער.

— עליכם שלום, לאנג זאלסטו דו לעבען, היילגער פאטער! — האט געענטפערט דער טראן-פאלגער — און דער-נאך האט ער ווייטער געזאגט:

— איהר געהט אזוי לאנגזאם, ווי מען וואלט אייך די פיס אבגעזעגט, און ניטאגער וועט אמשפעטסטענס אין צוויי שטונדען ארום שטעהן געגען אונזער קארפוס.

— אמת טאקי, דיין שטאב מארשירט זעהר לאנגזאם.

— עס זאגט מיר אויך עאונאנא — דא האט רעמסס געוויזען מיט דער האנד אויף א אפיציר, וואס איז געשטא-נען אונטער איהם און איז געוועזין בעהאנגען מיט קמיעות — אז איהר האט נישט ארויסגעשיקט קיין פאטרולען אין די בוכטען. ווען עס וואלט באמת פארגעקומען א מלחמה, וואלט דאך דער שונא פון דער זייט געקענט אויך אנפאלען,

— איך בין גישט קיין אנפיהרער, נור א שופט — האט רוהיג געענטפערט דער מיניסטער.

— און וואס האט געטהון פאטראקלעס?

— פאטראקלעס מיט דעם גריכישען פאלק היט אב די קריגס-מאשינען.

— און מיין קרוב און אדיוטאנט טוטמאזיס?

— ער שלאפט נאך.

רעמסס האט מיט אונגעדולד געטופעט מיט'ן פוס

און איז שטיל געבליבען. ער איז געווען א שעהנער יונגערמאן מיט א פרויען-פנים, וועלכען דער כעס און אנגעברענטקייט האבען צוגעגעבען חן. ער האט געטראגען אויף זיך א ענגען קאפטאן אין בלויע און ווייסע פאסען, אונטער דעם חעלם (הוט) זיינעם האט ער געטראגען א טיכעל מיט די זעלבע פאסען, אויף דעם האלז — א גאלדענע קייט און אונטער ארם — א טהייערען שווערד.

— איך זעה — האט דער פּרינץ געזאגט — אז נור דו אליין, עאונאנא, זארגסט וועגען מיין כבוד.

דער אפיציר, וואס איז געווען בעהאנגען מיט קמיעות, האט זיך געבוקט ביז צו דער ערד.

— טוטמאזים איז א לעדיגגעהער — האט דער טראנפאלנער געזאגט — געה צוריק, עאונאנא, אויף דיין ארט. זאל אמוועניגסטען די ערשטע פארפאסט האבען איהר אנפיהרער.

קוקענדיג דערנאך אויף זיין סוויטע, וועלכע האט איהם שוין געהאט ארומגענומען, ווי זי וואלט פלוצלינג פון דער ערד ארויסגעוואקסען, האט ער ווייטער געזאגט:

— די לעקטיקא זאל מען מיר ברינגען, איך בין מיעד, ווי א שטיין-האקער.

— קענען דען געטער מיעד ווערען?.., האט שטילערהייד געזאגט עאונאנא.

— געה אויף דיין ארט! — האט איהם רעמסס געזאגט.

— אפשר ווילסט דו, בילד פון דער לבנה, מיך הייסען בעטראכטען די בוכטען? — האט שטילערהייד געפרעגט דער אפיציר. — איך בעט דיך, הייס מיך דאס טהון, ווארום וואו נור איך בין, לויפט מיין הערץ צו דיר

כדי צו טרעפֿען, וואָס דו האָסט אין זינען און צו טהון דאָס, וואָס דו ווילסט.

— איך ווייס, אַז דו היטסט — האָט געענטפֿערט רעמסס— גערה שוין און בעטראַכט אַלעס.

— הייליגער פֿאָטער! — האָט עאונאַנאַ געזאָגט צו דעם מיניסטער — מיין נידריגען דיענסט גיב איך דיר איבער.

ווען נור עאונאַנאַ איז אַוועקגעריטען, איז אין דער מחנה געוואָרען נאָך אַ גרעסער גערויש ווי פֿריהער. מען האָט געזוכט די לעקטיקאַ פֿון דעם טראָן־פֿאָלגער און — מען האָט זי נישט געפֿונען. און פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ יונגער־מאַן, וואָס האָט עפּעס משונה׳דיג אויסגעזעהן און האָט אין אַלע זייטען געשטויסען די גריכישע סאָלדאַטען. ער איז געוועזען געקליידעט אין אַ מושלינען העמדעל, אַ רייך געהאָפּטענע שירץ און אויף דעם אָרעם האָט ער געהאַט אַ גאָלדענעם באַנד. מעהר פֿון אַלץ האָבען משונה׳דיג אויסגעזעהן די פֿיעל צעפּלעך, וואָס האָבען איהם אַראָבגעהאָנגען פֿון זיין קאָפּ, און דאָס צוגעטשעפּעטע בערדעל זיינס, וואָס איז ענליך געוועזען צו אַ ווייִדעל פֿון אַ קאַץ.

דאָס איז געוועזען טוטמאָזיס. דער ערשטער עלעגאַנט (שטוער) אין מעמפֿיס, וועלכער האָט זיך געפּוצט און בעגאָסען מיט פּערפֿום אַפֿילו בשעת ער איז געגאַנגען מיט דער מחנה.

— שלום עליכם, רעמסס! — האָט דער עלעגאַנט אויסגעשריען, אַבשטויסענדיג האַסטיג די אָפֿיצירען— שטעל דיר נור פֿאָר, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. דיין לעקטיקאַ איז אונז פֿערשוואונדען געוואָרען? דו מוזט אַלזאָ זיך אַריינ־

זעצען אין כיין לעקטיקא, וועלבע איז אין אמת'ן נישט ווערטה דיך צו האבען אין זיך, דאך איז זי נישט די ערגסטע.

— איך בין בייז אויף דיר — האט דער פרינץ געענט־פערט — דו שלאפסט אנשטאט דאס מיליטער צו היטען.

— איך שלאף? — האט טוטמאזיס געשריען מיט בעוואונדערונג — זאל פערטרוקענט ווערען די צונג פון דעם. וואס זאגט אזא ליגענד. איך, וויסענדיג, אז דו קומסט אן, קלייד איך מיך אן שוין א גאנצע שעה און מאך גרייט פיר דיינעט וועגען א וואנע און פערפומען.

— און די אבטהיילונג סאלדאטען געהט דערווייל אהן א קאמאנדיר.

— בכן דארף איך צו זיין א קאמאנדיר פון דער אבטהיילונג, אין וועלבער עס געפינט זיך דער קריגס־מי־ניסטער און אזא אנפיהרער, ווי פאטראקלעס?

דער טראן־פאלגער איז שטיל געבליבען. און טוט־מאזיס איז נעהנטער צוגעגאנגען צו איהם און געזאגט:

— ווי זעהסט דו עפעס אויס, דו זוהן פון פרעה?... דו האסט נישט אויף דעם קאפ קיין פערוק, דיינע האר און קליידער זענען פול מיט שטויב, דיין הויט איז שווארץ און צושפאלטען, ווי די ערד אים זומער! דיין פערגעטערטע מוטער, די קעניגין, וואלט מיך ארויסגעיאגט פון הויף, ווען זי וואלט געזעהן דיין עלענדקייט.

— איך בין נור מיעד.

— זעץ זיך אלזא אריין אין דער לעקטיקא. עס לי־גען אין איהר קרענץ פון רויזען, געבראטענע פייגעלעך און א קרוג ויין פון קפריסין. איך האב אויך בעהאלטען —

האָט ער שטילערהייד געזאָגט — אין דער מחנה סענוראַ'ן .

— זי איז דאָ ? — האָט דער פירשט געפרעגט .

די אויגען זיינע, וועלכע האָבען פריהער געגלאַנצט, זענען פערוואָלקענט געוואָרען .

— זאָל דאָס מיליטער גיהן פאָראויס — האָט טוט־מאָזיס געזאָגט — און מיר וועלען דאָ וואַרטען אויף איהר .

רעמסס האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף .

— לאָז מיך אָב !... אין צוויי שעה אַרום, וועלען מיר דאָך האָבען אַ מלחמה ...

— וואָס פאַר אַ מלחמה וועט דאָס זיין !...

— אַמוועניגסטען איז פון איהר אָבהענגיג מיין גורל, צי איך וועל זיין אַ אָנפיהרער פון דער אַרמעע אָדער נישט

— דו קענסט פון דעם לאַכען — האָט דער אָפיציר מיט די קמיעות געשמייכעלט — איך קען דיר שווערען, אַז נאָך נעכטען האָט דער קריגס־מיניסטער געשיקט צו זיין הייליגקייט, דיין פאָטער, אַ ראַפּאָרט מיט אַ ביטע, אַז דו זאָלסט ווערען אַ אָנפיהרער פון דעם קאָרפּוס מענפ .

— אַלץ איינס. היינט בין איך נישט אימשטאַנד צו דענקען פון קיין שום זאַך, נור פון דער אַרמעע אַליין .

— אַ שרעקליכען חשק האָסט דו צו מלחמות, אין וועלכע מען קען זיך חדשים־לאַנג נישט וואַשען און דער־נאָך ווערד מען געהרג'עט. ברר !... ווען דו וואָלסט נור גע־זעהן סענוראַ'ן ... ווען דו וואָלסט זי נור אָנגעקוקט ...

— טאַקי דעריבער וועל איך זי נישט אָנקוקען — האָט רעמסס געענטפערט .

אין דער צייט, ווען אַכצעהן מענשען האָבען פון הינטער די גריכישע רייהען אַרויסגעטראָגען טוטמאָזיס לעק־

טיקא פאר דעם טראָן-פאָלגערס וועגען, איז פון דער ערשטער פאַרפאַסט אָנגעקומען א רייטער. ער איז אראָבגעשפרונגען פון זיין פערד און איז געלאָפען אזוי גיך, אז אויף זיין ברוסט האָבען געקלונגען די בילדלעך פון די געטער און די מעטאַלענע טעוועלעך. אויף וועלכע עס זענען געהעצן אויפגעקריצט די נעמען פון די געטער. דאָס איז געוועזען דער דערהיצטער עאונאַנאַ.

אלע האָבען זיך געווענדעט צו איהם און, ווי עס האָט זיך געדאַכט, איז ער פון דעם זעהר צופרידען געוועזען.

— ערפאַטער, הייליג מויל! — האָט עאונאַנאַ אויסגעשריען, אראָבבייגענדיג זיך פאַר רעמסס'ן — ווען איך בין אויף דיין געטליכען בעפעהל געריטען אָן דער שפיץ פון דער אָבטיילונג, בעטראַכטענדיג אלעם זעהר פלייסיג, האָב איך דערזעהן אויף דעם שאָסע צוויי שענע סקאַראַבעאושען *) יעדער פון זיי האָט געקייקעלט פאַר זיך אויף דער ברייט פון שאָסע, צו די זאַנדען, א קיילעכעל לעהם ...

— נו, וואָס איז? — האָט דער טראָן-פאָלגער געפרעגט.

— עס פערשטעהט זיך — האָט געענטפערט עאונאַנאַ, קוקענדיג צו דעם מיניסטער — אַז איך און מיינע מענשען האָבען, ווי מיר זענען מחויב, זיך געבוקט צו די בילדער פון דער זון און זיך אָבגעשטעלט. דאָס האָט אין זיך אזוי

*) סקאַראַבעאוש — אַ מין אינזעקט, חראָבאָנשטש, קעפער, מיט פיעל הערנער, וואָס זענען ענהליך צו די זון-שטראַהלען, און איז פערגעטערט געוועזען אין מצרים.

פיעל בעדייטונג, אז אהן א בעפעהל, האט קיינער פון אונז נישט די העזה צו געהן ווייטער.

— איך זעה, אז דו ביסט א אמת'דיג פרומער מצרי, חאטש א פנים האסט דו, ווי א מענש פון חת – האט איהם געענטפערט הרהור, און וועגדענדיג זיך צו עטליכע הויך-אנגעשטעלטע מענשען, וואס זענען נעהנטער געשטאנען, האט ער ווייטער געזאגט:

— מיר וועלען ווייטער מיט דעם וועג נישט געהן, ווארום מיר וואלטען נאך געקענט צוטרעטען די היילינגע סקאראבעאושען. פענטעאור, צי קען מען דארט מיט דער בוכטע, רעכטס, געהן ארום דעם שאסע?

— יא — האט געענטפערט דער שרייבער פון דעם מיניסטער — די בוכטע איז א מייל לאנג און געהט ווידער ארום אויף דעם שאסע, געגענאיבער פי-בעלות.

— מען וועט זעהר פיעל צייט אומזיסט פערלירען — האט דער טראן-פאלגער געזאגט מיט כעס.

— איך קען שווערען, אז דאס זענען גאר נישט געווען קיין סקאראבעאושען, נאר נשמות פון מיינע פעניציא-נישע פראצענטניקעס — האט זיך אנגערופען טוטמאזיס — נישט קענענדיג אבנעהמען פון מיר זייערע חובות, ווייל זיי זענען געשטארבען, ווילען זיי מיך שטראפען, אז איך זאל מוזען געהן אין דער מדבר.

די סוויטע פון דעם קרוינפרינץ האט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף זיין בעשלום. רעמסס האט ענדליך געזאגט צו הרהור'ן.

— ווי מיינסט דו, היליגער פאטער?

— טהו נור א קוק אויף די אפיצירען, דו וועסט

אלײן פֿערשטעהן, אז מיר מוזען געהן דורך דער בוכטע און נישט מיט דעם שאָסע.

עס האָט זיך פּלוצלונג ארויסגערוקט דער אָנפֿיהרער פֿון די גריכען, דער גענעראל פּאטראָקלעס, און האָט געזאָגט צו דעם טראָן־פֿאָלגער.

— אויב דער פּרינץ וועט ערלויבען, וועט מײַן פֿאָלק געהן ווײַטער מיט דעם שאָסע. אונזערע סאָלדאטען האָבען קײן מורא נישט פֿאַר סקאָראבעאושען.

— אײַערע סאָלדאטען האָבען קײן מורא נישט אפילו פֿאַר די קברים פֿון מלכים — האָט דער מיניסטער געענטפֿערט — פֿונדעסטוועגען מוז דאָרט יאָ עפּעס א סכנה זײַן; קײנער איז דאָך פֿון דאָרט נישט צוריקגעקומען.

דער גריכישער אָנפֿיהרער איז מבולבל געוואָרען און האָט זיך צוריק ארײַנגערוקט אין דער סוויטע.

— דו מוזט מודה זײַן, הײליגער פֿאָטער — האָט שטילערהײד געזאָגט דער קרוינפּרינץ מיט שרעקליכען כעס — אז אזא הינדערניש וואָלט אפילו קײן עזעל נישט אָבגעהאַלטען אין וועג.

— דערפֿאַר וועט דאָך טאַקי קײן עזעל קײנמאָל קײן פּרעה נישט זײַן — האָט רוהיג געענטפֿערט דער מיניסטער.

— אויב אזוי, וועסט דו, מיניסטער, דורכפֿיהרען די אָבטײלונג דורך דער בוכטע! — האָט רעמסס א געשרײ געטהון — איך קען נישט קײן טאקטיק פֿון כהנים, איבריגענס — מוז איך אָברוהען. קום מיט מיר, קרוב מײַנער — האָט ער געזאָגט צו טוטמאָזיס'ן און ער איז אוועקגעגאנגען אין דער זײַט פֿון די גאָלע בערגלעך.

צווייטעס קאפיטעל.

דער מיניסטער הרהור האט באלד געהייסען זיין אדיוטאנט, וואס האט געהאלטען אין דער האנד א האק, אז ער זאל איבערנעהמען די אנפיהרונג פון דער ערשטער פארפאסט אנשטאט עאונאנא. דערנאך האט ער ארויסגעשיקט א בעפעהל, אז די קריגס־מאשינען, וואס דינען צו ווארפען גרויסע שטיינער, זאלען אראבפאהרען פון שאסע אויף דער בוכטע, און די גריכישע סאלדאטען זאלען זיי צוהעלפען, ווען זיי וועלען קומען צו די ערטער, וואו עס וועט זיי שווער זיין צו פאהרען. אלע וועגען און לעקטיקעס פון די אפיצירען, וואס געהערען צו דער סוויטע, זאלען אם ענדע פון ארט ריהרען.

ווען הרהור האט ארויסגעגעבען זיינע בעפעהלען, איז צוגעגאנגען דער אדיוטאנט, וואס האט געטראגען דעם פעכער, צו דעם שרייבער פענטוער און האט שטילערהייד צו איהם געזאגט:

— מען וועט שוין אודאי קיינמאל נישט קענען פאהרען אויף דעם שאסע...

— פארוואס זאל מען נישט קענען פאהרען? — האט דער יונגער כהן געענטפערט — אז צוויי הייליגע סקאראבעאושען האבען אונז אבער איצט דעם וועג איבערגעהאקט, דארפען מיר ווייטער אויף דעם שאסע איצט נישט

געהן. עס וואלט נאך געקענט א אונגליק געשעהן.

— עס איז אהן דעם אויך געשעהן א אונגליק צי האסט דו נישט געזעהן, אז דער פרינץ רעמסס האט זיך געבייזערט אויף דעם מיניסטער? און אונזער מיניסטער האט נישט ליעב צו פערגעסען...

— נישט דער פרינץ האט זיך געבייזערט אויף דעם מיניסטער, נאר דער מיניסטער האט זיך געפונען בעליידיגט פון דעם פרינץ און ער האט איהם אויסגעזידעלט — האט פענטוער געענטפערט — און ער האט גוט געטהון. דער יונגער פרינץ מיינט שוין היינט, אז ער וועט זיין א צווייטער מענעס...

— ער מיינט, אז ער וועט זיין א צווייטער רעמסס דער גרויסער—האט איהם איבערגעהאקט דער אדיוטאנט.

— רעמסס דער גרויסער האט געפאלגט די געטער, און טאקי דעריבער געפינען זיך אין אלע טעמפלען אויפשריפטען, וואס ריהמען זיין נאמען. אבער מענעס, דער ערשטער פרעה פון מצרים, האט רואינירט די ארדנונג און נור וויל די כהנים זענען בארמהערציג און גוט, ווי א פאטער צו קינדער, ווערד זיין נאמען אויך דערמאנט... חאטש איך וויים נישט, צי זיין מומיע*) עקזיסטירט נאך.

— מיין פענטוער — האט דער אדיוטאנט געזאגט — דו ביסט דאך קלוג און דו פערשטעהסט אלוא, אז אונז

*) מומיע-א באלזאמירטער קערפער. אין מצרים האט מען באלזאמירט די קערפערם פון אלע הייליגע פערזאנען, כדי זיי זאלען בלייבען אויף אייביג און זאלען נישט פערדארבען ווערען.

איז קיין אונטערשיעד נישט צי מיר האָבען צעהן אָדער עלף הערדען ...

— דעם פאָלק איז אָבער אַ גרויסער אונטערשיעד, צי עס דאַרף צושטעלען איין באַרג גאָלד פאַר די כהנים׳ס וועגען, צי צוויי בערג גאָלד: פאַר די כהנים און פאַר פּרעה׳ס וועגען—האָט געענטפערט פּענטוער און די אויגען האָבען איהם געבלאַנקט.

— דו האָסט אין זינען ו״ דרליב ענינים — האָט דער אַדיוטאַנט געזאָגט שטי״ הייד.

— און וויפיעל מאָ״ אָסט אַליין זיך געביי׳זוערט איף די גרויסע הוצאות פון פּרעה׳ס הויף און פון זיינע בע-אַמטע?...— האָט דער כהן געפרעגט מיט בעוואונדערונג.

— שטיל... שטיל! מיר וועלען נאָך רעדען פון דעם אָבער נישט איצט.

חאָטש אין דער מדבר זענען געוועזען זאַנדען, דאָך זענען די קריגס-מאַשינען גיכער געגאַנגען ווי איף דעם שאָסע. צו יעדער מאַשין האָט מען איינגעשפּאַ ט ז פאַר אָקסען און ביי דער ערשטער מאַשין איז געגאַנגען עאוּנאַנאַ, וועלכער איז געוועזען פערזאָרגט און פערקלערט וועגען דעם: פאַר וואָס האָט דער מיניסטער ביי איהם אָב-גענומען די אָנפיהרונג פון דער ערשטער פאָרפּאָסט? צי וויל מען איהם געבען עפּיס אַ גרעסערן אַמט?

ערוואַרטענדיג אַ נייע גרויסע שטעלע און אפשר כדי צו שטילען די שרעקליכע אימה, וואָס ער האָט געהאַט פאַר די סקאַראַבעאוּשען, האָט ער געחאַפּט אַ דראַנג, און וואו עס איז געוועזען אַ טיעפערער זאַנד, האָט ער אונטערגע-שפּאַרט די מאַשין, אָדער ער האָט געשריען צו די גרי-

בען, אז זיי זאָלען זי אונטערשפּאַרען. די גריכען האָבען אָבער זעהר ווייניג זיך געמאַכט פון זיין שרייען.

די מחנה איז שוין מעהר ווי א האַלבע שעה געגאַנגען אין דער קרומער בוכטע און פּלוצלינג האָט זיך די ערשטע פאָרפּאָסט אָבגעשטעלט. אויף דעם אָרט איז געוועזען א אַנדערע בוכטע, וואָס האָט זיך געצויגען אין דער ברייט און אין דערמיט איז געוועזען א ברייטער קאַנאַל, דורך וועלכען מען האָט נישט געקענט אַריבערגעהן.

דער שליח, וואָס איז געשיקט געוואָרען צום מיניסטער, איהם מודיע צו זיין, אז מען קען נישט געהן ווייטער—האָט געבראַכט א תשובה, אז מען זאָל דעם קאַנאַל באַלד פערשיטען.

א ערך הונדערט גריכישע סאָלדאַטען מיט אייזערנע דראָנגען און לאָפּאַטעס האָבען זיך באַלד גענומען צו דער אַרבייט. פיעל האָבען אָבגעהאַקט שטיינער פון די פעלזען אַנדערע האָבען זיי געוואָרפען אין דעם קאַנאַל אַריין און האָבען זיי פערשאָטען מיט זאַנד.

פּלוצלינג איז פון דער בוכטע אַרויסגעגאַנגען א מענש מיט א האַק, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א האַלז פון א שטרויך מיט א שנאָבעל. דאָס איז געווען א אַלטער, גאַנץ נאַקעטער פויער. א ווייַלע האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער אַרבייט פון די סאָלדאַטען און דערנאָך איז ער אַריינגעשפּרונגען צווישען זיי און האָט געשריען:

— וואָס טהוט איהר דאָ אַזוינס? דאָס איז דאָך א קאַנאַל!

— און וואָס פאַר א העזה האָסט דו צו שרייען אויף די סאָלדאַטען פון זיין הייליגקייט? — האָט איהם געפרעגט

עאונאנא , וואס איז גיך דארט אהין אנגעקומען .

— איך זעה , אז דו ביסט א גרויסער מאן און א מצרי דערצו — האט דער פויער געזאגט — בכן וועל איך דיר ענטפערן , אז דער קאנאל געהער צו א מעכטיגען הערר : ער איז א עקאנאם ביי א שרייבער פון אזעלכען , וואס טראגט דעם פעכער פון דעם הויפט־מאן אין מעמפיס . זייט אלזא פארזיכטיג און היט זיך , עס זאל אייך קיין אונגליק נישט פאסירען ! ...

ארבייט ווייטער ! — האט עאונאנא געזאגט צו די גריכישע סאלדאטען , וועלכע האבען אנגעהויבען זיך איינצוקוקען דעם פויער .

זיי האבען דעם פויערס ווערטער נישט פערשטאנען , נאר דער טאן . מיט וועלכען זיי זענען ארויסגערעדט געווארען , האט אויף די סאלדאטען א איינדרוק געמאכט .

— זיי פערשיטען און פערשיטען אהן אויפהער ! ... האט דער פויער געזאגט מיט שרעק—וועה צו אייך , הינדס ברידער ! — האט ער געשריען , ווארפענדיג זיך מיט זיין האק אויף איינעם פון די סאלדאטען .

דער סאלדאט האט איהם ארויסגעריסען די האק פון דער האנד און האט איהם געהאקט אין די צייהן ביז עס האט זיך איהם בלוט געגאסען פון מויל און דערנאך האט ער ווייטער געהאלפען פערשיטען דעם קאנאל .

דער פויער , וואס האט דורך די קלעפ פערלוירען זיין העזה , האט אנגעהויבען צו בעטען :

— מיין הערר ! — האט ער געזאגט — דעם קאנאל האב איך דאך אליין געגראבען . צעהן יאהר , ביי טאג און ביי נאכט , אפילו אין ימים־טובים האב איך איהם געגרא-

בען! אונזער הערד האט פערשפראכען, אז אויב עס וועט מיר געלינגען דורכצופיהרען וואסער צו דעם קליינעם טהאל, וועט ער מיך מאכען פאר א דינער ביי איהם, איך וועל נעהמען א פינפטהייל פון דעם, וואס דא וועט וואקסען און פרייהייט וועט ער מיר געבען... איהר הערט?... פרייהייט וועט ער געבען מיר און מיינע דריי קינדער!... א, געטער!...

ער האט אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך און זיך ווידער געווענדעט צו עאונאנא.

— זיי פערשטעהען מיך נישט, זיי, די בערדיגע, וואס זענען אנגעקומען פון יענער זייט ים, די אייניקלעך פון הינד, פעניציאנער און יודען!... אבער דו, הערר, ועסט מיך אויסהערען... צעהן יאהר, בשעת אנדערע זענען געגאנגען אויף ירידים, אדער אויף טענץ, אדער אויף הייליגע פראצעסיעס, בין איך מיר ארויסגעגאנגען אין דער בוכטע אריין. איך בין נישט געגאנגען אויף דעם קבר פון מיין מוטער, נאר איך האב געגראבען; איך האב פערגעסען אן מתים, אן אלץ, נור כדי איך און מיינע קינדער זאלען חאטש איין טאג פאר דעם טוידט פרייהייט און ערד בעקומען... איהר, געטער, זייט מיינע עדות, וויפיעל מאל איז נאכט געווארען ווען איך האב דא געארבייט!... וויפיעל איך האב זיך דא אנגעהערט די וויינענדיגע קולות פון היענען און וויפיעל מאל איך האב געזעהן די גריני אויגען פון וועלף! און איך בין פון דאנען נישט ענטלאפען, דען וואוהין האב איך געקאנט ענטלויפען, ווען אויף יעדען טריט איז געווען א סכנה און אין דעם קאנאל האט מיך די האפנונג פון פרייהייט געהאלטען אויף די פיס?... אמאל, אויף אט יענעם ארט, איז אנגעקומען אויף מיר א לייב, דער

פרעה פֿון אַלע חיות. די האַק איז מיר פֿון שרעק אַרויסגעפֿאַלען פֿון דער האַנד. האָב איך אַנידערגעקניעט פֿאַר איהם און האָב צו איהם געזאָגט די ווערטער: „הערר! מיך ווערסט דו בעווילינגען אויפֿצועסען?... איך בין דאָך נור אַ שקלאַף!“ דער לייב, די ווילדע חיה, האָט רחמנות בעקוימען אויף מיר; ווערלף האָבען מיר קיין שלעכטס נישט געטהון, אַפֿילו די שווינדלערס, די פֿלעדער־מייז, האָבען מײַן אָרימען קאָפּ נישט גערירט, און דו, מצרי...

דער פּויער איז שטיל געבליבען; ער האָט דערזעהן, אַז די מחנה פֿון דעם מיניסטער הרהור קומט אָן. אין דעם פֿעכער האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז עפּעס אַ גרויסער מאַן, און אין דער פֿעל פֿון דער חיה — אַז ער איז אויך אַ כהן. ער איז אַלזאָ צוגעלאָפֿען צו איהם, האָט אַנידערגעקניעט און מיט דעם קאָפּ געשלאָגען אין זאַנד.

— וואָס ווילסט דו? — האָט דער מיניסטער געפֿרעגט.

— ליבטיגקייט פֿון דער זון, הערר מיך אויס: — האָט געשריען דער פּויער — קיין זיפֿצען זאָלען אין דײַן הויז נישט זײַן און קיין אונגליק זאָל נישט געהן מיט דיר! דײַנע מעשים זאָלען זיך נישט ברעכען און ווען דו ווערסט שווימען אויף דעם נילוס, זאָל דיך דער שטראָם נישט מיטרייסען...

— איך פֿרעג, וואָס ווילסט דו? — האָט דער מיניסטער ווידער געזאָגט.

— גוטער הערר — האָט געזאָגט דער פּויער — גנעדיגער הערר, וואָס פֿעריאָגסט דעם שקר און בעשאַפֿסט דעם אמת... וואָס ביסט אַ פֿאָטער צו אָרימע, אַ מאַן צו אַלמנות, אַ מוטער צו יתומים... ערלויב מיר, אַ

איך זאָל האָבען די מעגליכקייט צו לויבען דיין נאָמען, דיך צו ריהמען אין לאַנד, אַז דו ביסט דער חסד אַליין... הער אוים די ווערטער פון מיין מויל... הער אוים און טהו מיט יושר, דו עדעלסטער פון עדעלע... *)

— ער וויל, אַז מען זאָל דעם קאַנאַל נישט פערשיטען — האָט עאונאַנאַ זיך אָנגערופען.

דער מיניסטער האָט געהויבען די פלייצעס און איז צוגעגאַנגען צו דעם קאַנאַל. דער פערצווייפעלטער פויער האָט איהם אָבער אָנגעחאַפּט ביי די פיס.

— אַוועק זאָל געהן ד ע ר! — האָט דער מיניסטער געשריען, צוריקרוקענדיג זיך, ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם אָנגעביסען.

דער שרייבער פענטוער האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ; זיין דאַר פּנים האָט געהאַט אַ גרויען קאָליער. עאונאַנאַ האָט אָבער געחאַפּט דעם פויער ביי דעם קאַרק און נישט קענענדיג איהם אָבבייסען פון דעם מיניסטערס פיס, האָט ער גערופען צו הילף די סאָלדאַטען. ווען דער מיניסטער איז בעפרייט געוואָרען פון דעם פויערס הענד, איז ער איבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט קאַנאַל דורך ברעטער, וואָס מען האָט געלעגט אין זיין ברייט, און די סאָלדאַטען האָבען געטראָגען דעם פויער ביז הינטער דער מחנה. זיין האָבען איהם געגעבען אַ הונדערט קלעפּ מיט די פויסטע און די אונטעראָפיצירען האָבען איהם אַזוי פיעל קלעפּ גע-

*) די ווערטער פון דעם פויער זענען דאָ איבערגעגעבען ריכטיג, אַזוי ווי עס האָט אין אמת'ן אַ פויער אין יענער צייט אין מצרים גערעדט צו אַ מיניסטער.

געבען מיט די שטעקענס, וואס זיי האבען שטענדיג געהאל־טען אין זייערע הענד. דערנאך האבען זיי איהם געווארפען נעבען דער בודטע.

דער צושלאגענער, פערבלוטיגטער און ערשראקענער פויער איז א ווײַלע געזעסען אויף דעם זאנד. באלד האט ער זיך אבער אויסגעווישט די אויגען, זיך אויפגעהויבען און גיך געלאפען צום וועג, זיפצענדיג:

— א, ערד, שלינג מיך איין!... פערשאלטען זיין זאל דער טאג, אין וועלכען איך האב דערזעהן ליכטיגקייט, און די נאכט, אין וועלכער מען האט געזאגט: „עס איז געבוירען געווארען א מענש!“... אין דעם מאנטעל פון יושר איז קיין איינציגער פאדעם נישט פארהאן פאר דעם שקלאפס וועגען... און אפילו די געטער אליין טהוען א בליק נישט אויף אזא בעשעפעניש. וואס האט הענד צו דער ארבייט. א מויל נור צו וויינען און א רוקען צו שטעקענס... א, טוידט, צו־רייב מיין קערפער אויף אש, אז איך זאל אויך דארט, אויף די פעלדער פון אזירים *), נישט געבוירען ווערען צום צווייטען מאל א שקלאף...

דריטעס קאפיטעל.

דער קרוינפרינץ רעמסס, סאפענדיג פון כעס, האט ארויפגעקלעטערט אויף דעם בארג און נאך איהם — טוטמאָ־זים, וועלכען דער פערוק האט זיך אומגעדרעהט, דאס צו־געטשעפעטע בערדעל איז איהם אראבגעפאלען און ער האט עס געטראגען אין דער האנד. זיין פנים וואלט געוועזען

*) אזירים — דער גרעסטער אבגאט אין מצרים.

בלאם, האטש ער איז מיער געווען, ווען עס וואלט נישט געווען בעשמירט מיט שמינקע.

ענדליך האט זיך דער פרינץ אבגעשטעלט אויף דעם שפיץ בארג. פון דער בוכטע איז צו זייערע אויערען אנגעקומען דאס גערויש פון די סאלדאטען און פון די קריגס־מאשינען, וואס האבען זיך געשלעפט; פאר זיך האבען זיי געהאט דאס גרויסע לאנד־שטיק גושן, וואס האט זיך געבאדען אין דעם בלאנק פון דער זון. עס האט זיך געדאכט אז דאס איז נישט קיין ערד, נאר א גאלדענער וואלקען, אויף וועלכען עפעס א דמיון האט אויפגעמאלט בילדער מיט פארבען פון שמאראגדען, זילבער, רובינען, פערל און טאבאזען.

דער קרוינפרינץ האט אויסגעצויגען די האנד.

— זעה — האט ער א געשריי געטהון צו טוטמאזיס'ן — דארט זאל די ערד מיין זיין, און דא — מיין מיליטער... און אט דארט זענען די פאלאצען פון די כהנים די העכסטע בנינים, און דא — דער העכסטער אנפיהרער פון מיליטער איז א כהן!... צי קען מען אזעלכעס דערלייד̈ען?...

— אזוי איז פון אייביג אן געווען — האט איהם געענטפערט טוטמאזיס, אומקוקענדיג זיך מיט שרעק ארום און ארום.

— שקר וכזב! איך קען דאך די געשיכטע פון דעם לאנד, די געשיכטע, וועלכע מען בעהאלט פאר אייך. די אנפיהרער פון מיליטער און די הערען פון די בעאמטע זענען געווען נור פרעה'ס און אמווענינגסטען די ענערגישסטע פון זיי. דיזע הערשער האבען נישט פערברענגט די צייט מיט קרבנות און תפלות, נאר מיט פיהרען די מלוכה...

— אז דער רצון פון זײַן הײליגקײט, פרעה'ן, איז אזוי ... — האט זיך טוטמאזיס אנגערופן.

— דער רצון פון מײַן פאטער איז נישט, אז די הויפטמענער זאלען ווילקירליך הערשען אין זײַערע געגענדען און דער נאמיעסטניק (שני למלך) זאל זיך האלטען כמעט פאר א קעניג איבער אלע קעניגען. און דער רצון פון מײַן פאטער קען נישט זײַן, אז זײַן ארמעע זאל מוזען אראבגעהן פון וועג און זיך שלעפען אין זאמדען, ווען אויף דעם שאסע זענען געוועזען צווײַ סקאראבעאושען, נור ווײַל דער קריגס־מיניסטער איז א כהן.

— דער קריגס־מיניסטער איז א גרויסער העלד! — האט שטיל געזאגט טוטמאזיס. וועלכער איז וואס אמאל מעהר דערשראקען געווען.

— וואס פאר א העלד איז ער!... אפשר דערפאר וואס ער האט מנצח געווען אביסעל רוצחים פון לוב, וועלכע האבען אײַגענטליך בעדארפט צו ענטלויפען באלה, ווען זיי האבען נור פון ווײַטענס דערזעהן די קאפטאנען פון די מצרי'שע סאלדאטען? זעה אבער, וואס עס טהוען אונזערע שכנים. דאס פאלק ישראל צענערט צו בעצאהלען דעם מס און צאהלט וואס אמאל וועניגער. די שווינדלערס, די פעניציאנער, ציהען ארויס יעדעס יאהר עטליכע שיפען פון אונזער פלאט. געגען די בני־חת מוזען מיר אויף מזרח האלטען א גרויסע ארמעע, און נעבען בבל און נינוה שטארקט זיך א בעוועגונג, וועלכע מען שפירט אין גאנץ מעזאפאטאמיען.

און וואס איז דער רעזולטאט פון די כהנים'ס ממשלה? מײַן עלטער־זײַדע האט געהאט 100 טויזענד

טאַלענטען *) יעהרליכע אײַנקינפטען און 160 טויזענד סאָלדאַטען, מײַן פאָטער האָט קוים 50 טויזענד טאַלענטען יעהרליכע אײַנקינפטען און 120 טויזענד סאָלדאַטען...

און וואָס פאַר סאָלדאַטען האָבען מיר הײַנט!... ווען נישט דער גריכישער קאָרפּוס, וואָס האַלט זײַ אין אָרדנונג, ווי אַהונד האַלט שאָף. וואָלטען שוין הײַנט די מצרים'דיגע סאָלדאַטען געהאָרכט נור די כהנים און פרעה וואָלט געווען ווי אַ אָרימער הויפטמאַן.

— פון וואַנען ווייסט דו דאָס?... פון וואַנען קומען צו דיר אַזעלכע געדאַנקען?... — האָט זיך טוטמאָזיס גע־וואונדערט.

— שטאָם איך דען נישט פון קײַן כהנים! און זײַ האָבען דאָך מיך געלערנט, ווען איך בין נאָך נישט געווען קײַן טראָן־פאָלגער. אָ, ווען איך וועל ווערען פרעה, נאָך מײַן פאָטער, ער זאָל אײביג לעבען, וועל איך אויף די כהנים'ס קאַרקען אַרויפלעגען מײַן פוס, וואָס וועט האָבען אויף זיך אַ קופּערנעם סאַנדאַל... און קודם כל וועל איך אויסציהען מײַן האַנד צו זײַערע אוצרות, וואָס זענען אַלע מאָל געווען פול, נאָר פון רעמסס דעם גרויסענס צײַטען אָן האָבען זײַ אָנגעהויבען גאָר געשוואָלען צו ווערען און הײַנט זענען זײַ אַזוי אָנגעפּאַקט מיט גאָלד, אַז פון הינטער זײַ זעהט מען נישט אַרוים די אוצרות פון פרעה.

— ווער איז צו מיר און צו דיר! — האָט געזיפצט

---

*) טאַלענט — אויף העברעאיש „ככר“— צענטנער. דאַמאָלס זענען נאָך קײַן מטבעות אויף דער וועלט נישט געווען און מען האָט געצאָה"ט מיט גאָלד אָדער זילבער לויט דער וואָג.

טוטמאָזיִס — דו האָסט אַזעלכע געדאַנקען, אונטער וועלכע דער באַרג וואָלט זיך געבויגען, ווען ער וואָלט געהערט און פערשטאַנען. און וואו זענען דיינע כחות? ... דיינע סאָלדאטען? ... דיינע געהילפע? ... געגען דיר וועט זיך שטעלען דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס ווערט געפיהרט דורך דער מעכטיגער קלאַס... אין מיט דיר ווער וועט זיין?

דער קרוינפּרינץ האָט געהערט און זיך פערקלערט. ענדליך האָט ער געענטפערט:

— דאָס מיליטער ...

— א גרויסער טייל פון מיליטער וועט האַלטען מיט די כהנים.

— דער גריכישער קאָרפּוס ...

— אַ פּעסעל וואַסער אין נילוס.

— די בעאַמטע ...

— אַ העלפט פון זיי זענען אַליין כהנים.

רעמסס האָט טרויעריג געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ און איז שטיל געבליבען.

פון דעם שפּיץ באַרג זענען זיי צווישען פעלזען און שטיינער אַראָבגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט. טוטמאָזיס, וואָס איז געגאַנגען אביסעל פאָראויס, האָט אינדעם א געשריי געטהון:

— ציִ איז א עין־הרע אויף מיינע אייגען? ... זעה נאָר, רעמסס! ... צווישען דיעזע פעלזען בעהאַלט זיך עפּעס א צווייטע מצרים!

— דאָס איז אַוודאַי א גוט פון די כהנים, פון וועלכען זיי טראָגען נישט אַריין קיין אָבצאָהלונגען — האָט דער קרוינפּרינץ געזאָגט מיט ביטערקייט.

נעבען זייערע פים איז געװען א פרוכטבארער טהאל, װאס עטליכע עקען פון איהם זענען געװען בעהאלטען צװישען פעלזען. אין איין עק האט מען געזעהן עטליכע קליינע הײזלעך פאר בעדינטע און איין שען הויז פון דעם אייגענטימער אדער פערװאלטער. אין דעם טהאל האבען געװאקסען פאלמען, װיינבוימער, עהלבוימער, פייגענבוימער, ציפרעסען און אנדערע הערליך־שענע געװיקסען. אין מיטען דעם טהאל האט געפליסט א טייכעל און נעבען קליינע בערגלעך, װאס האבען זיך צוזאמענגעהאלטען, זענען יעדע עטליכע הונדערט טריט געװען קליינע אזערעס.

אראבגעהענדיג צװישען װיינגערטנער, װאס זענען געװען פול מיט װיינטרויבען, האבען זײ געהערט א שטימע פון א פרוי, װאס האט געשריען מיט א טרויעריג־זינגענדיג קול:

— װאו ביזטו, מיין היהנדעל? רוף זיך אן, װאו ביזטו, מיין ליבע?... דו ביזט ענטלאפען פון מיר, חאטש איך אליין גיב דיר צו טרינקען און ריינע קערנער גיב איך דיר צו עסען, אז די שקלאפען זיפצען אזש... װאו ביזט דו?... רוף זיך אן!... געדענק, אז די נאכט װעט אנקומען און דו װעסט נישט געפינען דעם װעג צו דעם הויז, אין װעלכען אלע בעדינען דיך, אדער עס װעט אנקומען פון דער מדבר א געלער רויבפויגעל און װעט דיר דיין הארץ צוררייסען, דאמאלס װעסט דו אומזיסט רופען דיין בעל־בית'טע, װי איך רוף דיך איצט אומזיסט... רוף זיך אן, װארום איך װעל זיך צעבייזערן און װעל אװעקגעהן און דו װעסט מוזען צופוס צוריקקומען צו מיר...

דאָס זינגענדיגע קול איז וואָס אַמאָל נאָהנטער אָנגעקומען צו דעם קרוין-פּרינץ און טוטמאָזיס'ן.

— טהו נאָר אַ קוק, רעמסס! — האָט געשריען טוטמאָזיס, בעהאַלטענדיג דעם קאָפּ צווישען קליינע, געדיכטע בוימלעך — ווי שען איז דאָס מיידעל!...

דער קרוין-פּרינץ האָט נישט געקוקט, נאָר געלאָפען נעגען דער זינגערין און איהר דעם וועג פערשטעלט. זי איז אין אמת'ן געווען אַ שען מיידעל מיט גריכישע פּנים-ציגע און מיט אַ העלפאַנד-ביינינגען געזיכטס-קאָליער. פון אונטער דעם וועלאָן, וואָס זי האָט געהאַט אויף איהר קאָפּ, האָבען ווי אַרויסגעקוקט לאַנגע, שווארצע האָר, וועלכע זענען געווען צונויפגעדרעהט און געבונדען. געקליידעט איז זי געווען אין אַ ווייס, לאַנג קלייד, וועלכעס זי האָט אין איין זייט אויפגעהויבען אַביסעל און געטראָגען אין דער האַנד; פון הינטער דעם דורכזיכטיגען שלייער האָט מען געזעהן איהרע ברוסטען, וועלכע זענען מיט זייער געשטאַלט עהנליך געווען צו עפּעל.

— ווער ביזט דו, מיידעל? — האָט רעמסס אַ געשריי געטהון. פון זיין שטערן זענען איהם פערשוואונדען געוואָרען די מוראָ'דיגע פאַלדען און זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו שיסען מיט פייער.

— אָ, גאָט!... פאָטער!... — האָט דאָס מיידעל מיט שרעק געשריען און איז געבליבען שטעהן אָהן בעוועגונג.

ביסלעכווייז האָט זי זיך דאָך בערוהיגט און איהרע סאַמעטענע אויגען האָבען צוריק בעקומען זייער לינדערן-טרויעריגען אויסדרוק.

— פון וואנען האסט דו דיך דא גענומען ? — האט זי געפרעגט רעמסס'ן מיט א ציטערנדע שטימע— איך זעה, אז דו ביזט א סאלדאט און דא אהער טארען קיין סאלדא-טען נישט קומען.

— פאר וואס טארען זיי נישט ?

— ווייל די ערד געהערט צו א גרויסען הערר, צו סעזאפריס'ן...

— א! א! — האט געשמייכעלט דער קרוין-פרינץ.

— לאך נישט, ווארום באלד וועסט דו בלאס ווערען. הערר סעזאפריס איז א שרייבער ביי חיירעם'ן, וועלכער טראגט דעם פעכער פון דעם הויפטמאן פון מעמפיס... מיין פאטער האט איהם געזעהן און איז געפאלען פאר איהם מיט דעם פנים צו דער ערד.

— א! א! — האט רעמסס וויטער געלאכט.

— דיינע ווערטער זענען זעהר העזהדיג — האט געזאגט דאס מיידעל פאלרענדיג דאס פנים — ווען איך וואלט אן דיין פנים נישט דערקענט, אז דו ביזט א גוטער מענש, וואלט איך געמיינט, אז דו ביזט א גר יכישער געדונגענער סאלדאט אדער א גזלן.

— ער איז נאך ביז איצט קיין גזלן נישט — האט זיך אריינגעמישט טוטמאזים פערריכטענדיג זיין פערוק — ער קען אבער ווערען אזא גזלן, וואס די ערד האט נאך אזעל-כען אויף זיך נישט געטראגען.

— און דו ביזט אודאי א טענצער, — האט געענט-פערט דאס מיידעל, וואס איז שוין אביסעל דרייסטער גע-ווארען — א, איך בין זאגאר זיכער, אז איך האב דיך גע-

זעהן אויף אַ ירוד אין פּי־בעלות. דו האָסט דאָמאָלס בע־שוואַרען שלאַנגען, אַ שפרוך איבער זיי געזאָגט.

ביידע יונגע־לייט זענען לוסטיג געוואָרען.

— און ווער ביזט דו? — האָט רעמסס געפרעגט דאָס מיידעל, אַננעהמענדיג זי ביי דער האַנד, וועלכע זי האָט צוריקגעכאַפּט.

— זיי נישט אַזוי דרייסט. איך בין שרה, גדעון'ס טאָכטער. מיין פאָטער איז דער פערוואַלטער פון דיעזען גוט.

— אַ יודישע טאָכטער?...—האָט רעמסס געזאָגט און אַ שאָטען האָט זיך איהם אַראָבגעלאָזט איבער'ן פּנים.

— וואָס שאַדט דאָס?... וואָס שאַדט דאָס! — האָט טוטמאָזיס זיך אָנגערופען — צי מיינסט דו, אַז יודישע טעכטער זענען נישט אַזוי זיס, ווי די מצרי'שע?... יודישע טעכטער זענען נור מעהר בעשיידען און שווערער איז זיי צו בעקומען, און דאַדורך איז זייער ליעבע מעהר בעחנ'ט.

— איהר זענט אַלזאָ געצענדיענער — האָט שרה געזאָגט מיט שטאָלצקייט — רוהט זיך אָב, אויב איהר זענט מיעד, רייסט זיך אָב וויינטרויבען און געהט געזונד. אונזער דיענערשאַפט האָט נישט גערן אַזעלכע געסט.

זי האָט געוואָלט אַוועקגעהן, נאָר רעמסס האָט זי נישט געלאָזט.

— שטעה!... דו ביזט מיר געפעלען געוואָרען און דו קענסט נישט עפּעס גלאַט אַזוי פון אונז אַוועקגעהן.

— אַ שד איז אין דיר אַריין. אין דער גאַנצער געגענד איז נאָך קיינער נישט דרייסט געווען צו מיר אַזוי צו רעדען... — האָט זיך שרה געבייזערט.

— זעהסט דו — האָט זיך אָנגערופֿען טוטמאָזים — דער יונגערמאַן איז אַ אָפֿיציר אין דעם פאָלק פֿון כּהנים „פּתח" און אַ שרײַבער בײַ דעם שרײַבער פֿון אַזאַ גרויסען מאַן, וואָס טראָגט דעם פֿעכער איבער דעם, וואָס טראָגט דעם פֿעכער איבער דעם הויפּטמאַן פֿון האַבו.

— אַודאַי איז ער אַ אָפֿיציר — האָט געענטפֿערט שרה, וועלכע האָט אין פֿערקלערונג געקוקט אויף רעמסס'ן — אפֿשר איז ער אַליין אַ גרויסער מאַן... — האָט זי צוגעגע-בען, לעגענדיג דעם פֿינגער אויף דעם מויל.

— ווי אַ גרויסער מאַן איך זאָל נישט זײַן, איז דײַן שענהייט נאָך גרעסער—האָט רעמסס פּלוצלונג געזאָגט—נאָר זאָג מיר, צי איז דאָס אמת, אַז איהר... אַז איהר עסט חזיר-פֿלייש?...

שרה האָט געקוקט אויף איהם מיט כּעס און טוטמאָ-זים האָט זיך אָנגערופֿען.

— ווי דו קענסט קיין יודען נישט!... דו מוזט ווי-סען, אַז אַ יוד וואָלט בעסער געוואָלט שטאַרבען, ווי עסען חזיר-פֿלייש, וועלכעס איז, נאָך מיין מיינונג, נישט דאָס ערגסטע...

— אָבער קען הרג'ען איהר? — האָט רעמסס ווייטער געפֿרעגט, דריקענדיג שרה'ס הענד און קוקענדיג אין איהרע אויגען.

— דאָס איז אויך אַ אויסגעטראַכטע מעשה... אַ מיאוס'ע אויסגעטראַכטע מעשה! — האָט טוטמאָזים גע-שריען — דו האָסט דאָך געקענט מיך פֿרעגען איידער דו האָסט געהערט אַזעלכע נאַרישקייטין... איך האָב דאָך געהאַט דריי יודישע געליבטע...

— ביז איצט האָסטו װאָהר געזאָגט , אָבער איצט זאָגסטו שױן ליגענד — האָט זיך שרה אָנגערופֿען — אַ יודישע טאָכטער װעט נישט זײַן קײנעמס געליבטע ! — האָט זי מיט גאוה צוגעגעבען .

— אַפֿילו בײַ דעם שרײַבער פֿון אַזאַ גרױסען מאַן , װאָס טראָגט דעם פֿעבער איבער דעם הױפּטמאַן פֿון מעמ־פֿי . װעט אַ יודישע טאָכטער קײן געליעבטע נישט זײַן ? — האָט מיט אַ חוזק־טאָן געפֿרעגט טוטמאָזיס .

— אַפֿילו ...

— אַפֿילו בײַ אַזאַ גרױסען מאַן , װאָס טראָגט דעם פֿעבער ? ...

שרה האָט אַ װײַלע זיך בעקלערט און דערנאָך געענטפֿערט :

— אַפֿילו .

— אפשר װאָלט אַ יודישע טאָכטער נישט געװאָלט זײַן אױך אַ געליעבטע פֿון דעם הױפּטמאַן ?

רה'ן זענען די הענד אַראָבגעפֿאַלען . מיט בעװאונ־דערונג האָט זי געקוקט אױף בײדע יונגע־לײַט , אַמאָל אױף דעם , אַמאָל אױף יענעם ; איהרע ליפּען האָבען געציטערט און אין די אױגען האָבען זיך בעװיזען טרערען

— װער זענט איהר ? ... — האָט זי געפֿרעגט מיט שרעק — איהר זענט דאָ אַראָבגעגאַנגען פֿון די בערג , װי רײַזענדער , װאָס װילען ברױט און װאַסער ... דערװײַל רעדט איהר צו מיר , װי די גרעסטע לײַט ... װער זענט איהר ? ... דײַן שװערד — האָט זי געזאָגט , װענדענדיג זיך צו רעמסס'ן — איז בעזעצט מיט שמאַראַגדען , און אױף דעם האַלז האָסט

דו אזא קײט, וואָס געפינט זיך נישט אפשר אין דעם אוצר פון אונזער גנעדיגען הערר סעזאָפריס.

— בעסער זאָג דו מיר, ציִ איך בין דיר געפעלען געוואָרען...— האָט רעמסס געזאָגט, דריקענדיג איהרע הענד און קוקענדיג מיט געפיהל אין איהרע אויגען.

— דו ביזט אזוי שען, ווי דער מלאך גבריאל, נאָר איך האָב מורא פאַר דיר, ווײל איך ווײס נישט, ווער דו ביזט...

אינדעם האָט זיך דערהערט פון הינטער די בערג א שטימע פון א טראָמפײט.

— מען רופט דיך — האָט טוטמאָזיס געזאָגט.

— און ווען איך וואָלט געוועזען אזא גרויסער מאַן ווי אײער סעזאָפריס? — האָט דער קרוין-פּרינץ געפרעגט.

— עס איז מעגליך. אז דו ביזט אזא גרויסיר מאַן... — האָט שרה שטיל געזאָגט.

— און ווען איך וואָלט געטראָגען דעם פעבער איבער דעם הויפּט-מאַן פון מעמפיס?...

— דו קענסט אָהן דעם אויך זײן א גרויסער מאַן...

ערגעץ-וואו אויף א בארג האָט זיך די טראָמפײט געלאָזט הערען צום צווײטען מאָל.

— געהען מיר, רעמסס!... — האָט מיט שרעק א געשרײ געטהון טוטמאָזיס.

— און ווען איך וואָלט געוועזען... א קרוין-פּרינץ, וואָלסט דו געגאַנגען צו מיר? — האָט רעמסס געפרעגט.

— אָ, גאָט! — האָט שרה אויסגעשריען, פאַלענדיג אויף די קניען.

פון פֿערשיעדענע ערטער האָבען זיך מיט אמאל גע-לאָזט הערען די טראָמפּייטען.

— זאָלען מיר לויפֿען גיך!... — האָט טוטמאָזים גערשריען, זייענדיג זעהר דערשראָקען— צי הערסט דו נישט דעם אלארם אין דער מחנה...

דער קרוין-פּרינץ האָט גיך אראָבגענומען די קייט פון זיין האלז און זי ארויסגעוואָרפֿען אויף שרה׳ס האלז...

— גיב די קייט דיין פֿאָטער — האָט ער געזאָגט— איך קויף דיך ביי איהם... זיי געזונד...

מיט היץ האָט ער געקושט איהרע ליפּען, און זי האָט איהם אנגענומען ביי די פֿיס. ער האָט זיך פון איהר ארויסגעריסען, איז אָבגעלאָפֿען עטליכע טריט, צו-ריקגעגאנגען און ווידער געקושט איהר שען פנים און איהרע שווארצע האָר, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט דאָס אונגעדולדיגע טראָמפּייטערן פון דער ארמעע.

— אין נאָמען פון זיין הייליגקייט, פרעה׳ן, רוף איך דיך, קום מיט מיר!... — האָט טוטמאָזים געשריען און געחאַפּט דעם קרוין-פּרינץ ביי דער האנד.

זיי האָבען אנגעהויבען גיך צו לויפֿען אין דער זייט, פון וואַנען מען האָט געהערט דאָס טראָמפּייטערן. רעמסס האָט זיך צייטענווייז געקייקעלט ווי א שכור און האָט דעם קאָפּ אומגעדרעהט. ענדליך האָבען זיי אנגעהויבען ארויפֿצוקלעטערן אויף א בארג.

— און אזא מענש — האָט טוטמאָזים זיך געקלערט — וויל קעמפֿען מיט די כהנים!...

פיערטעס קאפיטעל.

דער קרוין-פרינץ מיט זיין בעגלייטער זענען געלאָפען באַרג-אויף, הערענדיג וואָס אַמאָל נעהנטער דאָס שרעקליך, געוואלדיגע טראָמפּייטערן פון פיעל טראָמפּייטען. ענדליך זענען זיי געקומען אויף אַ אָרט, פון וועלכען מען האָט געקענט זעהן די גאַנצע געגענד.

ליינקס האָט זיך געצויגען דער שאָסע, אונטער וועלכען מען האָט געקענט גוט זעהן די שטאָדט פי-בעלות און די פאָלקען פון דעם קרוין-פרינץ, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער שטאָדט אין אַ גרויסען שטויב-נעבעל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען און געטראָגען איבער די געגנער, וועלכע זענען אָנגעקומען פון מזרח.

רעכטס האָט זיך געראָדערט אין דער ברייטער שליכט, וואָס אין מיטען האָט דער גריכישער פאָלק געשלעפּט די קריגס-מאַשינען. נישט וויט פון דעם שאָסע האָט זיך די שליכט צונויפגעגאָסען מיט אַ אַנדערע ברייטע שליכט, וועלכע האָט זיך געצויגען וויט פון דער מדבר.

און אָט אויף דעם אָרט איז געשעהן עפּעס אונגעוועהנליכעס. די גריכען מיט די מאַשינען זענען געשטאַנען לעדיג נישט וויט פון דעם אָרט, וואו עס שליסען זיך ביידע שליכטען; נאָר ביי דער שליסונג צווישען דעם שאָסע און דעם שטאַב פון קרוין-פרינץ זענען געוועזען אויסגעשטעלט פיער געדיכטע רייהען פון עפּעס אַ פרעמד מיליטער, ווי פיער פאַרקאַנעס, פון וועלכע עס האָבען אַרויסגעשטייגט בלאַנקענדע שפּיזען.

חאָטש דער באַרג איז געוועזען זעהר שיעף, איז דער

קרוין-פּרינץ זעהר גיך געלאָפען צו זיין אָבטיילונג, צו דעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער קריגס-מיניסטער ארומגענומען מיט אָפיצירען.

— וואָס טהוט זיך דאָרט?... — האָט דער קרוין-פּרינץ אויסגעשריען — פאַר וואָס טראָמפּייטערט איהר אויף אַ אַליאַרם?

— מיר זענען אַרומגענומען פון אלע זייטען — האָט הרהור געענטפערט.

— ווער האָט אונז אַרומגענומען?...

— אונזער אָבטיילונג איז אַרומגענומען דורך דריי פּאָלקען פון ניטאָגער. וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער מדבר.

— שטעהט אַלזאָ דער שונא דאָרט, נישט וויט פון שאָסע?...

— דאָרט שטעהט ניטאָגער אליין, וואָס איז קיינמאָל נאָך נישט בעזיגט געוואָרען.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעם מאָמענט איז דער קרוין-פּרינץ משוגע געוואָרען. דאָס מויל זיינס איז אויסגעקרומט געוואָרען, די אויגען זיינע זענען פון זייערע לעכער אַרויסגעשפּרונגען. ער האָט אַרויסגעצויגען די שווערד, און צולויפענדיג צו די גריבען, האָט ער מיט אַ הייזעריגע שטימע געשריען:

— נאָך מיר געהט געגען די, וואָס האָבען אונז דעם וועג פערשטעלט!...

— אייביג זאָלסט דו לעבען ערפאָטער! — האָט אַ געשריי געטהון פאַטראַקלעס אויסציהענדיג זיין שווערד. — געהט, אייניקלעך פון דעם גבור אחילעס! — האָט ער ווי-

טער געשריען, ווענדענדיג זיך צו זיינע סאָלדאַטען — זאָלען מיר וויזען די מצרישע קוה־לייט, אַז אונז טאָר מען נישט פערהאַלטען ! ...

מען האָט געטראָמפּייטערט אויף אַטאַקירען . פּיער קורצע, נאָר גלייכע רייהען פון די גריכען זענען געגאַנגען פאָראויס, עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ נעבעל פון שטויב און עס האָט זיך געהערט אַ אויסגעשריי פאַר רעמסס׳ס כבוד ווענען .

עטליכע מינוטען שפּעטער זענען די גריכען געשטאַנען געגען די מצרישע פאָלקען און האָבען זיך ווי עפּעס גע־צעגערט ווייטער צו געהן .

— ווייטער ! — האָט דער קרוין־פּרינץ געשריען, לויפענדיג מיט דער שווערד אין דער האַנד .

די גריכען האָבען אַראָבגעלאָזט די שפּיזען . אין די רייהען פון די געגנער איז געוואָרען עפּעס אַ בעוועגונג, עס איז דורכגעלאָפען אַ שעפּטשעריי און — דאָרט זענען אויך די שפּיזען אַראָבגעלאָזט געוואָרען .

— ווער זענט איהר, משוגעים ? — האָט זיך אָנגע־רופען אַ הויכע שטימע פון צווישען די געגנער

— דער קרוין־פּרינץ קומט אָן !... — האָט דערנאָך פּאַטראָקלעס געענטפערט .

אַ ווייַלע איז שטיל געוועזן .

— מאַכט אַ אָרט הויבצוגעהן ! — האָט זיך אָנ־גערופען די זעלבע הויכע שטימע .

די פאָלקען פון דער מזרח־אַרמעע האָבען זיך לאַנג־זאַם פונאַנדערגערוקט, ווי שווערע, דאָפּעלטע טויערן און די גריכישע אָבטיילונג איז דורכגעגאַנגען .

דאַמאָלם איז צו דעם קרוין=פּרינץ צוגעגאַנגען אַ גרויער בעוואָפּענטער מאַן אין אַ העלם, און בּוקענדיג זיך נידריג, האָט ער געזאָגט:

— דו האָסט מנצח געוועזן, ערפּאָטער. נור אַ גרויסער אַנפיהרער קען אויף אַזאַ אופן מנצח זיין.

— דו, ניטאָגער, ביזט דער גרעסטער גבור פון אַלע גבורים! ... — האָט דער קרוין=פּרינץ גערופען.

אין דער מינוט איז צו זיי צוגעגאַנגען דער קריגס=מיניסטער, וועלכער האָט געהערט דאָס געשפרעך און האָט שאַרף געזאָגט:

— און ווען אויף אייער זייט וואָלט זיך אויך געפונען אַזאַ ווילדער אַנפיהרער ווי ערפּאָטער, ווי וואָלטען זיך די מאַנעווערן געענדיגט?

— לאָז צו רוה דעם יונגען העלד! — האָט ניטאָגער געענטפערט—צי איז נאָך דאָס ווייניג פאַר דיר, אַז ער האָט געוויזען נעגעל ווי אַ לייב, ווי עס פּאַסט פאַר פּרעה'ס זוהן? ...

טוטמאָזיס, הערענדיג, וואָס פאַר אַ ווענדונג דאָס געשפרעך האָט אָנגענומען, האָט ער געזאָגט צו ניטאָגער'ן:

— פון וואַנען האָסט דו דיך דאָ אַהער גענומען, דו גרויסער אַנפיהרער, ווען דיין מיליטער שטעהט פאַר אונ־זער אַרמעע?

— איך האָב געזעהן, ווי אומגעלומפּערט די אַבטיי־לינג מאַרשירט פון מעמפיס, בשעת דער קרוין=פּרינץ פער־זאַמעלט די פּאָלקען אונטער פּי-בעלות, און אויף קאַטאָ־וועם האָב איך געוואָלט אייך יונגע-לייט חאַפּען... צו מיין אונגליק איז אָנגעקומען דער קרוין-פּרינץ און האָט מיר

מיינע פלאנען פערדארבען. אזוי זאלסט דו שטענדיג טהון. רעמסס, נאטירליך, ווען דו וועסט האבען געגען זיך א אמת'ן שונא.

— און אויב ער וועט אנטרעפען אויף דריי מאל גרעסערע קרעפטען, ווי ער וועט האבען? — האט הרהור געפרעגט.

— א גרעסערן ווערט האט פערשטאנד מיט מוט, ווי קראפט — האט דער אלטער אנפיהרער געענטפערט. — א העלפאנד איז פופציג מאל שטארקער פון א מענש און דאך איז ער אונטערגעגעבען דעם מענש אדער ער קומט אום אין דעם מענשענס האנד.

הרהור האט אויסגעהערט די ווערטער שטילערהייד.

די מאנעווערען זענען אנערקענט געווארען אלס גע-ענדיגטע. דער קרוין-פרינץ, צוזאמען מיט דעם מיניסטער און די אנפיהרער פון דעם מיליטער, איז געפאהרען צו דעם מיליטער, וואס איז געשטאנען אונטער פי-בעלות, האט בעגריסט די אלטע אפיצירען פון ניטאגערס פאלקען און אבגעזעגענט זיינע פאלקען, הייסענדיג זיי געהן אויף מזרח און ווינשענדיג זיי הצלחה.

דערנאך, זייענדיג ארומגענומען מיט זיין גרויסער סווי-טע, איז ער אויף דעם שאסע צוריק קיין מעמפיס, צווישען מענגעם מענשען פון גושן, וועלכע האבען בעגריסט דעם זיעגער מיט גרינע צווייגלעך אין די הענד און זייענדיג יום-טוב'דיג געקליידעט.

אויף דעם ארט, וואו דער וועג דרעהט זיך אראב אין דער מדבר, האבען די מענשען פון גושן אנגעהויבען אב-צוטרעטען דעם קרוין-פרינץ; און ווען זיי זענען צוגעקומען

צו דעם אָרט, וואו דער שטאַב פֿון דעם קרוין-פּרינץ איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער שליבֿט, נישט וועלענדיג געהן אויף דעם אָרט, וואו די הײליגע סקאַראַבעאושען האָבען דעם וועג איבערגעהאַקט, איז אויף דעם שאָסע שוין קײנער פֿון זײ נישט געבליבען.

דאַמאָ"ס האָט רעמסס געוואונקען צו טוטמאָזיס'ן, און ווײַזענדיג איהם דעם גאָלען באַרג, האָט ער שטיל געזאָגט:

— די וועסט געהן דאָרט אַהין, צו שרה'ן...

— איך פֿערשטעה.

— און דו וועסט זאָגען איהר פֿאָטער, אַז איך גיב איהם דאָס גוט אונטער מעמפֿיס.

— איך פֿערשטעה. איבערמאָרגען וועסט דו זי האָבען.

נאָך דיזע ווערטער איז טוטמאָזיס צוגעגאַנגען צו דעם מיליטער, וואָס איז געגאַנגען הינטער דער סוויטע, און איז פֿערשוואונדען געוואָרען.

געגענאיבער דער שליבֿט, אין וועלכער עס זענען אין דער פֿריה אַרײַנגעפֿאָהרען די קריגס-מאַשינען, אַ ערך צוואַנציג טריט פֿון דעם שאָסע, איז געוואַקסען אַ טאָמאַ-רינד-בוים, וואָס איז געוועזען נישט גרויס, חאָטש ער איז שוין געוועזען אַלט. אויף דעם אָרט האָט זיך פֿערהאַלטען די וואַך, וואָס איז געגאַנגען פֿאַר דעם קרוין-פּרינצ'ס סוויטע.

— צי וועלען מיר זיך ווידער בעגעגענען מיט סקאַראַבעאושען?... — האָט דער קרוין-פּרינץ געפֿרעגט מיט אַ שמײכעל דעם קריגס-מיניסטער.

— מיר וועלען זעהן — האָט הרהור געענטפֿערט.

און זיי האָבען טאַקי געזעהן: אויף דעם שוואַבען בוימעלע האָט געהאָנגען אַ נאַקעטער מענש.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער קרוין־פּרינץ געפרעגט מיט אויפרעגונג.

די אַדיוטאַנטען זענען צוגעלאָפען צו דעם בוים און האָבען זיך איבערצייגט, אַז עס הענגט דער אַלטער פויער, וואָס דאָס מיליטער האָט פערשאָטען דעם קאַנאַל, וועלכען ער האָט אויסגעגראָבען.

— ער האָט זעהר גוט געטהון, וואָס ער האָט זיך אויפגעהאָנגען — האָט אויסגעשריען עאונאַנאַ. — וואָלט איהר געקענט גלויבען, אַז דער עלענדער שקלאַף האָט געהאַט די העזה דעם מיניסטער אָנצוהאַפּען ביי די פּיס?...

רעמסס, דערהערענדיג די ווערטער, האָט פערהאַלטען זיין פערד. דערנאָך איז ער אַראָבגעגאַנגען פון דעם פערד און איז צוגעגאַנגען צו דעם בוים.

דער פויער האָט געהאָנגען און דער קאָפּ זיינער איז געווען אויסגעצויגען פאָרענט; זיין מויל איז געווען ברייט אָפען, די הענד אויסגעשטרעקט צו די צוקוקער און אין די אויגען איז געווען אַ שרעק. ער האָט אויסגעזעהן ווי איינער, וואָס האָט עפּעס צו זאָגען, נאָר ער האָט קיין כח נישט צו רעדען.

— אונגליקליכער!... האָט דער קרוין־פּרינץ געזיפצט מיט מיטגעפיהל.

ווען ער איז צוריקגעקומען צו דער סוויטע, האָט ער געהייסען, מען זאָל איהם דערצעהלען, וואָס מיט דעם פויער איז געשעהן, און דערנאָך איז ער אַ לאַנגע צייט געריטען נישט רעדענדיג אַ וואָרט.

פאַר די אויגען איז איהם געשטאַנען דער פויער, וואָס האָט זיך געהאָנגען, און אין האַרץ האָט איהם גע־שמערצט דאָס געפיהל, אַז דעם פעראונווירדיגטען שקלאַף איז אַ גרויסע עולה געשעהן. אַזאַ גרויסע עולה איז דעם שקלאַף געשעהן, אַז אַפילו איהם, דעם קרוין־פרינץ, פרעה׳ס זוהן, ריהרט זי שטאַרק.

עס איז אונערטרעגליך היים געווען, דער שטויב האָט אויסגעטרוקענט דאָס וואַסער און האָט געשטאָכען די אויגען פון מענשען און בהמות. די מיליטער־אָבטיילונג האָט זיך אויף אַ קורצע צייט פערהאַלטען און ניטאָגער האָט דער־וויַיל געענדיגט זיין געשפרעך מיט דעם מיניסטער.

— מיינע אָפיצירען — האָט דער אַלטער אָנפיהרער געזאָגט — קוקען נישט אונטער די פיס, נאָר פאַר זיך. און אפשר נור איבער דעם האָט קיין שונא אונערוואַרטעט מיך נישט בעפאַלען.

— מיט דיינע ווערטער האָסט דו מיך דערמאָהנט אַז איך האָב חובות צו צאָהלען — האָט געענטפערט הרהור און האָט געהייסען די אָפיצירען און סאָלדאַטען, וועלכע זענען נעבען איהם געווען, זיי זאָלען זיך פערזאַמלען.

— און איצט — האָט דער מיניסטער געזאָגט — רופט עאונאַנאַ׳ן.

דער אָפיציר, וואָס איז נעווען בעהאָנגען מיט קמיעות, איז אָנגעקומען אַזוי גיך, ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט דערויף, אַז מען זאָל איהם רופען. אויף זיין פנים האָט גערוהט אַ שמחה. וואָס איז געהעמט געוואָרען מיט שווערינקייט.

הרהור, דערזעהענדיג פאַר זיך עאונאַנאַ'ן, האָט געזאָגט:

— דורך דעם רצון פון זיין הייליגקייט, פרעה'ן, געהט איבער די העכסטע מיליטער-מאַכט אין מיין האַנד, באַלד ווען די מאַנעווערען ענדיגען זיך.

אַלע, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָבען די קעפּ אַראָבגעלאָזט.

— מיט דיזער מאַכט מוז איך מיך קודם-כל בענוצען אַ רעכטשאַפטליכען משפט אויסצופיהרען.

— עאונאַנאַ — האָט דער מיניסטער ווייטער געזאָגט — איך ווייס, אַז די ביזט אַלע מאָל געוועזען איינער פון די פלייסיגסטע אָפיצירען...

— דער אמת אַליין רעדט דורך דיין מויל, גרויסער הערר — האָט עאונאַנאַ געענטפערט, — ווי אַ פּאַלמע ערוואַרטעט טהוי, אַזוי וואַרט איך אויף די בעפעהלען פון די הויפּטמענער. און ווען איך ערהאַלט קיין בעפעהל נישט, בין איך ווי אַ יתום אין דער מדבר, וואָס זוכט זיין וועג.

ניטאָגער'ס אָפיצירען, וואָס זייערע קערפּער זענען געווען בעדעקט מיט העפטען, האָבען מיט בעוואונדערונג אויסגעהערט עאונאַנאַ'ס ווערטער און האָבען זיך געקלערט: „דער וועט ווערען העכער איבער אַלע!"

— עאונאַנאַ — האָט דער מיניסטער געזאָגט, — די ביזט נישט נור פלייסיג, אָבער אויך פרום; נישט נור פרום, אָבער אויך וואַכזאַם ווי אַ איביס *) ביי דעם וואַסער. די געטער האָבען אויך אויף דיר אויסגעגאָסען אַלע זייערע

*) איביס — אַ אַפריקאַנער פויגעל

חסדים; זיי האָבען דיר געגעבען פאָרזיכטיגקייט פון שלאַנגען און אויגען פון אַ ראָבפויגעל...

— דער ריינער אמת פליסט פון אייער הייליג מויל— האָט עאונאַנאַ זיך אָנגערופען, — ווען איך וואָלט נישט געהאַט אַזא וואונדערבאַרען בליק, וואָלט איך נישט דער־זעהן די צוויי הייליגע סקאַראַבעאושען.

— יאָ,— האָט דער מיניסטער איהם איבערגעהאַקט— און דו וואָלסט אונזער מחנה נישט געדעטעט פון אַזא גרויסע זינד, פון אַ זינד פון פערשוועכען הייליגקייט. פאַר דעם, וואָס דו האָסט אונז געדעטעט פון אַזא שרעקליכע זינד, ווי עס פאַסט פאַר איינעם פון די פרומסטע מצרים גיב איך דיר...

דער מיניסטער האָט אַראָבגענומען פון דעם פינגער זיינעם אַ גאָלדענע רינג.

— איך גיב דיר די רינג מיט דעם נאָמען פון דער געטין מות, וואָס איהר חסד און איהר קלוגשאַפט וועלען דיך בעגלייטען ווי לאַנג דו וועסט וואַנדערן אויף דער ערד.

און דער מיניסטער האָט געגעבען זיין רינג עאונאַנאַ׳ן, און אַלע, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָבען אַרויסגעלאָזט פון זייערע מיילער אַ גרויס געשריי פון פרעה׳ס כבוד וועגען און האָבען געקלונגען מיט זייער וואָפען.

ווייל דער מיניסטער האָט זיך נישט גערירט, איז עאונאַנאַ אויך געשטאַנען און האָט געקוקט איהם אין די אויגען, ווי אַ טרייער הונד, וועלכער, בעקומענדיג פון זיין הערר איין ביסען, דרעהט ער נאָך מיט דעם וויידעל און וואַרט.

— און איצט — האָט דער מיניסטער ווייטער אָנ־

געהויבען — זיי זיך מודה עאונאנא, פאר וואס האסט דו נישט געזאגט: וואוהין איז געגאנגען דער קרוין-פרינץ, ווען דאס מיליטער האט מיט שווערינקייט מארשירט דורך דער שליבט?... דו האסט א עבירה געטהון. דען מיר האבען געמוזט טראמפייטערן אויף א אלארם אין דער נאהענטקייט פון שונא...

— די געטער זענען מיינע עדות, אז איך האב גאר נישט געוואוסט, וואו דער קרוין-פרינץ איז — האט גע-ענטפערט עאונאנא, וועלבער איז שטארק בעוואונדערט געוועזען.

הרהור האט מיט דעם קאפ געשאקעלט.

— עס איז נישט מעגליך, אז א מענש, וואס פער-מאגט אזעלכע אויגען ווי דו, וועלכער זעהט פון דער ווייטענס אין זאנד הייליגע סקאראבעאושען, זאל נישט דער-זעהן אזא גרויסע פערזענליכקייט, ווי א טראן-פאלגער.

— איך האב אין אמת'ן נישט געזעהן!... — האט זיך פערטיידינט עאונאנא, שלאגענדיג זיך אין דער ברוסט. — אויסער דעם האט מיך קיינער נישט געהייסען היטען דעם טראן-פאלגער.

— האב איך דען דיך נישט בעפרייט פון דער אנ-פיהרונג פון דער ערשטער פארפאסט?... האב איך דיר דען בעשטימט, וואס דו האסט צו טהון? — האט דער מיניסטער געפרעגט. — דו ביזט געוועזען גאנץ פריי, טאקי נור דעריבער, ווייל איך האב געוואלט, אז דו זאלסט נאכ-פארשען וויכטיגע זאכען. האסט דו געטהון, וואס דו האסט בעדארפט? פאר אזא פעהלער אין א מלחמה-צייט, וואלסט דו געמוזט בעשטראפט ווערען מיט טויט-שטראף...

דער אונגליקליכער אָפיציר איז בלאס געוואָרען.

— איך בין אָבער צו דיר, עאונאנא, ווי א פאָטער,— האָט דער מיניסטער געזאָגט — און געדענקענדיג, אז דו האָסט געראַטעט די אַרמעע דערמיט, וואָס דו האָסט דערזעהן די סימבאָלען פון דער היילינגער זון, בעשטים איך דיר, נישט ווי א שטרענגער מיניסטער, נאָר ווי א כהן, וואָס איז פול מיט חסד,—א זעהר קליינע שטראָף. פונפציג פלאָג מיט א שטעקען וועסט דו בעקומען.

— היילינגער מיניסטער!...

— עאונאנא, דו האָסט געקענט שפירען דיין גליק, זיי איצט מוטיג און נעהם אָן די קליינע שטראָף. ווי עס פאַסט פאַר א אָפיציר פון זיין היילינגקייט, פרעה'ן.

קוים וואָס הרהור האָט זיינע ווערטער פון מויל אַרויסגעלאָזט, און גרעסערע אָפיצירען האָבען שוין אַנידערגעלעגט עאונאנא'ן אויף א בעקוועם אָרט נעבען דעם שאָסע. דערנאָך האָט זיך איינער געזעצט אויף זיין קארק, א צווייטער — אויף די פיס און צוויי אנדערע האָבען איהם געגעבען פונפציג פלאָג מיט דיקע און בייגזאמע שטעקענס אויף זיין נאַקעטען קערפער.

עאונאנא האָט אפילו קיין זיפץ נישט געטהון, פערקעהרט, ער האָט זיך געברומט א סאָלדאַטען־ליעדעל, בשעת מען האָט איהם די פלאָג געגעבען, און ווען די צערעמאָניע האָט זיך געענדיגט, האָט ער זיך אַליין געוואָלט אויפהויבען. די פיס זיינע האָבען זיך אָבער נישט געקענט ריהרען און מען האָט איהם געמוזט אָבפיהרען קיין מעמפיס אויף א וואָגען, וואָס איז געווען געשפאַנט אין צוויי פערד. ליגענדיג אויף דעם וואָגען, האָט ער געשמייכעלט צו די סאָלדאַ־

טען און האט זיך געקלערט, אז דער ווינד אין נידריגערן מצרים ענדערט נישט אזוי גיך זיין ווענדונג, ווי גיך עס ענדיגט זיך דער מזל פון א אריםען אפיציר.

ווען די מחנה פון דעם קרוין־פרינץ האט געריהרט פון ארט, האט זיך דער מיניסטער הרהור ארויפגעזעצט אויף א פערד, און רייטענדיג נעבען ניטאגער'ן, האט ער שטיל מיט איהם גערערט וועגען די אזיאטישע פעלקער און בפרט וועגען אשור, וואס האט זיך אנגעהויבען צו וועקען.

און צוויי דינער פון דעם מיניסטער: דער אדיוטאנט, וואס האט געטראגען דעם פעכער, און דער שרייבער פענטוער, האבען דאמאלס אויך אנגעהויבען צווישען זיך צו רעדען.

— האסט דו בעמערקט די מעשה מיט עאונאנא'ן? — האט דער אדיוטאנט געפרעגט.

— און וואס מיינסט דו וועגען דעם פויער, וואס האט זיך אויפגעהאנגען? — האט דער שרייבער געפרעגט.

— מיר דאכט זיך, אז פאר דעם פויער איז דער היינטיגער טאג דער בעסטער און דער שטריק ארום זיין האלז דער ווייכסטער אין זיין לעבען — האט דער אדיוטאנט געענטפערט. — איך מיין אויך, אז עאונאנא וועט פון היינט אן זעהר גוט היטען דעם קרוין־פרינץ.

— דו האסט א טעות — האט פענטוער געזאגט. — עאונאנא וועט פון היינט אן שוין קיינמאל נישט דערזעהן קיין סקאראבעאוש, חאטש ער וועט זיין אזוי גרויס ווי א אקס. וואס אנבעלאנגט דעם פויער, צי מיינסט דו נישט, אז איהם האט דאך געמוזט זיין שלעכט, זעהר שלעכט... זעהר שלעכט אויף דער הייליגער ערד פון מצרים.

— דו קענסט נישט קיין פויערן, דאדורך זאגסט דו אזוי...

— ווער קען זיי בעסער פון מיר?... — האט דער שרייבער געענטפערט מיט טרויעריגקייט. — בין איך דען נישט אויפגעוואקסען צווישען זיי?... האב איך דען נישט געזעהן, ווי מיין פאטער האט בעוואסערט די ערד, גע־רייניגט די קאנאלען, געזייהעט, געשניטען און ווי ער האט געצאהלט מס? א, דו ווייסט נישט, ווי שלעכט עס איז דעם פויער אין מצרים!

— דערפאר ווייס איך, ווי שלעכט עס איז א אויס־לענדער — האט דער אדיוטאנט געענטפערט. — מיין עלטער־זיידע אדער עלטער־עלטער־זיידע איז געווען איינער פון די גרעסטע לייט צווישען די היקסאסען *) ער איז אבער דא איבערגעבליבען, ווייל ער האט ליעב געהאט די ערד. און ווייסט דו? איהם האט מען דאס פערמעגען אוועקגענומען. און איך האב נאך אויף מיר דעם פלעק פון א אויסלענדער... דו זעהסט אליין, וויפיעל איך לייד נאך היינט פון געבוירענע מצרים, חאטש איך פערנעהם א גרויסע שטעל. ווי קען איך רחמנות האבען אויף א מצרי'שען פויער, וועל־כער, זעהענדיג מיין געלבליכען געזיכטס־קאליער. מורמעלט ער: „א געצענדיענער!... א אויסלענדער!"... א פויער איז נישט גערעכענט פאר קיין געצענדיענער און נישט פאר קיין אויסלענדער.

---

*) היקסאסען — „קעניגען פון פאסטוכעס" — אזוי זענען גע־רופען געווארען אין מצרים די אנפיהרער פון וואנדערנדע פעלקער פון סיריען און אראביען, וועלכע האבען אין יאהר 1800 פאר כריסטאסען איינגענומען מצרים און האבען דארט געהערשט 250 יאהר.

— נאָר אַ שקלאַף אִיז עֶר! — האָט געֶזאָגט דעֶר שרײַבעֶר — אַ שקלאַף. ווֶעלכֿעֶן מעֶן גִיט אַ ווײַב, מעֶן נעֶהמט אִיהם דאָס ווײַב אַוועֶק, מעֶן שלאָגט אִיהם, מעֶן פֿעֶרקױפֿט, אַז מעֶן ווִיל. הרג׳עֶט מעֶן אִיהם און שטעֶנדִיג הײַסט מעֶן אִיהם אַרבײַטעֶן און דעֶרצו זאָגט מעֶן אִיהם אױך, אַז אױף יעֶנעֶר וועֶלט ווֶעט עֶר אױך זײַן אַ שקלאַף

דעֶר אַדיוטאַנט האָט געֶהױבעֶן די פּלײַצעֶס.

— עֶפּעֶס אַ משונה׳דִיגעֶר מעֶנש בִּיזט דו, חאָטש דו בִּיזט אַזױ קלוג. דו זעֶהסט דאָך, אַז יעֶדעֶר פֿון אונז פֿעֶר־נעֶהמט עֶפּעֶס אַ שטעֶל — אַ נִידרִיגעֶ, נאָך אַ נִידרִיגעֶרעֶ אָדעֶר גאָר אַ נִידרִיגעֶ און מוז אַרבײַטעֶן. צו פֿעֶרדרִיסט דִיך, וואָס די בִּיזט נִישט קײַן פּרעה, און דײַן קבר ווֶעט נִישט זײַן אַ פִּירַאמִידעֶ?... דו קלעֶרסט גאָר נִישט ווֶעגעֶן דעֶם, ווײַל דו ווײַסט, אַז אַזױ אִיז די אָרדנונג פֿון דעֶר ווֶעלט. יעֶדעֶר טהוט וואָס עֶר האָט צו טהון: אַ אָקס אַקעֶרט, אַ אײזעֶל שלעֶפּט רײַזעֶנדעֶ, איך קִיהל דעֶם מִינִיסטעֶר מִיט דעֶם פֿעֶכעֶר, דו געֶדעֶנקסט אַלעֶס פֿון זײַנעֶט ווֶעגעֶן און דעֶר פּױעֶר בעֶאַרבײַט די עֶרד און צאָהלט מס. וואָס געֶהט דאָס אונז אָן, אַז אײן אָקס ווֶערד געֶבױרעֶן אַ אַפּיס *) ווֶעלכֿעֶן מעֶן גִיט אָב כבוד, און עֶפּעֶס אַ מעֶנש קומט אױף דעֶר ווֶעלט אַ פּרעה, אָדעֶר אַ הױפּט־מאַן?...

— דעֶם פּױעֶר האָט מעֶן פֿעֶרנִיכֿטעֶט זײַן צעֶהן־יעֶהרִיגעֶ אַרבײַט... — האָט פּעֶנטועֶר שטִיל געֶזאָגט.

— און דײַן אַרבײַט פֿעֶרנִיכֿטעֶט נִישט דעֶר מִינִיס־

*) אַפּיס — אַ הײליגער אָקס, וואָס איז פֿערגעטערט געווען אין מצרים.

טער ?... — האט דער אדיוטאַנט געפרעגט. — ווער ווייס, אַז דו פיהרסט די מלוכה און נישט דער מיניסטער הרהור ?

— דו האסט אַ טעות — האט דער שרייבער געזאגט — ער הערשט אין אמת'ן. ער האט מאַכט, ער האט זיין רצון, און איך האב נור ידיעות... און שלאגען, שלאגט מען נישט מיך, נישט דיך, ווי יענעם פויער...

— אַז מען האט געשלאגען עאונאנא'ן, קען מען אונז אויך שלאגען. מען דארף אַלזאָ זיין מוטיג און זיך פרייען מיט דער שטעלונג, וואס מען האט. דו ווייסט דאך, אַז אונזער גייסט, דער אונשטערבליכער קאַ, געהט וואס אַמאָל העכער און העכער, וואס מעהר מיר רייניגען זיך, און אין טויזענדער אדער אין מיליאַנען יאהר אַרום, וועט ער צוזאַמען מיט די נשמות פון די פרעה'ס *) און די שקלאַפען, אַפילו גאר מיט די געטער צוזאַמען — זיך פונאַנדערשווי־מען אין דעם אַלמעכטיגען פאַטער פון לעבען, וואס האט קיין נאָמען נישט.

— דו רעדסט ווי אַ כהן — האט געענטפערט פענטוער מיט ביטערקייט. — מעהר פאַסט פאר מיר אַזאַ רוהיגקייט! ... איך האב אָבער נישט קיין רוהיגקייט, נאר שמערצען אין דער נשמה, ווייל איך שפיר די עלענדקייט פון מיליאַנען מענשען...

— ווער הייסט דיך שפירען ?

— מיינע אויגען און מיין הארץ הייסען מיך. מיין הארץ איז, ווי אַ טהאל צווישען בערג, וועלכער קען

*) יעדער מלך אין מצרים איז געווען גערופען פרעה.

ניט שווייגען, ווען ער הערט אַ געשריי, נאָר מוז ענטפערן מיט אַ ווידער-קול.

— און איך זאָג דיר, פענטוער, אַז דו קלערסט צו פיעל וועגען געפערליכע זאַכען. אַז מען קריכט אויף די גלייכע מזרח-בערג נעבען אַ תהום, מוז מען אַראָב פאַלען און געהרג׳עט ווערען; אַז מען געהט אין דער מזרח-מדבר, וואו עס קרייזען אַרום הונגעריגע לייבען און אַנדערע ווילדע חיות, ווערט מען פון זיי אויפגעפרעסען. און אַז מען קלערט וועגען אַזעלכע זאַכען ווי דו, איז מען אויך אין אַ גרויסער סכנה.

עאונאַנאַ איז זיך דערווייל געפאָהרען אויף דעם וואָגען, וועלכער האָט, שלעפענדיג זיך, געטרייסעלט זיינע גליעדער און זיינע שמערצען זענען דאַדורך גרעסער געוואָרען. און כדי צו ווייזען ווי מוטיג און העלדיש ער איז, האָט ער פערלאַנגט, מען זאָל איהם געבען עסען און טרינקען. ווען ער האָט אויפגעגעסען אַ פלעצעל, וואָס איז געווען איינגעריבען מיט קנאָבעל, און האָט אויסגעטרונקען אַ שמאָל טעפעל זויער ביער, האָט ער געבעטען דעם פוהרמאַן, אַז ער זאָל מיט אַ צווייגעל אַראָביאָגען די פליגען פון זיין פערוואונדעטען קערפער.

ליגענדיג אַזוי אויף די זעק און פעק, אויף דער סקריפענדיגער פוהר, מיט׳ן פנים אַראָב, האָט עאונאַנאַ מיט אַ זיפצענדע שטימע אָנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי שלעכט עס איז די לאַגע פון אַ נידריגען אָפיציר:

„פאַר וואָס זאָגסט דו דאָס. אַז עס איז בעסער צו זיין אַ אָפיציר, ווי אַ שרייבער? קום און זעה מיינע בלויע שטרייפען און מיין צושפּאָלטענעם קערפער. ביז אַראָב

דײַן אויער און הער, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען וועגען די יסורים פֿון אַ אָפֿיציר.

„איך בין נאָך אַ יונגעל געוועזען, ווען מען האָט מיך געבראַכט אין די קאַזאַרמעס אַרײַן. אויף פֿריהשטיק האָט מען מיר געגעבען מיט די פֿויסטען אין בויך, אויף מיטאָג— מיט די פֿויסטען אין די אויגען אַזוי, אַז דאָס מויל מײַנס האָט זיך ברייט אויפֿגעעפֿענט, און פֿאַרנאַכט איז שוין מײַן קאָפּ געוועזען בעדעקט מיט וואונדען און מיט בלוט בעגאָסען.

„קום, וויעל איך דיר דערצעהלען, ווי איך האָב געמאַכט אַ רייזע קײַן סוריא. עסענוואַרג און וואַסער האָב איך גע־מוזט טראָגען אין די הענד און בעלאָדענט בין איך געוועזען ווי אַ עזעל. דער האַלז מײַנער איז געוועזען אויסגעשטײַפֿט ווי אַ האַלז פֿון אַ עזעל און מײַן רוקען איז געוועזען געפּלאַצט. איך האָב געטרונקען פֿערפֿוילט וואַסער און בײַ דעם פֿײַנד בין איך געוועזען ווי אַ געהאַפּטער פֿויגעל.

„איך בין צוריקגעקומען קײַן מצרים, נאָר איך בין ווי אַ בוים, וואָס אַ וואורם פֿרעסט איהם. פֿאַר גאָר נישט לעגט מען מיך אויף דער ערד און מען שלאָגט. מיט שטעקענס צובּרעכט מען אַלע גליעדער מײַנע. איך בין קראַנק און מוז זיך לעגען, מען מוז מיך פֿיהרען אויף אַ פֿוהר און דערווײַל גנב'עט מיר מײַן דיענער דעם מאַנטעל און ענטלויפֿט.

„איצט, שרײַבער! זאָלסט דו וויסען, אַז שלעכט און ביטער איז דעם אָפֿיציר" *)

*) דער געשפּרעך פֿון יאוגאַנאַ איז איבערגעגעבען ריכטיג, ווי ער האָט באמת געזאָגט.

אַזוי האָט געזונגען דער מוטיגער עָאונאַנאַ און זיין ליעד, וואָס איז פול געוועזען מיט טרעהרען, האָט איבערגעלעבט די מלוכה פון מצרים.

פינפטעס קאַפּיטעל.

די סוויטע פון דעם קרוין־פּרינץ איז געקומען וואָס אַמאָל נעהנטער צו מעמפיס, און די זון האָט זיך וואָס אַמאָל מעהר אַראָבגערוקט צו מערב. פון די פיעל קאַנאַלען און פון דעם ווייטען ים, איז אָנגעקומען אַ ווינד, וואָס איז געוועזען אָנגעזאַפּט מיט קיהלער פייכטקייט. דער שאָסע האָט זיך ווידער אַראָבגעלאָזט צו פרוכטבאַרע געגענדען און אויף די פעלדער און צווישען די נידריגע בוימלעך האָט מען געזעהן פיעל אַרבייטענדע מענשען. האָטש אויף דער וויסטע איז שוין געפאַלען אַ ראָזער בלאַנק און די שפּיצען פון די בערג האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען געוועזען בעדעקט מיט פלאַמען פייער.

רעמסס האָט זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט און זיך אומגעדרעהט מיט זיין פערד. די סוויטע האָט איהם באַלד אַרומגענומען. די העכערע אָנפיהרער זענען צוגעריטען צו איהם און לאַנגזאַם זענען אָנגעקומען די מאַרשירענדע פאָלקען.

אין די פורפור־שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זון האָט דער קרוין־פּרינץ אויסגעזעהן ווי אַ אָבגאָט; די סאָלדאַטען האָבען געקוקט אויף איהם מיט גאוה און ליעבע, די אָנפיהרער האָבען איהם בעוואונדערט

ער האט אויפגעהויבען די האנד, אלע זענען שטיל געווארען, און ער האט אנגעהויבען צו זאגען:

— געעהרטע אנפיהרער, מוטיגע אפיצירען, געהארזאמע סאלדאטען! היינט האבען מיר די געטער געגעבען דעם תענוג, צו זיין א מנהיג ביי אייך. מיין הארץ איז געווארען פול מיט שמחה. און וויל מיין רצון איז, אז איהר אנפיהרער, אפיצירען און סאלדאטען זאלט זיין גליקליך, ווען איך בין גליקליך, דאדורך בעשטים איך: צו איין דראכמא *) פאר יעדען סאלדאט פון די, וואס זענען געגאנגען אויף מזרח-זייט און די, וואס געהען צוריק מיט אונז פון דער מזרח-גרענעץ. אויסער דעם בעשטים איך צו איין דראכמא פאר יעדען פון די גריכישע סאלדאטען און צו איין דראכמא פאר יעדען סאלדאט פון ניטאגער'ס פאלקען. וועלכע האבען היינט אונז געוואלט פערשטעלען דעם וועג...

אין דעם מיליטער איז א גרויסער טומעל געווארען.

— זיי געזונד, אונזער פיהרער!... זיי געזונד, דו זוהן פון פרעה, אייביג זאל ער לעבען!...— האבען געשריען די סאלדאטען און די גריכען האבען העכער פון אלע געשריען.

דער קרוין-פרינץ האט ווייטער געזאגט:

— פינף טאלענטען גיב איך פאר די נידריגערע אפיצירען פון מיין ארמעע און פון ניטאגער'ס ארמעע. פאר דעם מיניסטער און די הויפט-אנפיהרער גיב איך צעהן טאלענטען...

---

*) דראכמא — אויף העברעאיש „אדרכמון", א ערך פון א רענדעל

— איך גיב אָב מײַן טײל דעם מיליטער — האָט הרהור געזאָגט.

— לעבען זאָלסט דו, קרוין־פּרינץ! לעבען זאָלסט דו, מיניסטער!... — האָבען געשריען די אָפיצירען או די סאָלדאַטען.

די רויטע זון איז שוין האַרט אָנגעקומען צו די זאַנדען פון דער מערב'דיגער מדבר. רעמסס האָט אָבגעזעגנט דאָס מיליטער און איז גיך אוועקגעריטען קיין מעמפיס. הרהור האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער לעקטיקאַ און זיך געהייסען טראָגען פאַר די שערעגען פון מיליטער.

ווען דער מיניסטער האָט זיך שוין געהאַט אָבגערוקט פון די שערעגען אזוי ווײַט, אַז די איינציגע שטימען פון די סאָלדאַטען האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין גרויס גערויש, ווי אַ טומעל פון אַ וואַסערפאַל, האָט זיך דער מיניסטער אַרויסגערוקט פון דער לעקטיקאַ צו דעם שרײַבער און געזאָגט צו איהם:

— געדענקסט דו דאָס אַלעס?

— יאָ, גרויסער הערר.

— דײַן זכרון איז אַזוי ווי דער גראַניט, אויף וועלכען מיר פערשרײַבען די היסטאָריע, און דײַן קלוגשאַפט איז אזוי ווי דער נילוס, וועלכער פערגיסט אַלעס און מאַכט פרוכטבאַר אַלעס, — האָט דער מיניסטער געזאָגט. — חוץ דעם האָסט דו פון די געטער אויך בעקומען די גרעסטע מעלה — אַ חכם ביזט דו און אַ ענו אויך...

דער שרײַבער האָט געשוויגען.

— דו קענסט אַלזאָ בעסער פון אַנדערע אָבשאַצען

די מעשים און די חכמה פון דעם קרוין-פּרינץ, אייביג זאָל ער לעבען!

דער מיניסטער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבען, אַזוי פיעל צו רעדען איז ער נישט געוואָהנט געוועזן.

— זאָג מיר אַלזאָ, פענטוער, און פערשרייב דאָס: צי פּאַסט דאָס, אַז דער קרוין-פּרינץ זאָל פאַר דעם מיליטער אַרויסזאָגען, וואָס זיין רצון איז?... אַזוי טהון מעג נור פרעה, אָדער אַ פערדעטער, אָדער... אַ לייכטזיניגער יונגערמאַן, וועלכען עס איז פּונקט אַזוי לייכט שלעכטע מעשים צו טהון, ווי אַרויסצוואַרפען פון מויל עזות'דיגע ווערטער.

די זון איז אונטערגעגאַנגען און אַ ווײַלע שפּעטער איז אָנגעקומען אַ אויסגעשטערנטע נאַכט. איבער דער מענגע קאַנאַלען אין נידריגערן מצרים האָט אָנגעהויבען געדיכט צו ווערען אַ זילבערנער נעבעל, וועלכען אַ לינדערנער ווינד האָט איבערגעטראָגען אויף דער וויסטע, קיהלענדיג די מיעדע סאָלדאַטען און זעטענדיג די געוויקסען, וואָס האָבען שוין גענאָסס'ט פון דורשט.

— אָבער זאָג מיר, פענטוער — האָט דער מיניסטער ווייטער געזאָגט — און פאָרש דאָס גוט אוים: פון וואַנען וועט דער קרוין-פּרינץ נעהמען 20 טאַלענטען, כדי ער זאָל קענען וואָרט האַלטען און געבען דעם מיליטער דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט מיט אַזאַ לייכטזיניגקייט? איבריגענס, זאָל ער נעהמען געלד פון וואַנען ער וויל, נאָר יעדענפאַלס דוכט זיך מיר, און דיר דוכט זיך אודאי אויך אַזוי, אַז געפעהרליך איז, ווען אַ קרוין-פּרינץ גיט דעם מיליטער מתנות, בפרט אין אַ טאָג, ווען זיין הייליגקייט.

פרעה, האט נישט קיין געלד צו בעצאהלען די בעלוינונג פון ניטאגער'ס פאלקען, וועלכע קומען צוריק פון מזרח. איך פרעג דיך נישט, ווי דיין דעה איז. איך קען דאך דיך. ווי דו קענסט מיינע אלע געדאנקען, ווי דו ווייסט אלעם, וואס אין מיין הארץ טהוט זיך. איך בעט דיך נור, אז דו זאלסט געדענקען, וואס דו האסט געזעהן, כדי דו זאלסט דאס קענען דערצעהלען אין דער חברותא פון די כהנים.

— צי ווע‌לען זיך די כהנים אין די טעג פערזאמלען?

— אין די טעג האט מען נאך נישט צו וואס זיך צו פערזאמלען. איך וועל פריהער פרובען צו בערוהיגען דעם פערווילדעטען אקס מיט דער הילף פון זיין היילינגקייטס פעטערליכער האנד... עס איז א שאד דעם יונגען מאן. ער האט פעהיגקייטען און ענערגיע פון א דרום-ווינד. נאר אויב דער ווינד, וואס דארף פונאנדערבלאזען די שונאים פון מצרים, וועט אנהויבען אומצולעגען דעם ווייץ פון לאנד און זיינע פאלמען!...

דער מיניסטער איז שטיל געבליבען און זיין מחנה איז פערזונקען געווארען אין א טונקעלע אלעע פון בוימער, וואס האט געפיהרט ביז מעמפיס.

אין דער זעלבער צייט איז רעמסס צוגעריטען צו פרעה'ס פאלאץ.

דער פאלאץ איז געשטאנען אויף א קליינעם בארג אונטער דער שטאדט אין מיטען א גארטען, אין וועלכען עס האבען געוואקסען זעלטענע בוימער: באאבאבען פון דרום, צעדערען, סאסנעס און דובעם פון צפון. די בוימער זע-

נען שוין אלט געוועזען פיעל צעהנדלינגע יאהרען און זענען געוועזען אונגעוועהנליך הויך.

די בעשאטענטע אלעע האט געפיהרט פון אונטען צו דעם טהויער, וועלכעס איז אזוי געוועזען, ווי א דריי שטאקיג הויז. ביי יעדער זייט פון דעם טהויער איז געוועזען א הויכער, שטארקער בנין, ווי א טהורם האט ער אויס־געזעהן און א געשטאלט האט ער געהאט ווי אן אבגעהאקטע פיראמידע. אין דער ברייט האט ער געהאלטען פערציג טריט און אין דער הויך — פינף שטאק. ביי דער נאכט האבען די צוויי בנינים איןביידע זייטען פון דעם טהויער אויסגעזעהן, ווי צוויי גרויסע געצעלטען פון זאנד־שטיינער. אויף דעם שפיץ פון איין בנין איז געשטאנען א וואך, אויף דעם צווייטען האט דיזשורירט א כהן, וועלכער האט בע־טראכט די שטערן.

רעכטס און לינקס פון די בנינים האבען זיך געצוי־גען די מויערען מיט שמאלע פענסטער און מיט א פלאכען דאך, אויף וועלכען עס זענען ארומגעגאנגען וואכען. אין ביידע זאטען פון דעם הויפט־טהויער זענען געזעסען צוויי בילדער, וועלכע האבען דערגרייכט מיט די קעפ ביז צום צווייטען שטאק; ביי די פיס פון די בילדער זענען אויך ארומגעגאנגען וואכען.

ווען דער קרוין־פרינץ איז אין בעגלייטונג פון עטלי־כע רייטער צוגעקומען צו דעם פאלאץ, האט איהם דער טהויער־היטער דערקענט, חאטש עס איז שוין פינסטער געוועזען. באלד איז פון איין בנין אין דער זייט פון טהויער ארויסגעשפרונגען א הויפס־בעאמטער, וואס איז געוועזען גע־

געקליידעט אין א וויים קליידעל, א טונקעל טוך און א פערוק, וואס איז ענהליך געווען צו א קאפטור.

— דער פאלאץ איז שוין פערמאכט? — האט דער קרוין-פרינץ געפרעגט.

— אמת האסט דו געזאגט, גרויסער הערר — האט דער בעאמטער געענטפערט, — זיין היילינקייט קליידעט אן די געטער צום שלאף.

— און דערנאך וואס וועט ער טהון?

— דערנאך וועט זיין רצון זיין צו עמפפאנגען דעם קריגס-מיניסטער, הרהור.

— נו? ...

דערנאך וועט זיין היילינקייט זיך איינקוקען אין דעם באלעט, וואס וועט פארקומען אין דעם גרויסען זאל. נאכדעם וועט ער זיך טובל זיין און מתפלל זיין.

— און מיך האט מען נישט געהייסען עמפפאנגען? — האט דער קרוין-פרינץ געפרעגט.

— מארגען, נאך דער בעראטונג פון דעם קריגס-מיניסטער מיט די אנפיהרער פון מיליטער.

— און די קעניגינען וואס טהוען?

— די ערשטע מלכה איז מתפלל אין דעם צימער פון איהר פערשטארבענעם זוהן און איער געעהרטע מוטער עמפפאנגט איצט דעם שליח פון פעניציע, וועלכער האט געבראכט מתנות פון די ווייבער פון צידון.

— זענען פאראן אויך מיידלעך צווישען די מתנות?

— דוכט זיך, אז עס זענען פאראן עטליכע. יעדע האט אויף זיך ציערונג פאר 10 טאלענטען.

— און וועֶר שלעֶפּט זיךְ דאָרט אַרום מיט שטאָלקאַ-
צעֶן ? — האָט געֶזאָגט דעֶר קרוין-פּרנץ, ווײַזעֶנדיג מיט
דעֶם פינגעֶר אויף דעֶר הינטעֶר-זײַט פון דעֶם גאָרטעֶן.

— זײַ נעֶהמעֶן אַראָב פון די בוימעֶר אײַעֶר ברודעֶר,
וועֶלכעֶר זיצט דאָרט פון מיטאָג אָן.

— און עֶר וויל נישט אַראָבגעֶהן ?

— יאָ, איצט וועֶט עֶר אַראָבגעֶהן, ווײַל נאָךְ איהם
איז געֶגאַנגעֶן דעֶר ליץ פון דעֶר עֶרשטעֶר מלכּה און האָט
איהם פעֶרשפּראָכעֶן, אַז עֶר וועֶט איהם פיהרעֶן אין דעֶר
קרעֶטשמעֶ אַרײַן, וואו עֶס טרינקעֶן די פּאַראַשיטעֶן, וועֶל-
כעֶ עֶפעֶנעֶן די קעֶרפּעֶר'ס פון מתים.

און וועֶגעֶן די הײַנטיגעֶ מאַנעֶווערעֶן האָט איהר שוין
עֶפּעֶס געֶהעֶרט ?...

— מעֶן האָט געֶזאָגט אין מיניסטעֶריום, אַז דעֶר
שטאַב איז אָבגעֶהאַקט געֶוואָרעֶן פון דעֶם קאָרפּוס.

— און וואָס נאָךְ האָט מעֶן געֶזאָגט ?
דעֶר בעֶאַמטעֶר האָט נישט געֶעֶנטפעֶרט.

— זאָג, וואָס דו האָסט געֶהעֶרט.

— און נאָךְ האָבעֶן מיר געֶהעֶרט, אַז דאַדורךְ האָט
איהר געֶהײַסעֶן שלאָגעֶן מלקות אַ געֶוויסעֶן אָפיציר, 500
שטעֶקעֶנס האָט איהר איהם געֶהײַסעֶן געֶבעֶן און דעֶם אָנ-
פיהרעֶר האָט איהר געֶהײַסעֶן אויפהעֶנגעֶן.

— אַלץ איז ליגעֶנד!... — האָט זיךְ שטיל אָנגעֶ-
רופעֶן אײַנעֶר פון דעֶם קרוין-פּרינצס אַדיוטאַנטעֶן.

— די סאָלדאַטעֶן צווישעֶן זיךְ זאָגעֶן אויךְ, אַז דאָס
מוז זײַן ליגעֶנד — האָט דרײַסטעֶר געֶזאָגט דעֶר בעֶאַמטעֶר.
דעֶר קרוין-פּרינץ האָט אומגעֶדרעֶהט דאָס פעֶרד און

איז געריטען אין דעם נידריגערן טייל פון דעם גאָרטען, וואו זיין פּאַלאַץ איז געוועזען. אַ איין־שטאָקיגע, פון האָלץ געבויטע אַלטאַנאַ איז זיין פּאַלאַץ געוועזען. אַרום איהם זענען געוועזען צוויי וועראַנדעס, איינע איבער דער אַנדערער, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אויף פיעל סלופּעס. אין דעם פּאַלאַץ האָבען געברענט לאָמפּען און מען האָט אַלזאָ געקענט זעהן, אַז די וועגד זענען געמאַכט פון ברעטער, וואָס זענען געשניצט ווי שפּיצען און זיי זענען פאַרוואָרענט פאַר די ווינדען דורך פאָרהאַנגען און פערשידען־קאָליעריגע שטאָפען. דער דאַך איז געוועזען פלאַך און אַרומגענומען מיט שטאַבעטען; אויף איהם זענען געשטאַנען עטליכע געצעלטען.

דער קרוין־פּרינץ איז הערצליך בעגריסט געוואָרען דורך האַלב־נאַקעטע דינער. עטליכע זענען אַרויסגעלאָפען מיט שטאָלקאַצען, אַנדערע זענען געפאַלען פאַר איהם מיט די פּנים'ער אויף דער ערד. דער קרוין־פּרינץ איז אַריין אין שטוב אויף פאַרטער, וואו ער האָט אַראָבגענומען פון זיך די פערשטויבטע מלבושים, האָט זיך געבאָדען אין אַ שטיינערנע וואַנע און אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַ גרויס לייליך, וועלכעס ער האָט צוגעקנעפּעלט אונטערן האַלז און אין גירטעל האָט ער צוגעבונדען מיט אַ שנור. אויף דעם ערשטען שטאָק האָט ער געגעסען אָבענד־ברויט: אַ פלעצעל פון ווייצען־מעהל, אַביסעל טייטלען און אַ גלעזעל לייכטען וויין. דערנאָך איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף דעם דאַך און לעגענדיג זיך אויף אַ סאָפע, וואָס איז געוועזען געדעקט מיט לייבען־פעל, האָט ער געהייסען די דינער אוועקגעהן און שיקען צו איהם טוטמאָזיסען, באַלד ווען ער וועט קומען.

אין האלבע נאכט האט זיך פאר דעם הויז געשטעלט אלעקטיקא און פון איהר איז ארוים דער אדיוטאנט טוט־מאזים. ווען ער איז שווער ארויפגעגאנגען אויף דעם דאך, געגעצענדיג, האט זיך דער קרוין־פרינץ אויפגעחאפט פון דער סאפע.

— דו ביזט דא?... און וואס איז געווארען?... — האט רעמסס געפרעגט.

— די שלאפסט אלזא נאך נישט?..: — האט טוט־מאזים געענטפערט — א, געטער! נאך אזא גרוים מיה אזוי פיעל טעג!... איך האב געמיינט, אז איך וועל זיך קענען איבערשלאפען חאטש ביז די זון וועט אויפגעהן.

— וואס איז געווארען מיט שרה'ן?...

— איבערמארגען וועט זי דא זיין, אדער דו וועסט זיין ביי איהר אין דארף, אויף יענער זייט טייך.

— ערשט איבערמארגען?...

— ערשט?... איך בעט דיך, רעמסס, שלאף זיך אוים. צו פיעל שווארץ בלוט האט זיך פערזאמעלט אין דייז הארץ און דאדורך שלאגט דיר א פייער אין קאפ אריין.

— וואס איז איהר פאטער?...

— איהר פאטער איז א ערהרליבער און קלוגער מענש. ער הייסט גדעון. ווען איך האב איהם געזאגט, אז דו ווילסט נעהמען זיין טאכטער, איז ער געפאלען אויף דער ערד און ער האט אנגעהויבען זיך צו רייסען די האר פון קאפ. עס פערשטעהט זיך, אז איך האב איבערגעווארט ביז די פעטערליכע ערשטע יסורים וועלען געשטילט ווע־רען, איך האב אביסעל געגעסען, געטרונקען וויין און ענדליך זענען מיר צוגעטרעטען צו די אינטערהאנדלונגען.

גדעון האָט אין אָנפאַנג געוויינט און געשוואָרען, אַז ער וויל בעסער זעהן זיין טאָכטער אַ טויטע, איידער זי זאָל זיין ווענמעס אַ געליעבטע. דאַמאָלס האָב איך איהם געזאָגט, אַז ער וועט בעקומען נעבען מעמפיס, ביי דעם טייך בילוס, אַ גוט, פון וועלכען ער וועט האָבען יעהרליכע איינקינפטען 2 טאַלענטען און ער וועט קיין מס נישט דאַרפען צאָהלען. ער איז געוואָרען אין כעס. דאַן האָב איך איהם געזאָגט, אַז ער קען נאָך בעקומען יעדעס יאָהר אַ טאַלענט גאָלד און זילבער. ער האָט געזיפצט און געזאָגט, אַז זיין טאָכטער האָט געלערנט אין פי-בעלות. האָב איך איהם נאָך אַ טאַלענט צוגעזאָגט. גדעון האָט ווייטער געוויינט און געזאָגט, אַז ער האָט אַ גוטע שטעלע אַלס פערוואַלטער פון דעם הערר סעזאָפריס. האָב איך איהם געזאָגט, אַז ער קען בלייבען אַ פערוואַלטער און האָב איהם נאָך צוגעגעבען 10 קיה פון דיינע שטאַלען. דער שטערען איז איהם אַביסעל העלער געוואָרען און ער האָט מיר דערצעהלט אַ סוד, אַז אַ געוויסער גרויסער הערר, וועלכער טראָגט דעם פעכער איבער דעם הויפט-מאַן פון מעמפיס, האָט געוואָלט נעהמען שרה'ן. האָב איך איהם צוגעזאָגט אַ אָקס, אַ קלענערע גאָלדענע קייט און אַ גרעסערע בראָנזאָלעט. דיין שרה וועט דיך אַלזאָ קאָסטען: אַ גוט און צוויי טאַלענטען יעהרליך מזומן, און 10 קיה, און אַ אָקס, אַ גאָלדענע קייט, אַ גאָלדענע בראָנזאָלעט — איין מאָל. דאָס אַלעס וועסט דו געבען איהר פאָטער, גדעון; איהר אַליין וועסט דו געבען, וואָס דו וועסט וועלען.

— וואָס האָט שרה צו דעם געזאָגט?

— אין דער צייט פון אונזערע אונטערהאַנדלונגען

האָט זי שפּאַצירט צווישען די בוימער. און ווען מיר האָבען געענדיגט די אונטערהאַנדלונגען און געטרונקען גוטען יודישען וויין, האָט זי געזאָגט איהר פאָטער... ווייסט דו, וואָס זי האָט געזאָגט?... ווען ער וואָלט זי דיר נישט געגעבען, וואָלט זי אַרויפגעגאַנגען אויף אַ פעלז און וואָלט זיך אַראָבגעוואָרפען פון איהם. איצט ווערסט דו אודאי שוין רוהיג שלאָפען — האָט טוטמאָזיס געענדיגט זיינע ווערטער.

— איך בין מסופק — האָט געענטפערט דער קרוין־פּרינץ, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף די שטאַבעטען און קוקענדיג אין דער ווייסטסטער זייט פון דעם גאָרטען — ווייסט דו, אַז אויף דעם וועג האָבען מיר אָנגעטראָפען אַ געהאָנגענעם פויער?...

— אָ!... דאָס איז נאָך ערגער פון סקאַראַבעאושען! — האָט אויסגעשריען טוטמאָזיס.

— ער האָט זיך אַליין געהאָנגען פון פערצווייפלונג, ווייל דאָס מיליטער האָט איהם פערשאָטען דעם קאַנאַל, וועלכען ער האָט 10 יאָהר געגראָבען אין דער מדבר.

— נו, דער מענש שלאָפט שוין הארט... בכן מעגען מיר אויך שוין שלאָפען.

— דעם מענש איז אַ עולה געטהון געוואָרען — האָט דער קרוין־פּרינץ געזאָגט — מען דאַרף אויסזוכען זיינע קינדער, אויסקויפען זיי און געבען אַ שטיקעל ערד אין ארענדע.

— מען דאַרף דאָס אָבער טהון בסוד — האָט זיך אָנגערופען טוטמאָזיס. — וואָרום א״ב מען וועט זיך פון דעם דערוויסען, וועלען אַלע פויערען זיך הענגען און אונז,

זייערע הערצען, וועט קיין שום פּעניציאַנער נישט לייהען קיין קופּערנעם אוטען.

— מאַך נישט קיין לצנות. ווען דו וואָלסט געזעהן דאָס פּנים פון דעם פּויער, וואָלסט דו נישט געקענט שלאָ־פען, ווי איך.

אינדעם האָט זיך פון אונטען, פון צווישען די געדיכטע ביימער, אָנגערופען אַ נישט שטאַרק אָבער דייטליך קול:

— זאָל דיך, רעמסס, בענשען דער איינציגער און אַלמעכטיגער גאָט, וועלכער האָט נישט קיין נאָמען אין מענשענס שפּראַך, דער גאָט, וועלכער האָט נישט קיין בילדער אין זיין בית־המקדש!...

ביידע יונגע־לייט זענען זעהר פערוואונדערט געוואָרען און האָבען זיך אַרויםגעבויגען איבער די שטאַכעטען.

— ווער ביזט דו? האָט גערופען דער קרוין־פּרינץ.

— איך בין דאָס פאָלק פון מצרים, וועלכען מען טהוט עולות — האָט לאַנגזאַם און רוהיג געענטפערט דאָס קול.

דערנאָך איז אַלעס שטיל געבליבען. קיין שום בעוועגונג, קיין בעריהרונג פון צווייגען האָט זיך נישט געהערט, ווי קיינער וואָלט דאָרט נישט געווען.

אויף דעם בעפעהל פון דעם קרוין־פּרינץ זענען אַרויס־געלאָפען די דינער מיט שטאַלקאַצען, מען האָט אָב־געלאָזט די הינד פון די קייטען און מען האָט דורכגעזוכט אַלע ערטער אַרום דעם פּאַלאַץ. עס איז אָבער קיינער נישט געווען.

— ווער האָט דאָס געקענט זיין? — האָט טוטמאָזי־

ס'עָן געֶפרעֶגט דעֶר קרוין־פּרינץ מיט שרעֶק — אפשר די נשמה פֿון דעֶם געֶהאָנגעֶנעֶם פויעֶר ?...

— די נשמה ? — האָט איבעֶרגעֶ'חזר'ט דעֶר אַדיוּ־טאַנט — איך האָב קײן מאָל נישט געֶהעֶרט, אַז נשמות זאָלעֶן רעֶדעֶן, חאָטש אך בין נישט אײן מאָל געֶוועֶן אויף דעֶר וואַך בײַ בית־מקדש'ם און בײַ קברים. איך קעֶן מעֶהר גלויבעֶן, אַז דעֶר, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעֶרופֿעֶן צו דיר, איז דײַנעֶר אַ גוטעֶר פֿרײַנד.

— פֿאַר וואָס האָט עֶר זיך בעֶהאַלטעֶן ?

— וואָס שאַדט דאָס דיר ? — האָט טוטמאָזיס געֶזאָגט — יעֶדעֶר פֿון אונז האָט צעֶהנדליגעֶר, אויב נישט הונדעֶרטעֶר שונאים, וועֶלכעֶ עֶר זעֶהט נישט. דאַנק אַלזאָ די געֶטעֶר, אַז דו האָסט חאָטש אײן גוטעֶן־פֿרײַנד, וועֶלכעֶן דו זעֶהסט נישט.

— איך וועֶל הײַנט נישט עֶנטשלאָפֿעֶן ווערעֶן ... — האָט געֶזאָגט דעֶר קרוין־פּרינץ מיט אויפֿרעֶגונג.

— לאָז צורוה ... אָנשטאָט לויפֿעֶן אויף דעֶם דאַך אהין און צוריק, פֿאָלג מיך און לעֶג זיך שלאָפֿעֶן. זעֶהסט דו, דעֶר שלאָף איז — אַ וויכטיגעֶר גאָט און עֶס פּאַסט נישט פֿאַר איהם נאָכצוזאָגעֶן די, וואָס לויפֿעֶן ווי אַ הירש. אויב דו וועֶסט דיך אָבעֶר לעֶגעֶן אויף דעֶר בעֶקוועֶ־מעֶר סאָפֿעֶ, וועֶט דעֶר שלאָף, וואָס ליעבט בעֶקוועֶמליכ־קײַט, זיך זעֶצעֶן נעֶבעֶן דיר און וועֶט דיך בעֶדעֶקעֶן מיט זײַן גרויסעֶן מאַנטעֶל, וועֶלכעֶר פֿעֶרהילט מעֶנשעֶן נישט נור די אויגעֶן, אָבעֶר אויך דעֶם זכרון.

זאָגעֶנדיג דיעזעֶ ווערטעֶר, האָט טוטמאָזיס געֶזעֶצט רעֶמסס'ן אויף דעֶר סאָפֿעֶ, דעֶרנאָך האָט עֶר געֶבראַכט אַ

טעלער פון העלפאנד־ביין אין געשטאלט פון א גאנצער לבנה און אנידערלעגענדיג דעם קרוין־פרינץ, האט ער זיין קאפ געלעגט אויף דעם טעלער.

נאכדעם האט ער פערלאזט די ליינוואנדענע ווענד פון געצעלט, זיך געלעגט אויף דער פאדלאגע און עטליכע מינוט שפעטער זענען זיי ביידע ענטשלאפען געווארען.

זעקסטעס קאפיטעל

אין פרעה'ס פאלאץ נעבען מעמפיס איז מען אריינגעגאנגען דורך א טויער, וואס איז געווען צווישען צוויי פינף־שטאקיגע טהורמען. די אויסווענדיגע וועגד פון דיעזע טהורמען, וואס זענען געוועזן געבויט פון גרויע שטיינער, האבען פון אויבען ביז אונטען בעדעקט שניצערייען.

אויף דעם שפיץ־טויער איז געווען דער סימבאל פון דער מלוכה: א קויל מיט פליגעל און פון אונטער איהר האבען זיך ארויסגערוקט צוויי שלאנגען. נידריגער איז געזעסען א רייהע אבגעטער, צו וועלכע די פרעה'ס האבען מקריב געווען קרבנות. אויף די זייטיגע סלופעס זענען אויך געווען אויסגעשניצט בילדער פון אבגעטער אין פינף רייהען, איינע איבער דער אנדערער, און אונטען — זענען געווען היראגליפישע *) אויפשריפטען.

אויף די וועגד פון יעדען טהורם האט דעם הויפט־

---

*) היראגליף — צייכען און בילדער־שריפט פון די אלטע מצרים, וועלכע קיינער, אויסער די כהנים, האט נישט געקענט לעזען.

ארט פערנומען דאס אויסגעשניצטע בילד פון רעמסס דעם גרויסען, וועלכער האט געהאלטען אין איין האנד א אויפגעהויבענע האק און מיט דער צווייטער האנד האט ער ביי די האר געהאלטען א מחנה מענשען, וועלכע זענען געווען צוזאמענגעבונדען ווי א בינדעל פעטרושקע. איבער דעם קעניג זענען געשטאנען אדער געזעסען צוויי רייהען אבגעטער; נאך העכער — פיעל מענשען, וואס ברענגען קרבנות און ביי דעם שפיץ פון דעם טהורם — בילדער פון שלאנגען מיט פליגעל, וואס זענען געווען דורכגעפלאכטען מיט סקאראבעאושען.

די פינף-שטאקיגע טהורמען מיט די ווענד, וועלכע זענען וואס העכער אלץ שמעלער געווען, דאס דריי-שטאקיגע טויער, וועלכעס האט געשלאסען די טהורמען, די שניצערייען, אין וועלכע עס האט זיך צונויפגעמישט ארדנונג מיט פאנטאזיע און פרומקייט מיט אכזריות, האבען געמאכט א נידערדריקענדען איינדרוק. עס האט זיך געדאכט, אז דא איז שווער אריינצוקומען, אונמעגליך ארויסצוקומען פון דארט און צו לעבען דארט — איז זעהר שווער.

פון דעם טויער, פאר וועלכען עס איז געשטאנען מיליטער און א מענגע קלענערע בעאמטע, איז מען אריינגעגאנגען אין א הויף, וואס איז געווען ארומגענומען מיט גאלעריען, וועלכע האבען זיך געהאלטען אויף הויכע סלופעס. דאס איז געווען א בעצירטער גארטען, אין וועלכען מען האט געהאדעוועט קליינע אלעאזען, פאלמען פאמעראנצען-בוימער און צעדערן אין וואזאנען. אין מיטען איז געווען א פאנטאן, פון וועלכען עס האט געשפריצט

וואַסער, אויף די שטעגען איז געווען אויסגעשאָטען קאָליִרט זאַנד.

דאָ, אונטער די גאַלעריען, זענען געזעסען אָדער זיך שפּאַצירט העכערע באַאַמטע פון דער מלוכה, שמועסענדיג שטיל.

פון דעם הויף איז מען דורך הויכע טהירען אַריינגעגאַנגען אין אַ זאַל, וואָס האָט זיך געהאַלטען אויף צוועלף דריי־שטאָקיגע זיילען. דער זאַל איז געווען גרויס, נאָר ווייל די זיילען זענען דיק געווען, האָט זיך געדאַכט, אז ער איז קליין. בעלויכטען האָבען איהם די קליינע פענסטערלעך אין די וואַנד און אַ גרויס פיער־קאַנטיג לאָך אין דעם סופית. דאָ האָבען געהערשט אַ שאָטען און קיהלקייט, אַ דונקעלקייט, וועלכע האָט דאָך נישט געשטערט צו זעהן די געלבע וואַנד און סלופּעס, וואָס זענען געווען בעדעקט מיט מאַהלערייען. אין דער הויך זענען געווען געמאָהלט בלעטער און בלומען, נידריגער — אָבגעטער, נאָך נידריגער — מענשען, וואָס האָבען געטראָגען זייערע בילדער אָדער געבראַכט קרבנות, און צווישען זיי זענען געווען גרופּענווייז — היראָגליפען.

דאָס אַלעס איז געווען געמאָהלט מיט דייטליכע שאַרפע קאָליִרען: גרינע, רויטע און בלויע.

אין דעם זאַל מיט דער דורכזיכטיגער פּאָדלאָגע זענען געשטאַנען שטיל, אין ווייסע מלבושים און באָרפוס — כהנים, די העכסטע באַאַמטע פון דער מלוכה, דער קריגס־מיניסטער הרהור און די אָנפיהרער פון מיליטער: ניטאָגער און פּאַטראַקלעס, וועלכע זענען גערופען געוואָרען צו פרעה'ן.

זײַן הײליגקײַט, רעמסס דער צוועלפֿטער, ווי געוועהנליך פֿאַר יעדער בּעראַטונג, האָט צו די אָבּגעטער מקריב געוועזען קרבּנות אין זײַן קלײנעם טעמפּעל. דאָס האָט זעהר לאַנג געדויערט. יעדע ווײַלע איז פֿון די ווײַטערע צימערן אַרויסגעלאָפֿען אַ כּהן אָדער אַ בּעאַמטער, וועלכער האָט געגעבּען ידיעות וועגען דעם, וואָס דאָרט אין טעמפּעל טהוט זיך:

— דער הערר האָט שוין צובּראָכען די חתימה פֿון דעם טעמפּעל... ער וואַשט שוין דעם הײליגען גאָט... ער בּעקלײדט איהם שוין... ער האָט שוין פֿערמאַכט די טהיר...

אויף די פּנים'ער פֿון די, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָט זיך בּעוויזען אַ אונרוהיגקײַט און אַ נידערגעדריקטקײַט, נור אײן הרהור איז געבּליבּען קאַלטבּלוטיג. פּאַטראָקלעס איז געוועזען אונגעדולדיג און ניטאָגער האָט יעדע ווײַלע געשטערט די שטילקײַט מיט זײַן שטאַרקען קול. יעדעס מאָל, ווען דער אַלטער אָנפֿיהרער האָט עפּעס געזאָגט, האָבּען זיך די הויפֿ-לײַט געריהרט פֿון זײערע ערטער ווי דערשראָקענע שאָף און דערנאָך האָבּען זײ געקוקט אײנער אויף דעם אַנדערן, ווי זײ וואָלטען געזאָגט:

— דאָס איז אַ גראָבּער מענש, זײַן גאַנץ לעבּען האָט ער צו טהון מיט בּאַרבּאַרען, קען מען איהם דאָס מוחל זײַן.

פֿון די ווײַטערע צימערן האָט מען דערהערט אַ אָבּקלאַנג פֿון גלאָקען און פֿון געוועהר. אין דעם זאַל זענען אַרײַנגעגאַנגען אין צוויי רײַהען צוואַנציג גוואַרדיע-לײַט אין נאָלדענע העלמען און בּרוסט-בּענדער מיט אויסגעצויגענע שווערדען, דערנאָך זענען געגאַנגען צוויי רײַהען כּהנים און

נאָך זיי האָט זיך בעוויזען פּרעה, אין אַ וואָלקען פֿון רויך פֿון קטורת.

דער מלך פֿון מצרים, רעמסס דער צוועלפֿטער, איז אַלט געווען אַ ערך 60 יאָהר. דאָס פּנים זיינס איז פֿערוועלקט געוועזען. ער האָט געטראָגען אַ ווייס מלבוש, אויף דעם קאָפּ האָט ער געהאַט אַ רויט-ווייסען הוט מיט אַ גאָלדענע שלאַנג. אין דער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ לאַנגען שטעקען.

ווען די מחנה האָט זיך בעוויזען, זענען אַלע געפֿאַלען אויף די פּנימ'ער, נאָר פּאַטראָקלעס, אַלס באַרבאַר, האָט זיך בעניגען געלאָזט מיט בוקען זיך און ניטאָגער האָט אַנידערגעקניעט אויף איין פֿוס און באַלד האָט ער זיך אויפֿגעהויבען.

די לעקטיקאַ, אין וועלכער פּרעה איז געזעסען, האָט זיך פֿערהאַלטען פֿאַר אַ חופּה, אונטער וועלכער עס איז געשטאַנען אויף אַ הויך אָרט דער טראָן פֿון העביין. פּרעה איז לאַנגזאַם אַרויס פֿון דער לעקטיקאַ, אַ ווייַלע האָט ער געקוקט אויף די מענשען, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, און דערנאָך, זעצענדיג זיך אויף דעם טראָן, האָט ער זיין בליק לאַנג פֿערהאַלטען אויף דעם געזימס פֿון דעם זאַל, אויף וועלכען עס איז געוועזען אויסגעמאָהלט אַ קויל מיט בלויע פֿליגעל און גרינע שלאַנגען.

אויף דער רעכטער זייט פֿון פּרעה'ן האָט זיך געשטעלט דער גרויסער שרייבער, אויף דער לינקער זייט—דער שופט מיט אַ שטעקען, ביידע האָבען אויף דעם קאָפּ געטראָגען ריזענדיגע פּערוקען. דער שופט האָט אויפֿגעהויבען דעם שטעקען און אַלע האָבען זיך געזעצט, אָדער אַנידער-

געקניעט אויף דער פּאָדלאָגע. דער שרייבער האָט דאַן געזאָגט צו פּרעה'ן:

— הער אונזערער! מעכטיגער הערשער! דיין דינער ניטאָגער, דער גרויסער וועכטער פון דער מזרח־גרענעץ, איז געקומען דיר לויב אָבצוגעבען און האָט געבראַכט מס פון די איינגענומענע פעלקער: אַ וואַזאָן פון גרינעם שטיין פול מיט גאָלד, 300 אָקסען, 100 פערד און שמעקענדיג האָלץ טעשע.

— אַ אָרימער מס איז דאָס, מיין הער — האָט זיך ניטאָגער אָנגערופען. — אמת'דיגע אוצרות וואָלטען מיר געפינען ערשט נעבען דעם טייך פרת, וואו מען דאַרף צו דערמאָהנען די שוואַכע און חוצפּה'דיגע מלכים. אַז מצרים איז נאָך שטאַרק, ווי אין די צייטען פון רעמסס דעם גרויסען.

— ענטפער מיין דינער ניטאָגער'ן — האָט פּרעה געזאָגט צו דעם שרייבער — אַז זיינע ווערטער וועלען זעהר גוט בעטראַכט ווערען, און איצט פרעג איהם: וואָס מיינט ער וועגען די מיליטערס־פעהיגקייטען פון מיין זוהן, דעם קרוין־פּרינץ, מיט וועלכען ער האָט געכטען געהאַט דאָס גליק זיך צונויפצוטרעפען אונטער פּי־בעלות?

— אונזער הערשער, דער הער פון ניין פעלקער פרעגט דיך, ניטאָגער... — האָט אָנגעהויבען דער שרייבער.

דער אָנפיהרער האָט אָבער איבערגעריסען זיינע ווערטער.

אַלע, וואָס זענען דאָרט געוועזען, זענען שרעקליך בעראוישט געוואָרען פון ניטאָגער'ס העזה, ער האָט אָבער זיין דרייסטיגקייט נישט פערלוירען.

— איך הער אַליין, וואָס דער הער מיינער זאָגט.—

האָט ניטאָגער געזאָגט צו דעם שרייבער — זיין מויל, בשעת ער ווענדעט זיך צו מיר, קען זיין נאָר דער קרוין־פּרינץ, נישט דו, גרויסער שרייבער.

דער שרייבער האָט מיט שרעקעניש אַ קוק געטהון אויף דעם העזה'דיגען אָנפיהרער, פּרעה האָט אָבער געענטפערט:

— דאָס מויל פון מיין דיענער ניטאָגער זאָגט אמת.

דער קריגס־מיניסטער האָט זיך געבוקט.

דער שופט האָט אויסגערופען פאַר אַלע, וואָס זענען דאָרט געווען: כהנים, בעאַמטע און גוואַרדיע־לייט, אַז זיי קענען אַרויסגעהן אויפ'ן הויף און ער אַליין צוזאַמען מיט דעם שרייבער, בוקענדיג זיך פאַר דעם טראָן, האָבען דעם זאַל פערלאָזען. געבליבען אין איהם זענען נאָר פּרעה, הרהור און די צוויי אָנפיהרער.

— בויג צו דיינע אויערען, הערשער, און הער אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגען — האָט ניטאָגער אָנגעהויבען. — היינט אין דער פריה האָט מיר געזאָגט דער כהן און בעאַמטער, וואָס איז אויף דיין בעפעהל געקומען מיינע האָר זאַלבען, — אַז געהענדיג צו דיר, זאָל איך מיינע סאַנדאַלען איבערלאָזען אין דעם פאָרהויז, עס איז אָבער בעוואוסט נישט נאָר אין העכערן און נידריגערן מצרים, אָבער אויך ביי די בני חת, אין לוב, אין צור און אין לאַנד פּונט, אַז נאָך פאַר צוואַנציג יאָהר האָסט דו מיר געגעבען דאָס רעכט צו שטעהן פאַר דיר אין די סאַנדאַלען.

— אמת, אמת — האָט פּרעה געזאָגט — פערשיעדענע אונאָרדנונגען האָבען זיך אַריינגעגנב'עט אין מיין הויף אַריין.

גיב אַרויס אַ בעפעהל, מלך, און מײַנע אַלטע סאָלדאַטען װעלען באַלד אָרדנונג אײַנפיהרען... — האָט ניטאָגער געזאָגט.

אויף אַ צײַכען, װאָס דער קריגס־מיניסטער האָט געמאַכט, זענען אַרײַנגעלאָפען עטליכע בעאַמטע: אײנער האָט געבראַכט סאַנדאַלען און האָט זײ אָנגעטהון ניטאָגער'ן, אַנדערע האָבען אַנידערגעשטעלט זעהר טײַערע קלײנע שטוהלען אַרום דעם טראָן פאַר דעם מיניסטער און די אָנפיהרער.

װען די דרײַ גרויסע לײַט האָבען זיך אַנידערגעזעצט, האָט פרעה אַ פרעג געטהון:

— זאָג מיר, ניטאָגער, צי מײנסט דו, אַז מײַן זוהן װעט קענען זײַן אַ אָנפיהרער?... נאָר זאָג מיר דעם רײנעם אמת.

— איך שװער דיר בײַ דעם גאָט עמון פון טעב, בײַ מײַנע עלטערן, אין װעלכע עס האָט געפליסט קעניגליך בלוט, אַז רעמסס, דער קרוין־פּרינץ, װעט זײַן אַ גרויסער אָנפיהרער. אויב די געטער װעלען ערלויבען — האָט ניטאָגער געענטפערט — ער איז נאָך יונג, אַ יונגעל איז ער נאָך און דאָך האָט ער מיט גרויס געשיקליכקײט צונויפגענומען די פאָלקען און זײ לײַכט געמאַכט צו מאַרשירען. אַממערהרסטען איז מיר דאָס געפעלען געװאָרען, אַז ער האָט זיך נישט דערשראָקען װען איך האָב איהם דעם װעג איבערגעהאַקט און ער האָט זײַנע פאָלקען צוגעפיהרט צו אַ טײַך. ער װעט זײַן אַ אָנפיהרער און װעט מנצח זײַן אשור, װעלכען מען דאַרף איצט אונז אונטערטהעניג צו מאַכען, אויב מיר װילען, אַז אונזערע אײניקלעך

זאָלען זיי נישט זעהען נעבען דעם טייך נילוס.

— און וואָס זאָגסט דו, הרהור? — האָט פרעה געפרעגט.

— וואָס אָנבעלאַנגט אַשור, מיין איך, אַז דער גרויסער ניטאָגער זאָרגט זיך צו־פריה וועגען זיי. מיר זענען נאָך קראַנק נאָך די מלחמות, וואָס מיר האָבען לאַנג געפיהרט און מיר מוזען זיך שטאַרקען איידער מיר וועלען אָנהויבען אַ נייע מלחמה — האָט דער מיניסטער געזאָגט. וואָס אָבער אָנבעלאַנגט דעם קרוין־פּרינץ, איז ניטאָגער גערעכט, אַז דער יונגער־מאַן האָט מעלות פון אַ אָנפיהרער: ער איז פאָרזיכטיג ווי אַ פוקס און היציג ווי אַ לייב. פונדעסטוועגען האָט ער נעכטען פיעל פעהלער געמאַכט.

— ווער פון אונז מאַכט קיין פעהלער נישט? — האָט זיך אָנגערופען פּאַטראָקלעס, וואָס איז ביז איצט שטיל געזעסען.

— דער קרוין־פּרינץ — האָט דער מיניסטער ווייטער געזאָגט — האָט מיט קלוגשאַפט געפיהרט דעם קאָרפּוס, ער האָט אָבער פערנאַכלעסיגט זיין שטאַב, דאַדורך האָבען מיר מאַרשירט אָזוי לאַנגזאַם און אָהן אָרדנונג, אַז ניטאָגער האָט אונז געקאָנט דעם וועג פערשטעלען...

— אפשר האָט רעמסס אויף איינך גערעכענט? — האָט ניטאָגער געפרעגט.

— אין רעגירען און אין אַ מלחמה רעכענט מען אויף קיינעם נישט: אָן דעם מינדיסטען שטיינדעל, וועלכעס מען דערזעהט נישט. קאָן מען זיך אָבשטויסען און פאַלען — האָט דער מיניסטער געזאָגט.

— ווען איהר וואָלט נישט אראָבגעשטויסען דאָס

מיליטער פון דעם וועג — האט זיך פאטראקלעס אנגערופען — צוליעב די סקאראבעאושען דארט...

— איהר זענט א אויסלענדער און א אונגלויביגער— האט הרהור געזאגט — דאדורך זאגט איהר אזוי. מיר אבער, מצרים, פערשטעהען, אז ווען דאס פאלק און די סאלדאטען וועלען אויפהערען צו פערהייליגען די סקאראבעאושען, וועלען זייערע זיהן אויפהערען מורא צו האבען פאר דעם חרם. אז זיי וועלען פעראכטען די געטער, וועלען זיי זיך אויך בונטעווען געגען פרעה'ן.

— און צו וואס טויגען די העק? — האט ניטאגער געפרעגט—ווער עס וויל, אז דער קאפ זאל איהם בלייבען אויף דעם קארק, דער פאלגט דעם העכסטען אנפיהרער.

— נו, וואס מיינסט דו דאך וועגען דעם קרוין־פרינץ — האט פרעה געפרעגט הרהור'ן.

— לעבעדיג בילד פון דער זון, זוהן פון געטער— האט געענטפערט דער מיניסטער — הייס רעמסס'ן זאלבען, גיב איהם א גרויסע קייט און צעהן טאלענטען, נאר מאך איהם נאך נישט פאר א אנפיהרער פון דעם קארפוס אין מעמפי. דער קרוין־פרינץ איז נאך צו יונג, אז מען זאל איהם קענען אנטרויען אזא גרויסען אמט. ער איז נאך צו הייס, ער האט נאך קיין ערפארונג נישט. צי קענען מיר דען זאגען, אז ער איז גלייך צו פאטראקלעס'ן, וועלכער האט אין צוואנציג מלחמות צוטרעטען די פעלקער פון כוש און לוב. און צי קענען מיר איהם דען שטעלען נעבען ניטאגער'ן, וואס אונזערע פיינד פון מזרח און צפון ווערען בלאס, ווען זיי הערען זיין נאמען?

פרעה האָט אָנגעשפּאַרט זײַן קאָפּ אויף דער האַנד, געקלערט און געזאָגט:

— געהט אַוועק בשלום, מיט מײַן חסד. איך וועל טהון, ווי עס וועט מיך הײַסען דער יושר און די קלוגשאַפט...

אַלע האָבען זיך געבוקט נידריג און רעמסס דער צוועלפטער, נישט וואַרטענדיג אויף דער סוויטע, איז אַי־בערגעגאַנגען אין די ווײַטערע צימערן.

ווען די צוויי אָנפיהרער זענען געווען אַלײן אין פאָרהויז, האָט ניטאָגער געזאָגט צו פּאַטראָקלעס'ן:

— דאָ, זעה איך, הערשען די כהנים, ווי בײַ זיך אין דער הײם. אַזאַ אָנפיהרער איז דאָס דער הרהור! ער האָט אונז מנצח געווען. נאָך אײדער מיר האָבען געקאָנט עפּעס זאָגען און — דער קאָרפּוס ווערט נישט געגעבען דעם קרוין־פּרינץ!...

— מיך האָט ער אַזוי געריהמט, אַז איך האָב נישט געהאַט די העזה זיך אָנצורופען — האָט פּאַטראָקלעס געזאָגט.

— ער זעהט ווײַט, האָטש נישט אַלעס זאָגט ער. צוזאַמען מיט דעם קרוין־פּרינץ וואָלטען אַרײַנגעקומען אין דעם קאָרפּוס פערשידענע יונגע לײַט, וועלכע פאָהרען מיט זינגערינס אויף דער מלחמה און זײ וואָלטען די גרעס־טע שטעלונגען אָנגענומען. נאַטירליך וואָלטען די עלטערע אָפיצירען אָנגעהויבען פון כעס לײדיג צו געהן, און זײ וואָלטען נישט געקאָנט בעקומען העכערע שטעלען; די יונגע לײַט וואָלטען זיך בעשעפטיגט מיט פערוויילונגען, און דער קאָרפּוס וואָלט געפּלאַצט אײדער ער וואָלט צוגע־קומען צו דעם שונא. אָ, הרהור איז אַ חכם!...

— הלואי זאָל זײַן חכמה אײַך נישט טהײַערער קאָסטען פֿון דער אונערפֿאַהרענקײַט פֿון רעמסס׳ן! — האָט שטיל געזאָגט פּאַטראָקלעס.

דורך פֿיעל צימערן, וואָס זענען געווען פֿול מיט זײַלען אין מאָלערײַען איז פרעה דורכגעגאַנגען אין זײַן קאַבינעט, אָבנעהמענדיג בײַ יעדער טהיר בעגריסונגען פֿון כהנים און הויפֿס-בעאַמטע.

דער קאַבינעט פֿון פרעה איז געווען אַ צוויי-שטאָקיגער זאַל מיט וואָנד פֿון אַלבאַסטער, אויף וועלכע עס זענען געווען אויפֿגעמאָלט מיט גאָלד און אַנדערע פֿאַרבען די וויכטיגסטע פֿאָרפֿאַלען פֿון רעמסס דעם צוועלפֿטענס צײַטען: די לויב, וואָס די אײַנוואָהנער פֿון מעזאָפּאָטאַמיע האָבען איהם אָבגעגעבען, די שלוחים, וואָס דער קעניג פֿון בוכטען האָט צו איהם געשיקט און די טריאומף-רײַזע פֿון דעם אָבגאָט חאָנס אין דעם לאַנד בוכטען.

אין דעם זאַל זענען געווען: דאָס בילד פֿון דעם אָבגאָט האָרוס מיט אַ פֿויגעל-קאָפּ, וואָס איז געווען בעצירט מיט גאָלד און צירונג. פֿאַר איהם איז געווען אַ מזבח אין דעם געשטאַלט פֿון אַ אָבגעהאַקטע פּיראַמידע, דעם קעניגס געוועהר, טהײַערע פּאָטעלען, בענק און טישלעך, וואָס זענען געווען פֿול מיט קלײנע, קאָסטבאַרע זאַכען.

ווען פרעה האָט זיך דאָרט בעוויזען, האָט אײנער פֿון די כהנים, וואָס זענען דאָרט געווען, מקריב געווען פֿאַר איהם קטורת, און אײנער פֿון די בעאַמטע האָט געמאָלדען דעם קרוין-פּרינץ, וועלכער איז באַלד אַרײַנגעקומען און האָט זיך נידריג געבוקט פֿאַר דעם פֿאָטער. אויף

דעם פנים פון דעם קרוין-פרינץ האט מען דערקאנט א היציגע אונרוהיגקייט.

עס פרייעט מיך, ערפאטער — האט פרעה געזאגט — אז דו ביסט געזונדערהייד צוריקגעקומען פון דער שווערער רייזע.

— איביג זאלסט דו לעבען, הייליגער פאטער, און מיט דיינע מעשים זאלסט דו פול מאכען ביידע וועלטען! — האט דער קרוין-פרינץ געענטפערט.

— אט ערשט — האט פרעה געזאגט — האבען מיר מיינע יועצים דערצעהלט פון דיין ארבייט און חכמה.

דאס פנים פון קרוין-פרינץ האט געציטערט און איז רויט געווארען. ער האט געקוקט אויף פרעה'ן און געהערט וואס ער זאגט.

— פאר דיינע מעשים וועסט דו בעלויהנט ווערען. דו וועסט בעקומען צעהן טאלענטען, א גרויסע קייט און... צוויי גריכישע פאלקען, מיט וועלכע דו וועסט קענען מאכען מאנעווערען.

דער פירשט איז געבליבען ווי פערשטיינערט, נאר נאך א ווייל האט ער געפרעגט שטיל:

— און דעם קארפוס פון מעמפי?...

— איבער א יאהר וועלען מיר ווידער מאכען מאנעווערען, און אויב דו וועסט קיין פעהלער נישט מאכען פיהרענדיג דאס מיליטער, וועסט דו בעקומען דעם קארפוס.

— איך וייס, דאס האט הרהור געמאכט!

האט אויסגעשריען דער קרוין-פרינץ, קוים איינהאלטענדיג זיין כעס.

ער האָט זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען און ווייטער געזאָגט:

— איך קאָן קיינמאל נישט זיין מיט דיר אַליין, פאָטער... צווישען אונז געפינען זיך שטענדיג פרעמדע מענשען.

פרעה האָט לייכט מיט די ברעמען געשאָקעלט און זיין סוויטע איז ענטלאָפען ווי א מחנה שאָטענס.

— וואָס ווילסט דו מיר זאָגען?

— נאָר דאָס איינע, פאָטער... הרהור איז מיין שונא... ער האָט מיך אָנגעקלאָגט פאר דיר און מיר אזא בושה געמאַכט!

דער קרוין־פרינץ האָט זיך געביסען די ליפען און די פויסטען געדריקט.

— הרהור איז מיין טרייער דינער און דיין גוטער פריינד. איהם האָסט דו צו פערדאנקען דאָס, וואָס דו ביזט א קרוין־פרינץ, איך וויל דאָס נישט אַנטרויען דעם קארפוס אַ יונגען אַנפיהרער, וועלכער האָט זיך געלאָזט אַבהאַקען פון זיין ארמעע.

— איך האָב זיך געשלאָסען מיט איהר!... — האָט געענטפערט דער קרוין־פרינץ מיט ערביטערונג — הרהור האָט דאָס געהייסען אראָבגעהן פון וועג, אויף וועלכען מען האָט דערזעהן צוויי סקאראבעאושען.

— אפשר ווילסטו, אז א כהן זאל אין די אויגען פון דעם מיליטער פערשוואַכען די אמונה?

— פאָטער! — האָט רעמסס געזאָגט מיט א ציטע־רענדע שטימע — כדי מען זאל נישט שטערען דעם גאנג

פֿון די סקאַראַבעאושען, האָט מען פֿערשאָטען אַ קאַנאַל און גערהרג'עט אַ מענש.

— דער מענש האָט אַליין אויפֿגעהויבען געגען זיך זיין האַנד.

— שולדיג איז אָבער הרהור.

— אין די פֿאָלקען, וועלכע דו האָסט אַזוי קינסטליך גיך פֿערזאַמעלט נעבען פּי-בעלות, זענען דרייסיג מענשען געשטאָרבען פֿון מידקייט און עטליכע הונדערט זענען קראַנק געוואָרען.

דער קרוין-פּרינץ האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט.

— רעמסס! — האָט פּרעה ווייטער געזאָגט — דיין מויל רעדט נישט אַזוי, ווי אַ מויל פֿון אַ גרויסען מאַן אין דער מלוכה, וועלכער זאָרגט דערויף, אַז די קאַנאַלען זאָלען גאַנץ בלייבען און די אַרבייטער זאָלען לעבען. נאָר ווי אַ מויל פֿון אַ מענש, וועלכער כּעס'ט זיך. און כּעס קאָן נישט זיין צוזאַמען מיט יושר. ווי אַ רויבפֿויגעל קען נישט זיין צוזאַמען מיט אַ טויב.

— אָ, פֿאָטער! — האָט אויסגעשריען דער קרוין-פּרינץ — דער כּעס דערהיצט מיך נאָר דערפֿאַר, וואָס איך זעה, אַז הרהור און די כּהנים זענען מיינע שונאים...

— דו אַליין ביזט דאָך אַ אייניקיל פֿון דעם כּהן-גדול, די כּהנים האָבען דיך געלערנט... דו האָסט געלערנט זייערע סודות מעהר ווי יעדער אַנדערער פּירשט...

— איך האָב דערקענט זייער גאוה, וועלכע ווערט קיינמאָל נישט זאַט און זייער גרויסען חשק צו הערשען. און ווייל זיי ווייסען, אַז איך וועל נישט דערלאָזען, אַז זיי אַליין זאָלען הערשען איבער אַלעם, זענען זיי שוין היינט מיינע שונאים... הרהור וויל מיר נישט געבען דעם קאָרפּוס,

ווײַל ער וויל הערשען איבער דער גאַנצער-אַרמעע...

אויסרעדענדיג דיזע ווערטער, האָט ער אָנגעהויבען צו ציטערן פון שרעק. פרעה האָט אָבער געקוקט אויף איהם מיט ליעבע און איהם רוהיג געענטפערט:

— איבער דער אַרמעע און דער מלוכה הערש איך. פון מיר פליסען אַלע בעפעהלען, ווי דאָס וואַסער פון אַלע קאַנאַלען פליסען פון נילוס. אויף דער וועלט בין איך די וואָג פון דעם גאָט אָזיריס און איך אַליין וועג די מעשים פון מײַנע משרתים: פון קרוין-פרינץ, פון מינסיטער און פון פאָלק. אַ נאַר איז דער, וואָס מײַנט, אַז נישט אַלע געוויכ-טער זענען מיר בעוואוסט.

— און דאָך ווען דו, פאָטער, וואָלסט געקוקט אויף די מאַנעווערן מיט אײַגענע אויגען...

— אפשר וואָלט איך געזעהן אַ אָנפיהרער — האָט איהם פרעה איבערגעהאַקט — וועלכע לויפט נאָך אַ יודיש מײַדעל צווישען די בוימער אין דער וויכטיגסטער צײַט פון מאַנעווערן. נאָר איך וויל פון אַזעלכע קלײַניגקײַטען נישט חיסען.

דער קרוין-פרינץ איז געפאַלען דעם פאָטער צו די פיס זאָגענדיג:

— טוטמאָזיס האָט דיר דאָס דערצעהלט?

— טוטמאָזיס איז אַ קינד, ווי דו, ער לײַהט זיך שוין געלד, אַלס אַ הויפט-מאַן פון דעם שטאַב אין דעם קאָרפוס פון מעמפיס, און מײַנט אין זײַן הארצען, אַז פרעה'ס אויג זעהט נישט, וואָס מען טהוט אין דער מדבר.

זיעבענטעס קאפּיטעל.

עטליכע טעג שפּעטער איז דער קרוין־פּרינץ רעמסס גערופען געוואָרען זיך צו שטעלען פאַר דעם פּנים פון זיין מוטער ניטאָגריס. וועלכע איז געוועזען די צווייטע פרוי פון פּרעה׳ן, נאָר דאַמאָלס איז זי געוועזען די גרעסטע מלכה אין מצרים.

די געטער האָבען קיין טעות נישט געהאַט אין דעם, וואָס זיי האָבען זי געמאַכט פאַר א מוטער פון דעם קינפטיגען קעניג. זי איז געוועזען א הויכע, געניג דיקע און האָטש זי איז שוין אַלט געוועזען פערציג יאָהר, איז זי נאָך שען געוועזען, אין איהרע אויגען, אין פּנים און אין גאַנצען געשטאַלט, איז געוועזען אַזא חן, אַז אַפילו ווען זי איז געגאַנגען איינע אַליין אין איהר געוועהנליך קלייד, ווי א כהנ׳ס טאָכטער, האָבען זיך מענשען פאַר איהר געבוקט.

די מלכה האָט איהר זון אויפגענומען אין איהר קאַבינעט, וואָס איז געוועזען אויסגעפּלאַסטערט מיט פאַיאַנס. זי איז געזעסען אויף א שטול אונטער א פּאַלמע, ביי איהרע פיס איז געלעגען אויף א פוסענבענקעלע א קליינער הונד; אויף דער צווייטער זייט האָט געקניעט א שקלאַפין מיט א פעכער, די מלכה האָט געהאַט אויף זיך א מאַנטעל פון מושלין, וואָס איז געוועזען אויסגעהאַפטען מיט גאָלד און אויף דעם פערוק האָט זי געהאַט א רייף, וואָס איז געוועזען פול מיט צירונג.

ווען דער קרוין־פּרינץ האָט זיך נידריג געבוקט, האָט איהם דער הונד אַרומגעשמעקט אין אַלע זייטען, און די מלכה. האָט געפרעגט שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ:

— פאַר וואָס האָסט דו, רעמסס, פערלאַנגט זיך צו זעהן מיט מיר?

— נאָך פּאַר צוויי טאָג, מוטער...

— איך האָב געוואוסט, אז דו ביזט בעשעפטיגט. נאָר היינט האָבען מיר ביידע צייט און איך קאָן אויסהערען וואָס דו ווילסט.

— דו רעדטסט צו מיר אַזוי, מוטער, אז איך שפּיר אַזאַ קעלט, ווי אַ שטאַרקער ווינד פון דער מדבר וואָלט אין מיר געבלאָזען און איך האָב שוין פערלוירען דעם מוטה דיר פאָרצושטעלען מיין בקשה.

— דו ווילסט אודאי געלד?

רעמסס איז צומישט געוואָרען און האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט.

— פיעל דאַרפסט דו?

— פופצעהן טאַלענטען...

— אָ, געטער! — האָט די מלכה אויסגעשריען —- פאַר צעהן טעג האָט מען דאָך אויסגעצאָהלט צעהן טאַלענטען פון דעם שאַץ. געה דיך איבער, מיין קינד, אין גאָרטען— האָט די מלכה געזאָגט צו דער שווארצער שקלאַפין, און ווען זי איז איבערגעבליבען אליין מיט איהר זוהן, האָט זי איהם געפרעגט:

— דיין יודיש מיידיל פערלאַנגט פון דיר אזוי פיעל?

רעמסס איז רויט געוואָרען, און דאָך האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— דו ווייסט, מוטער, אז עס איז נישט אזוי, ווי דו זאָגסט, נאָר איך האָב פערשפּראָכען מתנות צו געבען דעם מיליטער און... איך קאָן מיין וואָרט נישט האַלטען!...

די מלכה האָט געקוקט אויף איהם רוהיג און געזאָגט:

— ווי נישט גוט איז דאָס, אַז אַ זוהן מאַכט אַ בעשלום, נישט פרעגענדיג די מוטער. און טאַקי, געדענקענדיג, אַז דו ביסט יונג, האָב איך דיר געוואָלט געבען אַ שקלאַפין פון פעניציע, וועלכע' דיר האָט מען געשיקט מיט צעהן טאַלענטען גדן. דו ווילסט אָבער בעסער אַ יודיש מיידיל.

— זי איז מיר געפעלען געוואָרען. אַזאַ שעהן מיידיל איז נישט פערהאַנען צווישען דיינע שקלאַפען און אויך נישט צווישען די פרויען פון זיין הייליגקייט, פרעה...

זי איז דאָך אָבער אַ יודיש מיידיל!...

— האָב זי נישט פיינד, איידער דו זעהסט זי, איך בעט דיך, מוטער... דאָס איז נישט וואָהר, וואָס מען זאָגט, אַז יודען עסען חזיר און הרג'ענען קעץ...

די מלכה האָט געשמייכעלט.

— דו רעדסט אַזוי, ווי אַ יונגעל פון דער נידריגסטער שולע פון די כהנים — האָט זי געענטפערט הויבענדיג די פלייצעס — און דו פערגעסט גאָר, וואָס רעמסס דער גרויסער האָט געזאָגט: „דאָס געלע פאָלק איז גרעסער און רייכער פון אונז; זאָלען מיר געגען דעם פאָלק קעמפפען, נאָר מיט פאַרזיכטיגקייט, כדי עס זאָל נישט ווערען נאָך שטאַרקער..." איך גלויב נישט, אַז אַזאַ מיידיל פון דעם פאָלק זאָל ווערט זיין צו ווערען די ערשטע געליבטע פון דעם קרוין-פרינץ.

— ציי קענען דען די ווערטער פון רעמסס'ן האָבען עפעס אַ שייכות צו אַ טאָכטער פון אַ אָרימען אַרענדאַר?...— האָט אויסגעשריען דער קרוין-פרינץ — איבעריגענס, וואו זענען פאַרהאַנען ביי אונז יודען?... נאָך פאַר דריי הונדערט

יאָהר זענען זענען אַרוים פֿון מצרים, און היינט האָבען זיי עפּעס אַ אָרימע מלוכה, אין וועלכער עס הערשען כהנים...

— איך זעה — האָט די מלכּה געענטפערט — אַז דיין געליעבטע פערבּרענגט נישט די צייט מיט גאָרנישט, זי לערנט דיך... זיי פאָרזיכטיג, רעמסס!... געדענק, אַז זייער אָנפיהרער, משה, איז געווען אַ כהן אַ פערטרעטהער וועלכען מען פערשעלט נאָך היינט אין אונזער בית־מקדש'ס... געדענק, אַז יודען האָבען פון מצרים אַרויסגעטראָגען מעהר אוצרות, וויפיעל זייער גאַנצע אַרבּייט איז ווערטה געוועזען אין פיעל דורות; זיי האָבען ביי אונז צוגענומען נישט נאָר גאָלד, אָבער אויך די אמונה אין איינציגען גאָט און אונזערע הייליגע געזעץ, וועלכע זיי האַלטען פאַר אייגענע, ווייס אויך דאָס — האָט זי ווייטער געזאָגט האַסטיג — אַז די טעכטער פון דעם פאָלק ווילען בעסער שטאַרבּען, איידער צו וואָהנען מיט אַ פרעמדען. און ווען זיי געבען זיך שוין יאָ אָב אַ פרעמדען, טהוען זיי נאָר דאָס, כּדי צו ערווערבען אַ פריינד פאַר זייער פאָלק, אָדער כּדי איהם צו הרג'ענען...

— גלויב מיר, מוטער, אַז די אַלע מעשיות שטאַמען נאָר פון די כּהנים. זיי ווילען נישט דערלאָזען, אַז צו דעם פיסענבּענקעלע פון טראָן זאָלען קענען צוקומען מענשען פון אַ אַנדער גלויבען, וועלכע וואָלטען געקענט דיענען פּרעה'ן געגען זיי...

די מלכּה האָט זיך אויפגעהויבען פון דעם שטוהל, און פערלעגענדיג די הענד אויף דער ברוסט, האָט זי מיט בעוואונדערונג זיך איינגעקוקט אין איהר זוהן.

בכן איז דאָס וואָהר, וואָס מען האָט מיר געזאָגט

אַז דו האָסט פֿײַנד די כּהנים!— האָט זי געזאָגט — דו, זײַער געליעבטער תּלמיד?...

— איך האָב נאָך אַוודאי די צייכענעס פֿון זײַערע שטעקענס אויף מײַנע פּלײצעס!... — האָט דער קרוין-פּרינץ געענטפֿערט.

— אָבער דײַן זיידע, מײַן פֿאָטער, וועלכער וואָהנט בײַ די געטער, אמון-חטף, איז געוועזן אַ כּהן-גדול און האָט געהאַט אַ גרויסע מאַכט אין דעם לאַנד...

— טאַקי דעריבער, ווײַל מײַן זיידע איז געוועזן אַ הערשער און מײַן פֿאָטער איז איצט אַ הערשער, קאָן איך נישט דערלײַדען די מאַכט פֿון הרהור...

— די שטעלע האָט איהם אָבגעגעבען דײַן זיידע, דער הײליגער אמון-חטף...

— און איך וועל איהם אַראָבוואַרפֿען פֿון דיזער שטעלע.

די מוטער האָט געהויבען די פּלײצעס איהרע.

— און דו ווילסט דאָס זײַן אַ אָנפֿיהרער פֿון דעם קאָרפּוס?...— האָט זי זיך אָנגערופֿען מיט אַטרויריגקײט— דו ביסט דאָך, ווי אַ קאַפּריזיש מײדיל און נישט אַ מענש מיט מוטה, וואָס קען אַ אָנפֿיהרער זײַן!...

— וואָס זאָגסטו דו? — האָט דער קרוין-פּרינץ איבערגעהאַקט, אײַנהאַלטענדיג זיך פֿון כּעס.

— איך דערקען נישט מײַן זון... איך זעה נישט אין דיר דעם קינפֿטיגען הערשער פֿון מצרים!... די מלוכה אין דײַנע הענד, וועט זײַן ווי אַ שיפֿעל אויף דעם נילוס אָהן רודער... דו וועסט אַרויסטרײַבען פֿון הויף די כּהנים, און ווער וועט דיר בלײַבען?... ווער וועט זײַן דײַן אויג אין

לאנד און ווער אין אויסלאנד ?... און פרעה מוז דאך אלץ זעהן, אלץ, אויף וואס נאר עס פאלט דער געטליכער שטראהל פון אזירים...

— די כהנים ווערען זיין מיינע דיענער, און נישט קיין מיניסטארען...

— זיי זענען דאך טאקי די טרייעסטע דיענער. דורך זייערע תפלות הערשט דיין פאטער שוין דריי און דרייסיג יאהר און פיהרט נישט קיין מלחמות, וועלכע וואלטען געקענט פערהאנגליקען...

— די כהנים! — האט איבערגעהאקט רעמסס.

— פרעה'ן און די מלוכה! — האט זי ווייטער געזאגט — ציי ווייסט דו, וואס עס טהוט זיך מיט אונזער שאץ, פון וועלכען דו נעהמסט אין איין טאג צעהן טאלענטען און ווילסט נאך פונפצעהן?... ציי ווייסט דו, אז ווען נישט די כהנים וואלטען אזוי געשטיצט אונזער שאץ מיט זייער געלד, ווען נישט די כהנים, וואס נעהמען פאר דעם שאץ אפילו דאס טהייערסטע צירונג פון די געטער, וואלטען די קעניגליכע גיטער שוין לאנג געוועזען אין די הענד פון די פעניציאנער?...

— איין גליקליכע מלחמה, וועט פערגיסען אונזער שאץ, ווי דער נילוס פערגיסט יעדעס יאהר אונזערע פעלדער.

די מלכה האט געלאכט.

— ניין — האט זי געזאגט — דו, רעמסס ביסט נאך א קינד, דיינע זינדיגע ווערטער קענען נאך נישט גערעכענט ווערען פאר א עברה. איך בעט דיך, בעשעפטיג זיך מיט דעם גריכישען פאלק און ווער פטור ווי אמגיכסטען דאס

יודישע מיידיל און די מלוכה לאז איבער ... אונז.

— פארוואס זאל איך פטר'ן שרה'ן?

— ווארום ווען דו וואלסט מיט איהר געהאט א זוהן, וואלטען אויסגעבראכען סכסוכים אין דער מלוכה, וועלכע האט אהן דעם אויך גענוג דאגות.

— אויף די כהנים — האט זי ווייטער געזאגט — קענסט דו ברוגז זיין, קיינער זאל אבער דערפון נישט ווי־סען. זיי ווייסען, אז א קרוין־פרינץ דארף מען פיעל מוחל זיין, בפרט ווען ער איז אזוי היציג ווי דו. די צייט וועט אבער אויך דיך בערוהיגען אויף דעם לויב פון אונזער הויז און דעם רוהם פון אונזער מלוכה.

דער קרוין־פרינץ האט זיך בעקלערט. פלוצלונג האט ער זיך אנגערופען.

— בכן וועל איך פון דעם שאץ נישט קענען בעקו־מען קיין געלד?

— דו וועסט נישט בעקומען, בשום אופן נישט. ווען איך וואלט היינט דעם גרויסען שרייבער נישט געגעבען די פערציג טאלענטען, וואס צור האט מיר געשיקט, וואלט ער שוין היינט נישטגעקאנט אויסצאהלען דעם מיליטער דעם לויהן.

— און וואס וועל איך טהון מיט דעם מיליטער?...— האט דער קרוין־פרינץ געזאגט רייבענדיג זיך דעם שטערן מיט אונגעדולד.

— ווער פטור פון דעם יודישען מיידעל און בעט די כהנים... אפשר וועלען זיי דיר לייהען.

— אָ, קײנמאָל נישט!... איך וויל בעסער נעהמען בײַ די פֿעניציאַנער.

די מלכּה האָט מיט דעם קאָפּ געשאָקעלט.

— דו ביזט אַ קרוין-פּרינץ, טהו וואָס דו ווילסט.. איך וואָרען דיך אָבער, אַז דו וועסט מוזען אַ גרוים משכּון געבען, און אַ פֿעניציאַנער, ווען ער וועט דיר אַ מאָל לײַהען געלד, וועט ער דיך שוין פֿון זײַן האַנד נישט אַרויסלאָזען. זײַ זענען נאָך ערגער פֿון יודען.

— אויף צו בעצאָהלען אַזעלכע חובות, וועל איך נאָך גענוג האָבען פֿון מײַנע אײַנקינפֿטען.

— מיר וועלען זעהן... איך וואָלט מיט מײַן גאַנץ האַרץ דיר געוואָלט העלפֿען, נאָר איך האָב נישט... — האָט די מלכּה געזאָגט מיט טרויריגקײַט, פֿאַנאַנדערלעגענדיג די הענד, — טהו אַלזאָ, וואָס דו ווילסט. נאָר געַדענק, אַז די פֿעניציאַנער זענען אין אונזערע גיטער, ווי מײַז אין שפּײַכלערס, ווען אײנער שטופּט זיך אַרײַן דורך אַ שפּאַרע, קומען אַנדערע נאָך איהם.

רעמסס האָט זיך נישט געאײַלט אַרויסצוגעהן.

— ציִ האָסט דו נאָך עפּעס מיר צו זאָגען? — האָט זי געפֿרעגט.

— איך האָב דיך געוואָלט פֿרעגען... מײַן האַרץ זאָגט מיר, אַז דו מוטער, האָסט עפּעס פֿלענער וועגען מיר. וואָס פֿאַר פּלענער האָסט דו?

די מלכּה האָט איהם געגלעט דאָס פּנים.

— נאָך נישט איצט... נאָך נישט איצט!... הײַנט

בּיסט דו פרײַ, ווי יעדער אדעלמאַן אין דעם לאַנד, בּענוּץ דיך אַלזאָ מיט דער פרײַהײַט!... עס וועט אָבער קומען אַ אַ צײַט, רעמסס, ווען דו וועסט מוזען חתונה האָבען מיט אַ פרוי, וואָס איהרע קינדער וועלען זײַן פּרינצען און איהר זוהן וועט זײַן דײַן טראָן-פאָלגער. איך קלער וועגען די צײַטען.

— און וואָס קלערסט דו?

— איך ווײס נאָך נישט בּעשטימט, וואָס איך האָבּ מיט דיר צו טהון. נאָר יעדענפאַלס זאָגט מיר די פּאָליטישע חכמה, אַז דײַן ווײַבּ וועט מוזען זײַן אַ כהן'ס טאָכטער...

— אפשר הרהור'ס טאָכטער?... — האָט רעמסס אויסגעשריען מיט אַ געלעכטער.

— וואָס פאַר אַ שלעכטס וואָלט אין דעם געווען? הרהור וועט קירצליך ווערען אַ כהן-גדול אין טעבּי, און זײַן טאָכטער איז ערשט אַלט פערצעהן יאָהר.

— און זי וואָלט בּעשטאַנען דערויף, צו פערנעהמען בּײַ מיר דאָס אָרט פון אַ יודיש מײדעל?... — האָט רעמסס געפרעגט מיט ליצנות.

— דו וואָלסט געמוזט זיך בּעמיהען וועגען דעם אַז מען זאָל דיר פערגעסען די הײַנטיגע זינד.

— איך קוש דײַנע פיס, מוטער, און געה אַוועק — האָט רעמסס געזאָגט אָנחאַפּענדיג זיך בּײַ דעם קאָפּ, — איך האָבּ דאָ געהערט אַזוי פיעל משונה'דיגע ווערטער, אַז

איך הויב אָן מורא צו האָבען, אַז דער נילוס זאָל נישט פליסען צוריק, אָדער אַז די פּיראַמידען זאָלען נישט אַוועק־געהן אויף דער מזרח'דיגער מדבר.

— לעסטער נישט גאָט, מיין קינד — האָט די מוטער געזאָגט קוקענדיג מיט שרעק אויף איהר זוהן — אין דעם לאַנד האָט מען שוין גרעסערע וואונדער געזעהן...

— צי מיינסט דו נישט די וואונדער — האָט ער געפרעגט מיט א ביטער געלעכטער — אַז די ווענד פון דעם קעניגליכען פּאַלאַץ האָבען אונטערגעהאָרכט דעם שמועס פון זייערע בעלי־בתים?

— מען האָט שוין געזעהן, ווי פרעה'ס זענען גע־שטאָרבען באַלד נאָך זייער אויפשטייגען אויף דעם טראָן און ווי עס זענען געפאַלען דינאַסטיעס, וועלכע האָבען געהערשט איבער נייַן פעלקער!

— ווייל די פרעה'ס האָבען פערגעסען אָן דער שווערט און זיך בעשעפטיגט גאָר מיט דעם קטורת!... — האָט דער קרוין־פּרינץ געענטפערט

— ער האָט זיך געבוקט און איז אַוועקגעגאַנגען.

וואָס ווייטער דער קרוין־פּרינץ איז אָבגעגאַנגען אין דעם לאַנגען קאָרידאָר, דאָס מעהר איז דאָס פּנים פון דער מלכה געענדערט געוואָרען: זי איז דורכגענומען גע־וואָרען מיט שמערץ און שרעק און אין איהרע גרויסע אויגען האָבען זיך טרעהרען בעוויזען.

זי איז צוגעלאָפען צו א בילד פון א געטין, האָט אָנגעדער געקניעט און שטענדיג אינדיש קטורת אויף קויהלען, האָט זי געזאָגט:

— אָ, איזיס, איזיס, איזיס, — דריי מאָל מעלד איך דיין נאָמען, אָ, איזיס, וועלכע געבירט שלאַנגען, קראָקאָדילען און שטרויס־פייגעל, דרייפאַכיג זאָל געלויבט ווערען דיין נאָמען ... אָ, איזיס, וועלכע שיצסט די תבואה־קערנער, זיי זאָלען נישט פערפוילט ווערען, דערבאַרם דיך און שיץ מיין זוהן!... דרייפאַכיג זאָל געלויבט זיין דיין נאָמען דאָ... און דאָרט... און דאָרט... און היינט, און אייביג, און אין אלע דורות, ווי לאַנג נאָר די בית־מקדש׳ם פון אונזערע געטער וועלען זיך אָבשפּיגלען אין דעם נילוס.

מתפלל זייענדיג און שלאָכצענדיג, האָט די מלכה זיך געבוקט אַזוי נידריג, אז מיט איהר שטערן האָט זי בעריהרט די ערד. און אין דער זעלבער מינוט האָט זיך ווי פון דער הויך געהערט א שטילע שטימע:

— די תפלה פון צדיקים ווערט אלע מאָל אָנגענומען..

די מלכה האָט זיך גיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט און פול מיט בעוואונדערונג האָט זי אָנגעהויבען זיך אומצוקוקען אין אלע זייטען. אין צימער איז אָבער קיינער נישט געווען, נאָר פון די ווענד האָבען געקוקט אויף איהר די געמאָלטע בלומען און פון איבער דעם מזבח — דאָס בילד פון דער געטין, וואָס איז פול געווען מיט איבערערדישער רוהע.

אכטעס קאפיטעל.

דער קרוין-פרינץ איז א בעזארגטער צוריק אוועק אין זיין פאלאץ און האט געהייסען רופען טוטמאזיס'ען.

— דו מוזט מיך אויסלערנען — האט דער קרוין-פרינץ צו איהם געזאגט — ווי מען בעקומט געלד...

— אהא...— האט זיך טוטמאזיס פונאנדערגעלאכט.— דאס איז אזא קלוגשאפט, וועלכע מען לערנט נישט אין די העכערע שולען פון די כהנים. נאר איך וואלט געקענט זיין דער גרעסטער לעהרער פון דער קלוגשאפט, אפילו א נביא...

— דארט לערנט מען, אז מען זאל קיין געלד נישט לייהען — האט רעמסס געזאגט.

— ווען איך וואלט נישט מורא געהאט צו פעראונ-רייניגען — מיט לעסטערונג, וואלט איך געזאגט, אז פיעל כהנים פערברענגען די צייט מיט גארנישט... ארימע מענשען זענען זיי, כאטש זיי זענען הייליגע... זיי עסען נישט קיין פלייש, זיי לאזען זיך בעניגען מיט איין פרוי, אדער זיי האבען קיין שום בעציהונגען נישט מיט פרויען און — זיי ווייסען נישט, וואס דאס איז זיך געלד לייהען... איך בין צופרידען — האט טוטמאזיס ווייטער געזאגט — אז די קלוגשאפט וועסט דו, רעמסס, לערנען פון מיר. היינט פערשטעהסט דו שוין, וואס פאר יסורים מען האט, ווען מען האט קיין געלד נישט. א מענש, וואס דארף געלד, האט קיין אפעטיט נישט, שלאפט נישט רוהיג, אויף פרויען קוקט ער מיט בעוואונדערונג, ווי ער וואלט געפרעגט: „צי וואס טויגען זיי?"... אין דעם קיהלסטען בית-מקדש

שלאָגט איהם אַ פֿייער אין די אויגען, און אין דער גרעסטער היץ אין דער מדבר, ציטערט ער פֿון קעלט. ער קוקט, ווי אַ משוגענער, ער הערט נישט, וואָס מען רעדט צו איהם, זיין פּערוק איז אויסגעדרעהט און נישט בעגאָסען איז זי מיט פּערפֿום. ער בערוהיגט זיך נאָר אויף אַ ווײַלע בײַ אַ קרוג שטאַרקען ווײַן, און בלײַבט רוהיג נאָר ווי לאַנג ער איז שכּור, שלאָפֿט ער זיך נאָר אוים, הויבט ער ווידער אָן צו שפּירען ווי אונגליקליך ער איז, ווי די ערד וואָלט זיך געשפּאָלטען אונטער איהם...

— איך זעה דאָס — האָט טוטמאָזיס ווײַטער געזאָגט — אין דײַן אונרוהיגקײַט, אין דײַן וואַרפֿען מיט די הענד. דו ביסט פֿערצווייפֿעלט, ווײַל דו האָסט קיין געלד נישט. קירצליך וועסט דו אָבער פֿיהלען אַ פֿערלײַכטערונג ווי מען וואָלט דיר אַראָבגענומען פֿון דער ברוסט אַ גרויסען ספֿינקס *) שפּעטער וועסט דו פֿערגעסען אַלע דײַנע איציטיגע לײַדען, און דערנאָך ... אך! דו גליקליכער רעמסס! דו ווייסט גאָר נישט, ווי גרויס דײַן פֿערגניגען וועט זײַן!. אויב דו וועסט דיר לײַהען געלד און דער טערמין וועט פֿאָריבער געהן, וועלען דײַנע בעלי חובות קומען דיך בעזוכען, מכּלומר'ש אום דיר זייער אונטערטעניגקײַט אויסצודריקען, דאַן וועסט דו זײַן ווי אַ הירש, וואָס ווערט געיאָגט פֿון הינד, אָדער ווי אַ מיידעל פֿון מצרים. וועלכע דערזעהט אַ קראָקאָדיל, ווען זי שעפּט וואַסער פֿון טײַך.

— דו רעדסט אַזוי שען — האָט איהם רעמסס

---

*) ספֿינקס — אַ אָבגאָט, וואָס ליגט ווי אַ לייב און האָט אַ קאָפּ און ברוסטען פֿון אַ פֿרוי

איבּערגעהאַקט -- אָבּער קײן דראַחמאַ װעל איך פֿון דײן ־עדען נישט געקומען ...

— דו װעסט בּעקומען געלד! — האָט טוטמאָזיס איהם געענטפֿערט — איך גײה שױן צו דעם באַנקיר פֿון פֿעניציע, דגון, און אָװענדס, האָטש ער װעט דיר נאָך קײן געלד נישט געבּען, װעסט דו רוהע האָבּען.

טוטמאָזיס איז אַרױסגעלאָפֿען, האָט זיך געזעצט אין אַ קלײנע לעקטיקאָ און זײענדיג אַרומגענומען מיט דיענער און אױך מיט אַזעלבּע לײבּטזיניגע יונגע לײט װי ער אלײן, איז ער פֿערשװאונדען געװאָרען אין די אַלעען פֿון דעם גאָרטען.

פֿאַר דעם זון־אונטערגאַנג איז אין דעם הױז פֿון דעם קרױן־פּרינץ געקומען דער פֿעניציאַנער דגון, װאָס איז געװען דער בּעריהמטסטער באַנקיר אין מעמפֿיס. ער איז געװען אַ מענש אין מיטעלע יאָהרען, אַ געלער, דאַרער, נאָר אַ גוט־געבּױטער. ער איז געװען געקלײדט אין אַ בּלױער טוניקע און אױף איהר האָט ער געטראָגען אַ װײסען מאַנטעל פֿון דינען שטאָף. די האָר זײנע זענען געװען לאַנג און צונױפֿגעדריקט מיט אַ גאָלדענער רײף, זײן באָרד איז געװען גרױס, שװאַרץ.

די װאָהנונג פֿון דעם קרױן־פּרינץ איז פֿול געװען מיט יונגע־לײט פֿון דער אַריסטאָקראַטיע. אונטען האָבּען זיך אײנע געבּאָדען און געזאַלבּט, אַנדערע האָבּען גע־שפּילט שאָך און אין דאָמינאָ אױף דעם ערשטען שטאָק אין דער הױך, נאָך אַנדערע האָבּען געטרונקען װײן אין געצעלטען אױף דעם דאַך צוזאַמען מיט טענצערינס. דער קרױן־פּרינץ האָט קײן װײן נישט געטרונקען, נישט

געשפּילט, נישט גערעדט מיט די פרויען, ער איז נאר ארומגעגאנגען אויף איין זייט פון דאך, אונגעדולדיג אויס־קוקענדיג דעם פעניציאנער. ווען ער האט איהם געזעהן אנקומען אין א לעקטיקא אויף צוויי אייזלען, איז ער אראב־געגאנגען אויף דעם ערשטען שטאק, וואו עס איז געוועזן א פרייער צימער.

נאך א ווײלע איז אין דער טהיר געשטאנען דגון. ער האט אויף דער שוועל אנידערגעקניעט און אויסגעשריען:

— געזונד זאלסט דו זיין, נייע זון פון מצרים!...
אייביג זאלסט דו לעבען און דיינע בעפעהלען זאלען געהערט ווערען אין די אלע וויטע ברעגען, וואו עס קומען אן די שיפען פון פעניציע...

אויף דעם בעפעהל פון דעם קרוין־פּרינץ האט ער זיך אויפגעהויבען און ווארפענדיג מיט די הענד האט ער געזאגט:

— ווען דער גרויסער הערר טוטמאזיס איז אראב־געגאנגען פון זיין לעקטיקא פאר מיין ארים הייזעל (א ארים הייזעל איז מיינס געגען דיינע פאלאצען, קרוין־פרינץ!), האט אזא ליכטיגקייט געשלאגען פון זיין פנים, אז איך האב באלד געשריען צו מיין פרוי: תמר, דער גרויסער הערר טוטמאזיס איז געשיקט געווארען פון איינעם, וואס איז העכער פון איהם, ווי דער לבנון איז העכער פון דעם זאנד אויף דעם ברעג פון ים... און מיין פרוי פרעגט: — פון וואנען ווייסט דו, מיין הערר, אז דער גרויסער הערר טוטמאזיס קומט נישט פון זיין אייגענעם רצון?...—ווייל ער איז נישט געקומען מיט געלד, ווארום ער האט קיין געלד נישט, און ער איז נישט געקומען נעהמען געלד, ווארום

איך האָב קיין געלד נישט... — אין דער מינוט האָבען מיר ביידע זיך געבוקט דעם גרויסען הערר טוטמאָזים. און ווען ער האָט אונז געזאָגט, אַז דו, גרויסער קרוין-פּרינץ, פערלאַנגסט פונפצעהן טאַלענטען פון דיין שקלאַף, האָב איך געפרעגט מיין פרוי: תמר, צי האָט מיין הארץ מיך שלעכט געלערנט? — דגון, דו ביסט אַזוי קלוג, אַז דו דאַרפסט ווערען אַ יועץ פון דעם קרוין-פּרינץ... — האָט מיין פרוי געענטפערט.

רעמסס איז זעהר אונגעדולדיג געוואָרען, און דאָך האָט ער אויסגעהערט אַלעס, וואָס עס האָט געזאָגט דער באַנקיר.

— ווען מיר האָבען זיך איבערלעגט און פערשטאַנען — האָט דער פעניציאַנער געזאָגט ווייטער — אַז דו, מיין הערר, ווילסט האָבען פון מיר אַ טובה, איז אַזאַ שמחה אריינגעקומען אין אונזערע הערצער, אַז איך האָב געהייסען אונזערע דינער געבען צעהן קרוגען ביער. און מיין פרוי, תמר, האָט געהייסען, אַז איך זאָל איהר קויפען נייע אויה-רינגען. מיין פרייד האָט זיך אַזוי געשטאַרקט, אַז ווען איך בין דאָ אַהערגעפאָהרען, האָב איך נישט ערלויבט דעם אייזעל-טרייבער שלאָגען די אייזלען, און ווען מיינע שמוציגע פיס האָבען בעריהרט דיין שוועל, האָב איך אַרויסגענומען אַ גאָלדענע רינג (אַ גרעסערע פון דער, וואָס דער גרויסער הרהור האָט געגעבען אונאַנאַ'ן!) און איך האָב די גאָלדענע רינג געגעבען אייער שקלאַף, וועלכער האָט מיר געגאָסען וואַסער אויף די הענד. איך בעט דיך, גנעדיגער קרוין-פּרינץ, פון וואַנען שטאַמט די זילבערנע קרוג, מיט וועלכער מען האָט מיר בעגאָסען די הענד?

— די קרוג האט מיר פערקויפט עזריה בן גבר פאר צוויי טאלענטען.

— א יוד? דו האנדעלסט מיט א יוד? און וואס וועלען די געטער זאגען?...

— עזריה איז א סוחר אזוי ווי דו—האט דער קרוין־פרינץ געענטפערט.

הערענדיג די ווערטער, האט זיך דגון מיט ביידע הענד אנגעהאפט ביים קאפ, ער האט געשריען און געזיפצט:

— אוי, בעל־תמוז!... אוי, בעלות!...אוי, עשתרות!.. עזריה בן גבר, א יוד, איז אזא סוחר. ווי איך?... אוי, פיים מיינע, צו וואס האט איהר מיך דא אהער געבראכט?... א, הארץ מיינס, פאר וואס ליידסט דו אזא שמערץ און אזא שפלות?... גרויסער קרוין־פרינץ — האט דער פעניציאנער געשריען — שלאג מיך, האק מיר אב די האנד, אויב איך וועל פעלשען געלד, נאר זאג נישט, אז א יוד קאן זיין א סוחר. פריהער וועט פאלען צור, פריהער וועט פון צידון ווערען זאנד, איידער א יוד וועט זיין א סוחר. זיי קענען מעלקען זייערע דארע ציגען, אדער מישען לעהם מיט שטרוי אונטער דער בייטש פון מצרים, אדער האנדלען?... טפו!... טפו!... דאס איז א אונריין פאלק פון שקלאפען!... רויבער, גנבים!...

דער קרוין־פרינץ איז אין כעס געווארען, נאר באלד האט ער זיך בערוהיגט.

— בכן — האט ער געזאגט — וועסט דו מיר לייהען, געעהרטער דגון, פופציהן טאלענטען?

— א, עשתרות!.. פופציהן טאלענטען?... פופציהן

טאַלענטען איז אַזוי שווער, אַז איך וועל מוזען זיך זעצען און גוט זיך איבערקלערען.

— נו, זיץ.

— פאר אַ טאַלענט — האָט געזאָגט דער פעניציאַנער וועצענדיג זיך בעקוועם אויף אַ שטוהל — קען מען בעקומען צוואַנציג גאָלדענע קייטען אָדער זעכציג שענע קיה, אָדער צעהן שקלאַפען צו דער אַרבייט, אָדער איין שקלאַף, וואָס קען שפּיעלען אויף אַ פלייט, אָדער מאָלען, אָדער גאָר היילען. אַ טאַלענט איז אַ שרעקליך פערמעגען!..

דעם קרוין-פּרינץ האָבען די אויגען אָנגעהויבען צו בלאַנקען.

— נו, ווען דו האָסט נישט קיין פופצעהן טאַלענטען... — האָט איהם איבערגעהאַקט דער קרוין-פּרינץ.

דער פעניציאַנער איז דערשראָקען געוואָרען און האָט זיך פּלוצלונג אַראָבגערוקט פון דעם שטוהל אויף דער ערד.

— ווער האָט דאָס נישט קיין געלד אויף דיין בעפעהל, זוהן פון דער זון? — האָט ער געשריען — אמת טאַקי, איך בין אַ אָרימאַן, וואָס זיין גאָלדצירונג און אַלע גיטער זענען נישט ווערטה דיינם אַ בליק. ווען איך וועל אָבער געהן צו אונזערע סוחרים און וועל זאָגען, ווער עס האָט מיך געשיקט, וועלען מיר ביז מאָרגען אַרויסגראָבען פופצעהן טאַלענטען, אַפילו פון אונטער דער ערד. ווען דו קרוין-פּרינץ, וואָלסט זיך געשטעלט אונטער אַ אָבגעדאַרט פייגענבוים און געזאָגט: „גיעב געלד!"... וואָלט דאָס פייגענבוים דיר געגעבען געלד... קוק אָבער נישט אַזוי אויף מיר, וואָרום איך שפּיר אַ שמערץ אין האַרץ און דער

מוח ווערט מיר פערמישט—האט דער פעניציאנער געזאגט מיט א בעטענדע שטימע.

— נו, זיץ, זיץ!...—האט דער קרוין־פרינץ געזאגט מיט א שמייכעל.

דגון האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און זיך נאך בעקוועמער געזעצט אויף דעם שטוהל.

— אויף ווי לאנג ווילסט דו, קרוין־פרינץ, פופצעהן טאלענטען? — האט ער געפרעגט.

— אויף א יאהר.

— זאג באלד: אויף דריי יאהר. נאר פרעה אליין וואלט געקאנט אבגעבען פופצעהן טאלענטען אין איין יאהר, אבער נישט א יונגער קרוין־פרינץ, וועלכער מוז יעדען טאג אויפנעהמען ביי זיך לוסטיגע אדעללייט און שענע פרויען... אוי, די פרויען!... צי איז דאס אמת, אז דו, קרוין־פרינץ, האסט גענומען צו זיך שרה'ן, גדעונ'ס טאכטער?

— און וויפיעל ווילסט דו פראצענט? — האט איהם דער קרוין־פרינץ איבערגעהאקט זיינע ווערטער.

— א קלייניגקייט, פון וועלכען עס איז פאר דיין הייליג מויל גארנישט כדאי צו רעדען. פון פופצעהן טאלענטען וועסט דו צאהלען פינף טאלענטען א יאהר און דורך דריי יאהר וועל איך אליין אבנעהמען אלעס און דו, הייליגער קרוין־פרינץ, וועסט אפילו נישט וויסען.

— דו וועסט מיר היינט געבען פופצעהן טאלענטען און נאך דריי יאהר וועסט דו אבנעהמען דרייסיג?...

— די געזעץ אין מצרים ערלויבען צו נעהמען אזוי פיעל פראצענט, וויפיעל די הלואה בעטרעפט — האט געענטפערט דער פעניציאנער.

— ציִ איז דאָס אָבער נישט צו פיעל!

— צו פיעל?... האָט דגון געשריִען. — יעדער גרויסער הערר האָט אַ גרויסען הויף. אַ גרויס פערמעגען און צאָהלט גרויסע פּראָצענטער. איך וואָלט מיך געשעמט צו נעהמען וועניגער פון אַ קרוין־פּרינץ; און דער קרוין־פּרינץ אַליין וואָלט געקענט מיך הייסען שלאָגען מיט שטעקענס, ווען איך וואָלט געהאַט די העזה צו נעהמען וועניגער...

— ווען וועסט דו ברענגען געלד?

— ברענגען?... אָ, געטער! דאָס וועט איין מענש נישט קאָנען. איך וועל בעסער מאַכען: איך אַליין וועל אויסצאָהלען פאַר דעם קרוין־פּרינץ, כדי דו זאָלסט נישט דאַרפען קלערען וועגען אַזעלכע נאַרישקייטען.

— ווייסט דו דען, וועמען איך דאַרף אויסצאָהלען.

— אַ ביסעל ווייס איך — האָט דער פעניציאַנער געענטפערט — דו ווילסט שיקען זעקס טאַלענטען פאַר דעם מזרח'דיגער אַרמעע, און זיי אויסצאָהלען קענען אונזערע פּאַנקירען פון מגדול. דריי טאַלענטען ניטאָגער'ן און דריי פּאַטראָקלעס'ן, דאָס וועט מען שוין דאָ פערזאָרגען שרה'ן און איהר פאָטער גדעון, וועל איך אויסצאָהלען דורך דעם פאַרך עזריה... אַזוי וועט זיין בעסער, וואָרום זיי וואָלטען דיך גענאַרט אין רעכנונג.

רעמסס האָט אָנגעהויבען מיט אונגעדולד צו געהן אַהין און אַהער אין צימער.

— בכן דאַרף איך דיר געבען אַ וועקסעל אויף דרייסיג טאַלענטען? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ וועקסעל?... צו וואָס טויג אַ וועק־

סעל ? ... דער קרוין-פרינץ וועט מיר געבען אין ארענדע זיינע גיטער אין טאקענס שת, נאחא-מענט, ניערוא-פעך, שבת-חמא און חובה.

— אין ארענדע? — האט דער קרוין-פרינץ גע-פרעגט — דאס געפעלט מיר עפעס נישט...

— און פון וואס דען וועל איך אבנעהמען מיין געלד, מיינע דרייסיג טאלענטען?...

— ווארט. איך מוז קודם-כל פרעגען דעם אויפ-זעהער פון די שפייכלער ווייל די גיטער טראגען איין אייניקינפטען.

— צו וואס זאלסטו זיך אזוי בעלעסטיגען?... וואס קען א אויפזעהער וויסען? ער ווייסט גארנישט, ווי איך בין א ערליכער פעניציאנער. יעדעס יאהר איז דאס גערע-טעניש אנדערש, און די איינקינפטען זענען אנדערש... איך קען האבען א שאדען אין דעם געשעפט און דאן וועט מיר דער אויפזעהער איהם נישט אומקעהרען...

— מיר דוכט זיך אבער, דגון, אז די גיטער טראגען איין מעהר ווי צעהן טאלענטען יעהרליך...

— וויל דער קרוין-פרינץ מיר נישט טרויען? גוט! אויף דיין בעפעהל קען איך דיר לאזען דאס גיט אין שת... דער קרוין-פרינץ איז נאך נישט זיכער, אז מיין הארץ איז איהם איבערגעגעבען?... נו, וועל איך דיר לאזען דאס גוט אין שבת-חמא... נאר צו וואס טויג דא דער אויפזעהער? ער וועט לערנען דעם קרוין-פרינץ, וואס ער זאל טהון?... א, עשתרות! איך וואלט נישט געקאנט שלאפען, נישט עסען, ווען עפעס א אויפזעהער, א אונטערטהעניגער און א שקלאף, וואלט געהאט די העזה שכל צו לערנען מיין גנעדיגען הערר,

דאָ דאַרף מען נאָר אַ שרײַבער, וועלכער וועט אויפשרײַבען, אַז דו גרויסער קרוין-פּרינץ, גיבסט מיר אין אָרענדע אויף דרײַ יאָהר דײַנע גיטער אין די און די בעצירקען. און מען דאַרף זעכצעהן עדות, אַז איך האָב געהאַט אַ גליק און האָב בעקומען אַזאַ גרויסען חן אין דײַנע אויגען און דו האָסט מיר אַזאַ כּבוד אָנגעטהון, אָבער צו וואָס זאָלען די דינער וויסען, אַז זײַער הערר לײַהט בײַ מיר געלד?...

דער קרוין-פּרינץ איז שוין מיעד געווען פון אויסהערען די פּלוידערײַ און האָט געהויבען די פּלײַצעס.

— מאָרגען—האָט ער געזאָגט — זאָלסט דו בּרענגען געלד, אַ שרײַבער און עדים. איך וויל פון דעם נישט וויסען.

— אַך, וואָס פאַר קלוגע ווערטער געהען אַרויס פון דײַן מויל! — האָט דער פעניציאַנער אויסגעשריען. — אײַביג לעבען זאָלסט דו, גרויסער קרוין-פּרינץ

נײַנטעס קאַפּיטעל

אויף דער לינקער זײַט פון נילוס, אויף דעם צפון'דיגען ברעג פון דער פאָרשטאָדט מעמפיס איז געווען דאָס גוט, וואָס דער קרוין-פּרינץ האָט געגעבען שרה'ן, גדעון'ס טאָכטער, זי זאָל דאָרט וואָהנען.

נישט קײַן גרויס גוט איז דאָס געווען. שטעהענדיג אויף דעם דאַך פון הויז, האָט מען עס אין גאַנצען געקאָנט זעהן. די פעלדער זענען געווען אויף אַ באַרג און אײַנגעטײַלט אין 4 טהײַלען, וועלכע אײַנע איז גרעסער געווען פון דער אַנדערער. די צוויי נידריגערע און גרעסערע טהײַלען, וועלכע דער נילוס האָט שטענדיג בעגאָסען, זענען בעשטימט געווען אויף תּבואה און גרינצײַג. אויף דער דריטער

טהייל, וועלכע איז טהיילמאל נישט בעגאסען געווארען, האבען געוואקסען פאלמען, פייגען און אנדערע פרוכט-בוימער. אויף דער פירטער טהייל, וועלכע איז געווען די העכסטע, איז געווען א גארטען, וואס איז געווען בעזעצט מיט עהל-בוימער, וויין-בוימער, נוס-בוימער און קאשטאנען, צווישען וועלכע עס האט זיך געפונען דאס הויז.

דאס הויז איז געווען א האלצערנעס, מיט א פלאכען דאך, וועלכער איז געווען געמאכט, ווי א געצעלט פון ליינוואנד. אונטען האט געוואהנט א שווארצער שקלאף, וועלכען רעמסס האט דארט אריינגעזעצט, אויף דעם ערשטען שטאק האט געוואהנט שרה מיט איהרס א קרובה און א דיענערין טאפעט. דאס הויז איז געווען ארומגענומען מיט א מויער פון נישט דערברענט ציגעל, און עטוואס אבגערוקט פון דעם הויז זענען געווען בנינים פאר בהמות, דיענער און אויפזעהער.

די צימערן פון שרה'ן זענען געווען נישט גרויסע, נאר הערליכע. אויף די פאדלאגעס זענען געלעגען דיוואנעס, אין די טהירען און פענסטער האבען געהאנגען קאסטבארע אין פערשידענפארביגע פאסען. עס זענען דארט געווען געשניצטע בעטען און שטוהלען, געמאלטע קאסטענס אויף מלבושים, דריי-און איין-פיסיגע טישלעך, אויף וועלכע עס זענען געשטאנען וואזאנען מיט בלומען. הויכע, שמאלע קרוגען צו וויין, קעסטעלעך מיט פלעשלעך פארפומען, גאלדענע און זילבערנע, גרעסערע און קלענערע בעכערלעך. וואזאנען און שיסלען פון פאיאנס, לעמפלעך פון בראנז. יעדע זאך, אפילו די קלענסטע, איז געווען בעצירט מיט

שניצערייען אָדער מיט קאָלירטע ריסונקעס, יעדעס מלבוש— מיט שפּיצען און פרענדזלען.

שרה האָט שוין צעהן טאָג געוואָהנט אין דעם פּערי בארגענעם הייזעל, שעמענדיג זיך און מורא האָבענדיג פאַר מענשען. איהר בושה און שרעק זענען געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו פון די דינער אין דעם גוט האָט זי קיינער נישט געזעהן. אין איהר צימער איז זי געזעסען און גענעהט, גע־וועבט ליינוואַנד אויף אַ קליינעם ווערקשטעל, אָדער זי האָט געמאַכט בלומען־קראַנצען פאַר רעמסס וועגען. טהיילמאָל איז זי אַרויפגעגאַנגען אויף דעם דאַך און אָברוקענדיג מיט פאַרזיכטיגקייט די ליינוואַנדענע ווענד, האָט זי געקוקט אויף דעם נילוס, וואָס איז פול געווען מיט קליינע שיפלעך און זייערע רודערער האָבען געזונגען פרעהליכע לידער. אָדער אויפהויבענדיג די אויגען, האָט זי געקוקט מיט שרעק אויף די טהורמען פון דעם קעניגליכען פאַלאַץ, וואָס איז געווען אויף דער צווייטער זייט נילוס. דאַמאָלס איז זי צוריקגעלאָפען צו איהר אַרבייט און האָט גערופען איהר דינערין טאַפעט.

— זיץ דאָ, מוטער—האָט זי געזאָגט— וואָס טהוסט דו אונזען?...

— דער גערטנער האָט געבראַכט פרוכטען און פון דער שטאָדט האָט מען געשיקט ברויט, וויין און פייגעל; איך האָב דאָס אַלעס געמוזט אָבנעהמען.

— זיץ דאָ און רעד עפּעס, וואָרום איך האָב מורא.

— אַ נאַרישׁ קינד ביסט דו! — האָט געענטפערט טאַפעט מיט אַ געלעכטער — דעם ערשטען טאָג האָט אויך צו מיר געקוקט אַ אימה פון יעדען ווינקעלע; ווען איך בין

אָבער אַרויסגעגאַנגען פֿון דער מויער, איז די אימה פֿער-שוואונדען געוואָרען. פֿאַר וועמען האָב איך מורא צו האָבען דאָ, וואו אַלע קניען און פֿאַלען אויף פּנים'ער פֿאַר מיר? פֿאַר דיר וואָלטען זיי אַ ודאי זיך געשטעלט אויף די קעפּ!... גע אַרוים אין גאָרטען, ער איז אַזוי שעהן ווי אַ גן-עדן... קוק אַרוים אויף דעם פֿעלד, וואו מען נעהמט צונויף דעם ווייץ... זעץ זיך אין אַ געשניצט שיפֿעל, וואָס איהרע שיפֿער זענען שוין דאַר פֿון בענקעניש, זיי האָפֿען אויף דער מינוט, ווען זיי וועלען דיך קאָנען זעהן און פֿיהרען איבער דעם נילוס...

— איך האָב מורא..

— פֿאַר וועמען? פֿאַרוואָס?

— ווייס איך דען?... ווי לאַנג איך נעה, מיין איך אַז איך בין אין אונזער טהאָל. און באַלד וועט דער פֿאָטער אָנקומען. ווען אָבער דער ווינד רוקט אָב די פֿאָרהאַנג פֿון דעם פֿענסטער און איך קוק פֿון דער הויך אויף דעם גרוי-סען... גרויסען לאַנד, דוכט זיך מיר... ווייסט דו, וואָס מיר דוכט זיך?... אַז מיך האָט געחאַפּט אַרויב-פֿויגעל און איבערגעטראָגען אין זיין נעסט אויף אַ פֿעלז, פֿון וועלכען איך קאָן נישט אַראָבגעהן...

— אַך, דו... דו! ווען דו וואָלסט געוואוכט, וואָס פֿאַר אַ וואָגע דער קרוין-פּרינץ האָט היינט געשיקט! אַ קוּ-פּערנע וואָגע!... און וואָס פֿאַר אַ דרייפֿוס צום פֿייער, וואָס פֿאַר טעפּ!... און ווען דו וואָלסט געוואוסט, אַז איך האָב היינט צוויי הינער בעזעצט און קורצליך וועלען מיר קליינע הינדלעך האָבען...

ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און קיינער האָט זי

נישט געקאָנט זעהן, איז שרה געווען דרייסטער. זי איז דאַמאָלס אַרויפגעגאַנגען אויף דעם דאַך און געקוקט אויף דעם טייך. און ווען פון ווייטענס האָט זיך באַוויזען אַ קליין שיפעל, וואָס איז געווען באַלייכט מיט שטאָלקאַרצען, וועלכע האָבען אויף דעם שוואַרצען וואַסער אויסגעשניצט בלוטיגע און פייערדיגע פּאַסען, האָט שרה מיט ביידע הענד צוגעדריקט איהר האַרץ, וועלכעס האָט געציטערט ווי אַ געכאַפּטער פויגעל. דאָרט איז געפאָהרען צו איהר רעמסס, און זי וואָלט אליין נישט געקאָנט זאָגען, וואָס מיט איהר געשיהט: צי פרעהט זי זיך, אַז עס קומט אָן צו איהר דער שענער קרוין־פּרינץ, וועלכען זי האָט דערקאָנט אין דעם טהאָל, צי שרעקט זי זיך פאַר דעם גרויסען הערשער, וועלכען זי וועט באַלד זעהן און וועט נישט דרייסט זיין, אפילו אַ בליק אויף איהם צו וואַרפען?

אַ מאָל, פרייטאָג, איז צו איהר געקומען איהר פאָטער גדעון צום ערשטען מאָל. שרה האָט מיט געוויין זיך געוואָרפען אויף זיין האַלז; זי האָט איהם אַליין אָבגעוואַשען די פיס און אויף דעם קאָפּ האָט זי איהם געגאָסען פאַרפום, באַדעקענדיג איהם מיט קושען. גדעון איז שוין געווען האַלב גרוי. ער איז געווען געקליידט אין אַ העמד ביז צו די פיס, וואָס איז אונטען געווען אַרומגענעהט מיט קאָלירטע שפּיצען, אויף דעם העמד האָט ער געטראָגען אַ נעלען קאַפטאַן אָהן אַרבעל. דער קאָפּ זיינער איז געווען באַדעקט מיט אַ קליינעם הוט, וואָס איז אויבען געווען שמאָל.

— דו ביזט געקומען?... דו ביזט געקומען!...— האָט שרה גערופען און האָט ווידער אָנגעהויבען צו קושען זיינע הענד און זיין קאָפּ.

— איך וואונדער זיך אַליין, אַז איך בין דאָ! — האָט גדעון געענטפערט מיט טרויעריגקייט — איך האָב זיך אַרייַנגעכאַפּט אין גאָרטען אַרייַן, ווי אַ גנב; אויף דעם גאַנצען וועג פון מעמפיס, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַלע מצריים טייַטלען אויף מיר מיט די פינגער און יעדער יוד שפייַט...

— דו, פאָטער, האָסט דאָך מיך אַליין אָבגעגעבען דעם קרוין־פּרינץ?... — האָט שרה שטילערהייד געזאָגט.

— איך האָב דיך אָבגעגעבען, ווארום וואָס דען האָב איך געקאָנט טהון? איבריגענס אפשר דאַכט זיך מיר נאָר אַזוי, אַז יעדער טייַטעלט און שפייַעט אויף מיר. די מצריים, וועלכע עס קענען מיר נאָר, בוקען זיך פאַר מיר. וואָס גרעסער דער מצרי איז, דאָס נידריגער בוקט ער זיך פאַר מיר. אין דער צייַט, וואָס דו ביזט דאָ, האָט אונזער הער, סעזאָפּרים, געזאָגט, אַז מען דאַרף מייַן הויז צו פערגרע־סערן; הער חרות האָט מיר געגעבען אַ פּאַס מיט דעם בעסטען ווייַן, און דער הויפּט־מאַן פון דעם געגענד אַליין האָט געשיקט צו מיר זייַן גרעסטען דיענער, ער זאָל מיך פרעגען: צי דו ביזט געזונד און צי איך וויל בייַ איהם ווערען אַ פערוואלטער?

— און יודען?... — האָט שרה געפרעגט.

— וואָס, יודען!... זיי ווייסען, אַז נישט פון מייַן אייגענעם רצון האָב איך דיך אָבגעגעבען, אַז איך בין גע־צוואונגען געווען דערצו. נו, און נישט אייַנער וואָלט גע־וואָלט, אַז עס זאָל איהם אַזאַ אונגליק געשעהן. זאָל אונז אַליעמען גאָט אַליין משפט'ן. זאָג מיר בעסער: וואָס מאַכסט דו?

— אין גן־עדן וועט איהר בעסער נישט זײַן — האָט זיך טאַפּעט אָנגערופען — אַ גאַנצען טאָג ברענגט מען אונז פּרוכטען, ווײַן, ברויט און פלײַש, וואָס נאָר דאָס האַרץ בעגערט. און די וואַנע, וואָס מיר האָבען ?... זי איז אין גאַנצען פון קופּער. און די קיך־געשיר, וואָס מיר האָבען !...

— פאַר דרײַ טאָג — האָט שרה זיך אָנגערופען — איז בײַ מיר געוועזען דער פעניציאַנער דגון. איך האָב איהם נישט געוואָלט אָנקוקען, נאָר ער האָט זיך אַזוי געבעטען...

— ער האָט מיר געגעבען אַ גאַנצען פינגעריל — האָט טאַפּעט געזאָגט.

— ער האָט מיר געזאָגט — האָט שרה ווײַטער דערצעהלט — אַז ער איז בײַ מײַן הער אַ אַרענדאַר. ער האָט מיר געשענקט צוויי בראָנזאָלעטען אויף די פיס, אוירינגלעך פון פערל און אַ שאַכטעל מיט בשמים פון לאַנד פונט.

— פאַרוואָס האָט ער דאָס דיר געגעבען? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— פאַר גאָרנישט. ער האָט נאָר געבעטען, אַז איך זאָל איהם האָבען אין זינען און איך זאָל אַ מאָל זאָגען מײַן הער, אַז דגון איז זײַן געטרײַעסטער דינער.

— זעהר גיך וועסט דו אָנקלויבען אַ גאַנצען קאַסטען מיט אוירינגלעך און בראָנזאָלעטען — האָט מיט אַ שמײַכעל געזאָגט גדעון — אַך — האָט ער נאָך אַ ווײַלע וויעדער געזאָגט — קלויב גיך אָן אַ גרויס פערמעגען און דאַן וועלען מיר עַנטלויפען אין אונזער לאַנד, וואָרום דאָ איז אונז שטענדיג שלעכט! אונגליקליך זענען מיר, ווען אונז איז שלעכט און נאָך אונגליקליכער, ווען אונז איז גוט.

— און וואָס וואָלט מײַן הער געזאָגט? — האָט

שרה געפּרעגט מיט טרויריגקייט. גדעון האָט מיט זיין קאָפּ געשאָקעלט.

— איידער עס וועט פאַרביינעהן אַ יאָהר, וועט דיך דיין העֶר אוועקוואַרפען, און אַנדערע וועלען איהם צוהעלפען. ווען דו וואָלסט געווען אַ מצרי׳שע טאָכטער, וואָלט ער דיך גענומען אין זיין הויז אַריין, אָבער אַ יודישע טאָכטער?...

— ער וועט מיך אוועקוואַרפען? — האָט שרה גע־פרעגט זיפצענדיג

— וואָס האָסט דו זיך צו זאָרגען אויף דעם. וואָס וועט זיין אין די טעג, וועלכע וועלען אָנקומען. וועלכע זענען נאָך ביי גאָט? איך בין געקומען. ביי דיר שבת אָב־צוהאַלטען...

— איך האָב פיינע פיש, פלייש, פּלעצלעך און כשר׳ן וויין — האָט זיך אָנגערופען טאַפּעט — איך האָב אויך געקויפט אין מעמפיס אַ לייכטער מיט זיבען רעהרען און וועקסענע ליכט... עס וועט זיין אַ שבת!...

גדעון איז מיט זיין טאָכטער אַרויפגעגאַנגען אויף דעם דאַך, ווען זיי זענען געבליבען אַליין, האָט ער געזאָגט:

— טאַפּעט האָט מיר געזאָגט, אַז דו זיצסט שטענ־דיג אין דער היים. פאַרוואָס? מען דאַרף חאָטש אויף אַ ווייל־ע אַרויסגעהן אין גאָרטען.

שרה האָט אַ ציטער געטהון.

— איך האָב מורא — האָט זי געענטפערט.

— וואָס האָסט דו מורא צו האָבען צו געהן אין

דײַן גאָרטען אַרײַן ?... דאָ איז דאָך אַלעס דײַן, דו ביזט אַ גרויסע הערשערין...

— אַמאָל בין איך בײַ טאָג אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען... עס האָבען מיך דערזעהן עפּעס מענשען און זײַ האָבען געזאָגט איינער צום אַנדערן. „זעהט, דאָס איז די יודענע פון דעם קרוין־פּרינץ, דורך וועלכער עס פערשפּעטיגט זיך דאָס וואַסער אָנצוקומען אין נילוס!"...

— זײַ זענען נאַרען — האָט גדעון געזאָגט — ציי נאָר דאָס מאָל פערשפּעטיגט זיך דאָס וואַסער אָנצוקומען אין נילוס? דערווײַל קענסט דו דאָך אָבער אַרויסגעהן אין גאָרטען אָוועגדס.

שרה האָט נאָך מעהר געציטערט.

— איך וויל נישט!... איך וויל נישט!... — האָט זי געשריען — אַ אַנדערט מאָל בין איך אַרויסגעגאַנגען אָוועגדס, דאָרט צווישען די עהל־בוימער. פּלוצלונג זענען אַרויסגעגאַנגען פון די זײַטען צוויי פרויען... איך בין דערשראָקען געוואָרען און האָב געוואָלט ענטלויפען... דאַמאָלס האָט מיך איינע פון זײַ, די יונגערע, נידריגערע אָנגעחאַפּט בײַ דער האַנד און געזאָגט: „ענטלויף נישט! מיר מוזען דיך אָנקוקען!"... און די עלטערע, די העכערע, איז געשטאַנען עטליכע טריט פאַר מיר און האָט מיר געקוקט אין די אויגען. אַך. פאָטער, איך האָב געמיינט, אַז איך ווער פערשטיינערט... וואָס פאַר אַ פרוי איז דאָס געווען... וואָס פאַר אַ קוק!...

— ווער האָט דאָס געקאָנט זיין די פרוי? — האָט גדעון געפרעגט.

— די עלטערע האט אויסגעזעהן ווי א כהנ'טע.

— און זי האט צו דיר גארנישט געזאגט?

— גארנישט. נאר ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען, האב איך געהערט א שטימע אודאי פון דער עלטערער. וועלכע האט געזאגט נאר די ווערטער: „זי איז טאקי שען"...

גדעון האט זיך פערטראכט.

— אפשר זענען דאס געווען עפעס גרויסע דאמען פון הויף?

די זון איז אונטערגעגאנגען און אויף ביידע ברעגען פון נילוס האבען זיך פערזאמעלט מאסען מענשען, וועלכע האבען מיט אונגעדולד געווארט אויף א סיגנאל, אז דער נילוס ווערט פולער. שוין צוויי טאג האט געוועהעט א ווינד פון ים און דער נילוס איז גרין געווארען. אין דער ברונען פון די כהנים אין מעמפיס, האט זיך דאס וואסער נישט געהויבען. מענשען זענען אונרוהיג געווען. אין דער זעלבער צייט האט שוין דער נילוס בעדארפט אויסצוגיסען און בעוועסערן אלע פעלדער. אין אויבער-מצרים, האט ער שוין אויסגעגאסען, ווי מען האט געזעהן פון די סיגנאלען, און דא רעכט מען שוין זיך אויף דעם אויסגוס צוויי וואכען און מען זעהט איהם נישט.

— פארוואס קומט ער נישט? — האבען געפרעגט די בויערען, וועלכע האבען מיט אונגעדולד ארויסגעקוקט אויף דעם סיגנאל.

איידער עס האבען זיך אויף דעם הימעל בעוויזען שטערן, האט טאפעט געדעקט דעם טיש מיט א וויים טישטוך, זי האט אנידערגעשטעלט דעם לייכטער מיט זיבען ליכט,

צוגערוקט צום טיש דריי שטוהלען און געמעלדעט, אַז באַלד וועט זי דערלאַנגען עסען.

גדעון האָט אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און געזאָגט מיט אויפגעהויבענע אויגען:

— גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָס דו האָסט אַרויסגעצויגען אונזער פאָלק פון מצרים, פון דעם שקלאַפען-אָרט, וואָס דו האָסט מיט די קינדער ישראל'ס כּורת-ברית געווען, ערלויב אונז צו עסען אָהן זינד די פרוכט פון דיין ערד, ציה אונז אַרויס פון טרויריגקייט און שרעקעניש און פיהר אונז צוריק צו אונזער לאַנד...

אין דעם מאָמענט האָט זיך פון אונטער דער מויער אָנגערופען אַ קול:

— זיין גרויסקייט טוטמאָזיס, דער טרייעסטער דינער פון זיין הייליגקייט פרעה'ן און פון דעם קרוין-פּרינץ...

— אייביג זאָל ער לעבען!... — האָבען זיך אָנגערופען עטליכע שטימען פון דעם גאָרטען.

— זיין גרויסקייט — האָט ווייטער געזאָגט אַ איינציגע שטימע — שיקט אַ גרוס דער שענסטער רויז פון לבנון:

ווען די שטימע איז שטיל געבליבען, האָבען זיך געלאָזט הערען טענער פון אַ האַרפע און אַ פלעט.

— מוזיק! — האָט אויסגעשריען שרה פאַטשענדיג מיט די הענד — מיר וועלען אָבהאַלטען שבת מיט מוזיק...

— זאָלען זיי דאָרט שפּילען — האָט גדעון געזאָגט — זייער מוזיק וועט אונז דעם אַפּעטיט נישט אָבנעהמען...

ווען די האַרפע מיט דער פלעט האָבען אויפגעהערט

צו שפּיעלען, דאָט זיך אָנגערופען אַ שטימע פון אַ טענאָר, זינגענדיג:

— דו ביזט די שענסטע פון אַלע מיידלעך, וועלכע שפּיגלען זיך אָב אין דעם וואסער פון נילוס. דיינע האָר זענען שווארצער פון די פעדערען פון אַ ראָב, דיינע אויגען קוקען לינדערער פון די אויגען פון אַ אינדין, וועלכע בענקט נאָך איהר זכר. דיין וואוקס איז ווי דער וואוקס פון אַ פּאַלמע און לאָטוס איז מקנא דיין חן, דיינע ברוסטען זענען ווי ווייַנטרויבען, וואָס זייער זאַפט שאַפט פערגניגען אַלע מלכים...

און ווידער האָבען זיך אָנגערופען דער פלעט און די האַרפּע און דערנאָך אַ ליעד:

„קום און זיי אין גאָרטען. די דיענסטשאַפט, וואָס געהערט צו דיר, וועט ברענגען פיעל כלים און אַלערליי ביער. קום, ווילען מיר זיך פרעהען די היינטיגע נאַכט און דעם פריה־מאָרגען, וואָס וועט נאָך איהר קומען. אין מיין שאָטען, אין שאָטען פון פייגענבוים, אויף וועלכען עס וואַקסען זיסע פרוכטען, וועט דיין ליעבהאָבער ליגען אויף דיין רעכטער האַנד; און דו וועסט איהם טרענקען און ערפילען אַלע זיינע וואונשען..."

די פלעט און די האַרפּע האָבען ווידער געשפּיעלט און דערנאָך ווידער אַ געזאַנג:

„איך בין אַ שווייגער, קיינמאָל זאָג איך נישט, וואָס איך זעה און די זיסקייט פון מיינע פרוכטען פערדראָרב איך נישט מיט נאַרישע פּלוידעריי..." *)

---

*) ריכטיג איבערגעגעבען.

צעהנטעס קאפיטעל.

דאָס געזאַנג איז פערטויבט געוואָרען מיט אַ גערויש און אַ גערודער פון פיעל לויפענדע.

— געצענדינער! ... שונאים פון מצרים! ... — האָט איינער געשריען — איהר זינגט ווען מיר אַלע זענען פערזונקען אין זאָרג און צער. און איהר לויבט אַ יודישע טאָכטער, וועלכע פערהאַלט מיט איהר כשוף דאָס פליסען פון נילוס ...

— וועה איך! — האָט אַ אַנדערער געשריי'— איהר טרעט די ערד פון דעם קרוין־פרינץ... דער טויט וועט פאַלען אויף איך און אויף אייערע קינדער! ...

— מיר וועלען אָבטרעטען, נאָר זאָל צו אונז אַרויסגעהן די יודישע טאָכטער, אום מיר זאָלען פאַרשטעלען איהר די עולה, וואָס זי טהוט אונז...

— זאָלען מיר ענטלויפען! ... — האָט געשריען מאַפעט.

— וואוהין? — האָט געפרעגט גדעון.

— מיר וועלען נישט ענטלויפען! — האָט געענטפערט שרה און איהר פנים איז רויט געוואָרען — צי בין איך נישט דעם קרוין־פרינצס, פאַר וועלכען די מענשען פאַלען מיט די פנים'ער צו דער ערד?

— און איידער איהר פאָטער און די דיענסט האָבען זיך אומגעקוקט, איז זי אַרויסגעלאָפען אין איהרע ווייסע קליידער אויף דעם דאך, שרייענדיג צו דעם המון, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער מויער:

— אָט, בין איך! ... וואָס ווילט איהר פון מיר?

דאָס געריוש איז אַ ווײַלע שטיל געבליבען, נאָר באַלד דערנאָך האָבען זיך עטליכע אָנגערופען:

— זײַ פערפלוכט, דו אויסלענדערין, וואָס דײַנע קינד פערהאַלטען דאָס וואַסער פון נילוס!...

אין דער לופט האָבען געפײַפט עטליכע שטײנער, וואָס זענען געוואָרפען געוואָרען! אײנער פון זײ האָט געטראָפען אין שרה׳ס שטערן.

— פאָטער! — האָט זי געשריען אָנהאַפענדיג זיך בײַ דעם קאָפּ.

גדעון האָט זי געחאַפּט אויף די הענד און אַראָבגעטראָגען פון דעם דאך. מען האָט דערזעהן נאַקעטע מענשען אין ווײַסע היטעלעך און שירצען, וועלכע זענען אַריבערגעקראָכען די מויער.

אונטען האָט טאַפּעט זעהר הויך געשריען, און אַ שווארצער שקלאַף האָט געחאַפט אַ האַק און זיך געשטעלט אין דער טהיר. זאָגענדיג, אַז ער וועט צוהאַקען די קעפּ פון די, וואָס וועלען האָבען די העזה אַרײַנצוגעהן.

— גיעט נאָר אַ הער שטײנער! — האָבען געשריען מענשען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער מויער.

דער המון איז אָבער פּלוצלונג שטיל געוואָרען, דען פון דעם גאָרטען איז אַרויס אַ מענש מיט אַ געגאָלטע באָרד, וואָס איז געוועזען געקלײדעט אין אַ פעל פון אַ פּאַנטערע.

— אַ נביא!... אַ הײליגער פאָטער! — האָט מען זיך אײַנגערוימט.

די וואָס זענען געזעסען אויף דער מויער האָבען אָנגעהויבען אַראָב צו שפּרינגען.

— פאלק פון מצרים — האט דער כהן געזאגט מיט א רוהיגע שטימע — וואס פאר א רעכט האט איהר אויפצוהויבען די האנד אויף דעם אייגענטהום פון קרוין־פרינץ?

— דארט וואהנט א אונרייניגע יודישע טאכטער, וועלכע האלט אויף דאס וואסער פון נילוס... וועה אונז!... עלענדקייט און הונגער קומט אן אויף דעם נידריגערן מצרים.

— מענשען אהן גלויבען, אהן פערשטאנד — האט דער כהן געזאגט — וואו האט איהר געהערט, אז איין פרוי זאל קענען אויפהאלטען דעם רצון פון די געטער? יעדעם יאהר הויבט אן דער נילוס צו וואקסען אין חודש טאט און ביז צו דעם חודש חאיאק וואקסט ער. צי איז אמאל געוועזען אנדערש, חאטש אונזער לאנד איז אלע מאל פול געוועזען מיט אויסלענדער, טייל מאל זענען אויך דא געוועזען פרעמדע כהנים און פירשטען. וועלכע זיפצענדיג אין גלות און אין שווערע ארבייט, האבען זיי פון וועהטאג און כעס שרעקליך געפלוכט. די האבען אידאי געוואלט ווארפען אויף אונזערע קעפ אלערליי אונגליקען און נישט איינער וואלט זיין לעבען אבגעגעבען, אז די זון זאל אין דער פריה נישט אויפגעהן אין מצרים, אדער דער נילוס זאל נישט פול ווערען אין אנהויב יאהר. און וואס האבען געהאלפען זייערע תפלות? — מען האט זיי נישט אויסגעהערט אין די הימלען, אדער די פרעמדע געטער האבען נישט געהאט קיין קראפט זיך געגען צו שטעלען אונזערע געטער. נו, ווי אזוי קאן א פרוי, וועלכער עס איז גוט צווישען אונז, ברענגען אויף אונז א אונגליק, וועלכעס די שטארקסטע שונאים אונזערע האבען נישט געקאנט ברענגען?

— אמת זאָגט דער הײליגער פּאַטער ! ... קלוג זענען די ווערטער פון נביא ! ... — האָט מען זיך אָנגערופען פון צווישען דעם המון.

— און דאָך האָט משה, דער אָנפיהרער פון יודען, געמאַכט פינסטערניש און אַ מגפה אין מצרים ! ... — האָט אָבגעענטפערט, אײנער פון המון.

— ווער עס האָט דאָס געזאָגט, דער זאָל אַרויסטרעטען פון צווישען דעם המון ! ... — האָט געשריען דער כהן — איך רוף איהם, ער זאָל אַרויסגעהן אויב ער איז נישט קײן שונא דער ערד פון מצרים ...

אין דעם המון איז געוואָרען אַ גערויש, ווי דאָס גערויש פון אַ שטורם־ווינד צווישען די בוימער; אַרויסגעגאַנגען איז אָבער קײנער נישט.

— אין אמת'ן, זאָג איך אײך — האָט דער כהן ווײטער געזאָגט — צווישען אײך זענען פערהאַנען שלעכטע מענשען, ווי וועלף צווישען שאָף, זײ האָבען נישט קײן רחמנות אויף אײער עלענדקײט, נאָר זײ ווילען אײך נאָך ברענגען דערצו. אַז איהר זאָלט רואינירען דאָס הויז פון קרוין־פּרינץ און איהר זאָלט אַרויסטרעטען געגען פרעה'ן. ווען איהר וועט פאָלגען דיזע מענשען און פון אײערע ברוסטען וועט רינען בלוט, וועלען זיך די מענשען בעהאַלטען פאַר שפּיזען, ווי זײ ווילען זיך בעהאַלטען פאַר מיר ...

— הערט וואָס דער נביא זאָגט !... געלויבט זאָלסט דו זײן, געטליכער מאַן ! ... — האָט געשריען דער המון בוקענדיג זיך.

פרומערע זענען געפאַלען מיט די פּנים ער צו דער ערד.

— הער מיך צו, פאָלק פון מצרים... פאַר דעם וואָס דו גלויבסט אָן די ווערטער פון כהנים, פאַר דעם, וואָס דו פאָלגסט פרעה׳ן און זיין טראָן־פאָלגער, פאַר דעם כבוד, וואָס די גיבסט די גאָטס דיענער, וועט איהר גע־האָלפען ווערען און גאָטס חסד וועט אייך געגעבען ווערען. געהט אהיים בשלום און אפשר נאָך איידער איהר וועט צוקומען צו דעם בערגעל, וועט דער נילוס אָנהויבען פול צו ווערען...

— אמן!...

— געהט!... וואָס גרעסער אייער אמונה און אייער פרומקייט וועט זיין, דאָס גיכער וועט איהר זעהן גאָטס חסד...

— געהן מיר!... געהן מיר!... זיי געבענטשט, נביא, זוהן פון נביאים...

דער המון האָט אָנגעהויבען זיך פונאַנדער צו געהן, קושענדיג די קליידער פון דעם כהן. אינדעם האָט איינער אויסגעשריען:

— א נס!... א נס געשיהט!...

אויף דעם טהורם אין מעמפיס איז אָנגעצונדען גע־וואָרען א פייער... דער נילוס ווערט פולער! זעהט, וואָס אמאָל מעהר ליכטיגקייט!... עס האָט טאַקי צו אונז גע־רעדט א גרויסער היילינער... אייביג זאָלסט דו לעבען!...

דער המון האָט זיך געווענדעט צו דעם כהן. ער איז אָבער פערשוואונדען געוואָרען צווישען די שאָטענס.

דער המון, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געוועזען ערבי־טערט און פאַר א ווײַלע איז ער געוועזען דורכגענומען מיט דאנקבארקייט און בעוואונדערונג, האָט פערגעסען אָן זיין

צאָרן און אָן דעם כהן, וואָס האָט אַ נס בעוויזען. עס האָט איהם בעהערשט אַ אונגעהויערע שמחה און ער האָט אָנגעהויבען צו לויפען צו דעם ברעג פון נילוס. איבער וועלכען עס האָבען שוין געפלאַקערט פייערען און עס האָט זיך געלאָזט הערען אַ הויך געזאַנג פון דעם פערזאַמעלטען פאָלק.

„געלויבט זאָלסט דו זיין, אָ נילוס, אָ הייליגער טייך, וואָס דו האָסט זיך בעוויזען אויף דיזער ערד! דו קומסט מיט שלום, כדי צו געבען לעבען דעם לאַנד מצרים. אָ, דו פערבאָרגענער גאָט, וועלכער פערשפּרייטסט פינסטערניש, וועלכער בעוועסערסט לאָנקעס, כדי צו ברענגען נאַהרונג שטומע בעשעפענישען! אָ, טהייערער, וועלכער קומסט אַראָב פון הימעל, כדי צו שטילען דעם דורשט פון דער ערד, אָ, פריינד פון ברויט, וועלכער מאַכט לוסטיג מענשען! דו ביזט דער הערשער פון פיש, און ווען דו קומסט אָן איף אונזערע פעלדער, האָט קיין פויגעל נישט די העזה צו בעריהרען אונזער תבואה. דו ביזט דער בעשעפער פון תבואה און דער, וואָס גיבסט גערשטען; דו גיבסט מנוחה די הענד פון מיליאָנען אונגליקליכע און איף אייביג דער־האַלטסט דו בית־מקדש'ס." *)

אין דער זעלבער צייט, איז אַ בעלייכט שיפעל פון דעם קרוין־פּרינץ אָנגעקומען פון דעם צווייטען ברעג. דער המון האָט אויסגעשריען מיט שמחה. די זעלבע, וועלכע האָבען פאַר אַ האַלבע שטונדע געוואָלט אָנפאַלען איף זיין פּאַלאַץ, זענען איצט געפאַלען אויף די פּנים'ער פאַר איהם

*) ריכטיג איבערגעגעבען.

אָדער האָבּען זיך געוואָרפען אין וואַסער, אום צו קושען די רודער און די זייטען פון דעם שיפעל, וועלכעס האָט געבּראַכט זייער הערשער.

רעמסס, וועלכען עס האָבּען ארומגענומען פון אַלע זייטען מענשען מיט שטאָלקאַצען, איז לוסטיג צוזאַמען מיט טוטמאָזיס'ן אַריינגעגאַנגען צו שרה'ן.

ווען גדעון האָט איהם דערזעהן פון ווייטענס, האָט ער געזאָגט צו טאַפּעט:

— איך האָב מורא, אַז מיין טאָכטער זאָל קיין שלעכטס נישט געשעהן, אָבּער נאָך מעהר וויל איך דאָ נישט פערבּלייבּען צוזאַמען מיט איהר העך...

ער איז אַריבּער געקראָכען איבּער דער מויער און דורכ'ן גאָרטען און פעלדער איז ער געגאַנגען אין דער זייט פון מעמפיס.

זייענדיג נאָך אויף דעם הויף האָט טוטמאָזיס אויס־געשריען:

— גוטען אָוועגד, שענע שרה!... איך האָף, אַז דו וועסט אונז גוט אויפנעהמען פאַר דער מוזיק, וואָס איך האָב דיר געשיקט...

אויף דער שוועל האָט זיך בּעוויזען שרה מיט אַ פערבּונדענעם קאָפּ, זייענדיג אָנגעשפּאַרט אויף אַ נעגער אין איין זייט און אויף אַ דינסט אין דער צווייטער זייט.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער קרוין־פּרינץ גע־פרעגט מיט בּעוואונדערונג.

— שרעקליך, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען! — האָט אויסגעשריען טאַפּעט — געצענדיענער זענען אָנגעפאַלען אויף דיין הויז און איינער האָט געוואָרפען אַ שטיין אויף שרה'ן...

— וואָס פאַר געצענדיענער ? ...

— די... מצריים! — האָט טאַפּעט ערקלערט.

דער קרוין-פּרינץ האָט אויף איהר געוואָרפען א בליק, וואָס איז געוועזען פול מיט פעראַכטונג. באַלד איז ער אָבער אַריינגעפאַלען אין א שרעקליכען כעס.

— ווער האָט שרה'ן געוואָרפען א שטיין ? ... — האָט ער געשריען, אָנחאַפּענדיג ביי דער האַנד דעם נעגער.

— יענע, פון די, וואָס זענען דאָרט געבען טייך ...— האָט דער שקלאַף געענטפערט.

— אויפזועהער! ... — האָט געשריען דער קרוין-פּרינץ מיט כעס. אלע פון דעם גוט זאָלען באַלד בעוואָפּענט ווערען און געהן! ...

דער נעגער האָט ווידער געחאַפּט די האַק, די אויפזעהער האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוציהען די דינער פון די בנינים און עטליכע סאָלדאַטען פון דעם קרוין-פּרינצס סוויטע האָבען אָנגעהויבען זיך די שווערטען צו פוצען.

— דערבאַרם זיך, וואָס ווילסט דו טהון ? ... — האָט שרה געזאָגט שטילערהייט, אָנהענגענדיג זיך דעם קרוין-פּרינץ אָן דעם האַלז.

— איך וויל זיך נוקם זיין ...—האָט ער געענטפערט— ווער עס שלאָגט מיין אייגענטום, דער שלאָגט מיך ...

טוטמאָזיס איז בלאַס געוואָרען און האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— הער אויס, הער, האָט ער זיך אָנגערופען — ווי אזוי ווערסט דו אין דעם המון און ביינאַכט דערקענען די מענשען, וועלכע האָבען דאָס געטהון ?

— מיר איז קיין אונטערשיעד נישט! ... דער המון

האָט דאָס געטהון און דער המון מוז בעשטראָפֿט ווערען.

— אַזוי וועט קיין ריכטער נישט זאָגען — האָט טוטמאָזיס געענטפֿערט — און דו דאַרפֿסט דאָך זיין דער העכסטער ריכטער...

דער קרוין-פּרינץ האָט זיך פֿערקלערט און טוטמאָזיס האָט ווייטער געזאָגט:

— בעקלער זיך, וואָס וואָלט מאַרגען געזאָגט אונזער הער, פּרעה?... און ווי גרויס וואָלט געוועזען די שמחה ביי די שונאים פֿון מצרים, ווען זיי וואָלטען געוואָהר געוואָרען, אַז דער קרוין-פּרינץ איז ביינאַכט אַנגעפֿאַלען אויף זיין פֿאָלק נעבען דעם קעניגליכען פּאַלאַץ!...

— אָ, ווען מיין פֿאָטער וואָלט מיר געגעבען האָטש אַ העלפֿט פֿון זיין אַרמעע, וואָלטען אויף אייביג פֿערשטומט געוואָרען אַלע אונזערע שונאים אין אַלע זייטען פֿון דער וועלט!... — האָט דער קרוין-פּרינץ געזאָגט שטיל טופּענדיג מיט דעם פֿוס אויף דער ערד.

— דערמאָהן זיך אָן דעם פֿויער, וועלכער האָט זיך געהאַנגען... דו האָסט איהם בעדויערט, ווייל ער איז אונשולדיג געשטאָרבען, און היינט... צי איז דאָס מעגליך, אַז דו אַליין זאָלסט וועלען הרג'ענען אונשולדיגע מענשען!...

— שוין גענוג! — האָט איהם איבערגעהאַקט דער קרוין-פּרינץ — מיין כעס איז ווי אַ קרוג, וואָס איז פֿול מיט וואַסער... געהען מיר אַריין אין שטוב...

דער דערשראָקענער טוטמאָזיס האָט זיך צוריק גערוקט, דער קרוין-פּרינץ האָט גענומען שרה'ן ביי דער האַנד און איז מיט איהר אַרויפֿגעגאַנגען אויף דעם ערשטען שטאָק. ער האָט זי געזעצט נעבען דעם זייט, אויף וועלכען עס

איז געשטאנען די נישט געענדיגטע סעודה און צוריקענדיג דעם לייכטער האט ער איהר אראבגעריסען דעם באנדאזש פון קאפ.

— אך! — האט ער אויסגעשריען — דאס איז דאך אפילו קיין וואונד נישט, נאר א בלויער צייכען!...

ער האט זיך גוט איינגעקוקט אין שרה'ן.

— איך האב קיינמאל מיר נישט פארגעשטעלט, אז דו קענסט האבען א בלויען צייכען... דאס פנים ווערט פון דעם שטארק געענדערט...

— בכן געפעל איך דיר שוין נישט?... — האט שרה געזאגט שטיל אויפהויבענדיג אויף איהם איהרע גרויסע אויגען, וואס זענען פול געוועזן מיט שרעק.

— א, ניין!... דאס וועט דאך פאראיבער געהן...

דערנאך האט ער גערופען טוטמאזיס'ן און דעם נעגער און ער האט געהייסען מען זאל איהם דערצעהלען, וואס עס האט אווענדם פאסירט.

— ער אליין האט געשיצט — האט שרה געזאגט — ער איז געשטאנען מיט דער האק אין דער האנד ביי דער טהיר...

— דו האסט אזוי געטהון?... — האט דער קרוין-פרינץ געפרעגט דעם שקלאף, קוקענדיג שארף אין זיינע אויגען.

— האב איך דען געזאלט ערלויבען, אז אין דיין הויז, הער, זאלען זיך אריינחאפען פרעמדע מענשען?

דער קרוין-פרינץ האט איהם געגלעט זיינע געקרויזעלטע האר.

— דו האסט זיך אויפגעפיהרט — האט ער געזאגט —

ווי א העלד. מאָרגען וועסט דו דיין לויהן בעקומען און דו וועסט קאָנען צוריק אין דיין לאַנד אַריין.

דער נעגער האָט זיך געוואַקעלט און אויסגעווישט די אויגען, וועלכע האָבען געבלאַנקט. פּלוצלונג איז ער געפאַלען אויף די קניען און אָבשלאָגענדיג מיט דעם שטערן אָן דער ערד, האָט ער געשריען:

— יאָג מיך נישט אוועק פון זיך, הער!...

— גוט — האָט דער קרוין-פּרינץ געענטפערט — פערבלייב ביי מיר, אָבער אַלס פריי״ער סאָלדאַט. אַזעלכע סאָלדאַטען דאַרף איך טאַקי — האָט ער ווייטער געזאָגט, קוקענדיג אויף טוטמאָזיס׳ן — דער קאָן נישט רעדען, ווי א אויפזעהער פון א הויז מיט ביבער, נאָר ער איז גרייט צו קעמפפען...

און ווידער האָט ער אָנגעהויבען פרעגען, וואָס עס איז פאָרגעקומען. און ווען דער נעגער האָט איהם דערצעהלט, אַז עס איז אָנגעקומען א כהן, וועלכער האָט א נס געוויזען, האָט זיך דער קרוין-פּרינץ אָנגעכאַפּט ביי דעם קאָפּ, שרייענדיג:

— איך בין דער אונגליקליכסטער מענש אין מצרים!... קירצליך וועל איך אפילו אין מיין בעט געפינען כהנים... פון וואַנען האָט ער זיך דאָ גענומען? — ווער איז ער?...

דאָס האָט שוין דער נעגער נישט געקאָנט ערקלע-רען. דאָך האָט ער געזאָגט, אַז דער כהן האָט זיך זעהר גוט אויפגעפיהרט געגען דעם קרוין-פּרינץ און געגען שרה׳ן; דער אָנפאַל איז געפיהרט געוואָרען נישט דורך מצריים, נאָר דורך מענשען, וועלכע דער כהן האָט גערופען שונאים פון מצריים און ער האָט צו זיי גערופען, זיי זאָלען

ארויסטרעטען פון המון; זיי האבען אבער נישט געפאלגט.

— וואונדער, וואונדער! — האט דער קרוין־פרינץ געזאגט, פערטראכטענדיג זיך — מיין שווארצער שקלאף איז א העלדישער סאלדאט און א קלוגער מענש... דער כהן שיצט א יודישער טאכטער, ווייל זי איז מיין... וואס פאר א זעלטענער כהן איז דאס?... דאס פאלק פון מצרים, וועלכעס קניעט פאר די הינד פון פרעה, פאלט אן אויף דעם הויז פון קרוין־פרינץ, אונטער דער אנפיהרונג פון עפעס שונאים פון מצרים!... איך מוז דאס אליין ערפארשען...

עלפטעס קאפיטעל.

עס האט זיך געענדיגט דער חודש טאט און עס האט זיך אנגעהויבען דער חודש פאאפי, דאס הייסט, די צווייטע העלפט יולי, דאס וואסער פון נילוס האט אויפגעהערט צו זיין גרין און איז געווארען ווייס, דערנאך רויט און וואס אמאל איז עס מעהר געווארען. דער נילוס איז געוואקסען וואס אמאל מעהר. די נידריגסטע פעלדער זענען בעגאסען געווארען מיט וואסער און פון די העכערע האט מען גיך אראבגענומען פלאקס, וויינטרויבען און א געוויסען מין בוימוואל. וואו אין דער פריה איז נאך טרוקען געוועזן, דארט האבען שוין אוועגדם געראוישט פאלעס.

עס האט זיך געדאכט, אז עפעס א מעכטיגער ווינד בלאזט אין דער טיעפעניש פון טייך, ער מאכט בייטען ווי מיט א אקער־אייזען, פערשיט זיי מיט שוים, דערנאך גלעט ער אוים א ווייטע דאס וואסער און באלד דערנאך דרעהט ער עס ארום אין אלע זייטען.

און ווידער אַקערט דער ווינד, ווידער גלעט ער אויס, דרעהט, יאָגט אָן נייע בערגער וואַסער און האַלט אין איין הייבען דאָס וואַסער אין איין פערנעהמען שטיקער פון דער יבשה. טיילמאָל, ווען דאָס וואַסער קומט צו אַ געוויסע גרענעץ, געהט עס זיך אין איין אויגענבליק אַריבער, גיסט זיך אַריין אין אַ נידריג אָרט און בעשאַפט זיך אַ אָזיערע דאָרט, וואו פאַר אַ ווייַלע האָבען זיך וועלקענדע בלעטער פערוואַנדעלט אין שטויב.

חאָטש דער נילוס האָט נאָך קוים אַ דריטעל וואַסער געהאַט, פון דעם, וואָס ער האָט נאָך בעדאַרפט צו בעקומען, דאָך זענען שוין אַלע ערטער נעבען איהם געווען בעגאָסען. יעדע שעה איז אַ אַנדער גוט אויף אַ בערגעל געוואָרען ענדליך צו אַ אינזעל, וואָס איז אין אָנפאַנג געווען אָבגעטיילט פון אַנדערע נאָר מיט אַ שמאָלען קאַנאַל, וועלכער האָט זיך איינציגווייס פערברייטעט און וואָס אַ מאָל מעהר אָבגעטיילט די גיטער איינס פון אַנדערן. דער וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין דער פריה צו דער אַרבייט, איז אָוועגד צוריקגעקומען אויף אַ שיפעל.

אויף דעם נילוס האָבען זיך בעוויזען וואָס אַמאָל מעהר שיפלעך. אויף עטליכע שיפלעך זענען געזעסען מענשען, וואָס האָבען געפאַנגען פיש, אויף אַנדערע האָט מען איבערגעפיהרט תּבואה און פרוכטען אין די שפּייכלערס אָדער בהמות אין די שטאַלען, אויף נאָך אַנדערע האָט מען בעזוכט בעקאַנטע, כּדי מיט שמחה זיי מודיע צו זיין (וואָס אַלע האָבען געזעהן), אַז דער נילוס וואַקסט. די קליינע שיפלעך, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען צוזאַמען, ווי אַ סטאַדע גענז, זענען זיך נישט איינמאָל פאַנאַנדער

געלאָפֿען אויף אַלע זײַטען פֿאַר אַ ברײַטע טראַפּטע, וואָס האָט פֿון איבער־מצרים געפֿיהרט גרויסע שטײַנער, וועלכע זענען אויסגעגראָבען געוואָרען אין די גראָבען נעבען דעם טײַך.

אין דער לופֿט, ווי ווײַט נאָר דאָס אויער האָט געקאָנט גרײַכען, האָט זיך געהערט אַ גערויש פֿון דעם וואַסער, וואָס גיסט זיך פֿאַנאַנדער, אַ געשרײַ פֿון פֿעריאָגטע פֿײַגעל און לוסטיגע געזאַנגען פֿון מענשען. דער נילוס וואַקסט, וועט פֿיעל ברויט זײַן!

דעם גאַנצען חודש איז געפֿיהרט געוואָרען אַ אויספֿאָרשונג וועגען דעם אָנפֿאַל אויף דעם קרוין־פּרינצס הויז. יעדען פֿריה־מאָרגען איז אַ קלײן שיפֿעל מיט אַ בעאַמטען און סאָלדאַטען אָנגעקומען צו אַנ׳אַנדער גוט. מען האָט מענשען נישט געלאָזט געהן צו דער אַרבײַט, מען האָט זיי פֿאָרגעלעגט פֿערשידענע פֿראַגען, מען האָט געשלאָגען מיט שטעקענס. פֿאַר נאַכט זענען קײן מעמפֿיס צוריקגעקומען צוויי קלײנע שיפֿלעך: אײנס האָט געפֿיהרט בעאַמטע, דאָס צווייטע — אַרעסטאַנטען.

אויף אַזאַ אופֿן האָט מען געפֿאַנגען עטליכע הונדערט פֿערברעכער, פֿון וועלכע אַ העלפֿט האָט גאָרנישט געוואוסט. מען האָט זיך אָבער גאָרנישט דערוואוסט וועגען די אָנפֿיהרער פֿון דעם אָנפֿאַל און נישט וועגען דעם כהן, וועלכער האָט געווירקט אויף דעם פֿאָלק, עס זאָל זיך פֿונאַנדערגעהן.

דער קרוין־פּרינץ רעמסס איז געוועזען היציג ווי אַ לײב און אַ עקשן ווי אַ אָקס. ער האָט אָבער אויך געהאַט פֿערשטאַנד און געפֿיהל פֿון יושר.

זעהענדיג, אז די אויספארשונג, וואס ווערט געפיהרט דורך בעאמטע, גיעט נישט ארויס קיין רעזולטאטען, איז דער קרוין-פרינץ א געוויסען טאג אנגעקומען אויף א שיפעל קיין מעמפיס און זיך געהייסען פיהרען אין דער תפיסה אריין.

די תפיסה איז געווען געבויט אויף א בארג און ארום-גענומען מיט א מויער. עס איז אין איהר געווען פיעל בנינים פון שטיינער, ציגעל און האלץ. די בנינים זענען אבער גאר וואהנונגען פאר די אויפזעהער. די ארעסטאנטען זענען געלעגען אין הייהלען אונטער דער ערד, וואס זענען אויס-געהאקט געווען אין קאלך-שטיינער.

ווען דער קרוין-פרינץ איז אריינגעקומען אין טויער אריין, האט ער דערזעהן עטליכע פרויען שטעהן וואשען, און געבען עסען עפעס א ארעסטאנט. דער נאקעטער ארעס-טאנט, וועלכער איז עהנליך געווען צו א סקעלעט, איז געזעסען אויף דער ערד, האלטענדיג די הענד און די פים אין פיער לעכער פון א קוואדראט-ברעט.

— שוין לאנג ליידעט אזוי דער מענש — האט דער קרוין-פרינץ געפרעגט.

— צוויי חדשים — האט דער אויפזעהער געענטפערט.

— און נאך לאנג וועט ער דא פערבלייבען?

— א חודש.

— וואס האט ער געזינדיגט?

— ער האט געזידעלט א בעאמטען, וועלכער האט צונויפגעקליבען אבצאהלונגען.

דער קרוין-פרינץ האט זיך אומגעדרעהט און האט דערזעהן פרויען און קינדער שטעהן צוזאמען אויף א

אַנדער אָרט. צווישען זיי איז געווען אַ אַלטער מאַן.

— צו זענען דאָס אַרעסטאַנטען!

— ניין, מעכטיגער העֶר. דאָס איז די פאַמיליע פון אַ פערברעכער, וואָס זאָל דאָ דערשטיקט ווערען... זיי ווילען זיין טויטען קערפּער צונעהמען... אָ, מען פיהרט איהם שוין אין שטויב אריין...— האָט דער אויפזעהער געזאָגט.

ווענדענדיג זיך צו די פערזאַמעלטע, האָט ער געזאָגט:

— זייט נאָך אַ ווייַלע געדולדיג, ליעבע מענשען, באַלד וועט איהר בעקומען דעם טויטען קערפּער.

— מיר דאַנקען דיר זעהר, געשעצטער העֶר — האָט געענטפערט דער אַלטער מאַן, אַ ודאי אַ פאָטער פון דעם, וואָס האָט געזאָלט געהרג'עט ווערען... — מיר זענען ארויס פון דער היים נעכטען אָוועֶנד, דער פלאַקס איז אונז געבליבען אויף דעם פעלד און דאָ גיסט אוים דער נילוס!...

דער קרוין-פּרינץ איז בלאַס געוואָרען און איז געבליבען שטעהן אויפ'ן אָרט.

— דו ווייסט — האָט ער געזאָגט צום אויפזעהער — איך האָב דאָס רעכט צו בעגנעדיגען פערברעכער.

— יאָ, קרוין-פּרינץ — האָט דער אויפזעהער געזאָגט, בוקענדיג זיך און דערנאָך האָט ער צוגעגעבען: — לויט געזעץ, צום אָנדענקונג, אַז דו, זוהן פון דער זון, ביזט דאָ געווען, דאַרף פערלייכטערט צו ווערען די שטראָף פון די, וואָס פיהרען זיך אויף גוט און זענען פערמשפּט געוואָרען, ווייַל זיי האָבען בעליידיגט די אמונה אָדער די

מלוכה. די רשימה פון די מענשען וועט דערלאנגט ווערען צו דיינע פים אין משך פון חודש.

— און ד״ר, וועלכער זאל איצט דערשטיקט ווערען, קאן דען נישט געניסען פון מיין חסד?

דער אויפזעהער האט פונאנדערגעלעגט די הענד און האט זיך אראבגעבויגען.

זיי זענען דורכגעגאנגען׳עטליכע הויפען. אין האלצערנע שטייגען, אויף דער גאלער ערד, האבען זיך אין ענגשאפט געריהרט די פערברעכער, וואס זענען פער׳משפט געווארען אויף תפיסה, אין איין בנין האבען זיך געהערט שרעקליכע געשרייען: מען האט געשלאגען מענשען זיי זאלען זיך מודה זיין.

— איך וויל זעהן די, וואס זענען בעשולדיגט אין אנפאל אויף מיין הויז — האט דער קרוין־פרינץ געזאגט זייענדיג טיעף געריהרט.

— אזעלכע געפינען זיך דא מעהר פון דרייהונדערט — האט דער אויפזעהער געענטפערט.

— וועהלט אויס די, וואס זענען לויט אייער מיינונג די שולדיגסטע און פרעגט זיי אין מיין געגענווארט. איך וויל אבער נישט, זיי זאלען מיך דערקענען.

מען האט אריינגעפיהרט דעם קרוין־פרינץ אין א שטוב, וואו א אויספארשער האט זיינם געטהון. דער קרוין־פרינץ האט איהם געהייסען זיצען אויף דעם ארט, וואו ער זיצט געווענליך און אליין האט ער זיך געזעצט אונטער א סלופ.

באלד האבען זיך אנגעהויבען צו פיהרען די ארעסטאנטען, איינער נאך דעם אנדערן. אלע זעען געווען

אויסגעדאַרט, בעוואַקסען, און זייערע בליקען זענען געווען ווי פון משוגעים.

— דוטמאָזע — האָט דער בעאַמטער געזאָגט — זאָג מיר, ווי זענט איהר אָנגעפאַלען אויף דעם הויז פון דעם הויף פון דעם קרוין־פּרינץ?

— איך וועל זאָגען דעם אמת, ווי אין געריכט פון אָזירים. דאָס איז געווען אין דעם אָוועגד פון דעם טאָג, ווען דער נילוס האָט געזאָלט אָנהייבען צו וואַקסען, מיין פרוי האָט צו מיר געזאָגט: „קום פאָטער, מיר וועלען געהן אויף דעם באַרג, פון וועלכען מיר וועלען גיכער קענען זעהן דעם סיגנאַל פון מעמפיס.“ מיר זענען אַלזאָ געגאַנגען אויף דעם באַרג, פון וועלכען מען האָט לייכט געקאָנט זעהן דעם סיגנאַל פון מעמפיס. דאַמאָלס איז עפּעס א סאָלדאַט צוגעגאַנגען צו מיין פרוי און געזאָגט: קום מיט מיר אין דעם גאָרטען, וועלען מיר געפינען ווייַנטרויבען אָדער נאָך עפּעס. בכן איז מיין פרוי געגאַנגען אין גאָרטען מיט דעם סאָלדאַט, און איך בין געוואָרען אין כעס און האָב צו זיי אַרייַנגעקוקט דורך דער מויער. צי האָבען זיי געוואָרפען שטיינער אין הויז פון דעם קרוין־פּרינץ? דאָס קען איך נישט וויסען, דען די בוימער האָבען פערשטעלט און פינסטער איז געווען. איך האָב נישט געקאָנט זעהן.

— און ווי האָסט דו געלאָזט דיין פרוי זי זאָל געהן מיט דעם סאָלדאַט? — האָט דער בעאַמטער געפרעגט.

— וואָס האָב איך געקאָנט טהון? איך בין דאָך נאַר א פויער און ער איז א מלחמה מענש און א סאָלדאַט פון הייליגען פּרעה...

— און דעם כהן, וואָס האָט צו איך גערעדט, האָסטו דו געזעהן?

— דאָס איז נישט געוועזן קיין כהן — האָט געענט־פערט דער פויער מיט זיכערהייט, — דאָס איז אודאי גע־וועזן דער גאָט נים אַליין, דען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַם פון אַ פייגענבוים און ער האָט געהאַט אַ שאָף־קאָפּ.

— צי האָסטו דו געזעהן, אַז ער האָט געהאַט אַ שאָף־קאָפּ?

— גוט געדענק איך נישט, צי איך האָב אַליין גע־זעהן, צי האָבען מענשען אַזוי געזאָגט. די אויגען זענען פערדעקט געוואָרען מיט דער זאָרג וועגען מיין פרוי.

— שטיינער האָסטו געוואָרפען אין גאָרטען?

— צו וואָס האָב איך געזאָלט וואַרפען שטיינער, הער פון טויט און לעבען? ווען איך וואָלט געטראָפען מיט דעם שטיין אין מיין פרוי, וואָלט איך די גאַנצע וואָך קיין מנוחה נישט געהאַט און וואָלט איך געטראָפען אין דעם סאָלדאַט, וואָלט איך בעקומען מיט דער פויסט אין בויך, אַז די צונג וואָלט מיר אַרויסגעקראָכען. איך בין דאָך נאָר אַ פויער, און ער איז אַ סאָלדאַט פון אונזער הער, וואָס לעבט אייביג.

דער קרוין־פּרינץ האָט זיך אַרויסגערוקט פון אונטער דעם סלופּ. מען האָט אַוועקגעפיהרט דוטמאָזע און מען האָט געבראַכט צו פיהרען אַנופּאַ, אַ נידריגען פויער, וואָס האָט אויף די פּלייצעס נאָך געהאַט צייכענס פון שטעקענס.

— זאָג, אַנופּאַ — האָט ווידער אָנגעהויבען דער

בעאַמטער, ווי איז דאָס געווען די מעשה מיט דעם אָנפאַל אויף דעם גאַרטען פון קרוין־פּרינץ?

— אויג פון דער זון — האָט געענטפערט דער פוי־ער — כלי פון חכמה, דו ווייסט דאָך אַמבעסטען, אַז איך בין נישט אָנגעפאַלען. עס איז געקומען צו מיר מיין שכן און האָט געזאָגט: „אַנופּא, קום אויף דעם באַרג, וואָרום דער נילום הויבט אָן צו וואַקסען". און איך האָב געזאָגט: ציי וואַקסט ער מאַקי? און ער האָט געזאָגט: דו ביזט נאָך אַ גרעסערער נאַר פון אַ עזעל, וואָרום אַ עזעל וואָלט דאָך געהערט די מוזיק אויף דעם באַרג און דו הערסט נישט". און איך האָב געענטפערט: איך בין אַ נאַר, ווייל איך האָב מיך נישט געלערנט שרייבען; אָבער ווי קומט מוזיק צו דעם נילום? און ער ענטפערט מיר: „ווען דער נילום וואָלט נישט געוואַקסען, פאַרוואָס וואָלטען זיך מענשען געפרייעט? פאַרוואָס וואָלט מען געזונגען און געשפּיעלט?" מיר זענען אַלזאָ געגאַנגען אויף דעם באַרג, און דאָרט האָט מען שוין די מוזיק געהאַט פעריאָגט און מען האָט גע־וואָרפען שטיינער אין דעם גאַרטען אַריין.

— ווער האָט געוואָרפען?

— איך האָב נישט געקאָנט זעהן. די מענשען האָ־בען נישט אויסגעזעהן ווי פויערען; זיי האָבען גיכער אויס־געזעהן ווי אונרייניגע מצורעים. וועלכע טרעגען אויף מתים נאָבין באַלזאַמירען.

— און דעם כהן האָסט דו געזעהן?

— דאָס איז נישט געווען קיין כהן, נאָר עפּעס אַ גייסט, אַ נשמה, וואָס היט דאָס הויז פון דעם קרוין־פּרינץ... איביג זאָל ער לעבען!...

— פֿאַר וואָס אַ נשמה ?

— וואָרום דאָ האָב איך איהם געזעהן און דאָ איז ער מיר פֿערשוואונדען געוואָרען.

— אפשר האָבען איהם מענשען פֿערשטעלט און דו האָסט איהם נישט געקענט זעהן ?

— אַ ודאי האָבען איהם מענשען פֿערשטעלט, דער־פֿאַר איז ער אָבער געווען אַמאָל העכער און אַמאָל נידריגער.

— אפשר איז ער אַרויף אויף אַ בערגעל און אַראָב־געגאַנגען.

— אַ ודאי איז ער אַרויפֿגעגאַנגען און אַראָבגעגאַנגען נאָר אפשר איז ער געוואָרען גרעסער און קלענער, וואָרום ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מופת, נאָר וואָס ער האָט אַרויסגערעדט: „דער נילוס וואַקסט" — און באַלד האָט דער נילוס אָנגעהויבען וואַקסען.

— און שטיינער האָסט דו געוואָרפֿען, אַנופּאַ ?

— ווי וואָלט איך געקענט האָבען די העזה צו וואַר־פֿען שטיינער אין גאָרטען פֿון קרוין־פּרינץ ?... איך בין דאָך נאָר אַ פּויער און די האַנד וואָלט דאָך מיר אויסגע־טריקענט געוואָרען ביז צום עלענבויגען, ווען איך וואָלט אַזאַ הייליגקייט בעריהרט.

דער קרוין־פּרינץ האָט געהייסען מען זאָל אויפֿהערען אויסצופֿאָרשען, און ווען מען האָט אַרויסגעפֿיהרט די בע־שולדיגטע, האָט ער געזאָגט צו דעם בעאַמטען:

— געהערען אַלזאָ די מענשען צו די שולדיגסטע ?

— אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט, מיין הער — האָט דער בעאַמטער געענטפֿערט.

— אויב אזוי דארף מען נאך היינט אלע בעפרייען. מענשען קענען נישט געהאלטען ווערען אין דער תפיסה דערפאר, וואס זיי האבען זיך געוואלט איבערציינגען צו דער נילום וואקסט, אדער דערפאר, וואס זיי האבען געוואלט הערען מוזיק.

— די גרעסטע חכמה רעדט פון דיין מויל, קרוין־פרינץ — האט דער בעאמטער געזאגט — מען האט מיך געהייסען געפינען די שולדיגסטע, האב איך אויסגעוועהלט די, וואס איך האב געפונען. דאס געהער אבער שוין נישט צו מיר זיי צו בעפרייען.

— פאר וואס?

— קוק נאר, מעכטיגער הער, אויף דעם קאסטען. ער איז פול מיט פאפירוס, אויף וועלכען מען האט געשריבען די דאקומענטען פון דעם משפט. דער ריכטער פון מעמפיס ערהאלט יעדען טאג ראפארטען פון דער אויספארשונג און ער שטעלט זיי צו דעם הייליגען פרעה. וואס וואלט געווארען פון דער ארבייט פון אזוי פיעל חכמים און אזוי פיעל גרויסע לייט, ווען מען וואלט די בעשולדיגטע בעפרייט?

— זיי זענען דאך אונשולדיג! — האט אויסגעשריען דער קרוין־פרינץ.

— א אנפאל איז געווען. בכן איז דאך געווען א זינד. וואו עס איז פערהאנען א זינד, מוזען זיין זינדיגע, און ווער עס איז אמאל געקומען אין די הענד פון דער מאכט און איז בעשריבען אין דאקומענטען, דער קען זיך נישט בעגעהן אהן רעזולטאט. אין שענק טרינקט א מענש און בעצאהלט; אויף א יריד פערקויפט ער און בעקומט

געלד; אויף דעם פעלד זעעט ער און נעהמט אראב. אויף קברים בעקומט ער ברכות פון אבות. און ווי אזוי קען דאס זיין, אז איינער זאל קומען אין געריכט, זאל זיך צוריקנעהן אהיים מיט גארנישט, ווי א רעזענדער, וואס פערהאלט זיך אין מיטען וועג און קעהרט זיך צוריק זיינע פים אהיים, איידער ער קומט צו זיין ציעל?

— דו זאגסט קלוג — האט דער קרוין-פרינץ גע-ענטפערט--זאג מיר אבער, צי וואלט דער הייליגער פרעה אויך נישט געהאט דאס רעכט צו בעפרייען די ארעסטאנטען?

דער בעאמטער האט פונאנדערגעלעגט די הענד און אראבגעבויגען דעם קאפ.

— ער איז גלייך מיט די געטער, וואס ער וויל קען ער טהון: בעפרייען בעשולדיגטע, אפילו פער'משפט'ע און אויך פערניכטען אלע דאקומענטען פון דעם משפט.

דער קרוין-פרינץ האט אבגעזעגענט דעם בעאמטען און געהייסען דעם אויפזעהר בעסער צו שפייזען אויף זיין האסט די בעשולדיגטע אין דעם אנפאל. דערנאך האט ער זיך אריבערגעשיפט אויף דער צווייטער זייט פון טייך, וועלכער איז וואס אמאל ברייטער געווארען, און איז צו-געקומען צו דעם פאלאץ, וואו ער האט געוואלט בעטען פרעה'ן, ער זאל הייסען אלע בעשולדיגטע בעפרייען.

דעם טאג האט אבער פרעה זעהר פיל ארב[illegible] יע-

האט מיט דער דיענסט פון זיינע געטער און האט לאנג זיך בעראטהען מיט זיינע מיניסטארען, און דאדורך האט רעמסס זיך נישט געקענט מיט איהם זעהן, ער האט זיך אלזא געווענדעט צו דעם גרויסען שרייבער, וועלכער איז געוועזן אין הויף אממעהרסטען געאכטעט, אויסער דעם

קריגס־מיניסטער. דיעזער אלטער בעאמטער, וואָס איז געווען אַ כהן אין איינעם פון די בית־מקדש'ס אין מעמפיס, האָט מיט כבוד אָנגענומען דעם קרוין־פּרינץ און אויסהערענדיג, וואָס ער פערלאַנגט, האָט ער איהם געזאָגט:

— עס וואונדערט מיך, אַז דו, מעכטיגער, ווילסט מיט אזעלכע זאַכען בעאונרוהיגען אונזער העֶר. דאָס איז פונקט אַזוי, ווי דו וואָלסט געבעטען מען זאָל נישט אויסראָטען די היישריקען, וואָס פאַלען אָן אויף די פעלדער.

— זיי זענען דאָך אָבער אונשולדיגע מענשען!...

— מיר, מעכטיגער העֶר, קענען דאָס נישט וויסען, וואָרום וועגען שולדיגקייט, אָדער אונשולדיגקייט קען נאָר זאָגען דאָס געריכט. דאָס איינע ווייס איך נאָר, אַז די רעגירונג קען נישט דערלויבען, מען זאָל אָנפאַלען אויף אַ גאָרטען און בפרט ווען דער גאָרטען געהער צו דעם קרוין־פּרינץ.

— דו זאָגסט ריכטיג, אָבער — וואו זענען די שולדיגע?... — האָט דער קרוין־פּרינץ געפרעגט.

— וואו עס זענען נישט פערהאַנען קיין שולדיגע, מוזען אַמווענינגסטען זיין בעשטראָפטע. נישט די שולד, נאָר די שטראָף פאַר די זינד, לערנט אַנדערע, אַז מען טאָר נישט זינדיגען.

— איך זעה — האָט איהם איבערגעריסען דער קרוין־פּרינץ — אַז דו, מעכטיגער העֶר, וועסט נישט שטיצען מיין ביטע ביי דעם הייליגען פרעה.

— חכמה פליסט פון דיין מויל, קרוין־פּרינץ — האָט דער גרויסער שרייבער געענטפערט — איך וועל קיין

מאָל מײַן הער נישט געבען אַ עצה, װעלכע זאָל קענען ער־נידריגען דעם כבוד פֿון דער רעגירונג ...

דער קרוין־פּרינץ איז צוריק צו זיך אַהײם מיט פֿערװאונדערונג און שמערץ. ער האָט געשפּירט, אַז עטליבע הונדערט מענשען געשיחט אַ עולה, און ער האָט געזעהן, אַז רעטען זײ קען ער נישט, װי ער װאָלט נישט געקענט רעטען אַ מענש, אויף װעלבען עס איז אַרױפגעפאַלען אַ זײַל פֿון בית־המקדש.

„צו שװאַך זענען מײַנע הענד צו קענען אױפהױבען אַזאַ אונגעהױרע לאַסט — האָט זיך געקלערט דער קרוין־פּרינץ מיט שמערצען אין האַרץ.

צום ערשטען מאָל האָט ער געשפּירט, אַז עס איז עפּעס פֿערהאַנען אַ קראַפֿט, װאָס איז אונענדליך גרעסער פֿון זײַן רצון: דער אינטערעס פֿון דער מלוכה, װאָס װערט געאַכטעט אויך דורך דעם מעכטיגען פּרעה און פֿאַר איהם מוז זיך אויך בײַגען דער קרוין־פּרינץ!

עס איז געװאָרען נאַכט. רעמסס האָט די דינער נישט געהײסען אַרײַנלאָזען קײנעם צו זיך און אײנזאַם איז ער זיך געגאַנגען אַהין און צוריק אויף דעם דאַך פֿון זײַן פּאַלאַץ, קלערענדיג:

„שרעקליך איז דאָס!... דאָרט זענען זיך פֿונאַנדער־געגאַנגען פֿאַר מיר די פּאָלקען פֿון ניטאָגער, און דאָ — דער אױפזעהער פֿון דער תּפיסה, אַ אויספאָרשונגס בע־אַמטער און אַ גרויסער שרײַבער פֿערשטעלען מיר דעם װעג... װאָס זענען זײ? ... עלענדע דינער פֿון מײַן פֿאָטער (אײביג זאָל ער לעבען!), װעלכער קען יעדע מינוט פֿון זײ מאַכען געװעהנליבע שקלאַפען און זײ שיקען אין די

שטיינער-גראָבען. אָבער פֿאַרוואָס זאָל מײַן פֿאָטער נישט בעגנעדיגען די אונשולדיגע?... די מלוכה וויל אַזוי?... און וואָס איז דאָס די מלוכה?... וואָס עסט זי, וואו שלאָפֿט זי, וואו זענען איהרע הענד און איהר שווערד, פֿאַר וועלכע אַלע האָבען מוראָ?

ער האָט אַ קוק געטהון אויף דעם גאָרטען און צווישען די בוימער אויף אַ בערגעל האָט ער דערזעהן צוויי גרויסע טהורמען, אויף וועלכע עס האָבען געלייכט די למעפלעך פֿון דער וואַך. עס איז איהם געקומען אויף די געדאַנקען, אַז די וואַך שלאָפֿט קיינמאָל נישט, די טהורמען עסען נישט און פֿונדעסטוועגען זענען זיי דאָ, די אַלטע טהורמען, וועלכע זענען מעכטיג, ווי דער מעכטיגער, וואָס האָט זיי געבויט, רעמסס דער גרויסער.

אין דעם האַרץ פֿון דעם קרוין-פּרינץ, האָט זיך צום ערשטען מאָל אין לעבען אָנגעהויבען צו צייכנען עפּעס נישט קלאָרעס, נאָר אַ ריזענדיגער בעגריף וועגען דער מלוכה. אַ מלוכה איז נאָך העכליכער פֿון דעם בית-מקדש אין טעבי, גרעסער פֿון דער פּיראַמידע חעאָפּס, עלטער פֿון דער הייהל פֿון ספֿינקס, דויערהאַפֿטיגער פֿון גראַניט... אין דעם ריזענדיגען, כאָטש אונזיכטבאַרען בנין, זענען מענשען ווי מוראַשקעס (מרובקעס) אין אַ שפּאַלט פֿון אַ פֿעלז און פּרעה — ווי אַ רייזענדער בוימייסטער, וועלכער קוים ער לעגט אַ שטיין אויף דער מויער, וואָס בויט זיך, געהט ער שוין אַוועק און עס געהט ווידער דורך אַ אַנדערער און לעגט ווידער אַ שטיין, און געהט ווידער אַוועק. און די ווענד וואַקסען פֿון דור צו דור און דער בנין ווערט גרעסער און מעכטיגער.

ער, דער זוהן פון פרעה, האט נאך קיין מאל נישט געשפירט ווי קליין ער איז, ווי אין דער צייט, ווען זיין בליק, האט געבלאנדזעט ביי נאכט איבער דעם נילוס, צווישען די ריזענדיגע טהורמען פון פרעה'ס שלאס און די געשטאלטען פון די בית-מקדש'ס אין מעמפיס.

פון צווישען די בוימער, וואס זייערע צווייגען האבען דערגרייכט צום דאך, האט זיך אנגערופען א שטימע:

— איך קען דיין זארג און איך בענש דיך. דאס געריכט וועט נישט בעפרייען די בעשולדיגטע פויערען, נאר זייער משפט קען בטל ווערען און זיי וועלען בשלום צוריק צו זייערע היזער, ווען דער אויפזעהער פון דיין גוט, וועט נישט שטיצען די אנקלאגע וועגען אנפאל.

— בכן האט דאס מיין אויפזעהער דערלאנגט די אנקלאגע?... האט מיט בעוואונדערונג געפרעגט דער קרוין-פרינץ.

— אמת האסט דו געזאגט. ער האט זי דערלאנגט אין דיין נאמען. נאר אויב ער וועט נישט קומען אין געריכט, וועט נישט זיין קיין געליטענער; און וואו עס איז נישט דא קיין געליטענער איז נישט דא קיין פערברעך.

די בוימער האבען גערוישט.

— שטעה!—האט געשריען רעמסס — ווער ביסטו?

קיינער האט נישט געענטפערט. נאר עס האט זיך נעדאכט דעם קרוין-פרינץ, אז אין דעם בינדעל ליכטיגקייט פון דער שטאלקאץ, וואס האט זיך געברענט אויף דעם ערשטען שטאק, איז דורכגעלאפען א נאקעטער קאפ און א פעל פון א פאנטערא.

— א כהן! — האט דער קרוין-פרינץ זיך געקלערט — פארוואס פערבארגט ער זיך?...

באלד איז איהם אבער געקומען אויף די געדאנקען, אז דער כהן, וואלט געקענט שווער ליידען דערפאר, וואס ער גיעט עצות, וועלכע שטערען דעם געריכט צו שטראפען די אונגליקליכע פויערען.

צוועלפטעס קאפיטעל.

די גרעסטע טייל פון דער נאכט האט רעמסס פערברענגט אין היציגע דמיונות. א מאל האט ער געזעהן פאר זיך די מלוכה אין געשטאלט פון א אונגעהויער ריזענדיג בנין מיט זעהר פיעל צימערן און קארידארען, אין וועלכע ער בלאנדזעט ארום און ווייס נישט, ווי זיך ארויסצובעקומען. באלד דערנאך האט ער געזעהן א שאטען פון א כהן, וואס איין ווארט זיינס האט איהם געעפענט די אויגען און געוויזען דעם וועג, ווי זיך ארויסצובעקומען פון דעם בנין. און פלוצלונג זענען געשטאנען פאר איהם צוויי שטארקע קרעפטען: דער אינטערעס פון דער מלוכה, וועלכען ער האט ביז איצט נישט געשפירט, חאטש ער איז געוועזן א קרוין-פרינץ און — די כהונה, וועלכע ער האט געוואלט צוריבען און מאכען זיך אונטערטעניג.

א שווערע נאכט איז דאס פאר רעמסס'ן געוועזן. דער קרוין-פרינץ האט זיך געווארפען אויף זיין בעט און זיך אליין געפרעגט: צי איז ער ביז איצט נישט געוועזן בלינד און צי האט ער ערשט היינט געעפענט זיינע אויגען און דערזעהן, אז ער איז גארנישט? ווי אנדערש האבען איצט ביי איהם אויסגעזעהן די ווערטער פון זיין מוטער, וואס האט איהם

געוואָרענט, די פאָרזיכטיגקייט פון זיין פאָטער און ארויסזאָגען זיין רצון און אפילו די שטרענגע אויפפיהרונג פון הרהור?

„די מלוכה און די כהונה!..." — האָט ווי אין חלום דער קרוין-פרינץ איבערחזר'ט, זייענדיג בעגאָסען מיט א קאלטען שווייס.

נאָר איין גאָט ווייסט, וואָס עס וואָלט געשעהן, ווען עס וואָלטען זיך געקענט ענטוויקלען די געדאנקען, וועלכע האָבען זיך יענע נאכט דערוועקט אין דער נשמה פון דעם קרוין-פרינץ. ווען ער וואָלט דערנאָך געוואָרען א פרעה, וואָלט ער אפשר געווען דער גליקליכסטער הערשער אויף דער וועלט? אפשר וואָלט אייביג געריהמט געווען זיין נאָמען, וואָס וואָלט אויסגעקריצט געוואָרען אין אלע בית-מקדש'ים אונטער דער ערד און אויף דער ערד? אפשר וואָלט ער און זיין דינאסטיע נישט געווען פערלוירען די קרוין פון דער מלוכה און מצרים וואָלט נישט צורודערט געוואָרען אין די ערגסטע צייטען?

די ליכטיגקייט פון טאָג האָט אָבער פעריאָגט די דמיונות, וואָס האָבען געשוועבט איבער דעם ברענענדען קאָפּ פון דעם קרוין-פרינץ, און די שפּעטעריגע טעג האָבען פיעל געענדערט זיינע בעגריפען וועגען די אונבעריהרקייט פון די אינטערעסען פון דער מלוכה.

דאָס ווילען פון קרוין-פרינץ אין דער תפיסה, האָט געבראכט גוטע רעזולטאטען פאר די ארעסטאנטען. דער אויספאָרשונגס בעאמטער האָט באלד פאָרגעשטעלט א ראַפּאָרט דעם העכסטען שופט, וועלכער האָט נאָך א מאָל דורכגעקוקט דאָס משפט, אליין אויסגעפאָרשט עטליכע

בעֶשוּלדִיגטעֶ און אִין עֶטלִיכעֶ טעֶג האָט עֶר בעֶפרייַט אַ רוב פון זיי און די אִיבּרִיגעֶ האָט עֶר ווי אַמגִיכסטעֶן אִיבּעֶרגעֶגעֶבּעֶן דעֶם געֶרִיכט.

און ווען אִין נאָמעֶן פון דעֶם קרוין־פּרִינץ, וואָס האָט פון דעֶם אָנפאַל געֶלִיטעֶן, האָט זִיך קיינעֶר אִין דעֶם געֶרִיכט נִישט געֶשטעֶלט, חאָטש מעֶן האָט וועֶגעֶן דעֶם משפּט אויסגעֶרופעֶן אִין מארק און אִין געֶרִיכט, אִיז דעֶר משפּט אָבּגעֶפאַלעֶן און די אִיבּרִיגעֶ בּעֶשוּלדִיגטעֶ זעֶנעֶן אויך בּעֶפרייַט געֶוואָרעֶן.

אייגעֶר פון די שופטים האָט אַפִילוּ געֶזאָגט, אַז דעֶר אויפזעֶהעֶר פון דעֶם קרוין־פּרִינצס גוּט דאַרף אִיבּעֶרגעֶגעֶבּעֶן צוּ ווערעֶן דעֶם געֶרִיכט, ווייַל עֶר האָט פאַלש אָנגעֶקלאָגט און אויבּ עֶס וועֶט דעֶרוויזעֶן ווערעֶן, אַז עֶס אִיז קיין אָנפאַל נִישט געֶמאַכט געֶוואָרעֶן, וועֶט עֶר מוּזעֶן בּעֶשטראָפט ווערעֶן מִיט דעֶר שטראָף, וואָס די בּעֶשוּלדִיגטעֶ אִין אָנפאַל האָבּעֶן געֶזאָלט בּעֶשטראָפט ווערעֶן. די אִיבּרִיגעֶ רִיכטעֶר האָבּעֶן אָבּעֶר פון דעֶם נִישט געֶוואָלט וויסעֶן.

דעֶר אויפזעֶהעֶר פון געֶרִיכט אִיז געֶשִיקט געֶוואָרעֶן דוּרך דעֶם קרוין־פּרִינץ אִין דעֶם געֶגעֶנד טאָקעֶנס און קִירצלִיך אִיז פעֶרשוואוּנדעֶן געֶוואָרעֶן דעֶר גאַנצעֶר קאַסטעֶן מִיט די דאָקוּמעֶנטעֶן פון דעֶם משפּט וועֶגעֶן אָנפאַל.

ווען דעֶר קרוין־פּרִינץ אִיז דאָס געֶוואָהר געֶוואָרעֶן אִיז עֶר געֶגאַנגעֶן צוּ דעֶם גרויסעֶן שרייַבּעֶר און געֶזאָגט צוּ אִיהם מִיט אַ שמייכעֶל:

— נוּ, גרויסעֶר הערר, די אוּנשוּלדִיגעֶ זעֶנעֶן בּעֶפרייַט געֶוואָרעֶן, זייעֶרעֶ דאָקוּמעֶנטעֶן זעֶנעֶן פעֶרשוואוּנדעֶ־

געוואָרען און פונדעסטוועגען ליידט פון דעם גאָרנישט דער כבוד פון דער מלוכה.

— פרינץ מיינער — האָט דער גרויסער שרייבער געענטפערט קאַלט־בלוטיג, ווי געוועהנליך — איך האָב נישט געוואוסט, אַז מיט איין האַנד גיעסט דו אָב אַ אַנקלאַגע און מיט דער צווייטער האַנד ווילסט דו זי צוריק נעהמען. דו, קרוין־פרינץ בּיסט דורך דעם המון בּעליידיגט געוואָרען און מיר האָבּען דעם המון געמוזט בּעשטראָפען. אויב דו בּיסט מוחל, קען די מלוכה גאָרנישט האָבּען דערגעגען.

— די מלוכה!... די מלוכה!... האָט דער קרוין־פרינץ איבּערגעחזרט — די מלוכה זענען דאָך מיר...

— יאָ, די מלוכה איז פרעה און ... זיינע טרייעסטע דיענער — האָט געענטפערט דער שרייבּער.

די עטליכע ווערטער, וואָס דער גרויסער שרייבּער האָט גערעדט מיט דעם קרוין־פרינץ האָבּען פון זיין האַרץ אַרויסגעריסען דעם בּעגריף וועגען דער מלוכה, וואָס האָט זיך אין איהם געזועקט. די מלוכה איז אַלזאָ נישט קיין אייבּיגער בּנין, וועלכען מען קען פון אָרט נישט ריהרען און צו וועלכען יעדער פרעה מוז צולעגען אַ שטיין פון לויב. זי איז נאָר אַ באַרג זאַנד, וועלכען יעדער הערשער שיט איבּער ווי ער וויל, ווי איהם געפעלט. אין דער מלוכה זענען נישט פערהאַנען די ענגע טהירען, וועלכע מען רופט „געזעץ”, וואָס אַריינגעהענדיג דורך זיי מוז יעדער אַראָב בּויגען דעם קאָפּ. יעדער סיי אַ פויער, סיי אַ קרוין־פרינץ. אין דעם בּנין זענען פערהאַנען פערשידענע איינגענג און אויסגענג: שמאָלע פאַר קליינע און שוואַכע, זעהר בּרייטע און בּעקוועמע פאַר שטאַרקע.

„אויב אזוי—האָט זיך אָנגעהויבען צו וועקען אַ נייער געדאַנק אין דעם קאָפּ פון דעם קרוין-פּרינץ — וועל איך אָרדנונג מאַכען. איך וועל איינפיהרען אזא אָרדנונג, וועלכע מיר געפעלט!"

אין דער מינוט האָט ער זיך דערמאָהנט צוויי מענשען: דעם בעפּרייטען נעגער, וועלכער נישט וואַרטענדיג אויף אַ בעפעהל איז ער געווען גרייט אָבצוגעבען דאָס לעבען פאַר דעם אייגענטום פון דעם קרוין-פּרינץ און—דעם אונבעקאַנטען כהן.

ווען איך וואָלט געהאַט מעהר אַזעלכע מענשען, וואָלט מיין רצון געווען געאַכטעט אין מצרים און אויסהאַלב מצרים!..." האָט ער זיך געקלערט און עס האָט זיך איהם שטאַרק פערוואָלט אויסצוזוכען דעם כהן.

דאָס איז אודאי געווען דער זעלבער כהן, וועלכער האָט אָבגעהאַלטען דעם המון פון דעם אָנפאַל אויף דעם קרוין-פּרינצס הויז. ער האָט געהאַט צוויי מעלות: ער האָט געקענט דאָס געזעץ און האָט אויך געקענט פיהרען דעם המון.

— אַ טייערער מענש!... איך מוז איהם אויסזוכען

פון דאַמאָלס אָן האָט דער קרוין-פּרינץ אָפּט אָנגעהויבען צו בעזוכען די הייזלעך נעבען זיין גוט. אויף דעם וואַסער האָט ער זיך געשיפט אין אַ קליין שיפעל, מיט איין רודערער. געקליידט איז ער געווען אין אַ טוניקאַ און אין אַ גרויסען פּערוק, אין דער האַנד האָט ער געהאַלטען אַ גרויסען שטעקען, וועלכער האָט געקענט דינען פאַר אַ מאָס צו מעסטען דאָס וואַסער פון נילוס און האָס אויסגעזעהן,

ווי א דאמאלסטיגער אינזשיניער, וואס פארשט די טיעפקייט פון נילוס.

פויערען האבען איהם גערן געגעבען ערקלערונגען וועגען דעם געשטאלט פון דער ערד, דורך דעם, וואס דער נילוס גיעסט אוים און גלייכצייטיג האבען זיי געבעטען, אז די רעגירונג זאל ערפינדען א לייכט מיטעל צו שעפען וואסער. זיי האבען איהם אויך דערצעהלט פון דעם אנפאל אויף דעם קרוין-פרינצים הויז און זיי האבען איהם געזאגט, אז זיי קענען נישט די מענשען, וואסווארפען שטיינער. זיי האבען זיך ענדליך דערמאהנט דעם כהן, וועלכער האט אזוי גיך פון דארט אבגערוקט דעם המון, נאר ווער איז ער? — דאס האבען זיי שוין נישט געוואוסט.

— אין אונזער געגענד — האט איהם איין פויער געזאגט — איז פערהאנען א געוויסער כהן, וועלכער היילט אויגען, עס איז דא איינער, וועלכער היילט וואונדען און צובראכענע הענד און פיס. עס זענען פערהאנען עטליכע כהנים, וואס לערנען שרייבען און לעזען; עס איז דא איינער, וואס שפיעלט אויף א דאפעלטען פלעט און שפיעלט שען. נאר דער, וואס האט זיך בעוויזען אין דעם גארטען פון דעם קרוין-פרינץ, איז א אנדערער און אונזערע אלע כהנים ווייסען נישט ווער ער איז, דאס איז אידאי געוועזען דער גאט נום. אדער עפעס א מלאך, וואס היט דעם קרוין-פרינץ, אייביג זאל ער לעבען און האבען אפעטיט!

„אפשר איז דאס טאקי געוועזען עפעס א מלאך!"— האט זיך רעמסס געקלערט.

אין מצרים האט מען אלע מאל לייכטער געקענט זעהן מלאכים אדער שדים, ווי א רעגען

דאָס וואַסער פֿון נילוס האָט אויפֿגעהערט צו זיין רויט און איז געוואָרען ברוין און אין חודש האַטאַר (אויגוסט) איז עס געווען אַ העלפֿט פֿון דעם וואָס האָט בעדאַרפֿט צו זיין. אויף די ברעגען זענען געעפֿענט געוואָרען די שלוזען און דאָס וואַסער האָט באַלד פֿול געמאַכט די קאַנאַלען און די דיזענדיגע קינסטליכע אָזערא, מאָערים אין דער פּראָווינץ פֿיאום, וועלכע איז געווען בעריהמט מיט שענע רויזען.

דער נידריגער טהייל פֿון מצרים האָט אויסגעזעהן ווי אַ טייל פֿון אַ ים, וואָס איז אויסגעזעעט מיט בערגלעך, אויף וועלכען עס געפֿינען זיך גערטנער און הייזער. אויף דער יבשה איז קיינער נישט געפֿאָהרען און אויף דעם וואַסער האָבען זיך געשיפֿט אַזוי פֿיעל קליינע שיפֿלעך. ווייסע, געלע, רויטע און טונקעלע, אַז זיי האָבען אויסגעזעהן ווי בלעטער אין הערבסט. אויף די העכסטע ערטער פֿון לאַנד האָט מען אָנגעהויבען אראָבצונעהמען פֿון די פֿעלדער עפּעס אַמין בוימוואָל און צום צווייטען מאָל שניידען היי, פֿון די בוימער האָט מען אָנגעהויבען אַראָב צונעהמען טייטלען און עהלבירטען.

אַ געוויסען טאָג, שיפֿענדיג זיך נעבען דערפֿלעך, האָט דער קרוין-פּרינץ בעמערקט אַ אונגעוועהנליכע בעוועגונג. אויף איינעם פֿון די אינזלען, וואָס זענען געווען צווישען דעם וואַסער האָט זיך געהערט אַ געשריי פֿון פֿרויען, פֿון צווישען די בוימער.

„עס איז אודאי ווער געשטאָרבען"...— האָט זיך דער קרוין-פּרינץ געקלערט.

פֿון דער צווייטער זייט פֿון דעם אינזעל איז אָבגעשיקט געוואָרען אויף אַ שיף פֿיעל תבואה און בהמות, או

די מענשען, וואס זענען געשטאנען אויף דעם ברעג, האבען געפלוכט די מענשען, וואס זענען געווען אויף דער שיף.

„א מחלוקה פון שכנים ..." — האט זיך געקלערט דער קרוין-פרינץ.

אין עטליכע ווייטערע דערפער איז רוהיג געווען און די איינוואוהנער, אנשטאט ארבייטען אדער זינגען! זענען געזעסען שטיל אויף דער ערד.

„זיי האבען אודאי געענדיגט זייער ארבייט און איצט רוהען זיי".

פון א אנדערן קליינעם אינזעל, איז אבגעגאנגען א קליין שיפעל מיט עטליכע וויינענדע קינדער און עפעס א פרוי, ארייגגעהענדיג אין וואסער, האט מיט די פויסטען געדראהט.

„מען פיהרט די קינדער אין א שולע — האט רעמסס זיך געקלערט.

דאך האט איהם אנגעהויבען צו אינטערעסירען, וואס אין די דערפער איז פארגעקומען.

אויף איין אינזעל, האט זיך ווידער געהערט א געשריי. דער קרוין-פרינץ האט דערזעהן, אז א מענש ליגט אויף דער ערד און א נעגער שלאגט איהם מיט א שטעקען.

— וואס טהוט זיך דארט?... — האט רעמסס געפרעגט דעם רודערער.

— דו זעהסט דאך, הערר, אז מען שלאגט א ארימען פויער... — האט געענטפערט דער רודערער און געלאכט. ער האט אודאי עפעס שלעכטעס געטהון, געהט איהם איצט דורך א שמערץ אין די ביינער.

— און וואס ביסט דו?

— איך? — האָט מיט גאוה געענטפערט דער רודע־רער — איך בין אַ פרייער פישער. ווען איך גיב נאָר אָב דעם היילינגען פרעה, וואָס איהם געהער, קאָן איך זיך שיפען אויף דעם גאנצען נילוס ביז צום ים. אַ פישער איז ווי אַ פיש, אָדער אַ ווילדע גאנז, און אַ פויער איז ווי אַ בוים: ער שפייזט זיינע הערען מיט זיינע פרוכטען און קאָן נישט ענטלויפען. נאָר ער סקריפעט, ווען די אויפזעהער רייסען פון איהם די שאָל.

— האָ? האָ!... האָט ווידער מיט צופריעדענהייט אויסגעשריען דער פישער — טרינק נישט אויס דאָס גאנצע וואסער, ווארום עס וועט קיין גערעטעניש נישט זיין...

דאָס ליצנות־געשריי איז געווען געווענדעט צו אַ גרופּע נאַקעטע מענשען, וואָס זענען געשטאַנען און האלטענדיג איינעם ביי די פּים, האָבען זיי געטונקט זיין קאָפּ אין וואסער, פריהער ביז'ן האלז, דערנאָך ביז צו דער ברוסט און ענדליך ביז'ן גירטעל. דערנעבען איז געשטאַנען איינער מיט אַ שטעקען און געקליידעט איז ער געווען אין אַ פער־פלעקטע טוניקאָ און אַ פערוק פון אַ שעפּסען־פעל.

אַ ביסעל אָבגערוקט פון זיי איז געשטאַנען אַ פרוי, וועלכע עס האָבען געהאלטען עטליכע מענשען און זי האָט זעהר הויך געשריען.

דאָס שלאָגען מיט שטעקענס איז געווען אַזוי געוועהנליך אין דעם גליקליכען לאַנד פון די פרעה'ס, ווי פונקט געוועהנליך עס איז ביי מענשען עסען און שלאָפען. מען האָט געשלאָגען קינדער און דערוואַקסענע מענשען, פויערען און בעלי־מלאכות, סאָלדאַטען, אָפיצירען און בעאַמטע. ווער נאָר עס האָט געלעבט, דער איז געשלאָגען געוואָרען, אויסער

כהנים און די העלסטע בעאמטע, ווארום דיעזע האט שוין קיינער נישט געטארט שלאגען. דער קרוין-פרינץ האט אלזא גאנץ רוהיג געקוקט אויף א פויער, וואס איז געשלאגען געווארען מיט א שטעקען; ער האט נאר זיך פערקלערט זעהענדיג, ווי מען טונקט א פויער אין וואסער.

— הא! הא!... האט זיך ביני לביני דער רודערער פונאנדערגעלאכט — געבען זיי דאס איהם צו טרינקען!.. ער וועט אזוי דיק ווערען, אז זיין פרוי וועט איהם מוזען צונעהמען א שטיק צו דעם גירטעל.

דער קרוין-פרינץ האט געהייסען צושיפען צום ברעג. דערוויילע האט מען דעם פויער ארויסגענומען פון וואסער, מען האט איהם ערלויבט אויסהוסטען זיך און דערנאך האט מען איהם ווידער געחאפט ביי די פיס. טראץ די אונמענשליכע געשרייען פון זיין ווייב, וועלכע האט אנגעהויבען צו בייסען די מענשען, וואס האבען זי געהאלטען.

— שטעהט! — האט דער קרוין-פרינץ געשריען צו די מענשען, וועלכע האבען געצווינגען דעם פויער.

— טהוט, וואס איהר האט צו טהון! — האט געשריען דער מענש אין דעם פערוק פון שעפסען-פעל — ווער ביסט דו, מחוצף איינער, וועלכער האט די העזה...

דער קרוין-פרינץ האט איהם א זעץ געטהון מיט דער מאס, וועלכע איז צום גליק לייכט געוועזן. דאך איז דער מענש אין דער פערפלעקטער טוניקא געפאלען פון דעם זעץ אויף דער ערד און טאפענדיג זיין פערוק, האט ער מיט פערוואלקענדע אויגען געקוקט אויף דעם פרינץ.

— איך זעה — האט ער געזאגט מיט א נאטירליכע שטימע — אז איך האב די עהרע צו רעדען מיט א בע-

ריהמטע פּערזאָן ... אײביג, זאָלסט דו, מײַן העַרר, לוסטיג זײַן און די גאַל זאָל זיך דיר נישט צוגיסען אין די בײנער ...

— וואָס טהוט איהר דאָ מיט דעם מענש ...— האָט איהם דער קרוין־פּרינץ איבערגעהאַקט.

— דו פרעגסט, מײַן הערר — האָט געענטפערט דער מענש שוין נישט מיט אַ נאַטירליכע שטימע, נאָר מיט אַ נאָז־קול — ווי אַ אויסלענדער, וועלכער קאָן נישט אונזערע מנהגים, אונזערע מענשען און ער רעדט העזה'דיג. דו זאָלסט אַלזאָ וויסען, אַז איך בין דער גובה פון דעם גרויסען דגון, וועלכער איז דער ערשטער באַנקיר אין מעמפיס. און אויב דו ביסט נאָך נישט בלאַס געוואָרען, וועל איך דיר נאָך זאָגען: אַז דער גרויסער דגון איז אַ אַרענדאַר, אַ בעפאָלמעכטיגטער און אַ גוטער פרײַנד פון דעם קרוין־פּרינץ, אײביג זאָל ער לעבען! און דו האָסט געטהון אַ שרעקליך פערברעכען. מײַנע מענשען וועלען דערויף עדות זאָגען אויף דער ערד פון דעם קרוין־פּרינץ רעמסס ...

— בכן איז דאָס — האָט אָנגעהויבען דער קרוין־פּרינץ, נאָר באַלד האָט ער זיך צוריקגעהאַלטען — בכן וואָס פאַר אַ רעכט האָסט דו אַזוי צו פּײַניגען אַ פויער פון דעם קרוין־פּרינץ?

— ווײַל דער רשע וויל נישט געבען די אָבצאָהלונגען, און דער שאַץ פון דעם קרוין־פּרינץ איז לײדיג...

די העלפער פון דעם בעאַמטען, זעהענדיג דאָס אונגליק, וואָס האָט געטראָפען זײער הערר, האָבען אַרויסגעלאָזט דעם קרבן פון זײערע הענד און זענען געשטאַנען, ווי גלידער פון אַ מענש, וועלכען מען האָט דעם קאָפּ אָב־

געהאַקט. דער בּעפֿרײַטער פֿויער האָט ווידער אָנגעהויבּען שרײַען און אַרויסשאָקלען דאָס וואַסער פֿון די אויערען און ײַן ווײַב איז געפֿאַלען דעם קרוין-פּרינץ צו די פֿים.

— זײַ וועך דו בּיסט — האָט זי געזיפֿצט, אויסשטרעקענדיג די הענד צו דעם קרוין-פּרינץ — סײַ אַ גאָט, סײַ אַ שליח פֿון פּרעה'ן, נאָר הערען זאָלסט דו, וואָס איך וועל דיר ערצעהלען פֿון אונזער עלענדקײַט. מיר זענען פֿויערען פֿון דעם קרוין-פּרינץ, אײבּיג זאָל ער לעבּען! און מיר האָבּען בּעצאָהלט אַלע אָבּצאָהלונגען: הירז, ווײַץ, בּלומען און פֿעל. דערווײַל קומט צו אונז אין די טעג אָט דער מענש און הײסט זיך ווידער געבּען זיבּען מאָס ווײַץ... „מיט וואָס פֿאַר אַרעכט?". פֿרעגט מײַן מאַן: — „די אָבּצאָהלונגען זענען דאָך שוין געגעבּען געוואָרען!" [און ער וואַרפֿט מײַן מאַן אויף דער ערד, קאָפּעט איהם מיט די פֿים און זאָגט: „אַזאַ רעכט האָבּ איך, ווײַל דער גרויסער דגון האָט געהײסען". — „פֿון וואַנען וועל איך נעהמען — האָט מײַן מאַן געענטפֿערט — איך האָבּ דאָך שוין קײַן שום תּבואה נישט און שוין אַ חודש לעבּען מיר מיט קערנער אָדער מיט וואָרצלען פֿון לאָטוס, וועלכע עס איז אויך שווער צו בּעקומען, וואָרום גרויסע לײַט ליעבּען זיך צו שפּיעלען מיט די בּלומען פֿון לאָטוס!"...

זי האָט זיך פֿערסאַפּעט און אָנגעהויבּען צו ווײַנען. דער פֿירשט האָט געוואַרט מיט געדולד בּיז זי וועט זיך בּערוהיגען. נאָר דער געפּײַניגטער פֿויער האָט שטיל גע-מורמעלט;

— די נאַרישע פֿרוי וועט נאָך מיט איהר פּלאַפּלען אַ אונגליק אויף אונז בּרענגען... און איך האָבּ דאָך געזאָגט,

אַז איִך וויִל ניִשט, ווײַבער זאָלען זיִך מיִר איִן מײַנע געשעפֿטען מיִשען!

דער בעאַמטער האָט זיִך דערווײַל צוגערוקט צו דעם רודערער און ווײַזענדיִג אויף רעמסס'ן האָט ער איִהם שטיִל געפֿרעגט:

— ווער איִז דער מחוצף?

— זאָל דיִר די צונג דאַר ווערען! — האָט דער רודערער געענטפֿערט — צו זעהסט דו ניִשט, אַז דאָס איִז אַ ודאי אַ גאָר גרויסער מאַן, ער צאָהלט גוט און שלאָגט גאָר פֿײַן.

— איִך האָב באַלד דערקענט — האָט דער בעאַמטער שטיִל געזאָגט, אַז דאָס איִז עפּעס גאָר אַ גרויסער. מײַן יוגענד האָב איִך פֿערבראַכט מיִט גאָר גרויסע הערען אויף מאָהלצײַטען.

— אַהאַ! פֿון די מאָהלצײַטען האָסט דו נאָך הײַנט אַ פֿערפֿלעקטע טוניִקאָ; — האָט דער רודערער געענטפֿערט מיִט ליצנות.

די פֿרוי האָט זיִך אויסגעווײַנט און דערצעהלט ווײַטער:

— הײַנט איִז שוין געקומען דער שרײַבער מיִט זײַנע מענשען און זאָגט צו מײַן פֿויער: "אַז דו האָסט ניִשט קײַן ווײַץ, גיִב אונז צוויי קלײנע זיִהן דײַנע און דער גרויסער דגון וועט דיִר שענקען די אָבצאָהלונגען און יעדען יונגעל וועט ער נאָך יעדעם יאָהר אַ דראַכמאַ"...

— וועה איִז מיִר מיִט אַזאַ ווײַב ווי זי איִז! — האָט געשריִען דער פֿויער — דו מאַכסט אונז אונגליִקליִך מיִט דײַן פּלאַפּלען... הער ניִשט, וואָס זי זאָגט, גוטער הערר!...

האָט ער געזאָגט וועגדענדיג זיך צו רעמסס'ן — ווי אַ קוה מיינט, אַז מיט איהר ווידעל וועט זי פֿעריאָגען אַ פֿליג, אַזוי מיינט די נאַרישע פֿרוי, אַז מיט איהר צונג וועט זי פֿעריאָגען אַ גובה ... און זיי ווייסען נישט, אַז ביידע האָבען קיין שכל נישט ...

— דו האָסט נישט קיין שכל! — האָט צו איהם די פֿרוי געשריען — דו זוהן פֿון דער זון, וואָס דו האָסט אַ קעניגליכע צורה...

— איהר זאָלט מיר עדות זיין, אַז די פֿרוי לעסטערט... — האָט שטיל געזאָגט דער בעאַמטער צו זיינע מענשען.

— דו שמעקענדע בלום, וואָס דיין שטימע איז אַזוי, ווי דער קלאַנג פֿון אַ פֿלעט, הער מיך אויס! — האָט די פֿרוי געבעטען רעמסס'ן — מיין פּויער האָט אַלוא געזאָגט דעם בעאַמטען: איך וואָלט בעסער געוואָלט פֿערליהרען צווי קליינע עקסלעך, ווען איך וואָלט זיי נאָר געהאַט ווי דיר צו געבען מיינע יונגלעך. אַפּילו ווען איהר וואָלט מיר פֿאַר יעדען געצאַהלט פֿיער דראַכמען אַ יאָהר, וואָרום, אַז אַ קינד געהט נאָר אַרויס פֿון דער היים דינען, זעהט איהם דערנאָך שוין קיינער נישט..."

— הלואי וואָלט איך מיך דערשטיקט!... הלואי וואָלטען די פֿיש געגעסען מיין קערפּער אין דעם נילוס!..— האָט געזיפֿצט דער פּויער—דו וועסט דאָך דאָס גאַנצע דאָרף אונגליקליך מאַכען מיט דיין פּלאַפּלען...

דער בעאַמטער זעהענדיג, אַז דער פּויער, וועלכער איז אַממעהרסטען דאָ אינטערעסירט, האַלט מיט איהם, האָט זיך געשטעלט דרייסט און האָט ווידער גרויסאַרטיג

אנגעהויבען צו רעדען מיט א נאז-שטימע:

— זייט די זון געהט אויף אונטער דעם קעניגליכען פאלאץ און געהט אונטער איבער די פיראמידען, געשעהען אין דיעזען לאנד פערשידענע משונה'דיגע זאכען ... אין די צייטען פון פרעה סעמעמפסאס, האט מען געזעהן נעבען דער פיראמידע קאחאם וואונדערבארע ערשיינונגען און א מגפה איז געוועזען אין מצרים. אין די צייטען פון באעטאס האט זיך געעפענט די ערד אונטער בובאסטיס און האט איינגעשלונגען פיעל מענשען ... ווען נעפערחעס האט גע-הערשט, איז דאס וואסער פון נילוס געוועזען זיס ווי האניג עלף טעג. דאס האט מען געזעהן און נאך פיעל זאכען, וועלכע איך ווייס, ווארום איך בין פול מיט קלוגשאפט נאר קיין מאל האט מען נאך נישט געזעהן, אז פון וואסער זאל ארויסגעהן עפעס א אונבעקאנטער מענש און אין דעם נוט פון דעם קרוין-פרינץ זאל ער נישט דערלאזען צונויף קלויבען די אבצאהלונגען.

— שווייג! — האט רעמסס געשריען — און טראג זיך אב פון דאנען, קיינער וועט אייערע קינדער נישט צונעהמען — האט ער ווייטער געזאגט, ווענדענדיג זיך צו דער פרוי.

— עס איז מיר לייכט זיך אבצוטראגען פון דאנען — האט געענטפערט דער גובה — ווארום איך האב א לייכט שיפעל און פינף רודערער, נאר גיב מיר, גרויסער הערר, עפעס א צייכען צו מיין הערר דגון!...

— דו וועסט ארויסנעהמען דיין פערוק און איהם ווייזען, דעם צייכען אויף דיין קאפ — האט דער קרוין-פרינץ געזאגט — און דגונ'ען זאלסט דו זאגען, אז אזעלכע צייכענס וועל איך איהם מאכען אויף זיין גאנצען קערפער...

— איהר הערט די לעסטערונג ?... — האט דער גובה שטיל געזאגט צו זיינע מענשען, צוריקקוקענדיג זיך צו דעם ברעג און טיעף זיך בוקענדיג.

ער האט זיך געזעצט אין זיין שיפעל און ווען ער איז שוין געוועזן א הונדערט טריט וויט פון ברעג, האט ער אויסגעשטרעקט די הענד און אנגעהויבען צו שרייען:

— אייערע געדערם זאל אייך צוריסען ווערען, בונטאוויניקעס, לעסטערער!..? פון דאנען פאהר איך צו דעם קרוין-פרינץ און איך וועל איהם דערצעהלען, וואס עס טהוט זיך אין זיינע גיטער...

דערנאך האט ער גענומען א שטעקען און אנגעהויבען צו שלאגען זיינע מענשען, פארוואס זיי האבען זיך ניט אנגענומען, ווען מען האט איהם געשלאגען.

— אזא סוף וועסט דו אויך האבען!... האט ער געשריען דראהענדיג מיט דעם שטעקען רעמסס'ן.

דער קרוין-פרינץ איז צוגעגאנגען צו זיין שיפעל און מיט שרעקליכען כעס האט ער געהייסען דעם רודערער נאכיאגען דעם בעאמטען פון דגונ'ען. דער „גרויסער הערר" אין דעם פערוק פון שעפסען-פעל האט אבער אוועקגעווארפען דעם שטעקען און אליין האט ער גענומען דעם רודער אין דער האנד; זיינע מענשען האבען איהם אזוי גוט צוגעהאלפען, אז רעמסס האט איהם נישט געקענט דעריאגען.

— א סאווע וועט גיכער קענען דעריאגען א שוואלב, ווי מיר זיי, מיין שענער הער — האט געזאגט זיין רודערער לאכענדיג — אבער איהר זענט אודאי נישט קיין מעסטער. נאר א אפיציר, און אפשר גאר פון דעם הייליג

גען פרעה'ס גווארדיע. באלד שלאגט איהר אין קאפ! איך קען זיך אויף דעם: פינף יאהר בין איך אליין געוועזן אין מיליטער. איך האב אלע מאל געשלאגען אין קאפ, אדער אין בויך, און נישט אמערגסטען איז מיר אויף דער וועלט געוועזן. און ווען עס האט מיך ווער אנידערגעווארפען, האב איך באלד פערשטאנען, אז ער איז א גרויסער... אין אונזער לאנד מצרים, קיינמאל זאלען עס די געטער נישט פערלאזען! איז שרעקליך ענג: א שטאדט נעבען א שטאדט, א הויז נעבען א הויז, א מענש נעבען א מענש. ווער עס וויל זיך אביסעל אומדרעהען אין דעם ענגשאפט, מוז שלאגען אין קאפ...

— דו האסט א ווייב? — האט דער קרוין-פרינץ געפרעגט.

— פהי: ווען איך האב א נקבה און א ארט אויף אנדערטהאלבען פערזאן, האב איך א ווייב... איך בין דאך געוועזן אין מיליטער און איך ווייס, אז א פרוי איז גוט איין מאל אין טאג און דאס אויך נישט שטענדיג, זי שטערט.

— אפשר וואלסט דו געוואלט ביי מיר דיענען? אפשר וואלט דיר ביי מיר גוט געוועזן?...

ענטשולדיגט גרויסער הער, איך האב באלד פערשטאנען, אז איהר זענט געוועזן א אנפיהרער פון פאלק, חאטש איהר האט א יונג פנים, נאר אין דיענסט וועל איך צו קיינעם נישט געהן. איך בין א פרייער פישער; מיין זיידע איז געוועזן, זייט מיר מוחל, א פאסטוך אין נידריגען מצרים, און שטאמען, שטאמען מיר פון היקסאסען. אמת איז טאקי, אז פון אונז שטאמען די פויערען פון מצרים, נאר איך לאך שטענדיג פון דעם. א פויער און א

היקסאָס, זאָג איך אײַך גרויסער הער, איז פּונקט אַזוי ווי אַ אָקס און אַ בּיק. אַ פּויער קאָן גײן נאָך דעם אַקער־וואָגען אָדער פאַר דעם אַקער־וואָגען. אָבער אַ היקסאָס וועט קײנעם נישט דינען. אויסער אין דעם מיליטער פון דעם הײליגען פּרעה.

דער לוסטיגער רודערער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדען, נאָר דער קרוין־פּרינץ האָט נישט געהערט, וואָס ער זאָגט. אין זײַן נשמה האָבען זיך וואָס אַ מאָל העכער אָנגערופען זעהר שמערצענדע פראַגען, בּכן געהערען צו איהם די אינזלען, נעבען וועלכער ער האָט זיך געשיפט?... פאַר וואָס האָט ער דאָס גאָרנישט געוואוסט? פאַר וואָס האָט ער נישט געוואוסט אפילו ווי זיי זעהען אויס?... און אין זײַן נאָמען פערלאַנגט דגון פון די פּויערען נײַע אָבּצאָה־לונגען און די בּעוועגונג, וועלכע ער האָט געזעהן שיפּען־דיג זיך נעבען דעם בּרעג, איז געווען דאָס צונויפקלויבען אָבּצאָהלונגען?... דער פּויער, וועלכען מען האָט געשלאָגען אויף דעם בּרעג, האָט אודאי נישט געהאַט וואָס צו געבען... די קינדער, וועלכע האָבען אַזוי שטאַרק געוויינט אין די שיפלעך, זענען פערקויפט געוואָרען צו דראַכמעס אויף אַ גאַנץ יאָהר, און די פרוי, וועלכע איז אַרײַן אין וואַסער און האָט געשאָלטען, איז געווען זייער מוטער...

— פרויען זענען זעהר אומרוהיג — האָט דער קרוין־פּרינץ צו זיך אַליין געזאָגט — שרה איז די רוהיגסטע פרוי, אַנדערע האָבען ליעב פיעל צו רעדען, וויינען און שרײַען.

אויף די געדאַנקען איז איהם געקומען דער פּויער, וועלכער האָט זיך בּעמיהט צו שטילען דעם כּעס פון זײַן

ווײַב. איהם האָט מען געטרענקט אין וואסער — און ער האָט זיך נישט געבײזערט, איהר האָט מען גאָרנישט געטהון — און פֿונדעסטוועגען האָט זי געשריען.

— פֿרויען זענען זעהר אונרוהיג!... — האָט ער זיך איבערחזר'ט. — יאָ, אַפילו מײַן געעהרטע מוטער... וואָס פֿאַר אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם פֿאָטער און דער מוטער! זײַן הייליגקייט, פרעה, וויל גאָרנישט וויסען, אז איך האָב פֿערלאָזט די אַרמע צוליעב א מיידעל, און די מלכה האָט ליעב זיך צו בעשעפֿטיגען אַפֿילו מיט דעם, אז איך האָב מיר גענומען אין שטוב אַרײַן אַ יידיש מיידעל... שרה איז די רוהיגסטע פֿרוי אויף דער וועלט; דערפֿאַר רעדט טאָפּעט, וויינט און שרײַעט פֿאַר פֿיער אַנדערע...

דערנאָך האָט זיך דער קרוין-פּרינץ דערמאָהנט די ווערטער פֿון דעם פֿויערס ווײַב, אז שוין אחודש עסען זיי נישט קיין תבואה נאָר קערנער און וואָרצלען פֿון לאָטוס. די קערנער פֿון לאָטוס זענען ווי מאָהן; זײַנע וואָרצלען — אָט, וואָרצלען. ער וואָלט דאָס נישט געגעסען אַפֿילו ווען ער וואָלט דרײַ טעג גאָרנישט געגעסען. די כהנים וועלכע בעשעפֿטיגען זיך מיט היילען קראַנקע, הייסען זאָגאַר ענדערען די מאכלים, נאָך אין דער שולע האָט מען איהם געזאָגט, אז מען דאַרף עסען פֿלייש אויך ווען מען עסט פֿיש, טייטלען — ווען מען עסט ווייץ, פֿײַגען — ווען מען עסט גערשטען. אָבער אַ גאַנצען חודש זיך צו נעהרען מיט קערנער פֿון לאָטוס!.. נו, און אַ פֿערד, אַ קוה?... א פֿערד און אַ קוה האָבען ליעב צו עסען היי, און פֿער-על פֿון גערשטען-מעהל דאַרף מען זיי מיט גוואַלד אַרײַנ-

שטופען אין די מײַלער. געווים ווילען אויך פויערען זיך בעסער נעהרען מיט קערנער פון לאָטוס, און פלעצלעך פון ווייצען-מעהל אָדער גערשטען-מעהל. פיש און פלייש עסען זיי נישט גערן. אויך די פרומסטע כהנים, די וועלכע ווייזען מופתים, בעריהרען קיינמאָל נישט קיין פלייש און פיש. ווי עס ווייזט אויס דאַרפען פלייש נאָר מיוחסים, וועלכע שטאַמען פון מלכים, ווי אָדלערס און לייבען, וועלכע מוזען אויך האָבען פלייש. און פויערען — דאַרפען גראָז, ווי אַ אָקס.

נאָר... דאָס טרענקען אין וואַסער פאַר אָבצאָהלונגען!... עה, נישט איינמאָל, באָרענדיג זיך צוזאַמען מיט זיינע חברים, האָט ער זיי אויך געשטופט אונטערן וואַסער, ער אַליין האָט זיך אויך געטונקט... וויפיעל האָט מען ביי דעם געלאַכט! דאָס טונקען איז געווען אַ פערגניגונג. וואָס אָנבעלאַנגען דאָס שלאָגען מיט אַ שטעקען, וויפיעל מאָל האָט מען איהם אין שולע אויך געשלאָגען מיט אַ שטעקען!... עס טהוט וועה, אָבער נישט יעדען בעשעפניש. אַז מען שלאָגט אַ הונד בילט ער און בייסט; אַז מען שלאָגט אַ אָקס, קוקט ער זיך אַפילו נישט אום. אַזוי איז אויך ביי מענשען; אַז מען שלאָגט אַ גרויסען מאַן, טהוט איהם וועה, און אַ פויער שרייעט נאָר, כדי זיך ביי אַ געלעגענהייט אויסצושרייען. און אויך נישט אַלע שרייען; סאָלדאַטען און אָפיצירען זינגען בעת מען שלאָגט זיי מיט שטעקענס.

די קלוגע בעמערקונגען האָבען אָבער דאָך נישט געקענט שטילען די אונרוה אין דעם האַרץ פון דעם קרוין-פרינץ. זיין אַרענדאַר דגון, האָט אַרויפגעלעגט אויף די

פויערן אַ אָבצאָהלונג, וועלכע די פויערן קענען נישט צאָהלען — דאָס האָט איהם שטאַרק בעאונרוהיגט.

דעם קרוין־פּרינץ, איז דאַמאָלס נישט געגאַנגען אום די פויערן, נאָר — אום זיין מוטער. זיין מוטער ווייס אַוודאַי פון דעם ווירטשאַפט פון דעם פעניציאַנער. וואָס וועט זי דערויף זאָגען איהר זוהן? ווי וועט זי קוקען אויף איהם? ווי בייסענד וועט זי שמייכלען?... זי וואָלט גאָר קיין פרוי נישט געוועז, ווען זי וואָלט איהם נישט דער־מאָהנט.

— איך האָב דאָך דיר, רעמסס, געזאָגט, אַז זי וועט רואינירען דיינע גיטער!...

„ווען די כהנים — האָט זיך רעמסס געקלערט — וואָלטען מיר היינט געגעבען צוואַנציג טאַלענטען, וואָלט איך מאָרגען אַרויסגעיאָגט דגונ'ען, מיינע פויערן וואָלטען נישט געשלאָגען געוואָרען און וואָלטען נישט געטונקט געוואָרען אין וואַסער און די מוטער וואָלט פון מיר נישט געלאַכט... אַ צעהנטייל, אַ הונדערסטטייל פון דעם רייכ־טום, וואָס ליגט אין די בית־מקדש'ס, וואָלט אויף גאַנצע יאָהרען מיך געמאַכט אונאָבהענגיג פון פעניציאַנער"...

אין דער זעלבער מינוט האָט אין רעמסס'עס נשמה אַ בלאַנק געטהון אַ משונה'דיגער בעגריף, אַז עפּעס אַ טיפע שנאה הערשט צווישען די כהנים און די פויערן.

„דורך הרהור'ן האָט זיך אויפגעהאַנגען — האָט ער זיך געקלערט — יענער פויער אויף דער גרענעץ פון דער מדבר... אויף אויסהאַלטונג פון די כהנים אין בית־מקדש'ס אַרבייטען שווער צוויי מיליאָנען מענשען פון דעם פאָלק אין מצרים... ווען דאָס פערמעגען פון די כהנים וואָלט גע־

הערט צו דעם אוצר פֿון פרעה'ן, וואָלט איך נישט גע־צוואונגען געווען צו באַרגען זיך פֿופֿצעהן טאַלענטען און מיינע פֿויערען וואָלטען נישט אַזוי שרעקליך געדריקט געוואָרען... אָט, דאָס איז די קוועלע פֿון די אונגליקען אין מצרים און די שוואַכקייט פֿון זיינע מלכים!...

דער קרוין־פּרינץ האָט געשפּירט, אַז די פֿויערען גע־שיהט אַ עולה, און דאַדורך איז איהם אויפֿ'ן האַרצען לייכ־טער געוואָרען, ווען ער האָט ענטדעקט, אַז אין אַלעם שלעכטען זענען שולדיג נאָר די כהנים, עס איז איהם אויף די געדאַנקען נישט געקומען, אַז ער קאָן האָבען אַ טעות אין דעם.

דרייצעהנטעס קאַפּיטעל.

דאָס אַרומרייזען פֿון דעם קרוין־פּרינץ, אום צו ענט־דעקען דעם כהן, וועלכער האָט געראַטעוועט שרה'ן און איהם געגעבען אַ עצה, ווי צו בעפֿרייען די פֿויערען פֿון אַרעסט, האָט געהאַט אַ אונערוואַרטעטען רעזולטאַט.

דעם כהן האָט ער נישט אָבגעזוכט, נאָר צווישען די פֿויערען אין מצרים האָבען אָנגעהויבען צו קורסירען וואונדערליכע מעשיות וועגען רעמסס'ן.

עפּעס אַ מענש האָט זיך געשיפּט אַוועגדס פֿון איין דאָרף אין אַנדערן אויף אַ קליין שיפֿעל און האָט ערצעהלט די פֿויערען, אַז דער קרוין־פּרינץ האָט בעפֿרייט די מענ־שען, וועלכע זענען בעשולדיגט געוואָרען אין דעם אָנפֿאַל אויף זיין הויז. אויסער דעם האָט דער קרוין־פּרינץ געשלאָ־גען דעם בעאַמטען, וועלכער האָט פֿון די פֿויערען גע־וואָלט אַרויסבעקומען אַ אָבצאָהלונג, וועלכע זיי האָבען נישט

בעדארפט צו צאהלען. דער אונבעקאנטער מענש האט נאך צוגעגעבען, אז דעם קרוין=פרינץ שיצט דער גאט עמון, וועלכער איז זיין פאטער.

דאס געוועהנליכע פאלק האט מיט נייגיריגקייט אויסגעהערט די מעשיות, איינמאל ווייל זיי האבען געשטימט מיט די פאקטען און צווייטענס ווייל דער מענש, וואס האט זיי דערצעהלט, האט אויסגעזעהן אליין ווי א גייסט: ער איז אנגעקומען און קיינער האט נישט געוואוסט פון וואנען; ער איז פערשוואונדען געווארען און קיינער האט נישט געוואוסט וואוהין.

דער קרוין=פרינץ רעמסס האט מיט דגונען גארנישט גערעדט וועגען זיינע פויערען, ער האט איהם אפילו נישט גערופען צו זיך. ער האט זיך אליין געשעהמט פאר דעם פעניציאנער, פון וועלכען ער האט גענומען געלד און נישט איינמאל וועט ער נאך דארפען פון איהם געלד נעהמען.

נאר עטליכע טעג נאכדעם, ווי רעמסס האט געשלאגען דגונ'ס שרייבער, איז דגון אליין געקומען צו איהם, האלטענדיג אין דער האנד עפעס פערדעקטעס. און ווען ער איז אריינגעגאנגען אין דעם צימער פון דעם קרוין=פרינץ, האט ער אנידער געקניעט, אויפגעבונדען א וויים טיכעל און ארויסגענומען דערפון א הערליכען גאלדענעם בעכער. דער בעכער איז געוועזען אויסגעזעצט מיט טייערע, פערשידען-קאלעריגע שטיינער און בעדעקט מיט שניצערייען, וועלכע האבען אונטען פארגעשטעלט דאס אראבנעהמען פון די גערטנער די וויינטרויבען און דאס פרעסען דעם וויין; אויבען האבען זיי פארגעשטעלט א מאהלצייט.

— נעהם צו דעם בעכער, גרויסער הער. פֿון דיין קנעכט — האט דער באנקיר געזאגט — און בענין איהם הונדערט... טויזענד יאהר, אייביג, ביז די וועלט וועט זיך ענדיגען.

דער קרוין-פּרינץ האט אבער פֿערשטאנען, וואס דער פֿעניציאנער וויל נישט בעריהרענדיג די מתנה, האט ער שטרענג געזאגט:

— זעהסט דו, דגון, דעם פּורפּור-בלאנק אין דעם בעכער?...

— אין אמת'ן — האט געענטפֿערט דגון — ווי האב איך געקענט נישט זעהן דעם פּורפּור-בלאנק, וועלכער דערוויזט, אז דער בעכער איז פֿון ריין גאלד?

— און איך זאג דיר, אז דאס איז בלוט פֿון די קינדער, וועלכע זענען אבגענומען געווארען ביי זייערע עלטערן — האט מיט כעס געענטפֿערט דער קרוין-פּרינץ.

דער קרוין-פּרינץ האט זיך אויסגעדרעהט און איז אוועקגעגאנגען אין די ווייטערע צימערן.

— א, עשתרות! — האט געזיפֿצט דער פֿעניציאנער.

די ליפּען זיינע זענען בלוי געווארען און די הענד האבען איהם אנגעהויבען אזוי צו ציטערן, אז ער האט קוים געקענט איינוויקלען צוריק דעם בעכער אין דעם ווייסען טיכעל.

עטליכע טעג דערנאך איז דגון געקומען מיט זיין בעכער אין דעם גוט, וואו שרה איז געווען. ער האט זיך אנגעטהון קליידער, וואס זענען געווען געשטיקט מיט גאלד, אין זיין געדיכטער באָרד האט ער געהאט א גלעזערן קיי-ליכעל, פֿון וועלכען עס האבען געטריפֿט שמעקענדע

פערפומען און אין די האר פון קאפ האט ער זיך ארײַנגעשטעקט צווײַ פעדערן.

— שענע שרה! — האט ער געזאגט — זאל גאט אויף דײַן משפחה אויסגיסען אזוי פיעל ברכות, וויפיעל טראפען וואסער עס פליסט הײַנט אין נילוס! מיר פעניציאנער, און איהר, יודען, זענען דאך שכנים און ברידער. און איך, אין מיר ברענט אזא ליעבע צו דיר, אז ווען דו וואלסט נישט געהערט צו אונזער גרויסען הער, וואלט איך געגעבען פאר דיר גדעונ'ען, געזונד זאל ער זײַן! צעהן טעלענטען און וואלט דיך גענומען פאר א אמתדיג ווײַב, אזוי הײַס, אזוי ברענענדיג איז מײַן ליעבע!...

— זאל מיך גאט אבהיטען — האט שרה געענטפערט — אז איך זאל דארפען א אנדערן הער, אויסער דעם, וועלכען איך האב. נאר וואס האסט דו, געעהרטער דגון, עפעס הײַנט חשק בעקומען צו בעזוכען דײַן דיענסט?

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, פונקט אזוי ווי דו וואלסט געוועזן תמר, מײַן פרוי, וועלכע, האטש זי איז א טאכטער פון צידון, האטש זי האט מיר א גרויסען נדן געגעבען, איז זי אבער שוין אלט און איז נישט ווערט דיר אראבצוציהען די סאנדאלען פון די פיס...

— אין דעם האניג, וואס פליסט פון דײַן מויל, איז פערהאנגען פיעל ביטערקײַט — האט שרה צו איהם געזאגט.

דער האניג — האט ווײַטער געזאגט דגון זעצענדיג זיך — זאל זײַן פאר דיר און דאס ביטערקײַט זאל פערגיפטען מײַן הארץ. אונזער הער, דער קרוין־פרינץ רעמסס, אייביג זאל ער לעבען! האט א מויל ווי א לײַב און היטרע איז ער ווי א שלאנג. ער האט בעוויליגט מיר אין ארענדע

צו געבען זיינע גיטער און דאָס האָט מײַן הארץ פול געמאכט מיט שמחה; אָבער עָר טרויט מיר נישט און פון דעם האָב איך אזעלכע יסורים, אז איך קען בײַ נאכט נישט שלאָפען. איך זיפץ און מיט טרערען בעגים איך מײַן געלעגער, הלואי דו שרה וואָלסט מיט מיר צוזאמען געלעגען, אָנשטאָט מײַן ווײַב, וועלכע מײַן הארץ קאָן שוין נישט בעגערן.

— נישט דאָס האָסט דו געוואָלט זאָגען — האָט איהם איבערגעהאקט שרה, וועלכע איז זעהר רויט געוואָרען.

— איך ווייס שוין, וואָס איך וויל זאָגען, זײַט איך האָב דיך דערזעהן און ווען אונזער הער, נאָכשפּירענדיג מײַנע מעשים אין די דערפער האָט געשלאָגען מיט א שטעקען און אָבגענומען דאָס געזונד פון מײַן שרײַבער, וועלכער האָט צונויפגעקליבען אָבצאָהלונגען פון די פויערען. די אָבצאָהלונגען זענען דאָך נישט פאַר מיר, נאָר פאַר אונזער הער... נישט איך וועל דאָך עסען פײַגען און ווײַצען-ברויט פון די גיטער, נאָר דו, שרה, און אונזער הער... איך האָב דאָך געגעבען געלד דעם הער און דיר צירונג, און פאַר וואָס זאָלען די נידערטרעכטיגע פויערען פון מצרים בדלות מאַכען אונזער הער און דיך, שרה?... כדי דו זאָלסט וויסען, ווי זעהר דו דערהיצט מײַן בלוט צו זיך, און כדי דו זאָלסט געוואָהר ווערען, אז פון די גיטער וועל איך גאָרנישט האָבען, נאָר אײַך גיב איך אלעס אָב, נעהם צו, שרה, דעם בעכער פון ריין גאָלד, וועלכער איז אויסגעזעצט מיט טײַערע שטײַנער און בעדעקט מיט שניצערײַען, וועלכע די געטער אליין וואָלטען בעוואונדערט.

זאָגענדיג דיזע ווערטער, האָט דגון אַרויסגענומען פון דעם ווייסען טיכעל דעם בעכער, וועלכען דער קרוין־פּרינץ האָט נישט אָנגענומען.

— איך וויל אַפילו גאָרנישט — האָט ער געזאָגט — אַז דו שרה, זאָלסט האָבען אין דער היים דעם בעכער און געבען אין איהם צוטרינקען אונזער הער. דו גיב דעם בעכער פון ריין גאָלד דיין פאָטער, גדעון, וועלכען איך ליעב, ווי אַ ברודער. און דו, שרה, זאָג דיין פאָטער די ווערטער: „דגון, דיין צווילינג ברודער, דער אונגליקליכער אַרענדאַר פון די גיטער פון דעם קרוין־פּרינץ, איז רואינירט. בכן טרינק, מיין פאָטער, אין דעם בעכער און געדענק דיין צווילינג־ברודער דגון און בעט דיין יודישען גאָט, אַז אונזער הער, דער קרוין־פּרינץ רעמסס, זאָל נישט שלאָגען זיינע שרייבער און נישט בונטעווען די פּויערען, וועלכע ווילען אָהן דעם אויך נישט צאָהלען די אָפּצאָהלונגען". און דו שרה, וויסען זאָלסט דו, אַז ווען דו וואָלסט מיך אַמאָל נעהנטער צוגעלאָזט צו זיך, וואָלט איך דיר געגעבען צוויי טאַלענטען און דיין פאָטער אַ טאַלענט, און איך וואָלט מיך נאָך געשעהמט, אַז איך געב דיר אַזוי ווייניג, וואָרום דו ביסט ווערט, אַז דיך זאָל גלעטען פרעה אַליין, און דער קרוין־פּרינץ, און דער גרויסער מיניסטער הרהור, און דער גביר ניטאַגער און די רייכסטע באַנקירען פון פעניציע, אין דיר איז עפּעס אַזאַ טעם, אַז ווען איך זעה דיך, — חלש איך, און ווען איך זעה דיך נישט, פערמאַך איך די אויגען און בעלעק זיך. דו ביסט זיסער פון פייגען, שמעקענדיגער פון רויזען... איך וואָלט דיר געגעבען פינף טאַלענטען... נעהם דעם בעכער, שרה...

שרה האָט זיך אָבגעדרוקט מיט פערמאַכטע אויגען.

— איך וועל נישט נעהמען דעם בעכער — האָט זי געענטפערט — מיין העך האָט מיר פערוועהרט צו נעה־מען מתנות.

דגון איז געבליבען ווי פערשטיינערט און האָט אויף איהר געקוקט מיט פערוואונדערונג.

— דו שרה, ווייסט אַ ודאי נישט, וואָס אזא בעכער איז ווערטה?... און דו הערסט דאָך, אז איך גיב איהם נישט דיר, נאָר דיין פאָטער, מיין ברודער...

— איך קען איהם נישט נעהמען... — האָט שרה שטיל געזאָגט.

— געוואלד! — האָט דגון געשריען — ווענסט דו, שרה, מיר אנדערש בעצאָהלען פאַר דעם בעכער און דיין הער וועסט דו נישט זאָגען... אזא שעהנע פרוי, ווי דו, שרה, מוז דאָך האָבען גאָלד און צירונג און מוז האָבען איהר באַנקיר, וועלכער זאָל איהר געבען געלד, ווען זי וויל, און נישט נאָר ווען איהר הער וויל איהר געבען...

— איך קען נישט!... — האָט שרה געזאָגט, נישט פערדעקענדיג פאַר דגון'ען, אז זי מיאוס'ט זיך מיט איהם.

דער פעניציאנער האָט אין איין אויגענבליק זיין טאָן געענדערט און האָט געזאָגט לאַכענדיג:

— זעהר גוט, שרה!... איך האָב נאָר געוואָלט זיך איבערצייגען, צי דו ביסט טריי אונזער הער. און איך זעה, אז דו ביסט טאַקי טריי. חאָטש נארישע מענשען זאָגען...

— וואָס?... — האָט שרה אויסגעבראָכען מיט כעס, וואַרפענדיג זיך מיט די פויסטען אויף דגון'ען.

— אַ, חאַ, חאַ! ... — האָט דגון געלאַכט. — ווי אַ שאָד איז, אַז אונזער הער האָט דאָס נישט געזעהן און נישט געהערט ... איך וועל איהם אָבער אַמאָל ערצעהלען, ווען ער וועט נישט זיין בייז, אַז נישט נאָר דו ביסט טריי ווי אַ הונד. נאָר אַ גאָלדענעם בעכער האָסט דו נישט געוואָלט נעהמען, ווייל ער האָט דיך נישט געהייסען נעהמען קיין מתנות ... און דער בעכער, גלויב מיר, שרה, האָט שוין גערייצט נישט איין פרוי ... און נישט אַ קליינע פרוי ...

דגון איז געזעסען נאָך אַ ווייל, בעוואונדערענדיג שרה'ס ערליכקייט און איהר געהאָרזאַמקייט. ענדליך האָט ער זיך מיט איהר זעהר הארציג געזעגנט, האָט זיך געזעצט אין זיין שיפעל מיט אַ דאַך פון לייוואַנד און האָט זיך געשיפט קיין מעמפיס. וואָס ווייטער דאָס שיפעל האָט זיך אָבגערוקט פון דעם גוט, דאָס מעהר איז פערשוואונדען געוואָרען פון זיין פנים דער שמייכעל און ער איז געוואָרען בייז, טרויריג. און ווען שרה'ס הויז האָט זיך פאַר איהם שוין בעהאַלטען אונטער די בוימער, האָט זיך דגון אויפגעשטעלט און אויפהויבענדיג די הענד אין דער הויך, האָט ער געשריען:

— אַ בעל-צידון, אַ עשתרות! ... זייט זיך נוקם פאַר דער בושה. וואָס איך האָב געהאַט ביי דער פערשאָלטענער טאָכטער פון יהודה ... זאָל איהר שענהייט פערשוואונדען ווערען ווי אַ רעגען-טראָפען אין דער מדבר! זאָלען קראַנקהייטען אויפעסען איהר פלייש און אַ שגעון זאָל אין איהר נשמה וואָהנען! ... זאָל איהר הער זי אַרויסיאָגען פון זיין הויז, ווי אַ קרעציג חזיר! ... און ווי זי האָט היינט אָבגעוואָרפען מיין בעכער, אַזוי זאָל קומען אַ צייט, ווען

מענשען װעלען איהר אױסגעטריקענטע הענד אָבװאַרפען, װען זי װעט זײַן דורשטיג און װעט בעטען, מען זאָל איהר געבען אַביסעל שמוציג װאַסער...

דערנאָך האָט ער אױסגעשפּיען און געפּלאַפּעלט אונ־פערשטענדליכע, שרעקליכע װערטער, ביז אַ שװאַרצער װאָלקען האָט אַ װײַלע בעדעקט די זון און אױף דעם װאַ־סער נעבען דעם שיפעל, האָבען זיך געװיזען גרױסע פּאַ־לעם. באַלד דערנאָך האָט די זון װידער געשײַנט, נאָר דער נילום האָט זיך װײַטער געקאָכט, װי עס װאָלט אױפּס ביי אָנגעקומען פיעל װאַסער.

דגון׳ס רודערער האָבען זיך דערשראָקען און האָבען אָנגעהױבען זינגען; זײַענדיג אָבער אָבגעטײַלט פון זײַער הער מיט אַ װענדעל פון לײַנװאַנד, האָבען זײ נישט גע־זעהן, װאָס ער טהוט.

פון דאַמאָלס אָן האָט דער פעניציאַנער זיך נישט געװיזען פאַר דעם קרױן־פּרינץ. נאָר װען דער קרױן־פּרינץ איז אַמאָל אין זײַן פּאַלאַץ געקומען, האָט ער געפונען אין זײַן שלאָף־צימער אַ שעהנע זעכצעהן־יעהריגע פעניציאַנער טענצערין, װעלכערס גאַנצע קלײדונג איז געװען: אַ גאָל־דענע רײַף אױפ׳ן קאָפּ און אַ לײַכטער שאַל, װאָס איז גע־װען דין, װי שפּינװעבעכטס אױף די אָרעמען.

— װער ביסט דו? — האָט דער קרױן־פּרינץ געפרעגט.

— איך בין אַ כּהנת און דײַן דיענסט, און געשיקט צו דיר האָט מיך הער דגון, אַז איך זאָל פון דיר פערטרײַ־בען דעם צאָרן, װאָס דו האָסט אױף איהם.

— װי אַזױ װעסט דו דעם צאָרן קענען פעריאָגען?

— אַט אַזוי... זיץ נאָר דאָ — האָט זי געזאָגט, זעצענדיג איהם אויף אַ שטוהל — איך וועל שטעהן אויף די פינגער, אום איך זאָל זיין העכער פון דיין כּעס, און מיט דעם שאָל, וועלכער איז הייליג, וועל איך פון דיר די שלעכטע רוחות פּעריאָגען...

— אַ קיש!... אַ קיש!... — האָט זי געמורמעלט טאַנצענדיג אַרום רעמסס'ן — זאָלען מיינע הענד אַראָבּ־נעהמען די בּרוֹירִיגקייט פון דיינע האָר... זאָלען מיינע קיש צוריקגעבען דיינע אויגען אַ העלען בּליק... זאָל דאָס שלאָ־גען פון מיין הארץ פול מאַכען מיט מוזיק דיינע אויערען, דו, הער פון מצרים!... אַ קיש!... אַ קיש... ער איז נישט אייער, נאָר מיין... ליעבע דאַרף האָבּען אַזאַ שטילקייט, אַז אפילו כּעס מוז ביי איהר שטיל בּלייבען...

טאַנצענדיג האָט זי זיך געשפּילט מיט רעמסס'עס האָר, זי האָט איהם אַנגענומען ביים האַלז, געקושט אין די אויגען. ענדליך ווען זי איז מיעד געוואָרען, האָט זי זיך געזעצט ביי די פיס פון דעם קרוין־פּרינץ, און אַנשפּאַ־רענדיג דעם קאָפּ אויף זיינע קניע, האָט זי זיך גוט איינגע־קוקט אין איהם, סאַפּענדיג מיט אַ אָפען מויל.

— דו בּייזערסט זיך שוין נישט אויף דיין דיענער, דנון? ... — האָט זי געמורמעלט, גלעטענדיג זיין פּנים.

רעמסס האָט איהר געוואָלט קושען די ליפּען. זי האָט זיך אָבער באַלד אויפגעהאַפּט פון זיינע קניען, שרייענדיג:

— אַ ניין, מען טאָר נישט!...

— פאַרוואָס?

— איך בּין אַ בּתולה און אַ כּהנת פון דער גרויסער

געטין עשתרות... דו וואָלסט געמוזט זעהר ליעבען און פערהייליגען מיין געטין. איידער עס וואָלט דיר ערלויבט געוואָרען מיך צו קושען.

— און דו מעגסט מיך קושען?..

— איך מעג אַלץ, ווייל איך בין אַ כהנת און איך האָב געשוואָרען צו היטען מיין ריינקייט.

— און צו וואָס ביזט דו אַהער געקומען?

— אום צו פערזאָגען דיין כעס. איך האָב דאָס מיינינגע אָבגעטהון און איך געה אַוועק. זיי שטענדיג געזונד און גוט!... האָט זי צוגעגעבען מיט אַ דורכדרינגענדען בליק.

— וואו וואָהנסט דו?... ווי הייסט דו? — האָט דער קרוין־פּרינץ געפּרעגט.

— איך הייס „געליעבטע" און וואָהן... עה, צו וואָס דאַרף איך זאָגען וואו איך וואָהן? נישט אַזוי ניך וועסט דו קומען צו מיר.

זי האָט אַ וואונק געטהון מיט דער האַנד און איז פערשוואונדען געוואָרען, און דער קרוין־פּרינץ איז געבליבען זיצען אַ דערציטערטער אויף זיין שטוהל. ווען ער האָט נאָך אַ ווייל אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער, האָט ער דערזעהן אַ רייבע לעקטיקאַ, וועלכע פיער מענשען פון נוב האָבען ניך געטראָגען צו דעם נילוס.

רעמסס האָט נישט בעדויערט, וואָס די כהנת איז אַוועקגעגאַנגען: ער האָט זי בעוואונדערט, אָבער געצויגען געוואָרען צו איהר איז ער נישט.

„שרה איז רוהיגער פון איהר — האָט ער זיך געקלערט — און אויך שענער פון איהר. עס דאַכט זיך

מיר אויך, אז די פעניציאנערין איז א קאלטע און איהר קושען איז אויסגעלערנט".

און דאך האט זיך דער קרוין-פרינץ אויפגעהערט פון דאמאלס אן צו בייזערן אויף דגונ'ען, זיין כעס איז נאך מעהר געשטילט געווארען, ווען ער איז אמאל געקומען צו שרה'ן, זענען צו איהם געקומען פויערען, און דאנקענדיג איהם פאר זיין שוץ, האבען זי איהם ערצעהלט, אז דער פעניציאנער פערלאנגט שוין נישט פון זיי די נייע אבצאהלונג.

אזוי איז געוועזען נעבען מעמפיס. אין אנדערע דערפער האט אבער דגון זיך אבגענומען מעהר, וויפיעל ער האט דא נאכגעלאזט.

פירצעהנטעס קאפיטעל.

אין חודש חאיאק, פון העלפט סעפטעמבער ביז העלפט אקטאבער, איז דאס וואסער פון נילוס זעהר הויך געשטאנען, און דערנאך האט עס אנגעהויבען אביסעל צו פאלען. אין די גערטנער האט מען ארובגענומען די פרוכטען פון די טאמארינדען-בוימער, טייטלען און עהלבירטען און די בוימער האבען צום צווייטען מאל אנגעהויבען בליהען.

אין דער זעלבער צייט, האט זיין הייליגקייט, רעמסס דער צוועלפטער, פערלאזען זיין זון-פאלאץ נעבען מעמפיס און אויף עטליכע צעהנדליגע הערליכע שיפען איז ער מיט זיין סוויטע געפאהרען קיין טעב, כדי דארט צו דאנקען די געטער פאר דעם וואסער, וואס זיי האבען געגעבען

דעם נילוס און גלייכצייטיג מקריב צו זיין קרבנות אויף די קברים פון זיינע איביג־לעבעדיגע אבות...

דער גרויסער הערשער האט זעהר גנעדיג זיך געזעגענט מיט זיין זוהן דער טראן־פאלגער; נאר דאס פיהרען די מלוכה האט ער איבערגעגעבען הרהור'ן.

דעם קרוין־פרינץ רעמסס האט אזוי זעהר פערדראסען דאס וואס זיין פאטער האט צו איהם קיין צוטרויען נישט, אז דריי טעג איז ער נישט ארויס פון זיין פאלאץ און האט נישט געגעסען נאר געוויינט. דערנאך האט ער אויפגעהערט זיך ראזירען און האט זיך איבערגעטראגען אין דעם פאלאץ, וואו שרה איז געוועזן, כדי ער זאל זיך נישט דארפען צו טרעפען מיט הרהור'ן און מצער צו זיין די מוטער זיינע, וועלכע ער האט געהאלטען פאר א קוועלע פון זיינע צרות.

באלד דעם צווייטען טאג האט איהם בעזוכט טוטמאזיס, וועלכער האט מיטגענומען מיט זיך צוויי שיפלעך מיט מוזיקער און טענצערינען און נאך א שיפעל, וואס איז פול געוועזן מיט קארבען מיט מאכלים, בלומען און קרוגען ווייז. דער קרוין־פרינץ האט געהייסען די מוזיקער און די טענצערינען אוועקפאהרען און פיהרענדיג טוטמאזיס'ן אין גארטען אריין, האט ער צו איהם געזאגט:

— דיך האט אודאי דא אהער געשיקט מיין מוטער, איביג זאל זי לעבען! כדי דו זאלסט מיך אבזייסען פון דעם יודישען מיידעל?... אט, זאג איהר היילינקייט, אז אפילו ווען הרהור וואלט געוועזן נישט נאר א שני־למלך, אבער אויך א זוהן פון מיין פאטער, וועל איך טהון דאס, וואס מיר געפעלט... איך וויים, וואס מען וויל מיט מיר מאכען... היינט וויל מען מיר אוועקנעהמען שרה'ן און מארגען וועט

מען וועלען בײַ מיר צונעהמען די מאַכט... איך וועל זיי איבערצייגען, אַז איך וועל מיך פֿון זיי נישט לאָזען.

דער קרוין-פּרינץ איז געווען אויפגערעגט, און טוטמאָזיס האָט געהויבען די פּלייצעס. דערנאָך האָט ער געענטפֿערט:

— אַזוי ווי אַ שטורם-ווינד טראָגט אַוועק אַ פֿויגעל אויף דער מדבר, אַזוי וואַרפֿט דײַן כּעס אַרויס אַ מענש אויף די ברעגען פֿון אונרעכטשאַפֿענהייט. צי קאָנסט דו זיך וואונדערן אויף די כּהנים, אַז זיי פרעהען זיך נישט, ווען דער קרוין-פּרינץ האָט זײַן לעבען פֿערבונדען מיט אַ פֿרוי פֿון אַ אַנדער לאַנד און אַ אַנדערע אמונה? דאָס איז אמת, אַז שרה געפֿעלט זיי נישט, בפֿרט אַז דו האָסט נאָר זי איינע; ווען דו וואָלסט געהאַט עטליכע פֿערשידענע פֿרויען, ווי אַלע יונגע אַדעללײַט, וואָלט קיינער פֿון דעם ייִדישען מיידעל נישט געקלערט. און וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָבען זיי איהר געטהון?... גאָרנישט. פֿערקעהרט, עפּעס אַ כּהן האָט זי געוועהרט פֿון דעם כּעס פֿון המון, פֿון די ווילדע, וועלכע איז דיר געפֿעלען געוואָרען אַרויסצוציהען פֿון דער תפיסה...

— און מײַן מוטער? — האָט זיך אָנגערופֿען דער קרוין-פּרינץ.

— טוטמאָזיס האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— דײַן געעהרטע מוטער — האָט ער געזאָגט — ליעבט דיך ווי איהרע אייגענע אויגען, ווי איהר אייגען האַרץ. אודאי געפֿעלט שרה איהר אויך נישט, דו ווייסט דאָך אָבער, וואָס דײַן הייליגע מוטער האָט מיר געזאָגט!... אַז איך זאָל בײַ דיר צונעהמען שרה'ן!... זעהסט דו, וואָס

אַ וויִץ זיִ האָט זיִך געמאַכט ?... איִך האָב איִהר אויך מיִט אַ וויִץ געענטפערט: רעמסס האָט מיִר געשענקט אַ מחנה היִנד צום יאַגד און צוויי סיִריִשע פערד, ווען זיי זענען איִהם פערטיִאוס'ט געוואָרען; אפשר וועט ער מיִר אויך אַ מאָל אָבגעבען זיין געליִעבטע, ווע לבע איִך וועל אַ ודאי מוזען אָננעהמען מיִט אַ בייִלאַגע.

— דאָס וועט קיין מאָל ניִשט זיין. קיינעם וואָלט איִך היינט ניִשט אָבגעגעבען שרה'ן, טאַקי דאַדורך, וויל דורך איִהר האָט מיִך מיין פאָטער ניִשט געמאַכט פאַר זיין נאַמיִעסטניִק.

טוטמאָזיִס האָט געדרעהט מיִט'ן קאָפּ.

— אַ גרויסען טעות האָסט דו — האָט ער געענטפערט. דו האָסט אַזאַ טעות, אַז איִך ווער דערפון דערשראָקען. ציִ פערשטעהסט דו טאַקי ניִשט, פאַרוואָס דיין פאָטער גיִעט דיִר ניִשט זיין לייטזעליִגכּייט. יעדער געביִלדעטער מענש איִן מצרים פערשטעהט דאָס!...

— איִך וויים גאָרניִשט...

— דאָס איִז נאָך ערגער—האָט טוטמאָזיִס געזאָגט— דו ווייסט ניִשט אַליִין, אַז די סאָלדאַטען, בפרט די גריִכיִשע, טריִנקען איִן יעדער שענק, לחיים פאַר דיִר, זייט די מאַנעווערען ?...

— אויף דעם האָבען זיי דאָך בעקומען געלד.

— יאָ. אָבער ניִשט אויף דעם, זיי זאָלען שרייען, אַז ווען דו וועסט ווערען אַ מלך נאָך דיין היילִיגען פאָטער, אַביִיג זאָל ער לעבען! וועסט דו אָנהויבען צו פיִהרען אַ גרויסע מלחמה און דערנאָך וועט איִן מצרים אַנדערש ווערען ?... און ווער מעג דאָס האָבען די העזה צו רעדען ביים

לעבען פון פּרעה, וואס זיין נאכפאלגער וועט טהון?...
דער קרוין־פּרינץ איז טרויעריג געווארען.
— דאס איז איינס, איך וועל דיר אבער זאגען נאך עפּעס — האט טוטמאזיס ווייטער געזאגט — ווארום א אונגליק געהט נישט אליין, נאר פּאר־ווייז. צי ווייסט דו, אז פויערען זינגען פרייע לידער, ווי דו האסט בעפרייט פון דער תּפיסה די, וועלכע זענען אנגעפאלען אויף דיין הויז, און נאך ערגער איז דאס, וואס מען זאגט, אז ווען דו וועסט א מלך ווערען, וועט קיינער קיין אבצאהלונגען נישט דארפען צאהלען... און וויסען מוזט דו, אז ווען פויערען הויבען אן צו רעדען צווישען זיך וועגען אונרעכט און אבצאהלונגען, ברעכען באלד אויס אונרוהען. און ווען עס ברעכען אויס אונרוהען קומט אן א אויס ערליכער פיינד און פאלט אן אויף דער אבגעשוואכטער מלוכה, אדער מצרים ווערט פונאנדערגעטיילט אויף אזוי פיעל טיילען, וויפיעל אנפיהרער עס זענען פערהאנען... און זאג דו אליין, צי דארף אין מצרים א נאמען דערמאהנט ווערען אויסער פּרעה'ס נאמען?... און צי דארף ווער צו שטעהן צווישען דעם פאלק און אונזער הער?... ווען דו וואלסט מיר ערלויבט, וואלט איך דיר דערצעהלט, וואס די כהנים זאגען וועגען דעם...
— פארוואס זאל איך דיר נישט ערלויבען?... אדרבה, זאג...
— אט, איין זעהר קלוגער כהן, וועלכער שטעהט אויף דעם טהורם פון דעם גאט עמונ'ס בית־המקדש און פארשט, וואס אין הימעל טהוט זיך, האט געזאגט אזא משל:

פרעה איז אַ זון און דער קרוין-פּרינץ — אַ לבנה.
ווען נאָך דעם ליכטיגען גאָט רוקט זיך פון וויטענס די לבנה, האָבען מיר ליכטיגקייט ביי טאָג און ליכטיגקייט ביי נאַכט. ווען די לבנה וויל צו נאָהענט זיין צו דער זון, ווערט זי אַליין פערשוואונדען און די נעכט זענען פינסטער. אָבער ווען די לבנה שטעלט זיך פאַר דער זון, דאַמאָלס מאַכט זיך אַ לקוי חמה, אויף דער גאַנצער וועלט ווערט דאַמאָלס טונקעל...

— און די אַלע פלאַפלערייען — האָט איהם רעמסס איבערהאַקט — הערט אויס מיין היילינגער פאָטער?... וועה צו מיין קאָפּ!... הלואי וואָלט איך קיין מאָל נישט געווען אַ זוהן פון אַ מלך!...

— פרעה, אַלס אַ גאָט אויף דער ערד, ווייס פון אַלעם; ער איז אָבער אַזוי מעכטיג, אַז ער מאַכט זיך גאָר נישט פון די אויסשרייען פון די סאָלדאַטען, אָדער פון דעם פלאַפלען פון די פויערען. ער פערשטעהט, אַז יעדער מצרי וועט פאַר איהם אָבגעבען זיין לעבען, און דו פריהער פאַר אַלעמען.

— אמת זאָגט דיין מויל!...—האָט דער פערזאָרגטער קרוין-פּרינץ געענטפערט — אין דעם אַלעמען זעה איך אָבער נייע נידערטרעכטיגקייט און צביעות פון די כהנים—האָט ער צוגעגעבען וועהרענדיג לעבהאַפטיגער—פערדעק איך דאָס דעם מייעסטעט פון אונזער הערר, ווייל איך בעפריי אונשולדיגע פון דער תפיסה, אָדער איך ערלויב נישט מיין אַרענדאַר צו קוועלען די פויערען מיט אַ אונרעכטשאַפענער אָבצאָהלונג?... אָבער ווען דער גרויסער הרהור הערשט איבער דער אַרמעע, ער בעשטימט אַנפיהרער, שטעלט

בעדינגונגען פרעמדע פּרינצען און מיין פאָטער הייסט ער פערברענגען די טעג מיט תפלות...

טוטמאָזיס האָט זיך פערשטאָפּט די אויערען און טופּענדיג מיט די פיס, האָט ער געשריען:

— שווייג שוין, שווייג!... יעדעס וואָרט דיינס איז אַ לעסטערונג... איבער דער מלוכה הערשט דער הייליגער פרעה, און וואָס נאָר עס טהוט זיך אויף דער ערד שטאַמט פון זיין רצון. הרהור איז פרעה'ס דיענער און טהוט דאָס, וואָס זיין הערר הייסט... דו וועסט אַליין אַמאָל איבערציינגט ווערען... זאָלען נאָר מיינע ווערטער נישט שלעכט אויסגעטייטשט ווערען!...

דער קרוין-פּרינץ איז אַזוי טרויעריג געוואָרען, אַז טוטמאָזיס האָט פּלוצלונג אויפגעהערט צו רעדען און באַלד האָט ער זיך מיט איהם געזעגענט. ווען ער האָט זיך אריינגעזעצט אין זיין שיפעל, וועלכעס האָט געהאַט אַ חופּה און פאָרהאַנגען, האָט ער טיעף אָבגעאָטהעמט און אויסטרינקענדיג אַ גרויסען בעכער וויין, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו קלערען:

„ברר!... איך דאַנק די געטער, וואָס זיי האָבען מיר נישט געגעבען אַזאַ כאַראַקטער, ווי רעמסס האָט. ער איז דער אונגליקליכסטער מענש אין די אונגליקליכסטע בעדינגונגען... ער וואָלט געקענט האָבען די שענסטע פרויען פון מעמפיס, און ער האַלט זיך נאָר ביי איינע, וועלכע געפעלט נישט זיין מוטער: און אין אמת'ן איז ער נישט די מוטער זיינע מצער, נאָר אַלע גוטע, פרומע מיידלעך און געטרייע ווייבער, וועלכע ווערען דאַר פון בענקעניש, ווייל דער קרוין-פּרינץ, וועלכער איז דערצו אַ שענער

בחור, נעהמט ניִשט צו בײַ זײַ זײַער אונשולדיִגקײַט, זײַער
געטרײַהײַט... ער וואָלט געקאָנט ניִשט נאָר טריִנקען, אָבּער
אויך זיִך באָדען איִן בּעסטען ווײַן, און דערווײַל וויִל ער
בּעסער שלעכט סאָלדאַטיִש בּיִער און אַ דאַר פלעצעל אָנ־
געריִבּען מיִט קנאָבּעל. די גערעהרטע מלכּה ניִקאָטריִס האָט
זיִך איִן דער געפֿעהרליִכסטער צײַט אודאַי פֿערקוקט אויף
אַרבּײַטער, ווען זײַ האָבּען געגעסען.

„ער וואָלט געקענט פֿון דער פֿריִיה בּיִז נאַכט גאָר־
ניִשט טהון. ווען ער וואָלט געוואָלט, וואָלטען איִהם גע־
שפּײַזט די גרעסטע הערען, זײַערע פֿרויען, שוועסטער און
טעכטער. אָבּער ער, ניִשט נאָר ער אַלײַן ציִהט אוים די
האַנד, מען זאָל איִהם געבּען עסען, אָבּער אויך צום אונ־
גליִק פֿון די עדעלע יונגע לײַט, וואַשט ער זיִך אַלײַן, אַלײַן
טהוט ער זיִך אָן זײַנע קלײַדער און זײַן פֿריִזיִרער האַפּט
גאַנצע טעג פֿײַגעל און זײַנע פֿעהיִגקײַטען ווערען פֿער־
שוואונדען.

„אָ רעמסס! רעמסס! האָט טוטמאָזיִס געזיִפֿצט —
איִז דען מעגליִך, אַז בײַ אַזאַ קרוין־פּריִנץ זאָל זיִך די מאָדע
ענטוויִקלען?... שוין אַ גאַנץ יאָהר טראָגען מיִר אײַנע און
די זעלבּע שיִרצלעך, און פּערוקען האַלטען זיִך נאָך, נאָר
צוליִעב די הויפֿס־לײַט; דען רעמסס וויִל גאָר קײַן פּערוק
ניִשט טראָגען. איִז דאָס ניִשט אַ חרפּה פֿאַר אַלע עדעל־
לײַט?

„און דאָס אַלעס... בּרר!... מאַכט נאָר די פֿערשאָל־
טענע פּאָליטיִק... אָ ווי גליִקליִך בּיִן איִך, אַז איִך דאַרף
ניִשט צו טרעפֿען: וואָס קלערט מען וועגען צור, וועגען
גיִבוה, זיִך צו זאָרגען וועגען דער פּענסיע פֿון די סאָלדאַ־

טען, צו רעכנען: וויפיעל מענשען עס זענען צוגעקומען אדער אנגעקומען אין מצרים און וויפיעל מען קען אבנעמען אבצאהלונגען? שרעקליך איז זיך צו זאגען, אז מיין פויער צאהלט מיר נישט אזוי פיעל, וויפיעל איך דארף און גיעב אויס, נאר — וויפיעל עס ערלויבט דאס וואסער, וואס קומט צו דעם נילוס. דער פאטער נילוס פרעגט דאך נישט מיינע בעלי־חובות: וויפיעל איך בין זיי שולדיג?

אזוי האט זיך געקלערט דער עלעגאנטישער טוטמאזים און מיט שטארקען ווייַן האט ער זיך געשטארקט זיין טרויריגען גייסט, און איידער דאס שיפעל איז צוגעקומען קיין מעמפיס, איז אויף איהם געפאלען אזא שווערער שלאף, אז איינייגע שקלאפען האבען איהם געמוזט טראגען אויף די הענד אין דער לעקטיקא.

ווען טוטמאזים איז אוועקגעגאנגען פון דעם קרוין־פרינץ, האט זיך רעמסס פערקלערט און האט דער שפירט עפעס א שרעקעניש.

דער קרוין־פרינץ איז קיין גרויסער מאמין נישט געווען. זייענדיג ערצויגען אין די העכסטע שולען פון כהנים, האט ער געוואוסט, אז ווען געוויסע כהנים פערברענגען פיעל חדשים אין תעניתים און סיגופים, כדי זיי זאלען ארויסרופען עפעס רוחות, זאגען אנדערע כהנים, אז רוחות קען גאר קיינער נישט זעהן מיט די אויגען און ווער עס זאגט, אז ער זעהט יא, דער איז משוגע אדער נארט די וועלט. ער האט אויך געזעהן, אז דער הייליגער אקס אפיס, פאר וועלכען גאנץ מצרים איז אויף די פנים'ער געפאלען, האט נישט איין מאל בעקומען געזונדע שטעקענס

פון די קלענערע כהנים, וועלכע האבען איהם געגעבען עסען און איהם אונטערגערוקט קיה.

ער האט אויך פערשטאנען, אז זיין פאטער, רעמסס דער צוועלפטער, וועלכען דער המון אין מצרים האט געהאלטען פאר א אייביג לעבענדען גאט און א אלמעכטיגען הערשער פון דער וועלט, איז אין אמת'ן נאר אזא מענש, ווי אלע אנדערע מענשען, נאר מעהר קרענקליך איז ער פון אנדערע אלטע לייט און זעהר בעגרענעצט דורך די כהנים.

דאס אלעס האט דער קרוין-פרינץ געזעהן און פון פיעל זאכען האט ער געלאכט אין הארצען און אויך עפענטליך. זיין גאנצער ליבעראליזם איז אבער געפאלען זעהנדיג, אז קיינער טאר נישט לאכען פון דעם, וואס מען האלט פרעה'ן פאר א גאט...

רעמסס האט געקאנט די געשיכטע פון זיין לאנד און האט געדענקט, אז אין מצרים האט מען פיעל זאכען מוחל געווען גרויסע לייט. א גרויסער הערר האט געקענט פערדערבען א קאנאל, הרג'ענען א מענש, ווען קיינער זעהט נישט, לאכען שטיל פון געטער, נעהמען מתנות פון שליחים פון אנדערע מלוכות... נאר צוויי זינד האט מען אין מצרים נישט מוחל געווען: ארויסגעבען סודות פון די כהנים און אונטערייהייט צו פרעה'ן. ווער עס האט אויסגעגעבען סודות פון די כהנים אדער איז פרעה'ן אונטריי געווען, איז פערשוואונדען געווארען. און וואס איז מיט איהם געווארען?... דאס האט קיינער נישט געהאט די העזה צו זאגען.

רעמסס האט געשפירט, אז ער געפינט זיך אויך אויף דעם וועג פון פערשוואונדען ווערען, צייט דאס מילי

טער און די פֿיערען האָבען אָנגעהויבען אָפּט צו דערמאָהנען זיין נאָמען און צו רעדען פֿון זיינע פּלאַנען, פֿון די ענדערונגען אין דער מלוכה און די מלחמות, וואָס ער וועט פֿיהרען. קלערענדיג וועגען דעם, האָט דער קרוין-פּרינץ געהאַט אַ איינדרוק, אַז איהם, דעם קרוין-פּרינץ שטופּט אַ המון פֿון עלענדע מענשען צו דעם שפּיץ פֿון העכסטען טהורם, פֿון וועלכען מען קען נאָר אַראָבפֿאַלען און צושלאָגען ווערען אויף קליינע שטיקלעך.

שפּעטער, ווען זיין פֿאָטער וועט שטאַרבען נאָך אַ זעהר לאַנג לעבען, וועט ער, רעמס, ווערען אַ פּרעה, ער וועט דאַמאָלס האָבען דאָס רעכט און די נויטווענדיגע מיטלען צו טהון גרויסע מעשים, וועגען וועלכע קיינער אין מצרים האָט נאָך די העזה נישט געהאַט צו קלערען. אָבער היינט מוז ער זיך טאַקי היטען, מען זאָל איהם נישט אַנערקענען פֿאַר אַ פֿערעטהער און אַ רעוואָלוציאָנער.

אין מצרים איז געווען איין אָפֿענער הערשער: פּרעה. ער האָט געהערשט, ער האָט געוואָלט, ער האָט געקלערט פֿאַר אַלע, און וועה צו דעם, וואָס האָט געהאַט די העזה מסופּק צו זיין אין דער אַלמעכטיגקייט פֿון פּרעה'ן, אָדער צו שמועסען וועגען דעם, וואָס ער אַליין האָט בדעה צו טהון, אָדער וועגען עפּעס ענדערונגען.

פּלאַנען זענען געמאַכט געוואָרען נאָר אויף איין אָרט: אין דעם זאַל, וואו פּרעה האָט אויסגעהערט די מיינונגען פֿון זיינע יועצים און האָט געזאָגט זיין מיינונג. אַלע ענדערונגען האָבען געקענט אַרויסקומען נאָר פֿון דאָרט. נאָר דאָרט האָט געלייכט דאָס איינציגע ליכט פֿון קלוגשאַפֿט,

וועלכעס האָט בעלייכט גאַנץ מצרים, אָבער אויך וועגען דעם איז בעסער געווען צו שווייגען.

דיזע אַלע בעמערקונגען, זענען גיך, ווי אַ שטורם־ווינד, דורכגעלאָפען דעם קאָפּ פון טראָן־פאָלגער, ווען ער איז געזעסען אויף דער שטיינערנער באַנק אין שרה'ס גאָרטען אונטער אַ קאַשטאַנען־בוים און האָט געקוקט אין הימעל אַריין.

דאָס וואַסער פון נילוס איז אַביסעל אַראָבגעפאַלען און האָט אָנגעהויבען צו ווערען דורכזיכטיג, ווי אַ קריס־טאַל. דאָס גאַנצע לאַנד האָט אָבער נאָך אויסגעזעהן ווי אַ ים מיט פיעל אינזלען, אויף וועלכע עס זענען געווען פער־שיעדענע בנינים, גערטנער פון גרינצייג און פון פירות, הויכע בוימער, וועלכע האָבען דאָס אַלעס בעציהרט.

אַרום די אַלע אינזלען האָט מען געזעהן שטעהן נאַקעטע מענשען אין שמוציגע גירטלען און היטעלעך, וועלכע האָבען געשעפּט מיט עמערס וואַסער פון נילוס און עס אַריינגעגאָסען אין ברונענס.

רעמסס האָט אַממעהרסטען געדענקט איין אָרט אַזעל־כעס. דאָס איז געווען אַ שיף בערגעל און אויף זיינע זייטען זענען געשטאַנען מענשען אויף דריי ערטער און גע־שעפּט וואַסער. אויף איין אָרט האָבען מענשען געשעפּט וואַסער פון נילוס און אַריינגעגאָסען אין אַ ברונען, וואָס איז געווען אין דער נידער, אויף דעם צווייטען אָרט האָט מען געשעפּט פון דער נידריגער ברונען און אַריינגעגאָסען אין אַ ברונען, וועלכע איז געווען עטליכע איילען העכער, אויף דעם דריטען אָרט, האָט מען געשעפּט וואַסער פון דער מיטעלער ברונען און אַריינגעגאָסען אין דער ברונען, וועלכע

איז געווען אויף דעם שפּיץ פון דעם בערגעל. דאָרט זענען אויך געשטאַנען עטליכע נאַקעטע מענשען, וועלכע האָבען געשעפּט וואַסער פון דער ברונען און בעגאָסען די בייטען פון גרינצייג, אָדער האָבען מיט שפּריצער בעשפּריצט בוימער.

די מענשען, וועלכע האָבען געשעפּט און אויסגעגאָסען אויף די בוימער, האָבען פון ווייטענס אויסגעזעהן ווי אויטאָמאַטען. קיינער האָט בעת די אַרבייט אַ וואָרט נישט גערעדט, זיך פון אָרט נישט גערירט, נישט אומגעקוקט זיך, נאָר זיך געבויגען און אויסגעגלייכט פון דער פריה ביז אָוועגד, פון איין חודש צום אַנדערן און אוודאי פון קינדהייט ביז'ן טויט.

„און אַזעלכע בּרואים — האָט דער קרוין־פּרינץ זיך געקלערט — ווילען מיך מאַכען פאַר אַ אויספיהרער פון זייער רצון!... וואָס פאַר ענדערונגען קענען אַזעלכע בּרואים פערלאַנגען?... זייערע פערלאַנגען קענען זיין, אַז דער, וואָס שעפּט וואַסער אין דער נידריגער ברונען אַריין, זאָל שעפּען פאַר דער העכסטער ברונען, ווער עס בעגיסט דעם גאָרטען מיט עמערס, קאָן האָבען אַ פערלאַנג, אַז ער זאָל זיך בענוצען מיט אַ שפּריצער"...

דער כּעס האָט איהם געברענט אין קאָפּ און אַ ערנידריגקייט האָט ער געשפּירט, ווען ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער, דער קרוין־פּרינץ, איז נישט געוואָרען קיין נאַמיעסטניק ווען זיין פאָטער איז אַרויסגעפאָהרען, נאָר צוליעב די מעשיות, וועלכע עס האָבען אויף איהם דערצעהלט אַזעלכע מענשען, וואָס שאָקלען זיך דאָס גאַנצע לעבען איבער די עמערס מיט שמוציג וואַסער!...

אין דער זעלבער מינוט האָט ער דערהערט צווישען די בוימער אַ שטיל גערויש — און עפּעס ערעלע הענד האָבען זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיינע אָרמען.

— וואָס, שרה? — האָט דער קרוין-פּרינץ געפרעגט, נישט אומדרעהענדיג דעם קאָפּ.

— טרויעריג ביזט דו, מיין העדר?... — האָט זי געענטפערט — משה האָט זיך נישט אַזוי געפרייט, ווען ער האָט דערזעהן ארץ-ישראל, ווי איך, ווען דו האָסט געזאָגט, אַז דו טראָגסט זיך איבער דאָ אהער, כדי דאָ צו וואָהנען ביי מיר. מיר זענען שוין אָבער צוזאַמען אַ גאַנצען מעת-לעת און איך האָב נאָך דיין שמייכעל נישט געזעהן. אפילו רעדען רעדסט דו אויך נישט מיט מיר, נאָר דו געהסט אַרום טרויעריג און ביי נאַכט שפּילסט דו זיך נישט מיט מיר. נאָר דו זיפצסט.

— איך בין פערזאָרגט.

— דערצעהל מיר דיינע זאָרג. זאָרג איז אַזוי, ווי אַ שאַץ. ווי לאַנג מיר היטען איהם אַליין ענטלויפט אַפילו דער שלאָף פון אונז, און לייכטער ווערט אונז ערשט דאַן, ווען מיר געפינען אַ אַנדערן וועכטער.

רעמסס האָט זי אַרומגענומען און געזעצט נעבען זיך אויף דער באַנק.

— ווען אַ פויער — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל — איז צו שווער אַראָבצונעהמען די תבואה פון פעלד איידער דער נילוס גיסט אוים, העלפט איהם צו זיין פרוי, זי העלפט איהם אויך מעלקען די קיה, טראָגט איהם עסען אויף דעם פעלד, וואשט איהם, ווען ער קומט צוריק פון דער אַרבייט. דאָדורך גלויבען מענשען, אַז אַ פרוי קען

גלײַכטער מאַכען די זאָרג פֿון אַ מאַנספּערזאָן.

— און דו, מײַן הערר, גלויבסט נישט אָן דעם?...

— נעגען די זאָרג פֿון דעם קרוין־פּרינץ — האָט רעמסס געענטפֿערט — וועט נישט העלפֿען קײַן פֿרוי, אפילו אַזאַ קלוגע ווי... מײַן מוטער...

— דאָך זאָג מיר, וואָס פֿאַר זאָרג האָסט דו?... — האָט שרה זיך געבעטען אַרויפֿלעגענדיג דעם קאָפּ אויף דעם אָרעם פֿון רעמסס — ווי מען דערצעהלט בײַ אונז, האָט אָדם הראשון פֿערלאָזט דעם גן־עדן צוליעב חוה׳ן, חאָטש ער איז געווען דער גרעסטער מלך פֿון דער שענסטער מלוכה...

דער קרוין־פּרינץ האָט זיך פֿערטראַכט און נאָך אַ ווײַלע האָט ער געזאָגט:

— אויך אונזערע חכמים לערנען אונז, אַז נישט אײן מאַנספּערזאָן האָט זיך ענטזאַגט פֿון כבוד צוליעב אַ פֿרוי. מען האָט אָבער נישט געהערט, אַז עס זאָל ווער דערגרײַכען עפּעס גרויסעס דורך אַ פֿרוי. אויסער עפּעס אַ אָנפֿיהרער, העלכען פּרעה האָט געגעבען אַ טאָכטער צוזאַמען מיט אַ גרויסען נדן און מיט אַ אַמט. אָבער צוהעלפֿען זיך צו הויבען אויף אַ הויכע שטעלונג, אָדער פּטור צו ווערען זאָרג, קען קײַן פֿרוי נישט...

— אפשר ווײַל זי ליעבט נישט אַזוי, ווי איך ליעב דיך. מײַן העררר... — האָט שרה שטיל געזאָגט.

— איך ווײס, אַז דו ליעבסט מיך זעהר... דו האָסט קײן מאָל נישט פֿערלאַנגט פֿון מיר קײַן מתנות, דו האָסט אויך נישט געשיצט אַזעלכע, וואָס זוכען גליק אפילו אונטער די בעטען פֿון די פּרינצענס געליעבטע. דו ביסט ליעבלי־

בער פון אַ שעפּעלע און שטיל ווי די נאַכט נעבען נילוס. דיינע קושען זענען אַזוי, ווי בשמים פון לאַנד פּונט, און דיין האַלזען איז אַזוי זיס, ווי אַ שלאָף פון אַ מידען. דיין שענהייט האָט קיין מאָס נישט און דיינע מעלות קען מען מיט קיין ווערטער נישט אָבשאַצען. דו ביסט די שענסטע און בעסטע פון אַלע פרויען, וואָס זייערע ליפּען זענען פול מיט אונרוה און זייער ליבע קאָסט טייער. נאָר חאָטש דו ביסט אַזוי פיין, דאָך קענסט דו נישט לייכטער מאַכען מיינע זאָרג. צי קענסט דו פועל'ן, אַז מיין הייליגער פאָטער זאָל שיקען פיעל מיליטע אויף מזרח און מיך זאָל ער מאַכע פאַר זיין אַנפיהרער? צי קענסט דו מיר געבען דעם קאָרפּוס פון מעמפי, וועגען וועלכען איך האָב געבעטען אָדער צי קענסט דו מיך מאַכען פאַר אַ הערשער איבער דעם נידריגערן מצרים? און צי קענסט דו מאַכען, אַז אַלע אונטערטהעניגע פון דעם הייליגען פּרעה זאָלען דענקען אַזוי ווי איך, זיין טרייעסטער?...

שרה האָט אַראָבגעלאָזט די הענד אויף די קניען און האָט געזאָגט מיט טרויריגקייט:

— דאָס איז וואָהר. איך קען נישט... איך קען גאָר נישט!...

— פערקעהרט. דו קענסט פיעל!... דו קענסט מיך פרעהליך מאַכען, — האָט רעמסס געענטפערט שמייכלעניגדיג — איך ווייס, אַז דו האָסט זיך געלערנט טאַנצען און שפּיעלען, נעהם אַלזאָ אַראָב פון זיך די לאַנגע קליידער, וועלכע פּאַסען נאָר פאַר אַ כהנת, און קלייד זיך אין דורכזיכטיגען מושלין, ווי... טענצער פון פעניציע, און אַזוי זאָלסט דו טאַנצען און אַזוי זאָלסט דו מיך גלעטען, ווי זיי...

שרה האָט איהם אָנגעכאַפּט בײַ די הענד און מיט פלאַמען אין די אויגען, האָט זי געשריען:

— דו ביסט צוזאַמען מיט די אויסגעלאַסענע ?!.. זאָג... זאָל איך האַטש וויסען פון מײַן עלענדקײַט... און דערנאָך שיק מיך אָב צו מײַן פאָטער, אין אונזער טהאָל פון דער מדבר, און וועלכער הלואי איך וואָלט דיך נישט געזעהן!

— נו, נו, בערוהיג זיך — האָט דער קרוין־פּרינץ געענטפערט, שפּיעלענדיג זיך מיט איהרע האָר — איך מוז דאָך זעהן די טענצערינען, אויב נישט בײַ מאָהלצײַטען, זעה איך זיי אויף די קעניגליכע פײַערונגען, אָדער אין די בית מקדש'ס בשעת תפלה. נאָר זיי אַלע צוזאַמען אינטערעסירען מיך נישט אַזוי, ווי דו אײַנע, ווארום וועלכע פון זיי איז גלײַך צו דיר? דו האָסט אַ קערפּער, ווי דאָס בילד פון אונזער געטין איזידאַ, וואָס איז אויסגעשניצט פון העלפאַן־בײַן, און זיי — יעדע האָט זיך איהר פּגימה. אײַנע איז צו דיק. אַנדערע האָבען דאַרע פיס, אָדער מיאוס'ע הענד און נאָך אַנדערע טראָגען פרעמדע האָר. וועלכע פון זיי איז גלײַך צו דיר?... ווען דו וואָלסט געווען אַ מצרית, וואָלט יעדער בית־מקדש זיך געסטאַרעט דיך צו האָבען פאַר אַ ערשטע אין כאָר. וואָס זאָג איך? ווען דו וואָלסט דיך געוויזען אין מעמפיס אין אַ דורכזיכטיג קלײד, וואָלטען די כהנים מיט דיר שלום געשלאָסען, ווען דו וואָלסט זיך נאָר געוואָלט בעטײַליגען אין די פראָצעסיעס.

— מיר, יודישע טעכטער, טאָרען זיך נישט קלײַדען אין פערשײַטע קלײדער...

— אויך נישט טאַנצען, נישט זינגען?... און צו וואָס האָסט דו דיך געלערנט טאַנצען און זינגען?

— אונזערע פרויען און אונזערע מיידלעך טאנצען מיט זיך אליין, ווען זיי לויבען גאט, אבער נישט צו זעען תאוה אין די הערצער פון מענער, און מיר זינגען. וואר מיין הערר, איך וועל דיר זינגען ...

זי האט זיך אויפגעהויבען פון דער באנק און איזט אוועקגעגאנגען אין דער זייט, וואו דאס הויז איז געשטאנען, קירצליך איז זי צוריקגעקומען. נאך איהר איז געגאנגען א יונג מיידעל מיט דערשראקענע שווארצע אויגען און האט געטראגען א הארפע.

— ווער איז דאס מיידעל? — האט דער קרוין־פּרינץ געפרעגט — ווען האב איך געזעהן דאס מיידעל ... א הא, ווען איך בין דא געוועזען דאס פאריגע מאל, האט דאס דערשראקענע מיידעל געקוקט אויף מיר, שטעהענדיג צווישען די בוימלעך ...

— דאס איז מיין קרובה און דיענסט, אסתר — האט שרה געענטפערט — זי וואהנט ביי מיר שוין א חודש, נאר זי האט מורא פאר דיר, מיין הערר, און דאדורך ענטלויפט זי פאר דיר. מעגליך, אז זי האט א מאל געקוקט אויף אייך פון צווישען די בוימער.

— דו קענסט אוועקגעהן, מיין קינד — האט דער קרוין־פּרינץ געזאגט צו דעם דערשראקענעם מיידעל.

ווען דאס מיידעל איז אוועקגעגאנגען, האט דער קרוין־פּרינץ געפרעגט:

— זי איז אויך א יודיש מיידעל?... און דער סטרוזש פון דיין הויז, וועלכער קוקט אויף אויף מיר, ווי א באק אויף א קראקאדיל?

— דאס איז שמואל בן עזרא, אויך מיינס א קרוב

איך האָב איהם גענומען אויף דעם אָרט פון דעם נעגער, וועלכען דו, מיין הערר, האסט געשענקט פרייהייט. דו האָסט דאָך מיר ערלויבט זיך צו וועהלען דיענער..

— יאָ! איז שוין אודאי דער אויפזעהער פון דער דיענסט־שאַפט אויך אַ יוד, ווארום ער האט אַ געלב פנים און קוקט אויף מיר אויך מיט אזא הכנעה...

—יענער — האט שרה געענטפערט — איז יחזקאל בן ראובן, מיין פאטערס אַ קרוב. ער געפעלט דיר נישט, מיין הער? זיי זענען דיר זעהר טריי.

— צי ער געפעלט מיר!— האט דער קרוין־פרינץ געזאגט מיט טרויריגקייט, פויקענדיג מיט די פינגער אויף דער באַנק — ער איז דאָ נישט וועגען דעם, אז ער זאָל מיר געפעלען, נאָר כדי צו היטען דיין פערמעגען... וואס געהען מיך אָן די מענשען?... זינג, שרה!...

שרה האט אַנידער געקניעט אויף דעם גראָז, ביי די פיס פון דעם קרוין־פרינץ און צו שפיעלענדיג אויף דער האַרפע האט זי געזונגען:

— ווער איז דער מענש, וועלכער האט נישט קיין זאָרג? ווער איז דער מענש, וועלכער טהון זיך לעגען שלאפען, קען ער זאגען: אַט דאס איז געווען אַ טאַג אָהן טרויריגקייט? ווער איז דער מענש, וועלכער לעגענדיג זיך אין קבר אריין קען ער זאגען: איך האב געלעבט אָהן יסורים און שרעק, ווי אַ רוהיגע נאכט נעבען ירדן!

פיעל זענען אָבער די, וואס בעגיסען יעדען טאַג זייער ברויט מיט טרערען און זייער הויז איז פול מיט זיפצען...

אַ מענש ווערט געבוירען מיט געוויין און שטאַרבט

מִיט זִיפְצֶען. פוּל מִיט יסוּרִים קוּמט עֶר אָן אוֹיף דעֶר וועֶלט, פוּל מִיט וועֶהטאָג געֶהט עֶר אִין קבר אַרײַן...

ווער אִיז דעֶר מעֶנש, וועֶלכעֶר האָט נִישט געֶשפִּירט דאָס בִּיטעֶרקײַט פוּן לעֶבּעֶן? ווער אִיז גלִיקלִיך? אַ קִינד, וואָס דעֶר טוּיט רוֹיבּט בּײַ אִיהם אַוועֶק דִי מוּטעֶר? אַ קלײַן קִינד, וואָס דעֶר הוּנגעֶר זוֹיגט אוֹיס דִי בּרוּסט פוּן זײַן מוּטעֶר?...

ווער אִיז דעֶר מעֶנש, וועֶלכעֶר קוּקט מִיט זִיכעֶרקײַט אַרוֹיס דעֶם מאָרגעֶנדִיגעֶן טאָג? צִי דעֶר, וואָס אַרבּײַט אוֹיף דעֶם פעֶלד אוּן ווײס, אַז נִישט אִין זײַן מאַכט אִיז דעֶר רעֶגעֶן אוּן נִישט עֶר ווײַזט דעֶם הײַשעֶרִיק, וואוּ עֶר האָט צוּ געֶהן?

וואוּ אִיז דעֶר מעֶנש, וועֶלכעֶר האָט מנוּחה אִין זײַן האַרץ? צִי האָט מנוּחה דעֶר, וואָס יאָגט נאָך אַ הִירש אוּן בּעֶגעֶגעֶנט אוֹיפ׳ן וועֶג אַ לײב, וואָס לאַכט פוּן פײַלעֶן? צִי האָט מנוּחה אַ סאָלדאַט, וועֶלכעֶר געֶהט מִיט מִידקײַט נאָך כּבוֹד אוּן געֶפִינט אַ וואַלד פוּן שאַרפעֶ שפִּיזעֶן או שווערטעֶן, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן דוּרשטִיג צוּ בּלוּט? צִי האָט מנוּחה אַ גרוֹיסעֶר מלך, וועֶלכעֶר טראָגט שווערעֶן וואָפעֶן אוּנטעֶר פּוּרפּוּר, מִיט אוּנאוֹיסגעֶשלאָפעֶנעֶ אוֹיגעֶן שפִּירט עֶר נאָך דִי מחנוֹת פוּן זײַנעֶ מעֶכטִיגעֶ שכנים, אוּן מִיט׳ן אוֹיעֶר הערט עֶר זִיך גוּט אײַן יעֶדעֶ בּעֶוועֶגוּנג, כּדי צוּ וויסעֶן, צִי זײַנעֶ אײגעֶנעֶ דִיעֶנעֶר ווִילעֶן אִיהם נִישט הרג׳עֶנעֶן?

דעֶרִיבּעֶר אִיז דעֶם מעֶנשעֶנס האַרץ אוּמעֶטוּם אוּן אַלעֶ מאָל פוּל מִיט זאָרג. אִין דעֶר מדבּר האָט עֶר מוֹרא פאַר לײבּעֶן, אִין הײלעֶן — פאַר שלאַנגעֶן. צווִישעֶן בּלוּמעֶן —

פאר גיפטיגע שלאנגען. ווען די זון שיינט, קלערט זיך זיין שכן, ווי אזוי ביי איהם צונעהמען ערד, ביינאכט לויערט אויף איהם א גנב. ווען ער איז א קינד, איז ער אבהענגיג, ווער ער איז אלט, איז ער אונמעכטיג, און די מיטעלע יאהרען איז ער ארומגענומען מיט סכנות, ווי א וואלפיש מיט וואסער.

דעריבער, גאט מיינער, בעשעפער מיינער, צו דיר ווענדעט זיך די מידע נשמה פון דעם מענשען. דו האסט זי געבראכט אויף דער וועלט, וואס איז פול מיט נעצען. דו האסט איינגעפלאנצט אין איהר טויט-שרעק. דו האסט פערמאכט אלע וועגען פון מנוחה, אויסער דעם וועג, וואס פיהרט צו דיר. און ווי א קינד, וואס קען נישט געהן האפט זיך אן די קליידער פון דער מוטער, כדי עס זאל נישט פאלען, אזוי ציהט דער ארימער מענש אויס די הענד זיינע צו דיר און ווערט געהאלפען...

שרה האט אויפגעהערט צו זינגען און שפיעלען.

דער קרוין-פרינץ האט זיך פערטאכט און נאך א ווילע געזאגט:

— איהר, יודען, זענט א טרויריג פאלק. ווען מען וואלט אין מצרים אזוי געגלויבט, ווי אייער ליעד לערנט, וואלט קיינער ביי די ברעגען פון נילום נישט געלאכט. די רייכע וואלטען זיך פון שרעק בעהאלטען אין די קעלערס פון די בית-מקדש'ס, און דער המון, אנשטאט ארבייטען, וואלט ער ענטלאפען אין די הייליען און פון דארט וואלט ער ארויסגעקוקט אויף א רחמנות, וועלכע וואלט צו איהם נישט געקומען.

אונזער וועלט איז א אנדערע, אלץ קען מען אויף-

אונזער וועלט בעקומען. נאָר אַלץ מוז מען אַליין טהון. און אונזערע געטער העלפען נישט די, וואָס זענען בעווײנט. זיי געהען אראָב אויף דער ערד נאָר ווען דער גבור האָט שוין אַלע זײַנע קרעפטען אויסגעשעפּט.

אַזוי איז געווען בײַ רעמסס דעם גרויסען. ער האָט זיך אַרײַנגעוואָרפען צווישען טויזענד פינף הונדערט וועגען, וואָס אויף יעדען פון זיי זענען געזעסען דרײַ גבורים. ערשט דאַמאָלס האָט איהם דער גאָט עמון געגעבען זײַן האַנד און ער האָט מנצח געווען. אָבער ווען אַנשטאָט מלחמה צו האַלטען, וואָלט ער געוואַרט ביז עפּעס אַ גאָט וועט פאַר זײַנעט וועגען האַלטען מלחמה, וואָלטען שוין לאַנג די מצריים געאַרבײַט אין לעהם און ציגעל אויף די ברעגען פון נילוס און די חתים וואָלטען געשטאַנען איבער זיי מיט שטעקענעס.

דעריבער, שרה, קען דײַן חן בעסער פעריאָגען מײַנע זאָרג, ווי דײַן ליעד. ווען איך וואָלט אַזוי געטהון ווי עס לערנען די יודישע חכמים און איך וואָלט געוואַרט אויף הילף פון הימעל, וואָלט דער ווײַן ענטלאָפען פון מײַן מויל און פרויען פון מײַנע הײַזער.

און איך וואָלט נישט געקענט זײַן קרוין-פּרינץ, ווי עס קענען נישט זײַן מײַנע ברידער, פון וועלכע אײַנער קען נישט דורכגעהן איבער'ן צימער, נישט אָנשפּאַרענדיג זיך אויף צוויי שקלאַפען, און דער צווײַטער שפּרינגט אויף בוימער

פופצעהנטעס קאפיטעל.

צומארגענס האט רעמסס געשיקט זיין נעגער מיט א בעפעהל קיין מעמפיס, און מיטאג־צייט איז אנגעקומען פון דער שטאדט אין שרה'ס גוט א גרעסער שיפעל, וואס איז פול געוועזן מיט גריכישע סאלדאטען אין הויכע העלמען *) און בלאנקענדע פאנצערס.

און זעבעצעהן מענשען, וועלכע זענען געוועזן בעוואפענט מיט פייל־און־בויגענס און מיט קורצע שפיזען, זענען ארויס אויף דעם ברעג און זיך געשטעלט אין צוויי שערעגען. זיי האבען שוין געוואלט מארשירען צו שרה'ס הויז, עס איז אבער אנגעקומען א צווייטער שליח פון דעם קרוין־פרינץ, וועלכער האט געבראכט א בעפעהל, אז די סאלדאטען זאלען בלייבען אויף דעם ברעג און נאר דער הויפט־אנפיהרער, פאטראקלעס, זאל צו איהם קומען.

די סאלדאטען זענען געבליבען שטעהן אהן בעוועגונג, ווי צוויי רייהען זיילען, וואס זענען בעשלאגען מיט בלאנקענדע בלעך. נאך דעם שליח איז געגאנגען פאטראקלעס אין א העלם מיט פעדערן און אין א טוניקע פון פורפור, אויף וועלכער ער האט געהאט א גאלדענעם פאנצער, וואס איז בעצירט געוועזן אויף דער ברוסט מיט א בילד פון א פרויען־קאפ, וועלכער האט שלאנגען אנשטאט האר.

דער קרוין־פרינץ האט עמפפאנגען דעם בעריהמטען גענעראל אין טויער פון גארטען. ער האט נישט געשמייכעלט, ווי געוועהנליך. ער האט אויך גאר נישט געענט־

*) העלם — א מעטאלענער הוט.

פֿערט אויף דעם נידריגען בוקען זיך פֿון פּאטראָקלעס'ען, נאָר מיט אַ קאַלט פּנים האָט ער געזאָגט:

— זאָגט גרויסער גענעראַל, די גריכישע סאָלדאַטען פֿון מיינע פּאָלקען, אַז איך וועל צו זיי אויף קיין מושטער נישט קומען, ביז דער הייליגער פּרעה, אונזער הער וועט מיך נישט צום צווייטען מאָל בעשטימען פֿאַר זייער אָנפֿיהרער. דעם כבוד האָבען זיי פֿערלוירען, אויסשרייענדיג אין די שענקען ווערטער וואָס פּאַסען נאָר פֿאַר שכורים און בעליידיגען מיך. איך מוז אייך, גרויסער גענעראַל, אויך זאָגען, אַז די גריכישע פּאָלקען פֿיהרען זיך אויף נישט גוט. אין אָפֿענע ערטער רעדען די סאָלדאַטען וועגען פּאָליטיק, וועגען עפּעס אַ מלחמה, ווי איך וואָלט געשטרעבט מורד צו זיין אָן דעם הייליגען פּרעה. וועגען אַזעלכע זאַכען קאָן רעדען נאָר דער הייליגער פּרעה און זיינע יועצים. אָבער מיר סאָלדאַטען און דינער פֿון דעם הייליגען פּרעה, אונזער הער, קענען נאָר טהון, וואָס אונזער דערבאַרעמדיגער הערשער הייסט און — אייביג שווייגען. איך בעט אייך, גרויסער גענעראַל, אַז איהר זאָלט מיינע ווערטער איבערגעבען מיינע פּאָלקען און געהט געזונד.

— עס וועט זיין אַזוי, ווי דו האָסט געהייסען, גרויסער רעמסס — האָט פּאַטראָקלעס געענטפֿערט.

ער האָט זיך אומגעדרעהט און אויסגעגלייכט, ביים קלאַנג פֿון זיין געוועהר, איז ער צוריקגעגאַנגען צו דעם שיפֿעל.

ער האָט געוואוסט פֿון דעם, וואָס די סאָלדאַטען שמועסען אין די שענקען, און ער האָט באַלד פֿערשטאַנען, אַז דער קרוין־פּרינץ האָט געהאַט עפּעס אַ עגמת־נפש. ווען

ער איז אלזא אנגעקומען צו די סאלדאטען, וועלכע זענען געשטאנען נעבען ברעג, האט ער זיך געמאכט בייזערן און ווארפענדיג מיט די הענד האט ער געשריען:

— גריכישע גבורים!... פארכעדיגע הענד, די קרעץ זאלען אייך דורכלעכערן דעם גוף!... אויב א גריכישער סאלדאט וועט פון היינט אן דערמאהנען אין א שענק דעם נאמען פון קרוין-פרינץ, וועל איך זיין קרוג צוהאקען אן זיין קאפ און די שארבענס פון דעם קרוג וועל איך אריינ-שטופען אין זיין קעהל און — ארויס פון פאלק!... איינער און דער צווייטער וועלען פאשען חזירים ביי פויערען פון מצרים און אין זייערע העלמען וועלען היהנער לעגען איין ער. דאס וועט זיין דער גורל פון די נארישע סאלדאטען, וועלכע קענען נישט זייערע צונגען איינהאלטען. און איצט—, לינקס! — צוריק! — און מארש אין שפעל אריין! א סאלדאט פון פרעה'ן איז מחויב קודם כל צו טרינקען לחיים פאר פרעה'ן און לחיים פאר דעם גרויסען קריגס-מיניסטער הרהור. אייביג זאלען זיי לעבען!...

— אייביג זאלען זיי לעבען! — האבען אויסגעשריען די סאלדאטען.

אלע זענען אריין טרויריג אין דעם שפעל. נאר ווען זיי זענען געקומען נאהענט פון מעמפיס, איז פאטראקלעס פרעהליכער געווארען און האט געהייסען זינגען דאס ליעד וועגען א טאכטער פון א כהן, וועלכע האט אזוי ליעב גע-האט דאס מיליטער, אז אין איהר בעט האט זי אריינגע-לעגט א בילד, און אליין איז זי גאנצע נעכט געווען אין געצעלט פון דער וואך.

ביי דעם ליעד האט דאס מיליטער אטבעסטען מאר־שירט און די רודער האבען אמגיכסטען געקלאפט.

פאר נאכט איז צו שרה׳ס גוט אנגעקומען נאך א שיפעל, פון וועלכען עס איז ארוים דער הויפט־פערוואלטער פון רעמסס׳ענס גיטער.

דער קרוין־פרינץ האט אויך דעם גרויסען מאן אנגע־נומען אין טויער פון גארטען. אפשר צוליעב זיין שטרענג־קייט, און אפשר — כדי איהם נישט צו נייטען אריינצו־געהן אין דעם הויז פון זיין קעבס־ווייב, די יודישע־טאכטער.

— איך האב געוואלט — האט דער קרוין־פרינץ געזאגט — זיך זעהן מיט דיר און דיר זאגען, אז צווישען מיינע פויערען געהען ארום עפעס נישט שענע קלאנגען וועגען די אבצאהלונגען, אז איך היים זיי נישט צאהלען, אדער אנדערע אזעלכע שמועסען... איך וויל, אז די פוי־ערען זאלען וויסען, אז איך וועל נישט פערקלענערן די אבצאהלונגען. ווען אבער וועלכער וועט זיך עקשנ׳ען און וועט זיך האלטען ביי זיין נאר ישקייט, און וועט וויי־טער רעדען וועגען די אבצאהלונגען, וועט ער בעקומען שטעקענס...

— אפשר וועט בעסער זיין, אז ער וועט קנס בע־צאהלען, א אוטען, אדער א דראכמא, ווי איהר, גרויסער קרוין־פרינץ, וועט היי־סען? — האט זיך אנגערופען דער הויפט־פערוואלטער.

— טאקי בעסער אזוי, נאר די עקשנים קאן מען געבען שטעקענס אויך...

— איך שטעה כ׳זיך אונטער צו מאכען אייך א בע־

מערקונג — האָט שטיל געזאָגט דער פּערוואַלטער שטעהענ־דיג אייננעבויגען — אַז פויערען האָבען אַ געוויסע צייט טאַקע געשמועסט וועגען דעם, אַז די אָבּצאָהלונגען וועט מען נישט דאַרפען אַריינטראָגען, וואָרום עפּעס אַ אונבּעקאַנ־טער מענש האָט זיי געבּונטעוועט. נאָר פאַר עטליכע טעג איז פּלוצלונג עפּעס שטיל געוואָרען.

— נו, אַז אַזוי קאָן מען נישט געבּען קיין שטעקענס — האָט איהם רעמסס געענטפערט.

— געבּען קען מען — האָט דער פּערוואַלטער גע־זאָגט — זאָלען זיי פאַראויס וויסען, אַז מען טאָר אַזוי נישט רעדען.

— צי איז נישט אַ שאָד שטעקענס?

— שטעקענס וועלען אונז קיינמאָל נישט פעהלען.

— דאָך מעגט איהר אָבּיסעל קאַרגען די שטעקענס — האָט איהם דער קרוין־פּרינץ געזאָגט — איך וויל נישט, איך וויל נישט אַז דער הייליגער פּרעה זאָל געוואָהר ווערען, אַז גלאַט אַזוי פּייניג איך די פויערען, חאָטש ווען מען דאַרף נישט... פאַר רעד, וואָס טויגען נישט. דאַרף מען שלאָגען און אָבּנעהמען קנס, אָבּער ווען עס איז נישט דאָ פאַרוואָס, קאָן מען ווייזען, אַז מען איז גוט, בּאַרמהערציג.

— איך פערשטעה — האָט דער פּערוואַלטער געענט־פערט, קוקענדיג דעם קרוין־פּרינץ אין די אויגען — זאָלען זיי אַזוי פיעל שרייען פון יסורים, וויפיעל מען דאַרף, אַז זיי זאָלען דערנאָך קיין לעסטערונג פון מויל נישט קאָנען אַרויסלאָזען...

די בּיידע שמועסען, וואָס דער קרוין־פּרינץ האָט גע־

פיהרט מיט פאטראָקלעס'ען און מיט זיין פערוואלטער האָט מען אין גאנץ מצרים איבערגעחזר'ט.

נאָכדעם, ווי דער פערוואלטער איז אוועקגעפאָהרען, האָט דער קרוין-פּרינץ געגעגעצט און קוקענדיג ארום זיך מיט א מיעדיגען בליק, האָט ער צו זיך אליין געזאָגט:

— איך האָב געטהון, וואָס איך האָב געקאָנט... און איצט וועל איך גארנישט טהון, אויב איך וועל נאָר קאָנען...

אין דער זעלבער מינוט, האָט דער קרוין-פּרינץ דערהערט שטילע זיפצען און קלעפ פון די בנינים אין גוט. רעמסס האָט זיך אומגעדרעהט און דערזעהן, אז דער אויפזעהער פון דער דיענסטשאפט, יחזקאל בן ראובן, שלאָגט מיט א שטעקען איינעם פון זיינע אונטערטהענער, בערו-היגענדיג איהם דערביי:

— שווייג!.. שטיל! דו נידערטרעכטיגע בהמה!...

דער געשלאָגענער, ליגענדיג אויף דער ערד, האָט זיך פערשטאָפּט דאָס מויל מיט דער האנד, ער זאָל נישט שרייען.

דער קרוין-פּרינץ האָט זיך געוואָרפען ווי א לייב צו די בנינים. פלוצלונג האָט ער זיך אָבער אנידערגעשטעלט.

— וואָס קאָן איך איהם טהון? — האָט ער זיך גע-קלערט — דאָס איז דאָך שרה'ס גוט און דער יוד איז דאָך איהר קרוב...

ער האָט זיך געביסען די ליפען און זיך בעהאלטען צווישען די בוימער.

— בכן פיהרען יודען אזא ווירטשאפט?... — האָט זיך רעמסס געקלערט — בכן איז אזוי?... אויף מיר קוקט

ער ווי אַ דערשראָקענער הונד און די דינער שלאָגט ער...
צי זענען אַלע יורען אַזעלכע?...

און צום ערשטען מאָל איז ערוועקט געוואָרען אין פרעה'ס הארץ אַ חשד, אַז אויך שרה, וועלכע ווייזט אויס אויף אַ גוטע, קאָן זיין גאָר אַ שלעכטע.

שרה איז אין אמת'ן טאַקי געענדערט געוואָרען מאָראַליש.

ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזעהן דעם קרוין־פּרינץ אין דעם טהאָל פון דער מדבר, איז ער איהר געפעלען געוואָרען. דאָס געפיהל פון ליעבע איז אָבער באַלד פערשוואונדען געוואָרען, ווען זי איז געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז פרעה'ס אַ זוהן און אַ קרוין־פּרינץ. ווען טוטמאָזיס האָט זיך אָבגעשמועסט מיט גדעון'ען, זי צו נעהמען אין דעם הויז פון קרוין־פּרינץ, איז שרה מבולבל געוואָרען.

פאַר אַלע אוצרות אין דער וועלט, אַפילו ווען זי וואָלט געוואוסט, אַז עס קאָסט זי דאָס לעבען, וואָלט זי ניט געוואָלט רעמסס'ען אָבשטויסען. דאָך קאָן מען ניט זאָגען, אַז זי האָט איהם דאַמאָלס געליעבט, ליעבע מוז האָבען צייט און פרייהייט, אום זי זאָל קאָנען אַרויסגעבען די שענסטע בלומען; שרה'ן האָט מען אָבער ניט איבער־געלאָזט קיין צייט און קיין פרייהייט. איין טאָג האָט זי דערקענט דעם קרוין־פּרינץ, און צומאָרגענס האָט מען זי שוין געחאַפּט, מען האָט זי כמעט ניט געפרעגט און אַ נעהם געטהון אין דעם גוט נעבען מעמפיס. עטליכע טעג שפּעטער איז זי געוואָרען אַ געליעבטע, זי איז געווען פער־וואונדערט, דערשראָקען ניט קאָנענדיג פערשטעהן, וואָס מיט איהר איז געוואָרען.

און איידער זי איז דארט היימיש געווארען, איז זי דערשראקען געווארען מיט דער שנאה פון דער המון צו איהר, ווייל זי איז א יודישע טאכטער, דערנאך — מיט די דאמען, וועלכע זי ווייס נאך היינט נישט ווער זיי זענען, וואס זענען געקומען זי זעהן און שפעטער מיט דעם אנפאל אויף איהר הויז.

דאס וואס רעמסס האט זיך אנגענומען פאר איהר און האט געוואלט בעשטראפען די אנפאלער. האט זי נאך מעהר געשראקען. זי האט זעהר געציטערט, זעהענדיג. אז זי געפינט זיך אין דער האנד פון אזא היציגען און מעכ־טיגען מענשען, וועלכער האט דאס רעכט צו פערגיסען בלוט, ווען נאר ער וויל, הרג'ענען וועמען ער וויל...

שרה איז פערצווייפעלט געווארען; עס האט זיך איהר געדאכט, אז זי ווערט משוגע, הערענדיג די שרעקליכע בעפעהלען פון דעם קרוין־פרינץ, וועלכע האט גערופען די דיענער, זיי זאלען זיך בעוואפנען... אין דער זעלבער מי־נוט איז אבער פארגעקומען א קלייגער פארפאל, איין ווארט, וועלכעס האט זי דערמינטערט און איהרע געפיהלען האבען דאמאלס א אנדערע ווענדונג גענומען.

דער קרוין־פרינץ, מיינענדיג אז זי איז פערוואונדעט, האט אראבגעריסען פון איהר קאפ דעם באנדאזש, נאר דערזעהענדיג, אז זי איז צושלאגען, האט ער גערופען:

— דאס איז נאר א בלויער צייכען?... ווי זעהר ווערט דאס פנים געענדערט פון אזא בלויען צייכען!...

ביי דעם ווארט האט שרה פערגעסען אן איהר שמערץ און שרעקעניש. זי האט א אנדערע זארג בעקומען: זי איז

אזוי גענדערט געוואָרען, אַז דער קרוין־פּרינץ וואונדערט זיך אַזש! ...

דער בלויער צייכען איז אין עטליכע טעג פערשוואונדען געוואָרען, נאָר אין שרה'ס נשמה זענען געבליבען און האָבען זיך פונאַנדערגעוואַקסען עפּעס געפיהלען, וועלכע זי האָט ביז איצט נישט געקענט. זי האָט אָנגעהויבען צו ווערען איי פערזיכטיג וועגען רעמסס'ען און מורא צו האָבען, ער זאָל זי נישט אַוועקוואַרפען.

און נאָך איין זאָרג האָט זי געפּייניגט: זי שפּירט זיך נאָר אַלס דינסט, אַלס שקלאַפין פון דעם קרוין־פּרינץ. זי איז געווען און האָט געוואָלט זיין זיין טרייעסטע דינסט, זיין איבערגעגעבענע שקלאַפין, איהם קיינמאָל נישט אָבצוטרעטען ווי אַשאָטען. גלייכצייטיג האָט זי אָבער געוואָלט, אַז ער זאָל זיך נישט האַלטען געגען איהר ווי אַ הער און הערשער.

זי איז דאָך געווען זיין און ער — איהר. און פאַרוואָסזשע ווייזט ער איהר נישט, אַז ער געהער חאָטש אַביסעל צו איהר, נאָר מיט יעדען וואָרט, ... יעדע בעוועגונג גיט ער איהר צו דערקענען, אַז עפּעס אַ תהום טיילט איהם אָב פון איהר? ... וואָס פאַר אַ תהום? ... צי נישט זי האָט איהם געהאַלטען האַלזענדיג אין איהרע אָרמען? צי נישט ער האָט געקושט איהרע ליפּען און איהר ברוסט? ...

אַמאָל איז דער קרוין־פּרינץ געקומען צו איהר מיט אַ הונד. ער האָט דאָרט געווייַלט נאָר עטליכע שטונדען, אָבער די גאַנצע צייט איז דער הונד געלעגען ביי זיינע פיס, אויף שרה'ס אָרט און ווען זי האָט זיך געוואָלט דאָרט זעצען, האָט דער הונד אויף איהר געבולען ... און דער קרוין־

פּרינץ האָט געלאַכט און ער האָט פערזונקען זיינע פינגער אין די האָר פון דעם הונד פונקט אַזוי, ווי אין איהרע האָר, און דער הונד האָט אַזוי געקוקט דעם קרוין־פּרינץ אין די אויגען ווי זי; דער אונטערשיעד איז נאָר געווען אין דעם, וואָס דער הונד האָט דרייסטער געקוקט פון איהר.

זי האָט זיך נישט געקענט בערוהיגען און זי האָט פיינד בעקומען דעם הונד, וועלכער ווערט געליעבט פון איהר הערר און איז צו איהם דרייסטער פון איהר. זי וואָלט גאָרנישט געקענט אַזוי גלייכגילטיג צו ליגען, אָדער קוקען אויף אַ אַנדערע זייט, ווען אויף איהר קאָפּ איז געלעגען די האַנד פון דעם קרוין־פּרינץ.

אַ אַנדערט מאָל האָט דער קרוין־פּרינץ וויעדער דער־מאָהנט די טענצערינען. שרה האָט דאַמאָלס אויסגעשריען:

— אַזוי! לאָזט ער זיך גלעטען פון די נאַקעטע, אונפערשעהמטע פרויען?... און גאָט קוקט זיך דאָס אַזוי צו פון הימעל, און וואַרפט נישט אַראָב קיין דונער אויף די פרויען?...

רעמסס האָט טאַקי געזאָגט, אַז זי איז איהם טייערער פון זיי אַלע. זיינע ווערטער האָבען אָבער שרה'ן נישט בע־רוהיגט; זיי האָבען נאָר די ווירקונג געהאַט, אַז זי האָט בעשלאָסען פון קיין שום זאַך נישט צו קלערען, אויסער פון איהר ליעבע.

וואָס וועט מאָרגען זיין?... פון דעם דאַרף זי נישט קלערען. און ווען זי האָט ביי די פיס פון דעם קרוין־פּרינץ געזונגען איהר ליעד וועגען די יסורים, וועלכע בעליידיגען דעם מענש פון געבוירענהייט אָן ביז'ן קבר, האָט זי אין

דעם אויסגעדערט איהר לעצטע האפנונג, וואס זי האט אין גאט.

היינט איז רעמסס ביי איהר, האט זי שוין גענוג, האט זי שוין דאס גאנצע גליק, וואס דאס לעבען האט איהר געקענט געבען. דא האט זיך אבער אנגעהויבען פאר שרה'ן די ערגסטע ביטערקייט.

דער קרוין־פרינץ האט געוואהנט מיט איהר אונטער איין דאך, ער האט שפאצירט מיט איהר אין גארטען, טיילמאל האט ער זי גענומען אין זיין שיפעל און זי געפיהרט אויף דעם נילוס, און דאך איז ער צו איהר נישט געווארען בעסער, ווי דאמאלס, ווען ער האט געוואהנט אויף דער צווייטער זייט פון נילוס, אין דעם קעניגליכען גארטען.

ער איז געווען מיט איהר צוזאמען, געקלערט האט ער אבער פון עפעס אנדערש, און שרה האט נישט געקענט געוואהר ווערען, וועגען וואס ער קלערט. ער האט זי געהאלזט, אדער זיך געשפיעלט מיט איהרע האר, און געקוקט האט ער צו מעמפיס אויף די גרויסע טהורמען פון פרעה'ס שלאס, אדער גאט ווייס אויף וואס ער האט געקוקט...

טיילמאל האט ער אויך נישט געענטפערט אויף איהרע פראגען, אדער פלוצלונג האט ער אויף איהר א קוק געטהון, ווי ער וואלט זיך פון שלאף אויפגעכאפט און זיך געוואונדערט, אז ער זעהט זי נעבען זיך.

זעכצעהנטעס קאפיטעל.

אזוי האבען אויסגעזעהן די זעלטענע מאמענטען, אין

װעלכע שרה איז אַמנאָהענסטען געװעזען צו דעם קרױן־פּרינץ. אַרױסגעבענדיג זײנע בעפֿעהלען פּאַטראָקלעס׳ען און דעם הױפּט־פֿערװאַלטער פֿון זײנע גיטער, האָט דער קרױן־פּרינץ פֿערבראַכט דעם גרעסטען טײל פֿון טאָג, נישט בײ שרה׳ן נאָר אױף אַ שיפֿעל. און שיפֿענדיג זיך אױף דעם נילוס, האָט ער מיט אַ נעץ געפֿאַנגען פֿיש אין דעם טײך, אָדער אַרױס־חאַפּענדיג זיך אױף די זומפּען, האָט ער זיך בעהאַלטען צװישען די לאָטאָסען און געשאָסען מיט׳ן פֿײל־און־בױגען צו װילדע עופֿות, װעלכע זענען סטאַדעס־װײס געפֿלױגען מיט געשרײען אין דער הױך. נאָר דאַמאָלס האָט ער אָבער אױך נישט פֿערגעסען אָן זײן גאוה און דאָס שיסען האָט איהם געדיענט פֿאַר אַ צײכען, װאָס מיט איהם װעט זײן. טײלמאָל זעהענדיג אַ סטאַדע גענז אױף דעם װאַסער, האָט ער אָנגעצױגען דעם בױגען און געזאָגט:

— אַז איך װעל טרעפֿען, װעל איך אַמאָל זײן, װי רעמסס דער גרױסער...

די פֿײל האָט שטיל געפֿײפֿט און די דורכגעלעכערטע גאַנז האָט געקלאַפּט מיט די פֿליגעל און אַזױ ביטער געשריען, אַז איבער דעם גאַנצען זומפּף איז געװאָרען אַ אומגעהױערע בעװעגונג. גאַנצע חמאַרעס גענז און באַציאַנעס זענען אַרױפֿגעפֿלױגען אין דער הױך און אַרומדרעהענדיג זיך אין אַ ראָד איבער דעם שטאַרבענדען חבר, זענען זײ אַראָבגעפֿאַלען אױף אַ אַנדער אָרט.

װען עס איז שטיל געװאָרען, האָט דער קרױן־פּרינץ איבערגערוקט דאָס שיפֿעל װײטער, דאָרט הין, פֿון װאַנען ער האָט דערהערט אַ קול פֿון אַ פֿױגעל און דערזעהענדיג צװישען גרינס אַ אָבבלאַנק פֿון װאַסער און אַ נײע סטאַדע,

האָט ער ווידער אָנגעצויגען דעם בויגען און געזאָגט:

— אַז איך וועל טרעפען, וועל איך זיין פּרעה, אויב נישט...

די פייל האָט דאָס מאָל אָנגעקלאַפּט אין וואַסער אַריין און אָבשלאָגענדיג זיך עטליכע מאָל איז זי פערשוואונדען געוואָרען צווישען די לאָטאָסען. און דער דערהיצטער קרוין-פּרינץ האָט געלאָזט, וואָס אַ מאָל מעהר פיילען, דערשי-סענדיג פייגעל אָדער פונאַנדעראָגענדיג סטאַדעס. אין דעם גוט האָט מען דערקענט וואו דער קרוין-פּרינץ געפינט זיך: מען האָט געזעהן וואו די פייגעל רייסען זיך אַרויף אין דער הויך מיט אַ ביטער געשריי און מען האָט געוואוסט, אַז דאָרט איז ער.

ווען ער איז אָוועגדם צוריקגעקומען אַ מידער אין דעם גוט, האָט שרה שוין געוואַרט אויף דער שוועל מיט אַ שיסעל וואַסער, אַ קרוג וויין און אַ קראַנץ מיט רויזען. דער קרוין-פּרינץ האָט געשמייכעלט צו איהר, זי געגלעט אין פּנים, נאָר קוקענדיג אין איהרע אויגען, וואָס זענען געווען פול מיט נוטקייט, האָט ער זיך געקלערט:

— גערן וואָלט איך געוואָלט וויסען, צי זי וואָלט געקענט שלאָגען פויערען פון מצרים, ווי איהרע קרובים, וועלכע זענען שטענדיג דערשראָקען. מיין מוטער איז גע-רעכט. וואָס זי גלויבט נישט יודען, חאָטש — שרה איז אפשר נישט אַזוי ווי אַלע אַנדערע...

אַ מאָל, צוריקקומענדיג אונגעריכט, האָט ער דער-זעהן אויף דעם הויף, פאַר'ן הויז, פיעל נאַקעטע קינדער, וועלכע האָבען זיך לוסטיג געשפּיעלט. אַלע זענען געווען געלב, און דערזעהענדיג איהם, זענען זיי זיך פונאַנדער-

געלאָפען מיט אַ געשריי, ווי די ווילדע גענז אין זומפּף. איידער ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויז אַריין, זענען זיי פערשוואונדען געוואָרען, אזוי, אַז עס איז קיין שפּור פון זיי נישט געבליבען.

— וואָס פאַר קליינינקע זענען דאָס די — האָט ער בעפרעגט שרה'ן — וועלכע ענטלויפען אזוי פאַר מיר?

— דאָס זענען קינדער פון דיינע דינער — האָט זי געענטפערט.

— יודען?

— מיינע ברידער...

— אָ, געטער! ווי דאָס פאָלק מעהרט זיך! — האָט זיך דער קרוין־פּרינץ פונאנדערגעלאכט.

— און ווער איז דער? — האָט ער ווידער געפרעגט, ווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף אַ מענש, וואָס האָט מיט שרעקעניש געקוקט פון אונטער דער וואַנד.

— דאָס איז אהוד בן ברק, מיינס אַ קרוב... ער וויל דיר דינען, מיין הערר, צי קען איך איהם אָננעהמען צו דער דינסט?...

דער קרוין־פּרינץ האָט געהויבען די פּלייצעס.

— דיין איז דאָס גוט — האָט ער געענטפערט — דו קענסט אָננעהמען אלע, וועמען נאָר דו ווילסט. נאָר ווען די מענשען וועלען זיך אזוי מעהרען, וועלען זיי קירצליך בעהערשען מצרים...

— דו קענסט נישט דערליידען מיינע ברידער?... האָט שרה שטיל געזאָגט, קוקענדיג מיט שרעקעניש אויף רעמסס'ן און אַראָבּרוקענדיג זיך ביז צו זיינע פיס

דער קרוין־פּרינץ האָט מיט בעוואונדערונג געקוקט אויף איהר.

— איך האָב אפילו נישט אין זינען — האָט ער שטאָלץ געענטפערט.

דאָס קליינע געשפּרעך, וועלבעס איז געפאַלען מיט פייערדיגע טראָפּען אויף שרה'ס נשמה, האָבען נישט גע־ענדערט די בעציהונג פון רעמסס'ן צו איהר. ער איז ווייטער געוועזען צו איהר גוט און האָט זי געגלעט, ווי גע־וועהנליך, חאָטש זיינע בליקען זענען וואָס אַ מאָל מעהר געפלויגען אויף יענער זייט נילוס און זענען געפאַלען אויף די גרויסע טהורמען פון דעם שלאָס.

קירצליך האָט רעמסס דערוויסען, אז נישט נאָר ער בענקט, זיצענדיג אין דעם גוט ביי שרה'ן. אַ מאָל איז פון דער צווייטער זייט נילוס אַרויס אַ הערליכע, קעניגליכען שיף, וועלבע איז זיך געפאָהרען אין דער זייט פון מעמפיס, און דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען צו פאָהרען אַזוי נאָהענט פון דעם גוט, אַז רעמסס האָט געקענט דערקענען די פּער־זאָנען, וואָס זענען אין איהר געזעסען.

פון אונטער דער פורפורענער חופה איבער דער שיף האָט רעמסס דערקענט זיין מוטער צווישען די הויפס־דאַ־מען, און געגען איהר, אויף אַ נידריג בענקעל — דעם נאָמיעסטניק הרהור. זיי האָבען זאָגאר נישט געקוקט אויף דעם גוט, דאָך האָט רעמסס געשפּירט, אַז זיי זעהען איהם.

— אַ האַ! — האָט ער זיך געטראַכט לאַבענדיג — מיין געעהרטע מוטער אין דער גרויסער מיניסטער וואַלטען

מיך געוואָלט פון דאַנען אַרויסציהען איידער דער היילינגער פּרעה קומט צוריק.

עס איז אָנגעקומען דער חודש טאבי, ענדע אָקטאָבאָר און אָנפאַנג נאָוועמבער. דאָס וואַסער אין נילוס איז אָבגעפאַלען אויף אַזוי פיעל, ווי די הויך פון אַנדערטהאַלבען מענשען. ענטפּלעקענדיג יעדען טאָג נייע שטיקער שוואַרצע, וויינכע ערד. וואו נאָר דאָס וואַסער האָט אָבגעטרעטען, האָט זיך באַלד אויף דעם אָרט דערוויזען אַ שמאָלער אַקערוואָגען, וועלכער איז געשלעפּט געוואָרען דורך צוויי אָקסען. נאָך דעם אַקערוואָגען איז געגאַנגען אַ נאַקעטער מענש, נעבען די אָקסען — אַ שמייסער מיט אַ קורצע בייטש, און נאָך איהם, אַ זייער, וועלכער שלעפּענדיג די פים אין דעם ווייכער ערד, האָט ער געטראָגען ווייץ אין אַ שירץ און פונאַנדערגעוואָרפען די קערנער אין אַלע זייטען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אין מצרים די בעסטע צייט פון יאָהר — ווינטער. די היץ איז נישט גרויס געווען, די ערד איז גיך בעדעקט געוואָרען מיט גרינקייט, פון וועלכער עס האָבען אַרויסגעוואַקסען שמעקענדע בלומען.

שוין עטליכע מאָל האָט זיך דערוויזען נעבען שרה'ס וואָהנונג די שיף מיט דער מלכה ניטאָקריס און דעם מיניסטער הרהור, יעדעס מאָל האָט דער קרוין-פּרינץ דערזעהן זיין מוטער רעדענדיג פרעהליך מיט דעם מיניסטער און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי קוקען עקסטרא נישט צו איהם, כדי איהם צו ווייזען, אַז זיי פעראַכטען איהם.

— וואַרט -- האָט צו זיך אַליין געזאָגט דער קרוין-

פּרינץ — איך וועל אייך איבערציינגען, אַז איך האָב אויך קיין לאַנגווײַלונג נישט.

אַ מאָל, איידער די זון איז אונטערגעגאַנגען און פֿון יענער זײַט נילוס האָט זיך באַוויזען די קעניגליכע שיף, וועלכע איז געווען באַצירט מיט אַ פּורפּורנער חופּה, וואָס האָט געהאַט אין דער זײַט פֿעדערן פֿון שטרויס־פֿייגעל, האָט רעמסס געהייסען פֿאַרבערייטען אַ שיפֿעל פֿאַר צוויי פּערזאָן און האָט געזאָגט שרה'ן, אַז ער וועט זיך מיט איהר שיפֿען.

— גאָט! — האָט זי אויסגעשריען צונויפֿלעגענדיג זיך די הענד — דאָרט איז דאָך דײַן מוטער און דער נאַמיעסטניק!

— און דאָ וועט זײַן דער קרוין־פּרינץ. נעהם דײַן האַרפֿע, שרה!

— די האַרפֿע אויך נעהמען! — האָט שרה געפֿרעגט ציטערנדיג — און אויב דײַן געעהרטע מוטער וועט וועלען מיט דיר רעדען?... איך וועל זיך מוזען אין וואַסער אַרײַנוואַרפֿען!...

— זײַ קיין קינד נישט, שרה! — האָט דער קרוין־פּרינץ געענטפֿערט מיט אַ געלעכטער — דער גרויסער נאַמיעסטניק און מײַן מוטער ליעבען זעהר געזאַנג. דו קענסט דיר ערווערבען זייער ליעבע, ווען דו וועסט זינגען אַ שען יודיש ליעד. זאָל אין דעם ליעד זײַן עפּעס וועגען ליעבע.

— איך קען נישט אַזאַ ליעד — האָט געענטפֿערט שרה, וועלכע איז מונטערער געוואָרען פֿון דעם קרוין־פּרינצ'ס ווערטער — אפשר וועט איהר זינגען טאַקי געפֿעלען ווערען די מעכטיגע העררשער און דאַמאָלס...

אויף דער קעניגליכער שיף האָט מען דערקענט, אַז

דער קרוין־פרינץ זעצט זיך אויף א געוועהנליך שיפעל און רודערט אליין.

— צי זעהסט דו, גרויסער מיניסטער — האט די מלכה געזאגט צו הרהור'ן — אז ער פאהרט ארויס געגען אונז מיט זיין יודיש מיידעל?

— דער קרוין־פרינץ פיהרט זיך אויף אזוי ריכטיג אין בעציהונג צו זיינע סאלדאטען און פויערען, און ער האט געוויזען אזוי פיעל חרטה, אברוקענדיג זיך פון די גרענצען פון פאלאץ, אז דו, גרויסע מלכה, קענסט איהם דאס שענקען — האט דער מיניסטער געענטפערט.

— א, ווען ניט ער וואלט געזעסען אין דעם שאלעכטס, וואלט איך עס געהייסען צושלאגען — האט די מלכה געזאגט מיט כעס.

— צו וואס? האט דער מיניסטער געפרעגט — דער קרוין־פרינץ וואלט נישט געווען קיין יורש פון כהן־גדול'ס און פרעה'ס, ווען ער וואלט נישט צוריסען די קייטען, מיט וועלכע דאס געזעץ, אדער אפשר אונזערע שלעכטע מנהגים בינדען איהם נעבעך! יעדענפאלס האט ער דערוויזען, אז אין וויכטיגע פאלען קען ער הערשען איבער זיך. ער קען זאגאר אנערקענען, אז ער האט שלעכט געטהון און דאס איז א גרויסע מעלה, בפרט ביי א קרוין־פרינץ.

דאס וויעדער, וואס דער קרוין־פרינץ וויל אונז רייצען מיט זיין געליעבטע, דערוויזט, אז עס שמערצט איהם, וואס ער האט ביי אונז פערלוירען לייטזעליגקייט.

— אבער דאס יודישע מיידעל!... — האט שטיל געזאגט די מלכה, פאבענדיג זיך מיט דעם פעכער פון פעדערן.

— היינט בין איך שוין רוהיג וועגען איהר — האָט דער מיניסטער געזאָגט — זי איז אַ שעֶן אָבער נאַריש בעשעפּניש, וועלכעם קלערט נישט און קען נישט האָבען קיין איינפלום אויף דעם קרוין־פּרינץ. זי נעהמט נישט פון קיינעם קיין מתנות און זעהט קיינעם נישט, נאָר זי איז פערמאַכט אין איהר נישט זעהר טייערער שטיב. מיט דער צייט וואָלט זי זיך אפשר אויסגעלערנט נוצען ציהען דער־פון, וואָס זי איז אַ געליעבטע פון קרוין־פּרינץ און וואָלט פערקלענערט דעם שאַץ פון קרוין־פּרינץ מיט צעהן טאַ־לענטען. איידער דאָס וועט אָבער געשעהן, וועט זי רעמסס'ן פערמיאוס'ט ווערען...

— הלואַי זאָל צו דיינע ווערטער מסכים זיין דער גאָט עמון, וועלכער זעהט אַלעס!

— איך בין זיכער, אַז אַזוי וועט זיין. דער קרוין־פּרינץ איז קיינמאָל גאָרנישט אַזוי דערהיצט געווען צו איהר, ווי עס פּאַסירט געוועהנליך מיט אונזערע יונגע־לייט פון דער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איין געשיקליכע פרוי קען אָבנעהמען זייער גאַנץ פערמעגען, געזונד און אויך זיי ברענגען אין גערוכט. דער קרוין־פּרינץ שפּיעלט זיך מיט איהר, ווי אַ פערשטענדיגער מענש מיט זיין שקלאַפין. און אַז שרה איז מעוברת...

— צי איז טאַקי אַזוי?... — האָט די מלכה אויס־געשריען — פון וואַנען ווייסט דו?...

— איך ווייס דאָס, וואָס עס ווייסט נישט דער קרוין־פּרינץ און אפילו שרה ווייס נאָך נישט... — האָט מיט אַ שמייכעל געזאָגט דער מיניסטער — מיר מוזען אַלעס ווי־סען. דעם סוד איז איבריגענס לייכט געווען צו וויסען.

ביי שרה'ן געפינט זיך איהרעס א קרובה, טאפעט, וועלבע האט ליעב זעהר פיעל צו רעדען.

— ציי האבען זיי שוין גערופען א דאקטאר?...

— איך זאג דיר נאך אמאל, אז שרה ווייס גאר נישט פון דעם, און די גוטע טאפעט, מורא האבענדיג, אז דער קרוין-פרינץ זאל שרה'ן נישט אויפהערען צו ליעבען, וואלט גערן דעם סוד אראבגעדרעהט דעם קאפ. מיר וועלען אבער דאס נישט דערלויבען. דאס וועט דאך זיין דעם קרוין-פרינצ'ס א קינד.

— און אז דאס וועט זיין א זוהן?... ווייסט דו, אז ער וואלט געקענט פיעל זארג אונז מאכען... האט די מלכה זיך אנגערופען.

— אלעס איז פאראויס בעטראכט געווארען — האט הרהור געזאגט — אויב עס וועט ביי איהר א טאכטער געבוירען ווערען, וועלען מיר איהר געבען נדן און ערציהונג, ווי עס פאסט פאר א מיידעל פון אזא פאמיליע, וועט זי געבוירען א זוהן, וועט ער בלייבען א יוד.

— אך, מיין אייניקיל וועט א יוד זיין!...

— הויב איהם נישט אן בעציידטענס פיינד צו האבען. אונזערע פאסלען זעניען אונז מ'דיע, אז דאס יודישע פאלק הויבט אן צו פערלאנגען א קעניג. איידער דאס קינד וועט אויפוואקסען, וועלען שוין אלע פערלאנגען א קעניג. און דאמאלס וועלען מיר זיי געבען א הערשער, א מלך, וועלבער שטאמט פון מלכים...

— דו ביסט ווי א אדלער, וועלבער זעהט מיט איין בליק, וואס עס טהוט זיך אויף מזרח און אויף מערב...— האט די מלכה געענטפערט, קוקענדיג מיט בעוואונדערונג

אויף דעם מיניסטער — איך שפיר, אז מיין שנאה צו דעם מיידעל הויבט אן שוואך צו ווערען.

— דאס קלענסטע טראפען בלוט פון פרעה'ס מוז זיך הויבען איבער די פעלקער, ווי א שטערן איבער דער ערד — האט הרהור געזאגט.

אין דער מינוט האט זיך דאס שפיעל פון קרוין־פרינץ געפונען עטליכע צעהנדליגע טריט ווייט פון דער קעניגליכער שיף. און די מלכה, פערשטעלענדיג זיך דאס פנים מיט דעם פעכער, האט געקוקט אויף שרה'ן דורך די פעדערן.

— זי איז טאקי שען ... — האט זי שטיל געזאגט.

— דו זאגסט שוין דאס צום צווייטען מאל, גרויסע מלכה.

— ווייסט דו אויך דאס, אז איך האב זי שוין א מאל געזעהן? — האט מיט א שמייכעל געזאגט די מלכה.

— הרהור האט אראבגעלאזט די אויגען.

אויף דעם שיפעל פון דעם קרוין־פרינץ האט זיך אנגערופען די הארפע און שרה האט מיט א ציטערנדע שטימע אנגעהויבען צו זינגען:

— ווי גרויס איז גאט, ווי מעכטיג איז גאט, דיין גאט, ישראל! ...

— א הערליכע שטימע! ... — האט די מלכה שטיל געזאגט.

הרהור האט זיך נוט איינגעהערט

— זיינע טעג האבען קיין אנפאנג נישט — האט שרה געזונגען — און זיין הויז האט נישט קיין גרענעץ. די אייביגע הימלען ווערען פערוואנדעלט אונטער זיין אויג,

ווי מלבושים, וועלכע דער מענש קליידעט אָן און ווארפט אוועק, שטערן צינדען זיך אָן און ווערען פערלאָשען ווי פונקען פון הארט האָלץ, און די ערד איז ווי א ציגעל, וועלכע א פערביי געהער האט בעריהרט מיט'ן פוס, געהענדיג ווייטער.

— ווי גרויס איז דיין גאָט, ישראל. עס איז נישט פערהאנען אזעלכער, וואָס האָט איהם געזאָלט זאָגען: „מהו אזוי!" און עס איז נישט פערהאנען אזעלכע, פון וועלכע ער האט געזאָלט געבוירען ווערען, ער האָט בעשאפען דעם תהום, וועלכען מען קאָן נישט דערמעסטען. ער ציהט ארויס ליכטיגקייט, פון פינסטערניש, און פון דעם שטויב פון דער ערד — בעשעפנישען, וועלכע קענען רעדען.

שרעקליכע לייבען זעהען אויס ביי איהם ווי הײשריקען, א אונגעהייער גרויסער העלפאנט איז ביי איהם ווי גארנישט און א וואלפיש איז ביי איהם ווי א פריש געבוירען קינד.

זיין דריי קאָליריגער בויגען טיילט דורך די הימלען אויף צוויי טיילען און שפארט זיך אָן אויף די עקען פון דער ערד. וואו איז פערהאנען א טויער, וואָס זאָל עהנליך זיין צו דעם בויגען מיט זיין גרויסקייט? פאר דעם דונערן פון זיין וואגען, ציטערן פעלקער און אונטער דער זון איז נישט פערהאנען קיינער, וואָס זאָל קענען זיך געגען שטעלען זיינע פיילען.

זיין אָטהעמען איז דער צפון-ווינד, וועלכער מונטערט די פערחל'שטע בוימער און זיין בלאָז איז א ברען-ווינד, וועלכער פערברענט די ערד.

ווען ער ציהט אוים זיין האנד איבער דעם וואסער, ווערט דאס וואסער הארט ווי א שטיין. ער איבערגיסט דאס וואסער אויף אנדערע ערטער, ווי א פרוי גיסט איבער קוואס אין א פאס. ער צוריסט די ערד, ווי פערפוילטע ליינוואנד, און גאלע שפיצען פון בערגער בערעקט ער מיט זילבערנעם שניי.

ער האלט אין יעדען קערנדעל ווייץ הונדערט אנדערע קערנער און ער מאכט דאס אזוי, אז פייגעל ווערען אויסגעבריהט, ער מאכט פון פערשלאפענע ווערימלעך — זומער-פייגעלעך און מתים אין די קברים הייסט ער ווארטען אויף תחית המתים...

די רודערער, וועלכע האבען זיך איינגעהערט דעם געזאנג, האבען אויפגעהערט די רודער און די קעניגליכע שיף איז זיך אליין לאנגזאם געשוואומען מיט'ן שטראם. פלוצלונג האט זיך הרהור אויפגעחאפט און א געשריי געטהון:

— קיין מעמפים!...

די רודער האבען אנגעהויבען קלאפען, די שיף האט זיך אומגעקעהרט און מיט געוויש האט ער זיך ארויפגעחאפט אין דער הויך פון טייך. די שיף האט אבער נאכגעיאגט שרה'ס געזאנג:

— ער זעהט די בעוועגונג פון הארץ אין קלענסטען ווערימעל און די פערבארגענע שטענען, אויף וועלכע עס געהען די איינזאמסטע געדאנקען פון מענשען. עס איז אבער נישט דא קיינער, וואס זאל איהם אריינקוקען אין הארץ און זאל וויסען, וואס ער וויל טהון.

פאר דעם בלאנק פון זיינע מלבושים, פערדעקען גרויסע מלאכים זייערע פנימ'ער. פאר זיין בליק, ווערען

פערוועלקט, ווי פערוועלקענדע בלעטער די געטער פון מעכטיגע שטעדט און פעלקער.

ער איז די מאכט, ער איז דאס לעבען, ער איז קלוגשאפט, ער איז דיין גאט, דיין גאט, ישראל!...

— פארוואס האסט דו געהייסען אוועקפאהרען מיט אונזער שיף? — האט די מלכה געפרעגט הרהור'ן.

— צי ווייסט דו, גרויסע מלכה, וואס פאר א ליעד דאס איז?... — האט געענטפערט הרהור אין א שפראכע, וואס נאר כהנים פערשטעהען — דאס נארישע מיידעל זינגט אין מיטען נילוס אזא תפלה, וועלכע מען מעג אבריכטען נאר אין דעם פערבארגענסטען ארט פון אונזער גרעסטען בית־מקדש...

— בכן הייסט דאס, אז זי לעסטער'ט?

— צום גליק געפינט זיך אויף דער שיף נאר איין כהן, איך — האט דער מיניסטער געענטפערט — איך האב דאס נישט געהערט, און אויב איך האב יא געהערט, וועל איך אן דעם פערגעסען. איך האב אבער מורא, אז די געטער זאלען נישט ארויפלעגען זייערע העגד אויף דעם מיידעל.

— אבער פון וואנען קאן זי די שרעקליכע תפלה?...— רעמסס האט זי דאך די תפלה נישט אויסגעלערנט!...

— דער קרוין־פרינץ איז גאר נישט שולדיג. פערגעס אבער נישט, גרויסע מלכה, אז יודען האבען נישט איין אוצר אזעלכען ארויסגעטראגען פון אונזער מצרים. דעריבער האלטען מיר זיי איינע פאר לעסטערער, פאר אזעלכע וואס פערשוואכען הייליגקייט.

די מלכה האט אנגענומען דעם כהן־גדול און מיניסטער ביי דער האנד.

— אבער מיין זוהן — האט זי שטיל געזאגט — וועט קיין שלעכטס נישט געשעהן?...

— איך האפט דיר, אז קיינעם וועט קיין שלעכטס נישט געשעהן, אויך איך האב נישט געהערט און ווייס גאר נישט. מען דארף אבער דעם קרוין־פרינץ אבצוטיילען פון דעם מיידעל...

— אבטיילען, אבער מיט ווייכקייט, מיט חסד!... יא, אמת, נאמיעסטניק? האט די מלכה געפרעגט.

— מיט חסד, מיט רחמנות, אבער אבטיילען מוז מען... עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך האב אלעס פאר־אויס געזעהן... אלעס — האט הרהור געזאגט, ווי צו זיך אליין — אלעס, אויסער א משפט וועגען לעסטערן, וואס הענגט איבער דעם קרוין־פרינץ צוליעב דעם נארישען מיידעל!...

הרהור האט זיך פערטראכט און צוגעגעבען!

— יא, גרויסע מלכה! מען מעג לאכען פון פיעל מנהגים אונזערע: דאס איז אבער אמת, אז פרעה'ס זוהן דארף זיך נישט צו בעהעפטען מיט א יודענע..

זיבצעהנטעס קאפיטעל.

פון דעם אווענד אן, ווען שרה האט געזונגען אויף דעם שיפעל, האט זיך די קעניגליכע שיף מעהר נישט געוויזען אויף דעם נילוס און דעם קרוין־פרינץ האט אנגעהויבען די צייט לאנגווייליג צו ווערען.

עֶס איז אָנגעֶקומעֶן דעֶר חודש מביר, דעֶצעֶמבעֶר. דאָס וואַסעֶר אין נילוס איז נידריגעֶר געֶפאַלעֶן, די עֶרד האָט זיך אויסגעֶצויגעֶן, וואָס אַמאָל ברייטעֶר, דאָס גראָז איז געֶוואָרעֶן וואָס אַמאָל העֶכעֶר און געֶדיכטעֶר, און צווישעֶן דעֶם גראָז האָבעֶן געֶבלאַנקט ווי קאָלירטעֶ פונקעֶן פעֶרשידעֶן-פאַרביגעֶ בלומעֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן זעֶהר פיין געֶשמעֶקט. ווי אינזלעֶן אויף דעֶם גרינעֶם ים, האָבעֶן זיך אין איין טאָג בעֶוויזעֶן אינזלעֶן מיט בלומעֶן: ווייסעֶ, בלויעֶ געֶלבעֶ, ראָזאַ אָדעֶר פעֶרשידעֶן-פאָרביגעֶ דיוואַנעֶס, וועֶלכעֶ האָבעֶן פון זיך אַרויסגעֶגעֶבעֶן אַזאַ שמעֶקעֶנדעֶן ריח.

און דאָך איז דעֶם קרוין-פּרינץ לאַנגווייליג געֶוועֶן, און אָפּט האָט עֶר אויך שטאַרק געֶשראָקעֶן. זייט דעֶר פאָטעֶר איז אַרויסגעֶפאָהרעֶן, איז עֶר אין פּאַלאַץ נישט געֶוועֶן און קיינעֶר איז צו איהם נישט געֶקומעֶן. אפילו טוטמאָזים, איז אויך נאָכ'ן לעֶצטעֶן שמועֶס פעֶרפאַלעֶן געֶוואָרעֶן, ווי אַ שלאַנג אין גראָז. צי האָט מעֶן געֶשוינט זיין איינזאַמיגקייט, צי האָט מעֶן איהם געֶוואָלט מצער זיין, צי האָט מעֶן מורא געֶהאַט צו בעֶזוכעֶן דעֶם קרוין-פּרינץ, וועֶלכעֶר האָט פעֶרלוירעֶן דעֶם חן ביי זיין פאָטעֶר?.. רעֶמסס האָט נישט געֶוואוסט פאַרוואָס קיינעֶר בעֶזוכט איהם נישט.

— און אפשר וועֶט דעֶר פאָטעֶר מיך אויך אָברוקעֶן פון דעֶם טראָן, ווי עֶר האָט שוין אָבגעֶרוקט די עֶלטעֶרעֶ ברידעֶר?..— האָט נישט איינמאָל זיך געֶקלעֶרט דעֶר קרוין-פּרינץ, און אויף זיין שטעֶרן איז אַ שווייס אַרויסגעֶטרעֶטעֶן, און די פיס זעֶנעֶן איהם קאַלט געֶוואָרעֶן.

וואָס וואָלט עֶר געֶטהון, ווען דעֶר פאָטעֶר וואָלט

מיט איהם טאקי אזוי געטהון, ווי מיט זיינע עלטערע ברידער?

און דערצו איז שרה נישט געזונד: זי איז געווארען דאר, בלאס, איהרע גרויסע אויגען זענען איינגעפאלען, טיילמאל איז איהר עפעס איבעל געוועזן.

— עס האט א ודאי ווער כשוף געטהון דער ארימער שרה'ן!... — האט זיך טאפעט געמאכט זיפצען.

דער קרוין-פרינץ האט פיינט געהאט טאפעט, ווייל זי האט צופיעל גערעדט און איז נישט עהרליך געוועזן. עטליכע מאל האט ער געזעהן, אז אוועגדם האט טאפעט געשיקט קיין מעמפיס גרויסע קארבען מיט עסענווארג, וועש און כלים. צומארגענס האט זי געשריען, אז אין הויז פעהלט מעהל, וויין אדער טעה. זייט דער קרוין-פרינץ האט געוואהנט אין מעמפיס, איז ארויסגעגאנגען צעהן מאל אזוי פיעל פראדוקטען, ווי פריהער.

— איך בין זיכער — האט זיך רעמסס געקלערט, אז די פרוי בעגנב'עט מיך און גיט אוועק איהרע יודען, וועלכע ווערען ביי טאג פערשוואונדען פון מעמפיס און ביי נאכט קריכען זיי ארויס אין די שמוציגסטע געסלעך, ווי די מייז!...

אין דער צייט איז דאס בעסטע פערוויילונג פון דעם קרוין-פרינץ געוועזן, צוצוקוקען זיך, ווי מען נעהמט אראב די טייטלען פון די בוימער.

א נאקעטער פויער האט זיך געשטעלט אונטער א הויכער פאלמע, אהן צווייגען, האט ארומגענומען זיך און דאס בוים מיט א שנור, ווי מיט א לויזער רייף, און איז ארויף אויף דעם בוים מיט די פיאטעס, אויסשטופענדיג זיין

גאַנצען קערפּער ווייט פון בוים, כדי די שנור זאל איהם האלטען. דערנאך האט ער די שנור העכער גערוקט און ווידער געקלעטערט אויף די פּיאטעס. און אזוי ווייטער ביז ער איז געווען אויף דעם שפּיץ פון דער פּאלמע, וואו עס האבען געוואַקסען גרויסע בלעטער און פייגען.

איינגעקוקט זיך אויף דער געפערליכער ארבייט, האט נישט נאר דער קרוין־פּרינץ, אבער אויך יודישע קינדער. אנפאַנגס זענען זיי דארט נישט געוועזן. דערנאך האבען זיך אנגעהויבען אַרײַנצוקריכן פון צווישען בוימער און אונ־טער דער מויער — געקרייזעלטע קעפּלעך און שווארצע, פונקענדיגע אויגען. דערנאך, דערזעהענדיג, אז דער קרוין־פּרינץ פּעריאַגט זיי נישט, זענען די קינדער ארוים פון זייערע בעהעלטנישען און זעהר לאַנגזאַם זענען זיי צוגעגאַנ־גען צו דעם בוים, פון וועלכען מען האט אראבגעריסען די טייטלען. די דרייסטעטע פון די מיידלעך האט אויפגעהויבען דעם שענסטען טייטעל און האט איהם געגעבען רעמסס'ן איינער פון די יונגלעך האט אליין אויפגעגעסען דעם קלענסטען טייטעל, און די איבריגע קינדער האבען אנגעהויבען אליין צו עסען און צו געבען רעמסס'ן. אנפאַנגס האבען זיי איהם געבראַכט די שענסטע, דערנאך ערגערע און שפּעטער — גאר די ערגסטע.

דער קינפטיגער „הערשער פון דער וועלט" האט זיך בעטראַכט און זיך געקלערט:

— אומעטום וועלען זיי קריכען און שטענדיג וועלען זיי מיר אזוי געבען: פריהער גוטס, כדי מיר א חשק צו מאכען, און אלם דאנק — בלוים שלעכטעס!...

ער איז אוועקגעגאַנגען טרויריג און די יודישע קינדער

זעֶנעֶן אָנגעֶפֿאַלעֶן אויף די טײַטלעֶן, וואָס דעֶר פֿויעֶר האָט אַראָבגעֶוואָרפֿעֶן. דעֶר פֿויעֶר איז געֶזעֶסעֶן אויף דעֶם שפּיץ בוים און געֶזונגעֶן, נישט קלעֶרעֶנדיג, ווי לײַכט עֶס איז זײַנע בײנעֶר זאָלעֶן צובראָכעֶן ווערעֶן און אַז פֿון זײַן אַרבײט געֶניסט עֶר נישט.

שרה'ס אונפֿעֶרשטעֶנדליכע קראַנקהײַט, איהרע אָפּטע טרערעֶן, איהר געֶענדעֶרט פּנים, און אַממעֶהרסטעֶן די יודעֶן, וועֶלכע האָבעֶן זיך אויפֿגעֶהעֶרט צו פֿעֶרבאָרגעֶן און וואָס אַמאָל העֶכעֶר האָבעֶן זײ געֶפֿיהרט דאָס ווירטשאַפֿט אין דעֶם גוט, האָבעֶן צום איבריגעֶן פֿעֶרמיאוס'ט דעֶם קרוין־פּרינץ דאָס שעֶהנעֶ ווינקעֶלעֶ. עֶר האָט זיך שוין נישט געֶשיפּט, עֶר איז אויף דעֶם יאַגד נישט אַרויסגעֶגאַנגעֶן, עֶר האָט זיך נישט צוגעֶקוקט, ווי מעֶן נעֶהמט אַראָב די טײַטלעֶן פֿון די בוימעֶר, נאָר טרויריג איז עֶר זיך אַרומגעֶגאַנגעֶן אין גאָרטעֶן, אָדעֶר שטעֶהעֶנדיג אויף דעֶם דאַך, האָט עֶר געֶקוקט אויף דעֶם קעֶניגליכעֶן שלאָס.

אַז מעֶן האָט איהם נישט געֶרופֿעֶן, איז עֶר קײן מאָל נישט צוריקגעֶקומעֶן אין פּאַלאַץ אַרײַן. עֶר האָט אָבעֶר שוין אָנגעֶהויבעֶן צו קלעֶרעֶן וועֶגעֶן אַרויספֿאָהרעֶן אין די גיטעֶר זײַנע אין נידריגעֶן מצרים, נעֶבעֶן דעֶם ים.

אין אַזאַ גײַסט־צושטאַנד האָט איהם אָנגעֶטראָפֿעֶן טוטמאָזיס, וועֶלכעֶר איז אַמאָל אויף אַ העֶרליכע קעֶניגליכעֶן שיף צו איהם געֶקומעֶן און געֶבעֶטעֶן עֶר זאָל קומעֶן צו פרעה'ן.

פרעה איז הײַנט צוריקגעֶקומעֶן קײן טעֶבי און וויל זיך זעֶהן מיט דעֶם קרוין־פּרינץ.

דעֶר קרוין־פּרינץ איז בלאַס געֶוואָרעֶן, האָט געֶצי־

טערט, ווען ער האט געלעזען דעם בריעף פון דעם הייליגען הערשער. ער איז געווען אזוי געריהרט, אז ער האט נישט בעמערקט דעם נייעם ריזענדיגען פערוק פון טוטמאזים, וועלכער האט פון זיך ארויסגעבען פונפצעהן פערשידענע שמעקענדע ריחות, ער האט נישט דערזעהן זיין טוניקא און מאנטעל, וועלכע זענען געווען דינער און עדלער פון א נעבעל, נישט זיינע סאנדאלען, וועלכע זענען בעצירט געווען מיט גאלדענע פינגערלעך.

נאך א געוויסע צייט, האט זיך רעמסס אבגעקיהלט און נישט קוקענדיג אויף טוטמאזים'ן האט ער געזאגט:

— פארוואס ביסט דו אזוי לאנג נישט געווען ביי מיר? צי האסט דו זיך געשראקען פאר דעם אונ'חן, וואס מען האט אויף מיר געוויארפען?

— געטער! — האט טוטמאזים געשריען—ווען האט ווער אויף דיר געווארפען א אונ'חן? יעדער שליח פון דעם הייליגען פרעה האט געפרעגט, וואס דו מאכסט און די גרויסע מלכה ניטאקריס און דער גרויסער הרהור זענען עטליכע מאל צוגעפאהרען אויף זייער שיף צו דיין הויז, רעכענענדיג, אז דו וועסט צו זיי ארויספאהרען חאטש הונדערט טריט, ווען זיי זענען געפאהרען צו דיר טויזענד טריט. פון מיליטער רעד איך שוין גארנישט. די סאלדאטען פון דיינע פאלקען שווייגען ווי די פאלמען בעת דעם מושטרירען און זיי געהען נישט ארויס פון זייערע קאזארמען, און דער גרויסער פאטראקלעס טרינקט און שעלט גאנצע טעג פון זארג...

בכן האט דער קרוין-פרינץ קיין אונ'חן נישט געהאט. און אויב אפילו יא, איז שוין איצט דער אונ'חן פערשוואונ-

דען געוואָרען ... דער געדאַנק האָט געווירקט אויף רעמסס'ן, ווי אַ בעבער גוטער ווײַן. ער האָט זיך גיך אויסגעבאָדען און בעשמירט מיט עהלען, אָנגעטהון נײַע וועש, אַ נײַעם קאַפּטאַן און אַ העלם מיט פעדערן און איז געגאַנגען צו שרה'ן, וועלכע איז אַ בלאַסע געלעגען אונטער דער שוץ פון טאַפּעט.

שרה האָט אַזש געשריען דערזעהנדיג דעם קרוין־פּרינץ אַזוי אָנגעקלײַדט. זי האָט זיך געזעצט און אָנהאַפּענדיג איהם מיט די הענד בײַם האַלז, האָט זי געזאָגט:

— דו פאָהרסט אַוועק, מײַן הערר?... דו וועסט שוין נישט צוריקקומען!...

— פאַרוואָס? — האָט זיך דער קרוין־פּרינץ געוואונדערט — איך בין דאָך שוין פיעל מאָל אַוועקגעפאָהרען און צוריקגעקומען...

— איך געדענק, אז דו ביסט אַזוי געוועזען אָנגעטהאַ אויך דאָרט... אין אונזער טהאָל... האָט שרה געזאָגט — אָ, וואו זענען יענע צײַטען!... אַזוי גיך זענען זיי פאַראיבער! אַזוי לאַנג זענען זיי פערשוואונדען געוואָרען!...

— איך וועל צוריקקומען און דיר ברענגען דעם בעסטען דאָקטאָר.

— צו וואָס אַ דאָקטאָר? — האָט זיך אָנגערופען טאַפּעט — זי איז געזונד, מײַן פּפוי... זי דאַרף נאָר רוהע... און די דאָקטוירים פון מצרים וועלען זי אַרײַניאָגען אין אַ אמת'ע קראַנקהײַט...

דער קרוין־פּרינץ האָט אפילו נישט געקוקט אויף דער פלאַפלערין.

— דאָס איז געוועזען מײַן גליקליכסטער חודש מיט

דיר — האָט שרה געזאָגט, לעגענדיג דעם קאָפּ אויף רעמסס'ן — ער האָט מיר אָבער קיין גליק נישט געבראַכט.

אויף דער קעניגליכער שיף האָט מען טראָמפּעטעט איבערחזר'נדיג דעם סיגנאַל, וואָס איז געגעבען געוואָרען פון ווייטענס.

שרה האָט א ציטער געטהון.

— אָ, צי הערסט דו, מיין הער, די שרעקליכע קולות?... דו הערסט, און שמייכעלסט, און וועה מיר, דו רייסט זיך אַרויס פון מיינע אָרעמען?... ווען די טראָמפּייטען לאָזען זיך הערען, ווערט דיך גאָר נישט אויפהאַלטען און בפרט נאָך דיין שקלאַפין...

— דו וואָלסט אפשר געוואָלט, אַז איך זאָל אַלע מאָל נאָר זיך איינקוקען אין די היזהנער פון דעם גוט?...— האָט דער קרוין־פּרינץ איהר איבערגעהאַקט מיט אונגעדולד — זיי לוסטיג און געזונד, וואַרט אויף מיר...

שרה האָט איהם אַרויסגעלאָזט פון איהרע אָרעמען און האָט געקוקט אויף איהם אַזוי טרויריג, אַז ער איז ווייבער געוואָרען און האָט זי געגלעט...

— נו, זיי רוהיג... דו האָסט מורא פאַר אונזערע טראָמפּייטען?... צי זענען זיי דיר אַ מאָל אַ שלעכטער סימן געווען?

— מיין הער! — האָט שרה זיך אָנגערופען — איך ווייס, אַז זיי וועלען דיך דאָרט האַלטען... איך וועל דיר געבען — האָט זי געזאָגט שלאָכצענדיג — איך וועל דיר געבען אַ שטייגעל מיט טויבען... זיי זענען דאָ געבוירען געוואָרען און דאָ זענען זיי אויפגעוואַקסען... וויפיעל מאָל דו וועסט זיך דערמאָהנען אָן דיין דיענסט, זאָלסט דו

עֶפֿנֶען דאָס שטײגעל און אַרױסלאָזען אײן טױב... זי װעט מיר ברענגען אַ ידיעה פֿון דיר, און איך װעל זי קושען... גלעטען... װי... װי... נו, געה שױן...

דער קרױן־פּרינץ האָט זי געהאַלזט און איז אַרױס צו דער שיף, בעפֿעהלענדיג זײן נעגער, אַז ער זאָל װאַרטען אױף די טױבען פֿון שרה'ן און איהר דערײאָגען אין אַ לײכט שיפֿעל.

װען דער קרױן־פּרינץ איז אַרױסגעגאַנגען. האָט מען אָנגעהױבען פּױקען און פּײפֿען און אין הױף איז געװאָרען אַ גרױס געשרײ, געפֿינענדיג זיך צװישען די סאָלדאַטען, האָט דער קרױן־פּרינץ טיעף אָבגעאָטהעמט און אױסגעצױגען די הענד, װי ער װאָלט בעפֿרײט געװאָרען פֿון קײטען.

— נו — האָט ער געזאָגט צו טוטמאָזיס'ן — עס זענען מיר שױן פֿערמיאוס'ט געװאָרען די װײבער און יודען... אזירים!... בעסער הײס מיך באַלד אָנבראָטען בײ אַ לײכט פֿײער, נאָר זעץ מיך נישט אײן צום צװײטען מאָל אין דעם גוט.

— יאָ, — האָט טוטמאָזיס געענטפֿערט — ליעבע איז װי האָניג: אַ ביסעל איז גוט, אָבער באָדען זיך אין האָניג! ברר!... עס װערט מיר אױש קאַלט, װען איך דערמאָהן זיך, אַז דו האָסט אַזױ פֿערבראַכט צװײ חדשים. אָװענדס ביסט דו געשפּײזט געװאָרען מיט קושען, אין דער פֿריה — מיט טײטלען און מיט עזעל־מילך מיטאָג...

— שרה איז אַ זעהר גוט מײדעל — האָט זיך אָנגערופֿען דער קרױן־פּרינץ.

— איך רעד דאָך נישט פֿון איהר, נאָר פֿון די

יורען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אויף דעם גוט, ווי פּאַפּירוס אויף די זומפּען. צי זעהסט דו נישט, אַז זיי קוקען נאָך אויף דיר, און אפשר שיקען זיי דיר בעגריסונגען? ... — האָט דער חונף געזאָגט.

דער קרוין-פּרינץ האָט זיך אומגעדרעהט אין אַ אַנדערע זייט, און טוטמאָזיס האָט מיט לוסטיגקייט געוואונקען צו די אָפיצירען. ווי ער וואָלט זיי געוואָלט ווייזען, אַז רעמסס וועט נישט אַזוי גיך זיי פערלאָזען.

וואָס ווייטער די שיף איז אָבגעפאָהרען, דאָס מעהר מענשען האָבען זיך צונויפגעקליבען אויף די ברעגען און אויף שיפלעך. דאָס מעהר איז אויף דעם נילוס געשוואומען בלומען, וועלכע זענען געוואָרפען געוואָרען צו דער קעניגליכער שיף.

אַ מייל וועגס צו מעמפיס זענען געשטאַנען אַ מענגע מענשען מיט פאָהנען, געטער און מוזיק און עס האָט זיך געהערט אַ גרויס גערויש, וואָס איז ענליך געווען צו אַ גערויש פון אַ געוויטער.

— אַט, קומט אָן זיין הייליגקייט, פּרעה! — האָט טוטמאָזיס אויסגעשריען.

עס האָט זיך בעוויזען אַ הערליך קעניגליך שיפעל. לינקס און רעכטס זענען געפאָהרען זעהר פיעל שיפלעך מיט אונטערטענער און הינטער זיי — די סוויטע פון דעם הערשער פון מצרים.

ווער עס האָט נאָר געלעבט, האָט געשריען, געזונגען, געפּאַטשט מיט די הענד, אָדער געוואָרפען בלומען צו די פיס פון דעם הערשער, חאָטש קיינער האָט איהם נישט געזעהן. עס איז גענוג געווען, אַז איבער דעם גאָל-

דענעם געצעלט און די פיעל פעדערן פון שטרויספייגעל, האט זיך געוויזען א רויט-בלויער פאהן, וואס איז געווען א צייכען, אז פרעה געפינט זיך דארט.

די מענשען אין די שיפלעך זענען געווען, ווי שכור, די מענשען אויף די ברעגען, ווי משוגעים. יעדע מינוט האט עפעס א שיפעל אנגעשטויסען אדער אומגעדרעהט אנדערע שיפלעך און מענשען זענען אריינגעפאלען אין וואסער, פון וועלכען עס זענען, צום גליק, ענטלאפען די קראקאדילען, פעריאגט ווערענדיג דורך דעם שרעקליכען גערויש. אויף די ברעגען האט מען זיך געשטופט, קיינער האט נישט געקוקט אויף דעם צווייטען, אויף א פאטער, א קינד, נאר די משוגענע אויגען האבען פעסט געהאלטען זייערע בליקען אויף דעם פערגאלדעטען שיפעל און דעם געצעלט פון מלך. אפילו די מענשען, וואס זענען געטרעטען געווארען, וועלכע דער אויפגערודערטער המון האט צודריקט די ריפען און אויסגעדרעהט די געלענקען, האבען נישט געהאט אין מויל קיין אנדערן געשריי אויסער דעם:

— אייביג זאלסט דו לעבען, אונזער הערשער!... לייבט העל, דו זון פון מצרים!...

דער שגעון פון בעגריסען דעם מלך איז באלד איבערגעגאנגען אויך אויף דעם שיפעל פון דעם קרוין-פרינץ: אפיצירען, סאלדאטען און רודערער, זייענדיג צונויפגעשטופט, האבען געשריען איינער העכער פון אנדערן, און טומטאזים, פערגעסענדיג אן דעם קרוין-פרינץ, האט זיך ארויפגעחאפט אויף דעם הויכען פאדערטייל פון דער שיף און איז שיעור נישט אין וואסער אריינגעפאלען.

אינדעם האט מען געטראמפעטעט אויף דעם קעניג-

ליבען שפיעל און באלד דערנאך האט אבגעענטפערט א טראמפעט פון רעמסס'ענס שפיעל. דער צווייטער סיגנאל איז געגעבען געווארען — און דאס שפיעל פון דעם קרוין־פרינץ איז צוגעקומען צו פרעה'ס שפיעל.

עפעס א בעאמטער האט גערופען רעמסס'ן. צווישען ביידע שפיעלער איז געלעגט געווארען א בריקעל פון צע־דער־האלץ מיט געשניצטע אנלעהנען און—דער קרוין־פרינץ איז נעבען זיין פאטער געוועזען.

דער קרוין־פרינץ איז אזוי איבערראשט געווארען מיט דעם אנזעהן דעם פאטער, אדער מיט דעם רוישענדען אפלאדירען, אז ער האט א ווארט נישט געקאנט ארויס־זאגען. ער איז געפאלען דעם פאטער צו די פיס, און דער הער פון דער וועלט האט איהם צוגעדריקט צו זיין געט־ליכער ברוסט.

א ווײלע שפעטער, זענען אויפגעהויבען געווארען די זייטיגע ווענד פון דעם געצעלט און דער גאנצער המון פון ביידע ברעגען פון נילוס האט דערזעהן פרעה'ן זיצענדיג אויף זיין טראן, און אויף דעם העכסטען שטאפעל — דעם קניענדיגען, מיט'ן קאפ אויף דעם פאטערס ברוסט, קרוין־פרינץ רעמסס.

עס איז אזוי שטיל געווארען, אז מען האט געהערט דאס פאכען פון די פאהנען אויף די שיפלעך. און פלוצ־לונג האט אויסגעבראכען א אונגעהויער גרויס געשריי, נאך א גרעסער געשריי פון אלע ביז איצטיגע געשרייען. מיט דעם געשריי איז אבגעגעבען געווארען כבוד דער פערא־ניגונג פון פאטער מיט'ן זוהן, בעגריסט געווארען דער איצטיגער און דער קינפטיגער הערשער

אויב ווער האט געראַבעוועט, אַז זיין צושטאַנד וועט פערבעסערט ווערען צוליעב די פאַמיליען־מחלוקת'ן אין פרעה'ס משפחה, האט זיך געקענט איבערצייגען, אַז די נייע קעניגליכע צווייג האלט זיך פעסט אָן דעם בוים.

דער היילינגער פרעה האט זעהר שלעכט אויסגעזעהן.

נאָך דער בעגריסונג פון דעם זוהן, האט ער איהם געהייסען זיך זעצען נעבען דעם טראָן און האט צו איהם געזאָגט:

— מיין נשמה רייסט זיך צו דיר, רעמסס, בפרט נאָכדעם, ווי איך האָב גוטע ידיעות ערהאלטען וועגען דיר. היינט זעה איך, אַז דו ביזט נישט נאָר אַ יונגער־מאַן מיט אַ הארץ ווי אַ לייב, אָבער אויך אַ מענש פול מיט קלוג־שאַפט, וועלכער קאָן אָבשאַצען זיינע אייגענע מעשים, קאָן הערשען איבער זיך און שפירט גוט, וואס עס פערלאַנגען די אינטערעסען פון דער מלוכה.

און ווען דער קרוין־פרינץ, וועלכער איז אַזוי גערירט געוועזען, האט געשוויגען און געקושט דעם פאָטערס פיס, האט פרעה ווייטער געזאָגט:

— דו האסט גוט געטהון, ענטזאָגענדיג זיך פון די צוויי גריכישע פאַלקען, ווארום דיר געהער דער קאָרפוס פון מענפי און פון היינט אָן איז ער דיין און דו ביסט זיין אָנפיהרער...

— פאָטער מיינער!... — האט געמורמעלט דער קרוין־פרינץ אין ציטערניש.

— אויסער דעם אין נידריגען מצרים, וועלכער איז פון דריי זייטען אויסגעשטעלט אויף די אטאַקען פון שונא, דאַרף איך אַ טיכטיגען און פערשטענדיגען מענש, וועלכער

ואל זעהן אלעם ארום זיך, אלעם זאל ער בעטראכטען אין זיין הארץ און ביי פלוצלונגע פארפאלען זאל ער גיך ווירקען. דאדורך אין יענער העלפט פון מיין קעניגרייך זאלסט דו זיין א שני למלך.

פון רעמסס'ענעס אויגען זענען פיעל טרערען גערונען. מיט די טרערען האט ער געזעגענט זיין יוגענד און בעגריסט די מאכט, צו וועלכער זיין נשמה האט געצויגען מיט בענקעניש און אונרוה שוין פיעל יאהרען.

— איך בין שוין מיעד און קרענקליך — האט דער הערשער געזאגט — און ווען דו וואלסט נישט אזוי יונג געוועזען, וואלט איך נאך היינט געבעטען מיינע אייביג לעבענדע אבות, אז זיי זאלען מיך צונעהמען צו זיך. וואס א טאג ווערט מיר אבער שווערער, און דאדורך וועסט דו, רעמסס, שוין אנהויבען מיט מיר צוזאמען צו טראגען די לאסט פון דער מלוכה. ווי א הוהן לערנט די קליינינקע הינדלעך זוכען קערנדלעך און זיך בעהאלטען פאר דעם רויבפויגעל, אזוי וועל איך דיך לערנען די קונסט צו פיהרען די מלוכה און נאכשפירען די שונאים. הלואי זאלסט דו אמאל אנפאלען אויף זיי ווי א אדלער אויף קליינע פייגעלעך.

דאס קעניגליכע שיפעל און די גאנצע סוויטע זענען צוגעקומען צו דעם ברעג נעבען פאלאץ. פרעה האט זיך אריינגעזעצט אין א לעקטיקא, און אין דער זעלבער מינוט איז הרהור צוגעגאנגען צו דעם קרוין-פרינץ.

— ערלויב מיר גרויסער פרינץ—האט ער געזאגט— אז איך זאל זיין דער ערשטער פון די, וועלכע פרייען זיך מיט דיין כבוד. הלואי זאלסט דו מיט גליק אנפיהרען דאס

מיליטער און הערשען איבער דעם וויכטיגסטען טייל פוידער מלוכה צו דער לויב פון מצרים!

רעמסס האט איהם שטארק די האנד געדריקט.

— דו, הרהור, האסט דאס געמאכט? — האט ער געפרעגט.

— דאס איז דיר געקומען — האט דער מיניסטער געענטפערט.

— איך דאנק דיר זעהר און דו וועסט זיך איבערצייגען, אז מיין דאנקבארקייט האט א ווערטה.

— דו האסט מיך שוין בעלוירנט, זאגענדיג אזוי — האט הרהור געענטפערט.

דער קרוין־פרינץ האט געוואלט אוועקגעהן, נאר הרהור האט איהם פערהאלטען.

— נאך דאס איינע וועל איך דיר זאגען—האט ער געזאגט — ווארען איינע פון דיינע פרויען, שרה'ן, זי זאל נישט זינגען קיין רעליגיעזע ליעדער...

און ווען רעמסס האט געקוקט אויף איהם מיט בעוואונדערונג, האט ער ווייטער געזאגט:

— דאמאלס, ווען מיר האבען שפאצירט אויף דעם נילוס, האט זי געזונגען אונזער הייליגסט ליעד, וועלכעס מעגען הערען נאר פרעה און כהנים גדולים. דאס ארימע מיידעל וואלט געקענט זעהר פיעל ליידען דערפאר, וואס זי קאן זינגען און זי ווייס נישט, וואס זי זינגט.

— בכן, האט זי געלעסטערט גאט?... — האט דער קרוין־פרינץ געפרעגט א פערמישטער.

— אונגערן — האט הרהור געענטפערט — צום גליק האב נאר איך געהערט און איך רעכען, אז איהר

ליעד און אונזער הייליג ליעד, זענען נאר אביסעל עהנליך איינם צום אנדערן. יעדענפאלס זאל זי נאך אמאל דאס ליעד נישט זינגען.

— נו, און רייניגען זיך מוז זי אויך — האט זיך אנגערופען דער קרוין-פרינץ — צי וועט גענוג זיין פאר איהר, ווען זי וועט געבען פאר א קרבן אין דעם בית-מקדש פון איזידא דרייסיג קיה?

— זאל זי אבגעבען פאר א קרבן — האט הרהור געענטפערט — געטער בעליידיגען זיך נישט, ווען מען גיעט זיי קרבנות.

— דו, עדלער העד — האט רעמסס געזאגט — נעהם אן פון מיר דעם וואונדערליכען פאנצער, וועלכען איך האב בעקומען פון מיין הייליגען זיידען...

— איך?... איך זאל אנגעהמען דעם פאנצער פון אמן-חטף?... — האט א געשריי געטהון דער מיניסטער — בין איך דען דאס ווערטה?

— מיט דיין חכמה ביסטו דו גלייך צו מיין זיידען און אזוי גרוים ווי ער וועסט דו אויך ווערען.

הרהור האט שווייגענדיג זיך טיעף געבוקט. דער גאלדענער פאנצער, וועלכער איז געוועזען אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער, אויסער דעם וואס ער איז ווערטה געוועזען זעהר פיעל, האט אויך געהאט א וויכטיגקייט פון א קמיע; די מתנה איז אלזא געוועזען גאר א גרויסע.

מעהר וויכטיג זענען אבער געוועזען פאר הרהור'ן די ווערטער פון רעמסס, אז ער וועט א מאל אזוי גרוים זיין, ווי אמן-חטף, וועלכער איז געוועזען פרעה'ס שווער... צי האט

דער קרוין-פּרינץ שוין בעשלאָסען חתונה צו האָבען מיט זיין טאָכטער?

וועגען דעם האָבען טאַקי הרהור און די מלכה ניקאָטריס זעהר אָפּט געקלערט. רעמסס, רעדענדיג וועגען דער קינפטיגער גרויסקייט פון הרהור'ן, האָט אָבער גאָר נישט געמיינט דאָס חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער, ער האָט נאָר געמיינט איהם צוגעבען נייע אמטען ביי די בית-מקדש'ם און ביים הויף.

אכצעהנטעס קאַפּיטעל.

זייט רעמסס איז געוואָרען א נאַמיעסטניק פון נידריגערן מצרים, האָט זיך איהם אָנגעהויבען א זעהר שווערלעבען, פון וועלכען ער האָט קיין בעגריף נישט געהאַט, חאָטש ער איז געבוירען און אויפגעוואַקסען געוואָרען אין דעם קעניגליכען הויף.

מען האָט איהם פשוט געקוועלט מיט די פערשידענאַרטיגע וויזיטען פון מענשען פון פערשיעדענע קלאַסען.

נאָך אין די ערשטע טעג, ווען ער האָט דערזעהן די מאַסע מענשען, וועלכע שטופּענדיג זיך צו איהם, האָבען זיי צוטרעטען דאָס גראָז, געבראָכען בוימער און אויך פערדאַרבען די מויער אַרום דעם הויף, האָט דער קרוין-פּרינץ פערלאַנגט מען זאָל ביי זיין הויף אַנידערשטעלען א וואך, דעם דריטען טאָג האָט ער אָבער געמוזט ענטלויפען פון זיין הויז, טיעף אין פּאַלאַץ, וואו די וואך איז געווען שטאַרקער, די מויערען-העכער און עס איז נישט אַזוי לייכט געווען צו צוקומען צו איהם.

אין דער צייט איידער ער האָט געוואָלט אַרויספאָה-

רען פֿון דער היִם, האָבען זיך פֿאַר רעמסס'ן געשטעלט פֿאָהרשטעהער פֿון גאַנץ מצרים און אויך פֿון דער גאַנצער דאַמאָלסטיגער וועלט.

צום ערשטען האָט מען אַרייַנגעלאָזט גרויסע. עס זענען אַלזאָ געקומען איהם בעגריסען: כהנים גדולים פֿון די בית-מקדש'ס, מיניסטאָרען, פּאָסלען פֿון פֿעניציע, פֿון גריכענלאַנד. פֿון ארץ-ישראל, אשור, נוב, אזעלכע, וואָס אפילו זייערע מלבושים האָט ער נישט געקענט געדענקען. דערנאָך זענען געקומען הויפּט-מענער פֿון ראיאָנען, שופטים, שרייבער, העכערע אָפֿיצירען פֿון דעם קאָרפּוס מענפֿי און גוט-בעזיצער.

די מענשען האָבען פֿון איהם גאַרנישט פֿערלאַנגט, נאָר זיי האָבען איהם אויסגעדריקט זייער שמחה. דער קרוין-פּרינץ אָבער, וועלכער האָט זיי אויסגעהערט פֿון דער פֿריה ביז מיטאָג און פֿון מיטאָג ביז אָוועגד, האָט גע-שפּירט אַ מישונג אין קאָפּ און אַ ציטערניש אין אַלע אברים.

דערנאָך זענען געקומען פֿאָרשטעהער פֿון די נידרי-גערע קלאַסען מיט מתנות: סוחרים מיט גאָלד, בורשטין, אויסלענדישען שטאָף, שמעקענדע געווירצען און פירות. דערנאָך באַקערען און אזעלכע, וואָס לייהען געלד אויף פּראָצענט. שפּעטער — אַ אַרכיטעקט מיט זיינע פּלאַנען אויף נייע בנינים, שניצער מיט פּראָיעקטען פֿון נייע ביל-דער און שניצערייען, שטיינקריצער, פֿאַבריקאַנטען פֿון לעהמענע כלים, געוועהנליכע און בעסערע טישלער און אויך די, וועלכע האָבען געפּאַלמעסט טויטע.

עס האט זיך נאך נישט געענדיגט די פראצעסיע פון די, וואס זענען געקומען בלוים כבוד אבגעבען, און שוין איז אנגעקומען א מחנה פון מענשען, וועלכע האבען געבעטען: אלטע אפיצירען, אלמנות און יתומים פון אפיצירען האבען געבעטען מען זאל זיי אויסצאהלען זייערע פענסיעס; גרויסע לייט האבען געבעטען, מען זאל זייערע זיהן געבען אמטען. אינזשינירען האבען געבראכט פראיעקטען פון נייע מיטלען דורכצופיהרען דאס וואסער אין מצרים, דאקטוירים—מיטלען געגען אלע קראנקהייטען, מכשפים זענען געקומען איהם זאגען פאראויס, וואס עס וועט געשעהן. קרובים פון ארעסטירטע האבען געבעטען צו פערקלענערן די שטראף, קרובים פון מענשען, וואס זענען פערמשפט געוועזען צום טוידט, האט געבעטען, מען זאל די פערמשפטע שענקען דאס לעבען. קראנקע האבען געבעטען, אז דער קרוין-פרינץ זאל זיי אנריהרען, אדער ער זאל זיי געבען א ביסעל שפייעכטס, פון וועלכען זיי וועלען זיכער געזונד ווערען.

עס זענען אויך געקומען צו איהם שענע פרויען און מוטערס פון שענע טעכטער, וועלכע האבען געבעטען, אז דער קרוין-פרינץ זאל זיי נעהמען אין זיין הויז אריין. עס זענען אויך געוועזען אזעלכע פרויען, וועלכע האבען בעצייכענט די פענסיע, וואס זיי פערלאנגען דערפאר, וואס זיי וועלען זיין ביי איהם, ריהמענדיג זייערע קערפערליכע מעלות און טאלענט, וואס זיי האבען.

ווען רעמסס האט שוין אזוי צעהן טאג דורכאנאנדער יעדע מינוט זיך איינגעקוקט אין אנדערע פנים'ער און אויסגעהערט בקשות, וועלכע עס וואלט געקענט ערפילען

נאָר דאָס פֿערמעגען פֿון דער גאַנצער וועלט און געשליבּע מאַכּט, האָט זיך רעמכּכּ געשפּירט זעהר מיִעד. ער האָט ניִשט געקענט שלאָפֿען, ער איז געווען אַזוי צוריִיצט, אַז ווען אַ פֿליִג איז דורכגעפֿלויגען אין ציִמער, איז ער אויפֿגערעגט געוואָרען און טיילמאָל האָט ער ניִשט פֿערשטאַנען, וואָס מען רעדט צו איהם.

אין דער לאַגע, איז איהם וויִעדער הרהור צו היִלף געקומען. די גרויסע לייט האָט ער געהייסען זאָגען, אַז דער קרוין-פּריִנץ נעהמט שוין ניִשט אָן קיינעם, און אויף דעם המון, וועלכער האָט זיך בּשום אופן ניִשט געוואָלט פֿונאַנדערגעהן, האָט ער אַרויסגעשיִקט סאָלדאַטען מיִט שטעקענס. די סאָלדאַטען האָבען אַלע פֿונאַנדערגעיאָגט. נאָך איין שטונדע האָט מען שוין אויף דעם פּלאַץ קיינעם ניִשט געזעהן און יעדער פֿון די, וואָס האָבען געוואַרט, האָט עטליִכע טעג דערנאָך געמוזט צולעגען וואַסער צום קאָפּ אָדער צו אַ'נאַנדער טייל פֿון קערפּער.

נאָך דעם הערשען די ערשטע צעהן טעג, זענען אַלע מענשען דעם קרוין-פּריִנץ זעהר פֿערמיִאוסט געוואָרען און זיין געפֿיִהל איז איהם פֿערשוואונדען געוואָרען.

צוויי טעג איז ער געלעגען אויף אַ סאָפֿע מיִט די הענד אונטערן קאָפּ, קוקענדיִג אויף דעם סופֿיִט. ער האָט זיך שוין ניִשט געוואונדערט, פֿאַרוואָס זיין הייליִגער פֿאָטער פֿערבּרענגט די צייט בּיי די מזבּחות פֿון די געטער. ער האָט אָבער ניִשט געקענט פֿערשטעהן, ווי אַזוי הרהור גיִט זיך אַ עצה מיִט אַ גרויסע מאַסע פֿון אַזעלכע איִנטערעסען, וועלכע איז ווי אַ געוויִטער, וואָס איז ניִשט נאָר שטאַרקער פֿון אַ מענש, אָבער אויך פֿון אַלע מענשען צוזאַמען.

„ווי אַזוי איז מעגליך דורכצופיהרען אײַנע פּלאַנען, ווען דער המון שמידט אונז ווי מיט קייטען, פרעסט אויף אונזערע געדאַנקען, טרינקט אויס דאַס בלוט ?... נאָך צעהן טאָג בין איך קראַנק, נאָך אַ יאָהר וואָלט איך משוגע געוואָרען ... עס איז אונמעגליך צו מאַכען פּראָיעקטען. נאָר מען מוז זיך היטען, מען זאָל פון זינען נישט אראָב“...

ער איז אַזוי דערשראָקען געוואָרען מיט זײַן אָנטעטיגקייט אַלס הערשער, אַז ער האָט געהייסען רופען הרהור'ן און מיט אַ ווײנענדיג קול האָט ער איהם דערצעהלט זײַנע זאָרג.

דער מיניסטער האָט מיט אַ שמייכעל אויסגעהערט די ווערטער פון דעם קרוין־פּרינץ און ענדליך האָט ער צו איהם געזאָגט:

— ציי ווייסט דו, מײַן הערר, אַז דעם גרויסען פּאַלאַץ, אין וועלכען מיר וואָהנען, האָט אויפגעבויט נאָר איין בוי־מייסטער, סענעבי, וועלכער איז געשטאָרבען איידער ער האָט איהם פערפערטיגט ?... און געוויס ווייסט דו פערשטעהן: פאַרוואָס דער איבּיג לעבּענדער בוי־מייסטער האָט געקענט אויספיהרען זײַן פּלאַן, קיין מאָל נישט מיעד ווערענדיג און האָבּענדיג אַלע מאָל אַ לוסטיג האַרץ ?

— איך ווייס נישט . . .

— נישט אַלעס האָט ער אַליין געמאַכט; ער האָט נישט געשניטען קיין בעלקעס און קיין שטיינער, ער האָט נישט געקנעטען קיין ציגעל, נישט צוגעטראָגען צום בויען ציגעל און לעהם, ער האָט נישט די ציגעל געלעגט און צוזאַמענגעקלעבּט: ער האָט נאָר אויסגעמאָלט דעם פּלאַן און דערצו האָט ער אויך געהאַט מיטהעלפער

דו, קרוין־פּרינץ, האָסט אָבער אַלעס אַליין געוואָלט מאַכען, אַליין אויסהערען און בעזאָרגען אַלע אינטערעסען. דאָס אַלעס קען איין מענש נישט טהון.

— ווי האָב איך געקענט אנדערש טהון, ווען צווישען די, וואָס זענען געקומען בעטען, זענען געווען אונשולדיגע וועלכע עס ווערען געטהון עולות? דער פונדאַמענט פון דער מלוכה, איז דאָך רעכטשאַפענהייט — האָט דער קרוין־פּרינץ געענטפערט.

— וויפיעל מענשען קענסט דו, קרוין־פּרינץ, אננעהמען אַ טאָג, דו זאָלסט נישט מיעד ווערען? — האָט הרהור געפרעגט.

— נו... צוואַנציג...

— ביסט דו גליקליך. איך קען אָננעהמען נאָר זעקס אָדער צעהן מענשען. די וועלכע איך נעהם אָן, זענען אָבער נישט קיין אינטערעסאַנטען, נאָר גרויסע שרייבער, אויפזעהער און מיניסטאָרען. יעדער איינציגער דערצעהלט מיר נישט קיין קליינינקייטען, נאָר וויכטיגע זאַכען, וואָס קומען פאָר אין דער אַרמעע, אין פרעה'ס גיטער, אין אמונה־זאַכען, אין געריכט, אין די ראַיאָנען, אויף דעם נילוס. און דאַדורך ערצעהלען זיי מיר נישט קיין קליינינקייטען, ווייל יעדער פון זיי, איידער ער קומט צו מיר, האָט געמוזט אָננעהמען צעהן קלענערע שרייבער. יעדער קלענערער שרייבער און אויפזעהער האָט צונויפגענומען ידיעות פון צעהן אונטערשרייבער און אונטעראויפזעהער און יענע האָבען אויסגעהערט ראַפּאָרטען פון צעהן נידריגערע בעאַמטע.

איך און פרעה רעדען אויף אַזאַ אופן נאָר מיט צעהן

מענשען און מיר ווייסען אלעם וויכטיגעס, וואס איז פארגעקומען אין הונדערטטויזענד פונקטען אין לאנד און אויף דער וועלט.

דער וויכטער, וועלכער היט א שטיקעל גאס אין מעמפיס, זעהט נאר עטליכע הייזער, א געזעצטער איבער וועכטערס קען די גאנצע גאס, א געזעצטער איבער הונדערט — קען א גאנצע אבטהיילונג פון דער שטאדט, א הויפטמאן — די גאנצע שטאדט. פרעה איז איבער די אלע, ווי ער וואלט געשטאנען אויף דעם העכסטען טהורם פון דעם בית-המקדש פתח און זעהט נישט נאר מעמפיס, אבער אויך די שטעדט, סיחון, און, חרות, טורא, תותאי, זייערע געגענדען און א שטיק מדבר.

שטעהענדיג אזוי הויך, זעהט ער טאקי נישט קיין מענשען, וועלכע עס געשעהן עולות. ער זעהט אבער א ארבייטער אהן ארבייט, וועלכער פערזאמעלט זיך. ער זעהט נישט קיין סאלדאט אין שענק, ער ווייסט אבער, צו דער פאלק מושטירט זיך. ער זעהט נישט, וואס א פויער קאכט אויף מיטאג, ער דערזעהט אבער ווען עס ברעכט אוים א שרפה.

די ארדנונג פון דער מלוכה — האט מיט לעבהאפטיגקייט הרהור געזאגט — איז אין אונזער לייב און מאכט. און ווען סנאפיר, איינער פון די פרעה'ס, האט א מאל געפרעגט א כהן: וואס פאר א מצבה ער זאל זיך ביים לעבען אויפשטעלען? — האט דער כהן געענטפערט:

— צייכען דיר אב אויף דער ערד א שטיקעל ערד און לעג דערויף זעקס מיליאנען פעלזען — זיי בעדייטען: דאס פאלק. אויף די פעלזען לעג זעכציגטויזענד געהאקטע

שטיינער — דיינע נידריגסטע בעאַמטע. אויף די געהאַקטע שטיינער לעג זעכציג טויזענד גלאַטע שטיינער—זיי בעדייטען: העכערע בעאַמטע. אויף די גלאַטע שטיינער שטעל אַנידער זעכציג געשניצטע בילדער — זיי בעדייטען: דיינע יועצים. אויף זיי לעג אַ גרויס שטיק גאָלד מיט אַ בילד פֿון דער זון — דאָס וועסט דו אַליין זיין.

אַזוי האָט געטהון פרעה־סנפֿיר און אויף אַזאַ אופֿן איז געמאַכט געוואָרען די עלטסטע פּיראַמידע—אַנ'אמת'דיג בילד פֿון אונזער מלוכה—, פֿון וועלכער עס שטאַמען אַלע אַנדערע פּיראַמידען. דאָס זענען בנינים, וועלכע קיינער וועט פֿון אָרט נישט ריהרען. פֿון זייערע שפּיצען זעהט מען די עקען פֿון דער וועלט און דור דורות וועלען זיי בעוואונדערט ווערען.

אין דער אָרדנונג — האָט ווייטער דער מיניסטער געזאָגט — בעשטעהט אויך אונזער גרעסערקייט געגען אַלע אונזערע שכנים. די כושים זענען אויך געווען אַזאַ גרויס פֿאָלק ווי מיר, נאָר זייער מלך האָט זיך אַליין בעזאָרגט זיינע בהמות, אַליין האָט ער געשלאָגען מיט אַ שטעקען זיינע אונטערטעהנער און נישט ער האָט געוואוסט, וויפֿיעל אונטערטהענער ער האָט, נישט ער האָט זיי געקענט פֿערזאַמלען, ווען אונזער מיליטער איז אַריין אין זיין לאַנד. דאָרט איז געווען נישט איין לאַנד כוש, נאָר אַ מאַסע מענשען, נישט איינגעאָרדענטע. זענען זיי היינט אונז אונטערגעוואָרפֿען.

דער פֿירשט פֿון לוב איז אַליין אַ ריכטער, בפרט פֿון רייכע מענשען און אַזוי פֿיעל צייט גיט ער אָב פֿאַר משפּטים, אַז ער האָט כמעט קיין צייט נישט זיך אַרומצו-

קוקען. און דאדורך טאקי ווערען נעבען איהם געגרינדעט רוצחים, וועלכע מיר ראטען אוים.

אויך דאס מוזט דו וויסען, מיין העדר, אז ווען אין פעניציע וואלט געוועזן איין הערשער, וועלכער וואלט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך און ארויסגעגעבען בעפעהלען אין אלע שטעדט פון לאנד, וואלטען די פעניציאנער אונז נישט געצאהלט קיין מס. און וואס פאר א גליק איז דאס פאר אונז, וואס די מלכים פון בבל און נינוה האבען יעדער נאר איין מיניסטער און זיי זענען אזוי מיעד פון זייער שווערער ארבייט, ווי דו בישט היינט מיעד! זיי ווילען אליין אלץ זעהן, משפט'ן און בעפעהלען און דאדורך האבען זיי אזוי פערווירט די ענינים פון דער מלוכה, אז הונדערט יאהר וועלען זיי נישט קענען אין ארדנונג געברענגט ווערען. ווען עס וואלט זיך אבער געפונען א נידערטרעכטיגער שרייבער פון מצרים, וועלכער וואלט געגאנגען צו זיי, ערקלערט זייערע כלבים די פעהלער זייערע און וואלט דארט איינגעפיהרט אונזער ארדנונג, וואלטען נאך צעהן יאהר יהודה און אשור געוועזן אין די הענד פון אשור און נאך עטליכע צעהנדליגע יאהר, וואלטען פון מזרח און צפון, פון ים און פון דער יבשה — אויף אונז אנגעפאלען מעכטיגע ארמעען, געגען וועלכע מיר וואלטען זיך נישט געקענט שטעלען.

— בכן וועלען מיר איצט אנפאלען אויף זיי, זעהענדיג די אונארדנונג, וואס ביי זיי איז! — האט דער קרוין־פרינץ אויסגעשריען.

— מיר האבען זיך נאך נישט אויסגעהיילט פון אונזערע פריהריגע נצחונות — האט הרהור געענטפערט קאלט־

בלוטיג און האָט זיך אָנגעהויבען צו געזעגנען מיט רעמסס'ן.

— צי האָבען דען די נצחונות אונז אָבגעשוואַכט?— האָט דער קרוין־פּרינץ געפרעגט מיט בעוואונדערונג — צי האָבען מיר דען נישט געבראַכט קיין אוצרות פון די נצחונות?...

— צי ווערט נישט טעמפּ די האַק, מיט וועלכער מיר האַקען האָלץ?... האָט הרהור געפרעגט און איז אַוועק־געגאַנגען.

דער קרוין־פּרינץ האָט פערשטאַנען, אַז דער מיניס־טער וויל דוקא האָבען מנוחה, חאָטש ער איז אַ אַנפיהרער פון דער אַרמעע.

— מיר וועלען זעהן!... — האָט ער געזאָגט צו זיך.

עטליכע טעג פאַר'ן אַרויספאָהרען, איז רעמסס גע־רופען געוואָרען צו פרעה'ן. פרעה איז געזעסען אויף אַ שטוהל אין מאַרמאָר־זאַל, אין וועלכען קיינער איז נישט געווען, און די פייער איינגענג האָט געהיטען אַ וואַך פון נוב.

נעבען פרעה'ס שטוהל איז געשטאַנען אַ קליין בענקעל פאַר דעם קרוין־פּרינץ און אַ טישעל, אויף וועלכען עס זע־נען געלעגען דאָקומענטען, וואָס זענען געשריבען געווען אויף פּאַפּירוס, אויף די וואַנד זענען געווען קאָלירטע שני־צערייען, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט די בעשעפטיגונג אויפ'ן פעלד און אין די ווינקלען זענען געווען שטייפע בילדער פון אָזירים, מיט אַ מעלאַנכאָלישען שמייכעל אויף די ליפּען.

ווען דער קרוין-פּרינץ האָט זיך געזעגנט איף דעם בעפעהל פון פאָטער, האָט פּרעה זיך אָנגערופען:

— דאָ האָסט דו, קרוין-פּרינץ, דיינע דאָקומענטען, אַלס אַנפיהרער און נאַמיעסטניק. וואָס? ווי איך האָב געהערט ביסט דו פערמאַטערט געוואָרען אין די ערשטע טעג פון דיין הערשען?...

— אין דיין דיענסט, הייליגער פאָטער, וועל איך קראַפט געפינען.

— חונף!... האָט פּרעה געזאָגט שמייכלענדיג — געדענק, אַז איך וויל נישט, דו זאָלסט דיך פערמאַטערען... דו דאַרפסט זיך ווייַלען, יוגענד פערלאַנגט פערווייַלונגען... מיט דעם מיין איך אָבער נישט צו זאָגען, אַז דו זאָלסט וויכטיגע ענינים נישט בעזאָרגען.

— איך בין בערייט.

— קודם-כל... קודם-כל וועל איך דיר ענטפּלעקען מיינע זאָרג. אונזער שאַץ שטעהט שלעכט: וואָס אַ יאָהר קומט אָן ווייניגער אָבצאָהלונגען, בפרט אין נידריגערן מצרים און די הוצאות מעהרען זיך...

פּרעה האָט זיך פערטראַכט.

— די פרויען... די פרויען, רעמסס שלינגען איין דאָס עשירות נישט נאָר פון שטערבליכע מענשען, אָבער אויך מיינע. עטליכע הונדערט פרויען האָב איך און יעדע איינציגע וויל האָבען ווי אַממעהרסטען הויז-מיידלעך, דיענסטען, פריזירען, שקלאַפען צו דער לעקטיקאַ, שקלאַפען צו די צימערן, פערד, רודערער, געליעבטע און קינדער... קליינע קינדער!... ווען איך בין צוריקגעקומען פון טעבי, האָט מיר איינע פון די דאַמען, וועלכע איך

געדענק אפילו נישט, פערשטעלט דעם וועג און, ווייזענדיג מיר א דריי־יעהרידיג דיק יונגעל, האט זי פערלאנגט, איך זאל איהם בעשטימען א פערמעגען, דען דאס יונגעל זאל מיין זיין... א דריי־יעהריג קינד... הערסט דו, קרוין־פרינץ?... נאטירליך האב איך נישט געקענט זאגען, אז נישט. עס איז אבער לייכטער פאר וואס איז אזוי פיין געבוירען צו זיין ארטיג און עדעל, ווי צו בעקומען געלד אויף אזעלכע פאנטאזיעס...

ער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ. אבגערוהט און געזאגט ווייטער:

— דערווייל זענען מיינע הכנסות פערקלענערט געווארען זייט איך האב אנגעהויבען צו הערשען ביז היינט — מיט א העלפט, בפרט אין נידריגערען מצרים. איך פרעג זיך אליין: וואס איז דאס געווארען?... מען ענטפערט: דאס פאלק איז ארימער געווארען, פיעל איינוואהנער זענען אויסגעשטארבען, דער ים האט פערשאטען א שטח ערד פון צפון־זייט און די מדבר פון מזרח־זייט, עס זענען געוועזען עטליכע הונגער־יאהרען, א אונגליק נאך א אונגליק און דער שאץ ווערט אלץ קלענער און קלענער...

איך בעט דיך אלזא, דו זאלסט מיר די זאך ערקלערען. קוק זיך ארום, דערקען מענשען, וועלכע האבען גוטע ידיעות און זאגען דעם אמת און זאלען זיי די זאך ערפארשען. ווען זיי וועלען דיר אנהויבען צו געבען ראפארטען זאלסט דו נישט צו פיעל גלויבען דעם פאפירוס, נאר פערשידענע זאכען זאלסט דו אליין נאכזעהן, נאכשפירען איך האב געהערט, אז דו האסט א אויג פון א אנפיהרער, און אויב עס איז טאקי אזוי, וועסט דו זיך מיט איין בליק

איבערצייגען, צי עס איז ריכטיג דאס, וואס אין די ראַפּארטען איז געשריבען.

דו זאלסט זיך אבער נישט איילען מיט דיין דעה און דער עיקר—זאג דיין דעה נישט גיך ארויס. יעדען וויכטיגען פארשלאג, וואס וועט דיר אויף די געדאנקען קומען, זאלסט דו פערשרייבען, און נאך עטליכע טעג זאלסט דו ווידער בעטראכטען די זעלבע זאך און ווידער פערשרייבען. דאס וועט דיך אויסלערנען פארזיכטיגקייט און טרעפליכקייט.

— עס וועט זיין אזוי, ווי דו הייסט, הייליגער פאטער! — האט זיך אנגערופען דער קרוין-פרינץ.

— די צווייטע זאך, וועלכע דו מוזט בעזארגען, איז שווערער, אין אשור געשיהט עפעס אומגלעכעס, וואס הויבט אן צו בעאונרוהיגען מיין רעגירונג.

מיינע כהנים דערצעהלען, אז אויף יענער זייט פון צפון-ים איז פערהאנען א ריזענדיגער בארג, וועלכער איז געוועהנליך בעדעקט מיט גרינס אונטען און מיט שניי אויבען. דער בארג האט עפעס משונה'דיגע מרות. עטליכע יאהר איז ער רוהיג און דערנאך הויבט ער אן צו רוי-בערן, ציטערן, פלאטערן און דערנאך ווארפט ער ארויס פון זיך פליסענדיג פייער, אזוי פיעל, וויפיעל וואסער עס איז פערהאנען אין נילוס. דאס פייער צוגיסט זיך אין עטליכע טייכען אויף די זייטען פון בארג און אויף א גרויסען שטח רואינירט עס די ארבייט פון פעלד-ארבייטער.

אט, אשור איז אזא בארג, מיין קרוין-פרינץ. הונדערטער יאהרען הערשט דארט מנוחה און שטילקייט. נאר פלוצלונג רייסט זיך אב א אינערליך געוויטער, עס גיסען זיך פונאנדער גרויסע ארמעען און רואינירען רוהיגע שכנים.

הײַנט הערשען אונרוהען נעבען נינוה און בבל:
דער באַרג רױבערט. דו מוזט אַלזאָ געװאָר װערען, צי פֿון
דעם רויך װעט װײַטער עפּעס זײַן און—אָנ'נעהמען מיטלען...

— צי װעל איך קענען אָננעהמען מיטלען? ... האָט
שטיל געמורמעלט דער קרױן־פּרינץ.

— מען דאַרף זיך אויסלערנען קוקען — האָט דער
הערשער געזאָגט — אויב דו װילסט עפּעס גוט דערקענען,
זאָלסט דו זיך נישט פֿערלאָזען אויף דעם. װאָס דײַנע אײ־
גענע אויגען זעהען, נאָר פֿערזיכער דיר די הילף פֿון עט־
ליכע פֿאַר פֿרעמדע אויגען.

פֿערלאָז זיך נישט אויף דעם, װאָס עס זאָגען דיר
נאָר מענשען פֿון מצרים, װײַל יעדעס פֿאָלק און יעדער
מענש קוקט אַנדערש און זעהט אַנדערש און דערחאַפּט
נישט מיט'ן אויג דעם גאַנצען אמת. הער אויס אַלזאָ,
װאָס עס מײַנען װעגען אשור: פֿעניציאַנער, יודען, בני חת
און מצריים, און בעטראַכט גוט אין דײַן האַרץ אַלעס, װאָס
זײַ װעלען דיר זאָגען.

אויב אַלע װעלען דיר זאָגען: אַז פֿון אשור גערהט אַ
סכנה, װעסט דו װיסען, אַז זי גערהט טאַקי. נאָר אויב
אײַנער װעט זאָגען אַזױ און אַ אַנדערער אַנדערש, זאָלסט דו
אויך זײַן פֿאָרזיכטיג, װײַל קלוגהײַט הײסט אונז גיבער זיך
צו ריכטען אויף שלעכטס װי אויף גוטס.

— דו רעדסט, הײליגער פֿאָטער, װי געטער —
האָט רעמסס געמורמעלט.

— איך בין אַלט און פֿון מײַן הויכען טראָן זעהט
מען אַזעלכע זאַכען, װעלכע קײַן שטרעבליכע מענשען קע־
נען אפילו נישט שפּירען. װען דו װאָלסט געפֿרעגט די זון,

וואָס זי מיינט וועגען די ענינים פון דער וועלט, וואָלט זי דיר נאָך אינטערעסאנטערע זאַכען דערצעהלט.

— צווישען די מענשען, וועלכע איך זאָל פרעגען וועגען אשור, האָסט דו, הייליגער פאָטער, נישט דערמאָהנט די גריכען — האָט זיך אָנגערופען דער קרוין־פרינץ.

פרעה האָט שמייכלענדיג מיט דעם קאָפּ געשאָקעלט.

— גריכען!... גריכען! — האָט ער געזאָגט — אַ גרויסע צוקונפט האָט דאָס פאָלק. ביי אונז זענען זיי נאָך קינדער, אָבער וואָס פאַר אַ נשמה וואָהנט ביי זיי!...

געדענקסט דו מיין בילד, וואָס איז געמאַכט געוואָרען דורך אַ גריכישען שניצער?... דאָס איז אַ צווייטער איך, אַ לעבעדיגער מענש!... אַ חודש האָב איך דאָס בילד געהאַלטען אין פאַלאַץ, נאָר דערנאָך האָב איך עס געשענקט דעם בית־מקדש אין טעבי. צי גלויבסט דו: איך האָב מורא בעקומען, אז דער צווייטער איך זאָל זיך נישט אויפשטעלען און נישט פערלאַנגען אַ העלפט מאַכט... וואָס פאַר אַ מהומה וואָלט דאַן אין מצרים געווען!...

גריכען!... צי האָסט דו געזעהן די וואַזאָנען, וואָס זיי מאַכען, די פאַלאַצען, וואָס זיי בויען?... פון דעם לעהם, פון וועלכען זיי מאַכען די וואַזאָנען און פון די שטיינער, פון וועלכע זיי בויען די פאַלאַצען, פליסט אַרויס עפּעס אַזעלכעס, וואָס מאַכט לוסטיג מיין עלטער און הייסט מיך פערגעסען אָן מיין קראַנקהייט.

און זייער לשון?... אָ, געטער! דאָס איז דאָך מוזיק און שניצעריי און מאָהלעריי!... איך זאָג דיר, אַז אויב מצרים וואָלט געקענט שטאַרבען ווי אַ מענש, וואָלטען די

גריבֿען נאָך אַ׳הם ירושה געּנומען, און זיי וואָלטען דער וועלט איינגערערט, אַז דאָס אַלעס האָבען זיי געמאַכֿט, און מיר זענען גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט ניש׳ט געוועזען... און דאָך זענען זיי נאָר שילער פֿון אונזערע אָנפֿאַנגס שולען: דען אויסלענדער, ווי דו ווייסט, טאָרען מיר דאָך ניש׳ט געבען קיין העכערע לעהרע.

— און דאָך, הייליגער פֿאָטער, ווי עס דאַכֿט זיך גלויבסט דו ניש׳ט די גריבֿען?

— ווייל דאָס איז עפּעס אַ משונה׳דיג פֿאָלק: קיין פֿעניציאַנער און קיין גריבֿען קאָן מען ניש׳ט טרויען... אַ פֿעניציאַנער ווען ער וויל זאָגט ער דעם אמת, וואָס איז אַזוי שטאַרק, ווי אַ מויער אין מצרים... דו ווייסט אָבער קיינמאָל ניש׳ט, ווען ער וויל זאָגען דעם אמת. די גריבֿען זענען פּשוט׳ע, ווי קינדער, שטענדיג וואָלטען זיי דעם אמת געזאָגט, נאָר — זיי קענען שוין ניש׳ט.

זיי זעהען די גאַנצע וועלט אַנדערש ווי מיר. אין זייערע משונה׳דיגע אויגען, בלאַנקט יעדע זאַך אַזוי, ווי דער הימעל און דאָס וואַסער אין מצרים. נו, קאָן מען גלויבען וואָס זיי זאָגען?

פֿאַרצייטענס איז ווייט אויף צפֿון-זייט געוועזען אַ שטעדטעל טראָיא. אַזעלכֿע שטעדטלעך האָבען מיר 20,000 אויף דער הינהער-שטייג זענען אָנגעפֿאַלען פֿערשידענע גריבֿישע שלעפּער און האָבען די איינוואָהנער אַזוי געקוועלט, אַז נאָך צעהן יעהריגע אונרוהען, האָבען זיי פֿערברענט דאָס קליינע פֿעסטונג און זיך איבערגעטראָגען אויף אַ אַנדער אָרט.

אַ געוועהנליכֿע באַנדיטען-היסטאָריע!... דערווייל

זעה, וואָס פֿאַר ליעדער עס זינגען די גריכען וועגען די מלחמות אין טראָיאַ, מיר לאַבען פֿון די נסים און גבורים, דען אונזער רעגירונג האָט געהאַט געניגע בעריכטען וועגען די פֿאַרפֿאַלען. מיר זעהען די ליגענד, און דאָך... הערען מיר אויס די ליעדער, ווי אַ קינד הערט זיך איין די מעשיות, וואָס זיין מוטער ערצעהלט איהם און — מיר קענען זיך נישט אָבריַיסען פֿון זיי!...

דאָס זענען די גריכען: געבוירענע ליגנער, נאָר אָנגענעהמע און גבורים זענען זיי. יעדער פֿון זיי וועט בעסער אָפּפֿערן זיין לעבען, ווי זאָגען דעם אמת. זיי זאָגען נישט קיין ליגענד צוליעב זייער אינטערעס, ווי פֿעניציאַנער, נאָר זייער נשמה ציהט זיי צו די ליגענד.

— און וואָס זענען פֿעניציאַנער? — האָט דער קרוין-פּרינץ געפֿרעגט.

— פֿעניציאַנער זענען קלוג, זיי האָבען ליעב אַרבייט און זענען מוטהיג, נאָר העגדלער זענען זיי: זייער גאַנץ לעבען ליגט אין פֿערדיענסט, אַבי נאָר ווי אַממעהרסטען צו פֿערדיענען! אַ פֿעניציאַנער איז אַזוי, ווי וואַסער: ער ברענגט איין זעהר פֿיעל און זעהר פֿיעל פֿערנעהמט ער און שטופּט זיך אומעטום אַריין. זיי דאַרף מען ווי אַמווענינגסטען געבען און קודם-כל מוז מען פֿאָרזיכטיג זיין, אַז זיי זאָלען נישט אַריין קיין מצרים דורך די שפּאַלטען, אין געהיים.

אַז דו וועסט גוט בעצאָהלען און געבען אַ האָפֿנונג פֿון נאָך גרעסערן פֿערדיענסט, וועלען זיי גוטע אַגענטען זיין. דאָס וואָס מיר ווייסען איצט וועגען די געהיימע בעוועגונגען אין אַשור, ווייסען מיר פֿון זיי.

— און יודען? — האט געמורמעלט דער קרוין־פרינץ, אראבלאזענדיג די אויגען.

— א שארפזיננינג פאלק, נאר טרויריגע פאנאטיקער זענען זיי און שונאים פון מצרים פון געבוירענהייט אן. ערשט ווען זיי וועלען דערשפירען אויף דעם קארק דעם סאנדאל פון אשור, וואס איז געשמידט מיט נעגעל, וועלען זיי זיך ווענדען צו אונז. זאלען זיי נאר נישט צו שפעט קומען צו אונז! נאר בענוצען זיך מיט זיי, קען מען... פערשטעהט זיך, נישט דא, נאר אין ניניה און בבל.

פרעה איז געווען מיד. דער קרוין־פרינץ איז אלזא געפאלען פאר איהם מיט'ן פנים צו דער ערד, פרעה האט איהם געהאלזט און ער איז געגאנגען צו דער מוטער.

די מלכה, זיצענדיג אין איהר קאבינעט, האט געוועבט דינע לייניוואנד אויף מלבושים פאר די געטער און איהרע הויפ־דאמען, האבען די מלבושים גענעהט און געהאפטען, אדער געמאכט בלומען־קרענץ. א יונגער כהן האט פאר דעם בילד פון איזירא מקריב געווען קטורת.

— איך קום — האט דער קרוין־פרינץ געזאגט — דער מוטער, צו דאנקען און געזעגנען זיך מיט דיר.

די מלכה איז אויפגעשטאנען און האלזענדיג דעם זוהן, האט זי געזאגט מיט טרערען אין די אויגען:

— דו האסט דיך עפעס אזוי געענדערט!... דו ביסט שוין א מאנספערזאן!... איך זעה דיך אזוי זעלטען, אז איך וואלט געקענט פערגעסען, ווי דו זעהסט אויס, ווען איך וואלט דיך נישט געזעהן שטענדיג אין מיין הארץ, א שלעכטער ביסט דו!... איך בין אזוי פיעל מאל צוזאמען מיט'ן גרעסטען מיניסטער געפאהרען צו דיין גוט, מיינע־

דיג, אז ענדליך וועסט דו אויפהערען אויף אונז בייז צו זיין, און דו האסט אונז געגען געפיהרט דיין קעבס־ווייב...

— זיי מיר מוחל, זיי מוחל!... — האט רעמסס גענצי׳ קושענדיג זיין מוטער.

די מלכה האט איהם ארויסגעפיהרט אין גארטען, אין וועלכען עס האבען פרוכט געוואקסען, און ווען זיי זענען געווען אליין, האט זי געזאגט:

— איך בין א פרוי, דאדורך אינטערעסירט מיך א פרוי און א מוטער. צי ווילסט דו מיט זיך נעהמען דאס מיידעל אויף דיין רייזע?... געדענק, אז דאס גערויש און די בעוועגונג, וואס דו וועסט האבען ארום זיך, וועלכע קענען שאדען איהר און דעם קינד.

פאר מעוברת׳ע פרויען איז אמבעסטען שטילקייט און מנוחה.

— צי מיינסט דו שרה׳ן? — האט רעמסס געפרעגט מיט בעוואונדערונג — צי איז זי מעוברת?... זי האט מיר פון דעם גארנישט געזאגט.

— אפשר שעהמט זי זיך, אפשר ווייס זי אליין נישט — האט זי געענטפערט... — יעדענפאלס די רייזע...

— איך האב גארנישט בדעה זי מיט זיך צו נעה־מען! — האט געזאגט דער קרוין־פרינץ — נאר... פאר־וואס היט זי זיך מיט דעם פאר מיר?... ווי דאס קינד וואלט נישט געווען מיין...

— זיי נישט חושד אומזיסט!... — האט איהם די מוטער געמוסר׳ט, אלע יונגע פרויען שעהמען זיך... און אפשר וויל זי דיר נישט זאגען, כדי דו זאלסט זי נישט פערלאזען.

— איך וועל זי דאך נישט נעהמען אין מיין הויף

אַרײַן! — האָט איהר איבערגעהאַקט דער קרוין-פּרינץ מיט אַזאַ אונגעדולד, אַז די אויגען פון דער מלכּה האָבען געשמײַכעלט, נאָר זי האָט זײַ פערבאָרגען אין איהרע ברעמען.

— נו, עס פּאַסט נישט אַזוי אַוועקצוװאַרפען אַ פרוי, װעלכע ליעבט. איך װײס, אַז איהר פּרנסה איז פערזיכערט. מיר װעלען איהר אויך עפּעס געבען. און דאָס קינד פון דער קעניגליכער פאַמיליע, װעט מוזען זײַן גוט ערצויגען און האָבען אַ אײגען פערמעגען.

— נאַטירליך — האָט רעמסס געענטפערט — מײַן ערשטער זוהן, חאָטש ער װעט נישט האָבען די רעכט פון אַ פּרינץ, װעט מוזען זײַן אַזוי אַװעקגעשטעלט, אַז איך זאָל זיך מיט איהם נישט שעהמען און ער זאָל האָבען פערדרוס אויף מיר.

נאָכ'ן געזעגנען זיך מיט דער מוטער, האָט רעמסס געװאָלט פאָהרען צו שרה'ן און דאַדורך איז ער צוריקגעגאַנגען אין זײַנע צימערן.

אין זײַן הארץ האָבען זיך געשטויסען צװײ געפיהלען: כּעס אויף שרה'ן, װײַל זי האָט איהם נישט געזאָגט, פאַר װאָס זי איז שװאַך און — זײַן גאוה, אַז ער װעט קירצליך אַ פאָטער זײַן.

ער װעט זײַן אַ פאָטער!... דער טיטול פון פאָטער, איז בײַ איהם זעהר װיכטיג געװען, װײַל ער האָט געשטיצט זײַן אַמט פון אָנפיהרער און נאָמיעסטניק, אַ פאָטער איז שוין נישט עפּעס אַ יונגעל, װעלכער מוז מיט אַכטונג קוקען אויף עלטערע מענשען.

דער קרוין-פּרינץ איז געװען גערירט, ער האָט זיך

געוואָלט זעהן מיט שרה'ן, זיך בייזערן אויף איהר, דער־נאָך זי האַלזען און געבען מתנות.

ווען ער איז אָבער צוריקגעקומען צו זיך, האָט ער דאָרט אָנגעטראָפען צוויי הויפּט־מענער פון נידריגערן מצרים, וועלכע זענען געקומען איהם געבען ראפּאָרטען פון זייערע געגענדען, און נאָכדעם, ווי ער האָט זיי אויסגעהערט איז ער מיעד געווען. אויסערדעם, האָבען אין אָוונד געזאָלט צו איהם קומען געכט, וועלכע ער האָט געמוזט אָבוואַרטען.

און וויעדער וועל איך ביי איהר נישט זיין — האָט ער זיך געקלערט — דאָס אָרימע מיידעל, האָט מיך שוין נישט געזעהן צוויי וואָכען...

ער האָט אַריינגערופען זיין נעגער.

— האָסט דו די שטייג, וועלכע שרה האָט דיר דאמאָלס געגעבען, ווען מיר האָבען בעגריסט דעם היי־ליגען קעניג?

— זי איז דאָ — האָט דער נעגער געענטפערט.

— נעהם אַרויס איין טויב און לאָז אַרויס.

— די טויבען זענען שוין אויפגעגעסען.

— ווער האָט זיי אויפגעגעסען?

— דו, גרויסער הער. איך האָב געזאָגט דעם קאָ־כער, אַז די טויבען שטאַמען פון שרה'ן; דאַדורך האָט ער זיי אָבגעבראָטען נאָר פון דיינעט וועגען.

— זאָל אייך אַ קראָקאָדיל אויפפרעסען! — האָט דער קרוין־פּרינץ געשריען מיט כעס.

ער האָט געהייסען רופען טוטמאָזיס'ען און איהם האָט ער באַלד געשיקט צו שרה'ן. ער האָט איהם דערצעהלט די מעשה מיט די טויבען און געזאָגט:

— פיהר איהר אהין שמאראנד-אוירינג, בראנזאלע-טען אויף די פים און די הענד און צווײ טאלענטען. זאג איהר, אז איך בין ביזז אויף איהר, פאר וואס זי האט פון מיר פערבארגען איהר צושטאנד, נאר איך וועל איהר מוחל זיין, אויב דאס קינד וועט זיין געזונד און שען. אויב זי וועט געבוירען א יונגעל, וועל איך איהר געבען נאך א גוט! — האט ער גענענדיגט און געלאכט.

נאר, נאר ... זאג איהר נאר, אז זי זאל פון דארט אברוקען חאטש אביסעל יודען, און זי זאל אננעהמען חאטש אביסעל מצריים און מצריות. איך וויל נישט, אז מיין זוהן זאל קומען אויף דער וועלט אין אזא געזעלשאפט און ער זאל זיך שפיעלען מיט יודישע קינדער. זיי וואלטען איהם אויסגעלערנט געבען דעם פאטער די ערגסטע טייטלען.

ניינצהנטעס קאפיטעל.

דער אויסלענדישער טייל פון דער שטאדט מעמ-פיס, איז געווען אין צפון-מזרח'דיגען עק פון דער שטאדט נעבען דעם נילוס. עס איז דארט געווען עטליכע הונדערט הייזער און א ערך צוואנציג טויזענד איינוואהנער: אשורים, יודען, גריכען און אממעהרסטען פעניציאנער.

די איינוואהנער זענען געווען רייך. די הויפט-גאס איז געווען דרייסיג טריט ברייט, גלייך און אויסגעפלאס-טערט מיט פלאכע שטיינער. איןביידע זייטען זענען גע-ווען הייזער פון ציגעל, פון שטיינער אדער קאלך, וועלכע זענען געווען דריי שטאק הויך. אין די קעלערס זענען געווען מאגאזינען פון רויע מאטעריאלען, אויף פארטער

זענען געווען קראָמען, אויפ'ן ערשטען שטאָק — וואָהנונגען פון רייכע מענשען, העכער זענען געווען ווערקשטעלען פון וועבער, שוסטער, יובילערען, נאָך העכער — ענגע וואָהנונגען פון אַרבייטער.

די בנינים פון דעם קוואַרטאַל, זענען געווען, ווי אין דער גאַנצער שטאָדט, אַמעהרסטען ווייסע. עס זענען אָבער דאָרט אויך געווען הייזער גרינע ווי לאָנקעס, געלבע ווי אַ פעלד מיט רייפען ווייץ, בלויע ווי דער הימעל, אָדער רויטע ווי בלוט.

אין פיעל הייזער זענען די פראָנט-ווענד געווען בעציירט מיט בילדער, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט די בעשעפטיגונגען פון די איינוואָהנער.

אויף אַ הויז פון אַ יובילער, האָט מען געזעהען אַ לאַנגע רייהע פון ריסונקעס, וועלכע האָבען ווי דערצעהלט, אַז דער אייגענטימער האָט פערקויפט מלכים פון אַנדערע פעלקער קיימען און בראַנזאָלעטען, וועלכע ער האָט אויסגעאַרבייט און זיי האָבען בעוואונדערט זיין אַרבייט. אַ גרויסער פאַלאַץ פון אַ סוחר איז געווען בעדעקט מיט מאָהלערייען, וועלכע האָבען דערצעהלט, ווי שווער אַ סוחר אַרבייט און אין וואָס פאַר סכנות ער געפינט זיך: אויף דעם ים חאַפּען איהם אונגעהויער שרעקליכע בעשעפענישען מיט פיש-ווידלען, אין דער מדבר שלינגען איהם איין פליהענדע שלאַנגען, וועלכע שפייען מיט פייער, און אויף ווייטע אינזלען, ליידט ער צרות פון ריזען, וואָס זייער סאַנדאַל איז גרעסער פון אַ שיף, אויף וועלכען די פעניציאַנער פאָהרען.

אַ רופא האָט אויף די וואַנד פון זיין הויז געלאָזט

אויסמאָהלען פּערזאָנען, וועלכע האָבען דורך זיין הילף
צוריק בעקומען זייערע הענד און פֿיס, ציינער און יוגענד,
וועלכע זיי האָבען שוין לאַנג געהאַט פערלוירען. אויף די
בנינים, וועלכע האָבען געהערט צו דער מאַכט פֿון דעם
קוואַרטאַל, האָט מען געזעהן אויסגעמאָהלט — אַ פּאַס,
אין וועלכען מענשען האָבען אַריינגעוואָרפען גאָלדענע פֿינ-
גערלעך, אַ שרייבער, וועלכען איינער האָט עפּעס אין
אויער איינגערוימט און אַ אויסגעצויגענעם אויף דער ערד,
וועלכען צוויי מענשען האָבען געגעבען מלקות.

די גאַס איז געוועזען פֿול מיט מענשען. לענג אויס
ביי די וואַנד, זענען געשטאַנען לעקטיקאַ-טרעגער, פּעכער-
טרעגער, שליחים און אַרבייטער, וועלכע זענען בערייט
זיך צו פֿערדינגען. אין מיטען דער גאַס זענען געגאַנגען
טרעגער, וועלכע האָבען געטראָגען פֿערשידענע סחורות,
אייזלען אָדער אָקסען, וואָס זענען געוועזען איינגעשפּאַנט אין
וועגען. אויף די טראָטואַרען זענען געגאַנגען שרייענדע
הענדלער פֿון פֿריש וואַסער, וויינטרויבען, טייטלען, גע-
רויכערטע פֿיש, און צווישען זיי: קרעמער, בלומען-הענד-
לער, מוזיקאַנטען און פֿערשידענע קינסטלער.

אין דעם מענשען-טייך, וועלכעס האָט געפּליסט, זיך
געשטופּט, פֿערקויפֿט און געקויפֿט, שרייענדיג מיט פֿער-
שידענע קולות, האָבען זיך אונטערשיידעט די פּאָליציאַנ-
טען. יעדער האָט געהאַט אויף זיך אַ ברוין העמד ביז צו
די קניען, גאָלע פֿיס, אַ שירץ מיט בלויע און רויטע שטרי-
פען, אַ קורצע שווערט אין דער זייט און אַ ריזענדיגען
שטעקען אין דער האַנד. די פּאָליציאַנטען האָבען זיך שפּאַ-
צירט אויף די טראָטואַרען, געשמועסט איינער מיט'ן אַנ-

דערן, נאר אממיזהרסטען זענען זיי געשטאנען און געקוקט אויף דער מאסע מענשען, וואס געהען פערביי.

די גאסען־גנבים האבען געמוזט „ארבייטען מיט פארזיכטיגקייט. געוועהנליך האבען צוויי פון זיי זיך אנגעהויבען צו שלאגען, און ווען עס האט זיך צונויפגעקליבען א מאסע מענשען און די פאליציאנטען האבען געשלאגען מיט די שטעקענס די וועלכע האבען זיך געשלאגען און אויך די צוזעהער, האבען אנדערע גנבים — געגנב'עט, וואס עס האט זיך געלאזט.

אין מיטען דער גאס איז געווען אנ'איינפאהרהויז פון א פעניציאנער פון צור, אפרחבן, אין וועלכע עס האבען געמוזט וואהנען אלע, וואס זענען אנגעקומען פון אויסערהאלב מצרים, כדי מען זאל זיי לייכטער קענען קאנטראלירען. דאס איז געווען א גרויס קווארדאט־הויז, אין יעדער זייט האט עס געהאט א ערך צוואנציג הייזער. איבער דעם הויפט־טויער האט געהאנגען א מאדעל פון א שיף, אויף דער פראנט־וואנד זענען געווען בילדער, וועלכע האבען פארגעשטעלט רעמסס דעם צוועלפטען, ווי ער איז מקריב קרבנות אויף די מזבחות פון די געטער, אדער ווי ער שיצט די אויסלענדער, צווישען וועלכע עס האבען זיך אויסגעצייכענט די פעניציאנער מיט זייער הויכען וואוקס און רויטע פנים'ער.

די פענסטער זענען געווען שמאל און שטענדיג אפען. נאר טיילמאל זענען זיי פערהאנגען געווארען מיט לייננוואנד. די וואהנונגען פון דעם איינגענטימער און פרעמדע רייזענדער, האבען פערנומען דריי שטאק; אויף פארטער איז געווען א ווייןשענק און א רעסטאראן. מאטראזען, טרעגער, בעלי־

מלאכות און בכלל אָרימערע רײַזענדער האָבען געגעסען און געטרונקען אויף דעם הויף, וועלכער איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט פערשידען־פאַרביגע שטײנער און דעקער פון לײַנוואַנד זענען געווען אויסגעשפרײט אויף סלופּקעס. רײַכערע געסט האָבען געגעסען אויף דער גאַלעריע, וואָס איז געווען אַרום דעם הויף.

אויף דעם הויף איז מען געזעסען אויף דער ערד, נעבען שטײנער, וועלכע האָבען געדינט פאַר טיש. אויף דער גאַלעריע זענען געווען טישלעך, בענק און שטוהלען, אויך נידריגע סאָפקעס פון קישענס, אויף וועלכע מען האָט געקענט דרעמלען.

אויף דער גאַלעריע זענען געיוען גרויסע טישען, וועלכע זענען געווען פול מיט ברויט, פלײש, פיש, פירות, פעסלעך ביער, ווײַן און וואַסער. נעגרען און נעגרינען האָבען אַרומגעטראָגען צווישען די געסט מאכלים, אראָבגענומען פון די טישען די לײדיגע פעסער און געבראַכט פון קעלער פולע. די שרײַבער, וועלכע האָבען געהיטען די טישען, האָבען פערשריבען יעדעם שטיקעל ברויט, יעדעם שטיקעל קנאָבעל און בעכער וואַסער. אין מיטען הויף, אויף אַ הויך אָרט זענען געשטאַנען צווײ אויפזעהער מיט שטעקענס, וועלכע האָבען אין אײן זײַט אַכטונג געגעבען אויף דער דינערשאַפט און אין דער צווײטער זײַט האָבען זײ מיט זײערע שטעקענס אײַנגעשטילט די מחלוקת'ן צווישען די אָרימערע געסט פון פערצ ע ענע בעפעלקערונגען. צוליעב די אײַנאָרדנונגען זענען דאָרט זעהר זעלטען פאָרגעקומען גנבות און געשלעגען; עפטער האָבען פאַסירט גנבות און געשלעגען אויף דער גאַלעריע, ווי אויף דעם הויף.

דער ווירט פֿון אײַנפֿאָהר, דער בעריהמטער פֿעניציאַנער אַפּרחבן, אַ עלטערער מענש, האַלב גרויער, וועלכער איז געוועזען געקליידט אין אַ לאַנג העמד, האָט זיך שפּאַצירט צווישען די געסט, כדי צו זעהן, צי יעדער האָט וואָס ער דאַרף.

— עסט און טרינקט, קינדער מײַנע! — האָט ער געזאָגט צו די גריכישע מאַטראָזען — וואָרום אַזאַ חזיר־פֿלײש און אַזאַ ווײַן איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט פֿערהאַנען. איך האָב געהערט, אַז נעבען ראַפֿי האָט אײַך אַ געוויטער בעגעגענט... איהר דאַרפֿט שענע קרבנות די געטער אָבגעבען דערפֿאַר, וואָס איהר זענט לעבעדיג געבליבען!... אין מעמפֿיס קען מען דאָס גאַנצע לעבען קײַן געוויטער נישט זעהן, אָבער אויף דעם ים איז לײַכטער צו בעקומען אַ דונער אין קאָפּ, ווי אַ קופּערנעם אוטען צו פֿערדינען... איך האָב האָניג, מעהל, קטורת אויף קרבנות, און דאָרט אין ווינקעל שטעהען געטער פֿון אַלע פֿעלקער. אין מײַן אײַנפֿאָהר הויז קען מען זײַן אי זאַט, אי פֿרום און אַלץ זעהר ביליג, פֿאַר גאָר ווייניג געלד.

ער איז דערנאָך געגאַנגען אויף דער גאַלעריע צווישען די סוחרים.

— עסט און טרינקט, מײַנע געעהרטע הערען, — האָט ער די סוחרים געמאַכט אַ חשק, בוקענדיג זיך — גוטע צײַטען האָבען מיר. דער גרויסער קרוין־פּרינץ, אײביג זאָל ער לעבען, פֿאָהרט קײַן פּי־בושת מיט אַ גרויסע סוויטע, און פֿון אויבער־מצרים איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט מיט גאָלד, אָן וועלכען נישט אײנער פֿון אײַך וועט גוט פֿערדינען. און וואָס פֿאַר אַ ווײַן האָט מען מיר

געשיקט פון קפריסין!... זאל פון מיר א יוד ווערען, אויב א בעכער מיט אזא גרויסען תענוג איז נישט ווערט צוויי דראכמא'ס!... נאר איך, גוטע מענשען, מיינע בעלי-חסד, וועל איך היינט פערקויפען א בעכער ווין פאר איין דראכמא. נאר היינט, וויל היינט הויב איך אן דעם ווין צו פערקויפען...

— גיב פאר א האלבע דראכמא, וועלען מיר דעם ווין פערזוכען — האט איין סוחר געענטפערט.

— פאר א האלבע דראכמא? — האט אסרחדן איבערגעחזר'ט — פריהער וועט דער נילוס פליסען קיין טעבי, ווי איך וועל אבגעבען א בעכער מיט דער זיסקייט פאר א האלבע דראכמא! אויסער פאר דיר איינעם, נאר פאר דיר בעל-עזות, וויל דו ביזט די פערל פון צידון... שקלאפען!... גיט נאר אונזערע בעלי-חסד א גרויסען קרוג מיט קפריסין-ווין.

ווען אסרחדן איז אוועקגעגאנגען, האט דער סוחר בעל-עזות געזאגט צו זיינע חברים:

— די האנד זאל מיר אויסגעטריקענט ווערען, אויב דער ווין איז ווערט א האלבע דראכמא!... נאר זאל איהם!... וועלען מיר האבען ווייניגער צרות מיט דער פאליציי.

דער שמועס מיט די געסט פון אלע פעלקער און שטאנדען האט נישט געשטערט אסרחד'ען אכטונג צו געבען אויף די שרייבער, וואס האבען פערצייכענט די מאבלים און די משקות, אויף די איפזועהער, וועלכע האבען געהיט די דיענערשאפט און די שרייבער און נאך מעהר אויף דעם רייזענדען, וועלכער האט זיך געזעצט אויף דער

גאַלעריע אויף קישענס און האָט זיך געדרעמעלט עסענדיג טייטלען און טרינקענדיג ריין וואַסער.

דער רייזענדער איז אַלט געווען אַ ערך פערציג יאָהר, האָט געהאַט לאַנגע האָר און אַ גרויסע, שוואַרצע באָרד, פערטראַכטע אויגען און אַ וואונדערליך איידעל פּנים, וואָס קיין כּעס — ווי עס האָט זיך געדאַכט — האָט עס קיין מאָל נישט געראונצעלט, קיין שרעק האָט עס נישט פערקרימט.

— דאָס איז אַ געפעהרליכע מויז — האָט זיך אַסרחרן געקלערט קוקענדיג אויף איהם — ער זעהט אויס ווי אַ כּהן און טראָגט אַ טונקעל העמד... ער האָט מיר געגעבען צו בעהאַלטען ציערונג און גאָלד, און עסט נישט קיין פלייש און טרינקט נישט קיין ווייַן... ער איז אודאי אַ גרויסער נביא אָדער אַ גרויסער גנב!...

בייַ די ווערטער זענען פון גאַס אריינגעקומען צוויי שלאַנגען־בעשווערער מיט אַ טאָרבע, וואָס איז פול געווען מיט שלאַנגען, און האָבען אָנגעהויבען פאָרשטעלונגען צו מאַכען. דער יונגערער האָט געפייַפט מיט אַ פייַפעל און דער עלטערער האָט זיך אַרומגעוויקעלט מיט קלענערע און גרעסערע שלאַנגען. ער האָט זיך געבויגען אין אַלע זייַטען, געוואָרפען, געשפּרונגען און אויפגערייצט די שלאַנגען. ענדליך האָט איהם איין שלאַנג אַ ביס געטהון אין דער האַנד, די צווייטע — אין פּנים און די קלענסטע שלאַנג — האָט ער אַליין אויפגעגעסען.

די געסט און די דינערשאַפט האָבען מיט אונרוהיגקייַט זיך אייַנגעקוקט, וואָס דער נאַקעטער מענש טהוט. זיי האָבען געציטערט, ווען ער האָט גערייצט די שלאַנגען, זיי

האָבּען פֿערמאַכט די אויגען, ווען די שלאַנגען האָבּען איהם געבּיסען. נאָר ווען ער האָט אויפֿגעגעסען די שלאַנג האָבּען זיי אויסגעשריען פֿון שמחה און בּעוואונדערונג.

נאָר דער רייזענדער, וואָס האָט געדרעמעלט אויף די קישעלעך, איז זיך געלעגען ווי פֿריהער און אַפילו ניש אַ קוק געטהון אויף די פֿערוויילונג. און ווען דער נאַקעטער מענש איז צו איהם צוגעגאַנגען און פֿערלאַנגט, ער זאָל איהם עפּעס געבּען, האָט ער געוואָרפֿען אויף דער ערד צוויי קופּערנע אוטענען און איהם געוויזען מיט דער האַנד, אַז ער זאָל צו איהם נאָהענט ניט צוגעהן.

די פֿאָרשטעלונג האָט געדויערט אַ האַלבּע שעה. ווען די נאַקעטע מענשען זענען אַרויס פֿון הויף, איז צו דעם ווירט צוגעלאָפֿען דער נעגער, וועלכער בּעדיענט אין די געסט-צימערן און האָט איהם עפּעס איינגערוימט. דערנאָך איז עפּעס פֿון ערגעץ אָנגעקומען אַ עלטסטער פּאָליציאַנט און אָבּפֿיהרענדיג אַסרחדנ׳ען אין אַ זייט, האָט ער מיט איהם לאַנג געשמועסט, און אַסרחדן האָט זיך געשלאָגען אין האַרץ, געבּראָכען די הענד און אָנגעחאַפּט בּיים קאָפּ. ענדליך האָט ער דעם נעגער געקאָפּעט אין בּויך, געהייסען דעם פּאָליציאַנט געבּען אַ געבּראָטענע גאַנז און אַ קרוג קפּריסין-וויין, און אַליין איז ער צוגעגאַנגען צו דעם גאַסט, וואָס איז געלעגען אויף די קישעלעך און זיך געמאַכט דרעמלען, חאָטש ער האָט געהאַט אָפּענע אויגען.

— איך האָבּ אַ שלעכטע בּשורה פֿאַר דיר, געעהרטער הערר — האָט אַסרחדן געזאָגט, זעצענדיג זיך נעבּען איהם.

— די געטער שיקען אַראָבּ אויף מענשען רעגען און

זארג, ווען זיי ווילען — האט קאלטבלוטיג געענטפערט דער גאסט.

— ווען מיר האבען זיך דא איינגעקוקט צו דער פאר־שטעלונג פון די שלאנגען־בעשווערער — האט אסרחדן ווי־טער געזאגט, ציהענדיג זיך ביי דער בארד — האבען זיך גנבים אריינגעחאפט אויף דעם צווייטען שטאק און האבען ארויסגעגנב'עט דיינע זאכען... דריי זעק און א קאסטען, וועלכע האבען זיכער א גרויסען ווערט געהאט...

— דו מוזט מודיע זיין דעם געריכט, אז מיר איז א גנבה געשעהן.

— צו וואס זאל איך מודיע זיין דעם געריכט!... האט אסרחדן געמורמעלט — ביי אונז האבען די גנבים זייער צעה. מיר וועלען שיקען נאך דעם עלטסטען גנב, מיר וועלען אבשאצען די גנבה, דו וועסט בעצאהלען א צוואנציגסטייל פון דעם ווערט און די גנבה וועסט דו צוריק בעקומען. איך קאן דיר צוהעלפען.

— אין מיין לאנד — האט דער רייזענדער געזאגט — פיהרט קיינער קיין אונטערהאנדלונגען נישט מיט גנבים און איך וועל אויך אזעלכע אונטערהאנדלונגען נישט פיהרען. איך וואהן ביי דיר, דיר האב איך אנגעטרויט מיין פער־מעגען און דו מוזט פעראנטווארטליך זיין פאר איהם

אסרחדן האט זיך געקראצט אין די פלייצעס.

— א מענש פון א וויים לאנד! — האט ער געזאגט שטיל — איהר, בני־חת און מיר, פעניציאנער, זיינען ברידער, און דארורך גיב איך דיר א עהרליכע עצה, אז דו זאלסט דיך נישט ווענדען צו א געריכט אין מצרים, ווייל אין א געריכט פון מצרים איז פערהאנגען נאר איין מהיר:

צום אַרײַן געהן. עס איז אָבער נישט דאָ קײן טהיר, דורך װעלכער מען זאָל אַרױסגעהן.

— די געטער װעלען דורך אַ מויער דורכפיהרען אַ אונשולדיגען — האָט דער גאַסט געענטפערט.

— אַ אונשולדיגען!... װער פון אונז איז אונשולדיג אין אַ לאַנד פון שקלאַפענשאַפט? — האָט אסרחדן געענטפערט — אָט, זעה, דאָרט עסט אַ עלטסטער פּאָליציאַנט אַ געבראָטענע גאַנז, אַ פײַנע גאַנז, װעלכע איך װאָלט גערן אַלײן אױפגעגעסען. און װײסט דו, פאַר װאָס האָב איך מיר פון מויל אװעקגענומען און איהם די גאַנז געגעבען? װײַל דער עלטסטער פּאָליציאַנט איז געקומען זיך פרעגען װעגען דיר...

זאָגענדיג די װערטער, האָט אסרחדן שיקעלדיג געקוקט אויף דעם רײַזענדען, װעלכער האָט זיך װײַטער זעהר רוהיג געהאַלטען.

— עס פרעגט מיך — האָט אסרחדן געזאָגט װײַטער — עס פרעגט מיך דער עלטסטער פּאָליציאַנט: „װער איז דער שװאַרצער, װעלכער זיצט צװײ שטונדען איבער אַ ביסעל טײַטלען?"... איך זאָג איהם: אַ זעהר אָרענטליכער מענש, הערר פּוּת. — פון װאַנען איז ער? — פון לאַנד חת, פון דער שטאָדט חרן; ער האָט דאָרט אַ דרײַ־שטאָקיגע הױז און אַ גרױס פעלד. — צו װאָס איז ער דאָ געקומען? — ער איז געקומען, ענטפער איך איהם, אָבצונעהמען בײַ אַ כּהן פינף טאַלענטען, װעלכע זײַן פאָטער האָט דעם כּהן געליהען.

און װײסט דו גרויסער הערר, — האָט דער רעסטאָ־ראַטאָר געזאָגט — װאָס דער פּאָליציאַנט האָט מיר אויף

דעם געענטפערט?... די ווערטער האט ער מיר געזאגט: אסרחדן, איך ווייס אז דו ביזט א טרייער דינער פון היי־ליגען פרעה, דו האסט גוטע מאכלים און נישט געפעל־שטען ווייןֿ, און דעריבער זאג איך דיר — היט זיך!... היט זיך פאר אויסלענדער, וועלכע מאכען קיין בעקאנט־שאפטען נישט, טרינקען נישט קיין וויין, ווילען זיך נישט און שוויינען. דער פות פון חרן איז אפשר גאר א שפיאן פון אשור.

דאס הארץ איז אין מיר אבגעשטארבען, ווען איך האב דאס דערהערט — האט דער פעניציאנער געזאגט ווייטער — און דיך געהט דאס גאר נישט אן!... האט ער זיך געבייזערט, זעהענדיג, אז אפילו דער חשד וועגען שפיאנעריי שטערט נישט די מנוחה פון דעם בן־חת.

— אסרחדן! — האט דער גאסט נאך א ווייַלע געזאגט — איך האב דיר אנגעטרויט זיך זעלבסט און מיין פערמעגען. געפין אלזא א מיטעל, אז מען זאל מיר אבגעבען די זעק און דעם קאסטען, ווארום אויב מען וועט מיר נישט אבגעבען, וועל איך דיך אנקלאגען פאר דעם זעלבען גרויסען פאליציאנט, וועלכער האט אויפגעגעסען די גאנז, וועלכע דו האסט געזאלט אויפעסען.

— נו... בכן ערלויב מיר, איך זאל אויסצאהלען די גנבים נאר א פופצעהנטייל פון דעם ווערט פון דיינע זאכען — האט אסרחדן אויסגעשריען.

— דו האסט נישט דאס רעכט צו צאהלען.

— גיב זיי חאטש דרייסיג דראכמען.

— אפילו א אוטען וועל איך נישט געבען.

— גיב די ארמע מענשען חאטש צעהן דראכמען...

— גײה לשלום, אסרחדן, און בעט די געטער, אז זײ זאָלען דיר צוריקגעבען דעם פערשטאַנד — האָט געזעגנט־פערט דער רײַזענדער רוהיג.

אסרחדן האָט זיך אויפגעחאפּט פון די קישענס, סאַפּענדיג פאַר כּעס.

דאָס איז אַ שלאַנג! ... — האָט ער זיך געקלערט — ער איז געקומען צו פאַהרען נישט נאָר אָבצונעהמען אַ חוב... ער װעט דאָ מאַכען נאָך אַ געשעפט... דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דאָס איז אַ רײַכער סוחר, און אפשר גאָר אַ רעסטאָראַטאָר, װעלכער װעט בשותּפות מיט כּהנים און שופטים עפּנען זיך דאָ נאָך אַ אײַנפאָהר־הױז... זאָל איהם אַ פײַער פון הימעל פערברענען! ... זאָל ער אַ מצורע װערען! ... אַ קאַרגער, אַ גזלן, אַ גנב! ... אַ עהרליכער מענש װעט בײַ איהם גאָרנישט פערדיענען! ...

אסרחדן האָט זיך נאָך נישט געהאַט בערוהיגט פון כּעס, װען אויף דער גאַס האָט זיך דערהערט אַ פלײַט און אַ פויק און נאָך אַ װײַלע זענען אַרײַנגעלאָפען אין הויף פיער במעט נאַקעטע טענצערינען. די טרעגער און די מאַטראָזען האָבען זײ בעגריסט מיט שמחה, און אויך עלטערע סוחרים פון דער גאַלעריע האָבען זיך אײַנגעקוקט און געמאַכט בעמערקונגען װעגען זײער שענהײַט. די טענצערינען האָבען אַלע בעגריסט מיט אַ שמײכעל און מיט בעװעגונגען מיט די הענד. אײנע האָט געשפּיעלט אויף אַ דאָפּעלטען פלײַט, די צװײַטע האָט געפויקט און די יונגסטע צװײ האָבען געטאַנצט אַרום דעם הויף, ביז עס איז נישט געבליבען קײן אײן גאַסט, װעלכען זײ האָבען נישט בעריהרט מיט זײערע הענד.

די געסט האָבען געזונגען, געשריִען און פערבעטען צו זיך די טענצעריִנען און צווישען דעם המון האָט אויס־געבראָכען אַ מחלוקת, וועלכע די אויפזעהער האָבען איינ־געשטילט, אויפהויבענדיג זייערע שטעקענס אין דער הויך נאָר עפּעס איינער, אַ אויסלענדער, וועלכער איז צורייצט געוואָרען דערזעהענדיג די שטעקענס, האָט ארויסגעכאפּט אַ מעסער; עס האָבען איהם אָבער געכאפּט צוויי נעגער ביי די הענד, האָבען ביי איהם אָבגענומען עטליכע קופּער־נע פינגערלעך, אלס בעצאָהלונג פאר די מאכלים, וואָס ער האָט נעגעסען און האָבען איהם ארויסגעוואָרפען. איין טענצעריִן איז דערווייל איבערגעבליבען מיט די מאטראָזען, צוויי זענען געגאַנגען צו די סוחרים, וועלכע האָבען זיי געגעבען וויין און קוכען און די עלטסטע איז ארומגעגאַנ־גען און צונויפגעקליבען געלד.

— אויף דעם בית־המקדש פון איזידאָ!... — האָט זי געריפען — גיט, פרומע אויסלענדער, אויף דעם בית־המקדש פון דער געטין איזידאָ, וועלכע שיצט יעדעם בע־שעפניש... וואָס מעהר איהר וועט געבען, אלץ מעהר וועט איהר בעקומען גליק און ברכות... אויף דעם בית־המקדש פון דער געטין איזידאָ!...

מען האָט איהר געוואָרפען אויף דער הויך קנוילען פון קופּערנע דראָט, אנדערע האָבען געוואָרפען קערנדלעך גאָלד, איין סוחר האָט געפרעגט: צי מען קען זי בעזור־כען? — און די טענצעריִן האָט מיט אַ שמייכעל געשאָ־קעלט מיט'ן קאָפּ.

ווען זי איז צוגעקומען צו פות'ן, האָט ער ארייננגע־

שטעקט די האנד אין אַ לעדערגעם זאַק און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ גאָלדען פינגערל, זאָגענדיג:

— איזידראָ איז אַ גרויסע און אַ גוטע געטין, נעהם דאָ פאַר איהר בית־המקדש.

די כהנת האָט איהם שאַרף געקוקט אין די אויגען און געמורמעלט:

— אַנעאַל, זחיאל...

— עמאַביאל, בעל־ידות — האָט דער רייזענדער געזאָגט מיט דעם זעלבען טאָן.

— איך זעה, אַז דו ליעבסט די מוטער איזידראָ — האָט די כהנת געזאָגט הויך — דו ביסט אודאי רייך און אַ נדבן ביסט דו, וועל איך דיר נביאות זאָגען:

— דו קומסט פון אַ ווייט לאַנד, פון בר־טור און חגית *)...

אַ רייזע האָסט דו געהאַט אַ גליקליכע... שוין עטליבע טעג פאַרשטעהן דיך נאָך פעניציאַנער — האָט זי שטיל צוגעגעבען.

דו ביזט געקומען נאָך געלד, חאָטש דו ביזט קיין סוחר נישט...

קום צו מיר היינט, ווען די זון וועט אונטערגעהן... דיין פערלאַנג — האָט זי געזאָגט הויך — דאַרף ערפילט ווערען...

איך וואָהן אויף דער גאַס פון קברים, אין הויז אונטער דעם גרינעם שטערן — האָט זי שטיל געמורמעלט.

---

*) בר־טור חגית — רוחות פון צפון און דרום זייט פון דער וועלט.

נאָר היט זיך פֿאַר גנבים, וועלכע לויערען אויף דיין פערמעגען — האָט זי געענדיגט, זעהענדיג, אַז אַסרחדן האָרכט אונטער.

— אין מיין הויז זענען קיין גנבים נישט פערהאַנען!... — האָט ער אויסגעשריען — דאָ גנב'ענען נאָר אַזעלכע, וואָס קומען דאָ אַהער פון דער גאַס.

— בייזער זיך נישט, אַלטער! — האָט די כהנת געענטפערט מיט געלעכטער — וואָרום באַלד קריכט דיר אַרויס אַ רויטער באַנד אויף דער האַלז און דאָס בעווייזט אַ אונגליקליכען טויט.

דערהערענדיג דאָס, האָט אַסרחדן אויסגעשפיען דריי מאָל און שטיל געזאָגט אַ שפּרוך געגען שלעכטע נביאות. ווען ער איז פון דאָרט אַוועקגעגאַנגען, האָט די כהנת אָנגעהויבען צו קאָקעטירען מיט דעם רייזענדער. זי האָט איהם געגעבען אַ רויז פון איהר קראַנץ, צום געזעגנען האָט זי איהם געהאַלזט און איז ־געגאַנגען צו אַנדערע טישען.

דער רייזענדער האָט געוואונקען אויף אַסרחדן.

— איך וויל — האָט ער געזאָגט — אַז די פרוי זאָל ביי מיר זיין. היים זי אָבפיהרען אין מיין צימער אַריין.

אַסרחדן האָט איהם געקוקט אין די אויגען, האָט געפּאַטשט מיט די הענד און אויסגעבראָכען מיט אַ געלעכטער.

— אַ שד איז אין דיר אַריין!... — האָט ער אויסגעשריען — ווען אין מיין הויז וואָלט אַזעלכעס געשעהן מיט אַ כהנת פון מצרים, וואָלט מען מיך פון דער שטאָדט

אַרויסגעיאָגט. דאָ מעג מען נאָר אָננעהמען בײַ זיך אַ אויסלענדערין.

— אויב אַזוי, וועל איך געהן צו איהר — האָט פּוּת געענטפערט — זי איז אַ קלוגע און פרומע פרוי און זי וועט מיר עצות געבען וועגען פיעל זאַכען. ווען די זון וועט אונטערגעהן, וועסט דו מיר געבען אַ וועג-פיהרער, וועלכער וועט מיך צו איהר פיהרען.

— אַלע רוחות, אַלע שדים זענען אין דײַן האַרץ אַרײַן — האָט אַסרחבן געענטפערט — ווײסט דו, אַז די בעקאַנטשאַפט וועט דיך קאָסטען צוויי הונדערט דראַכמען, אפשר דרײַהונדערט, חוץ דעם, וואָס דו וועסט מוזען געבען דיענסטמײדלעך און אויף דעם בית-המקדש? און פאַר אַזוי פיעל געלד, פאַר פינף הונדערט דראַכמען קענסט דו דער קענען אַ יונגע פרומע פרוי, מײַן טאָכטער, וועלכע איז שוין אַלט פיערצעהן יאָהר און אַלס קלוג מײדעל זאַמעלט זי זיך אַ נדן. שלעפ זיך אַלזאָ נישט בײַ נאַכט אין אַ פרעמדע שטאָדט, וואָרום דו וועסט אַרײַנפאַלען דער פאָליצײַ אין די הענד, אָדער גנבים וועלען דיך אָנפאַלען. נעהם בעסער אָן דאָס, וואָס די געטער געבען דיר אין דער הײם. ווילסט דו?

— וועט דײַן טאָכטער פאָהרען מיט מיר קײַן חרן? — האָט פּוּת געפרעגט.

אַסרחבן האָט געקוקט אויף איהם מיט בעוואונדערונג. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטהון אין שטערן, ווי ער וואָלט געטראָפען, וואָס דער רײַזענדער מײנט און אָנהאַפּענדיג איהם בײַ דער האַנד, האָט ער איהם צוגעפיהרט צו אַ ווינקעל.

— איך ווייס שוין אַלעס ! — האָט ער געמורמעלט מיט אויפרעגונג — דו האַנדעלסט מיט פרויען... געדענק אָבער, אַז פאַר אַרויספיהרען איין פרוי פון מצרים, וועסט דו דיין גאַנץ פערמעגען פערליהרען און וועסט געהן אַרביי- טען אין די גראָבען. אויסער... אויב דו וועסט מיך נעהמען פאַר אַ שותּף, וואָרום איך קען דאָ אַלע וועגען.

— אויב אַזוי, זאָג מיר דעם וועג צו דער כּהנת — האָט פּות געענטפערט — געדענק, אַז ווען די זון וועט אונטערגעהן, זאָל איך האָבען אַ וועג-פיהרער און מאָרגען זאָל איך האָבען מיינע זעק און מיין קאַסטען און אויב נישט, וועל איך זיך ווענדען צום געריכט.

זאָגענדיג דאָס, איז פּות אַוועקגעגאַנגען אין זיין צימער אַריין.

אַסרחדון איז שרעקליך אין כּעס געוואָרען און איז צוגעגאַנגען צו אַ טישעל, ביי וועלכען עס האָבען געטרונ- קען סוחרים פון פעניציען און איינעם פון זיי, כּוש, האָט ער אָבגערופען אין אַ זייט.

— שענע געסט גיבסטו מיר איבער!... — האָט אַסרחדון געזאָגט נישט קענענדיג איינהאַלטען דאָס ציטערן פון זיין שטימע — דער פּות עסט כּמעט גאַרנישט, ער הייסט מיר אויסקויפען פון די גנבים די זאַכען, וואָס זענען איהם געגנב׳עט געוואָרען, און איצט, ווי נאָר כּדי מיין הויז בחרפה צו מאַכען, קלויבט ער זיך צו געהן צו אַ מענצערין פון מצרים, אַנשטאָט צו געבען מתּנות מיינע פרויען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וואונדער? — האָט כּוש גענענט- פערט לאַכענדיג — פעניציאַנערינען האָט ער געקענט דער-

קענען אין צידון, דאָ וויל ער טעכטער פון מצרים. אַ נאַר איז דער, וואָס אין קפריסין פערזוכט ער נישט קיין קפריסין־ווײַן, נאַר טרינקט ביער פון צור.

— און איך זאָג דיר — האָט איהם אסרחדן איבער געהאַקט, אַז דאָס איז אַ געפעהרליכער מענש... ער שטעלט זיך פאָר, ווי אַ געוועהנליכער מענש, חאָטש ער זעהט אויס ווי אַ כהן.

— דו, אסרחדן, זעהסט אויס ווי אַ כהן־גדול און ביזט אַ שענקער! אַ באַנק הערט נישט אויף צו זיין אַ באַנק, חאָטש מען דעקט זי מיט אַ לייבען־פעל.

— אָבער צו וואָס געהט ער צו אַ כהנת?... איך וואָלט געשוואָרען, אַז דאָס איז נאַר אַ אויסרייד און אנשטאָט אויף אַ סעודה צו אַ פרוי, וועט ער געהן אויף אַ געהיימע פערזאמלונג.

— דער כעס האָט דיר דעם שכל אוועקגענומען — האָט כוש געענטפערט — דו ביזט ווי דער, וואָס זוכט אַ מעלאָן אויף אַ פייגענבוים און דאַדורך זעהט ער די פייגען נישט. יעדען סוחר איז דאָס קלאָר, אַז אויב פוּת האָט אָבצונעהמען פינף טאַלענטען פון אַ כהן, מוז ער זיך ער־ווערבען גנאָד ביי אַלע, וואָס דרעהען זיך נעבען דעם בית־המקדש. נאָר דו פערשטעהסט שוין גאָרנישט.

— ווייל מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז דאָס איז אַ שליח פון אשור, וועלכער לויערט אויף פרעה'ס לעבען.

כוש האָט מיט פעראַכטונג געקוקט אויף אסרחדנ'ען.

— בכן שפיר איהם נאָך, היט יעדען טריט זיינעם.

און אויב דו וועסט עפּעס ענטרעקען, וועסט דו אפשר בע־
קומען א טייל פֿון זיין פֿערמעגען.

— א, איצט האסט דו קלוגע ווערטער געזאגט! —
האט אסרחדן געזאגט — זאל די מויז זיך געהן צו דער כהנת
און פֿון זיי זאל ער זיך געהן אויף א ארט, וואו ער וויל.
איך וועל איהם אבער נאכשיקען מיינע שווארציגע עפּעל פֿון
די אויגען, פֿאר וועלכע ער וועט גאר נישט קענען פֿער־
בארגען.

צוואנציגסטעס קאפּיטעל

ניין א זייגער אווענד האט פּוּת פֿערלאזען דאס איינ־
פֿאהר־הויז אין געזעלשאפֿט פֿון א נעגער, וואס האט געטרא־
גען א שטאלקאץ. א האלבע שעה פֿריהער האט אסרחדן
געשיקט אויף דער גאס פֿון קברים זיינם א פֿערטרויטען
מענש, בעפֿעהלענדיג איהם, ער זאל גוט אכטונג געבען,
צי פּוּת וועט ארויסגעהן פֿון הויז אונטער דעם גרינעם
שטערן, און אויב יא, וואוהין ער וועט געהן.

א צווייטער פֿערטרויטער מענש פֿון אסרחדן איז זיך
געגאנגען אביסעל אבגערוקט פֿון פּוּת'ן; אויף שמאלע געס־
לעך האט ער זיך בעהאלטען הארט נעבען די הייזער, אויף
ברייטערע גאסען האט ער זיך געמאכט שכור.

די גאסען זענען שוין געוועזען ליידיג. טרעגער און
אויפֿקויפֿער זענען שוין געשלאפֿען. עס האט זיך געלייכט
נאר אין די דירות פֿון די ארבייטענדע בעלי־מלאכות, אדער
ביי רייכע מענשען, וועלכע האבען געמאכט סעודות אויף
די דעכער. אין פֿערשידענע הייזער פֿון דער שטאדט הא־
בען זיך אבגערופֿען טענער פֿון הארפֿעס און פֿלייטען, גע־

זאנגען, געלעכטער, שמידען מיט האמערס. טײלמאל האט זיך געהערט א געשרײ פון א שכור, אדער א געשרײ פון אײנעם, וואס רופט מען זאל איהם ראטעווען.

די גאסען, דורך וועלכע פות איז געגאנגען מיט דעם שקלאף זענען אממערהרסטען געװען ענגע, קרומע, וואס נעהנטער ער איז געקומען צו דעם הויז פון דער כהנת, זענען די הײזער געװען נידריגער, די אײנשטאקיגע הײזער זענען געװען מעהר, מעהר גערטנער, מעהר פאלמען, פײגען און אקאציעס, וועלכע האבען זיך ארויסגערוקט פון צווישען מויערן, ווי זײ וואלטען געהאט בדעה צו אנטלויפען.

אויף דער קברים-גאס איז נאך ווייניגער הײזער געװען. אנשטאט גרויסע הײזער, וואס זענען געװען אין אנדערע גאסען, זענען דא גערטנער און אין מיטען די גערטנער — שײנע פאלאצען. פאר אײן טויער האט זיך דער נעגער פערהאלטען און האט אויסגעלאשען די שטאלקאץ.

— דא איז דער „גרינער שטערן" — האט ער געזאגט און בוקענדיג זיך צו פות'ן איז ער צוריק געגאנגען.

פות האט אנגעקלאפט בײם טויער און נאך א װײלע האט זיך בעוויזען דער שווײצער, וועלכער האט גוט אנגעקוקט דעם אנקומענדען און דערנאך געמורמעלט.

— ענעאל, זחיאל...

— עמאביאל, בעל-ידות — האט פות געענטפערט.

— קום לשלום — האט דער שווײצער געזאגט און גיך געעפענט דאס טויער.

אבגעהענדיג צוואנציג טריט צווישען בוימער, איז פות געװען אין קארידאר פון פאלאץ, וואו די בעקאנטע

כהנת האט איהם בעגריסט. אין א ווינקעל איז געשטאנען עפּעס א מענש מיט א שווארצע באָרד און שווארצע האָר, וועלכער איז אזוי ערהנליך געוועזען צו פּות'ן, אז ער האט נישט געקענט פערבאָרגען זיין בעוואונדערונג.

— דער וועט דיך פערטרעטען אין די אויגען פון די, וואס שפּירען דיך נאך — האט די כהנת געזאגט מיט א שמייכעל.

דער מענש, וואס האט זיך פערשטעלט פאר פּות'ן, האט ארויפגעלעגט אויפ'ן קאפּ א קראנץ מיט רויזען און אין געזעלשאפט פון דער כהנת איז ער ארויפגעגאנגען אויף דעם ערשטען שטאק, וואו עס האבען זיך באלד געהערט טענער פון פלייטען און א קלאנג פון בעכערס. פּות'ן האבען צוויי נידריגערע כהנים געפיהרט אין באד, וואס איז געוועזען אין גארטען. דארט האבען זיי איהם אויסגעבא־דען, פריזירט די האר און איהם אנגעטהון אין ווייסע מלבושים.

פון באד זענען אלע דריי ווידער ארויסגעגאנגען צווישען די בוימער; זיי זענען דורכגעגאנגען עטליכע גער־טנער און דערנאך זענען זיי געוועזען אויף א וויסטען פלאץ.

— דארט — האט צו פּות'ן געזאגט איינער פון די כהנים — זענען פערהאנען אלטע קברים, דארט איז די שטאדט און דא איז דאס בית־המקדש. געה וואוהין דו ווילסט און זאל דיר די קלוגהייט ווייזען דעם וועג, און די היילינגע ווערטער זאלען דיך היטען פון סכנות.

די צוויי כהנים זענען צוריקגעגאנגען אין גארטען אריין, און פּות איז אליין איבערגעבליבען. די נאכט איז געוועזען א ליכטיגע, חאטש די לבנה האט נישט געשיינט.

פֿון דער וויַטענס האָט געבלאַנקט דער נילוס, וואָס איז געווען פֿערהילט אין אַ נעבעל; אין דער הויך, אויפֿ'ן הימעל האָבען געבלאַנקט די שטערען.

— ביַי אונז לייַכטען די שטערען שטאַרק — האָט פּוּת זיך געקלערט.

ער האָט אָנגעהויבען צו מורמלען תּפלות אין אַ פֿרעמדע שפּראַך און איז געגאַנגען צו דעם בית־המקדש.

ווען ער איז שוין אָבגעגאַנגען עטליכע צעהנדליגע טריט, האָט זיך פֿון איין גאָרטען אַרויסגערוקט אַ מענש און נאָכגעשפּירט דעם רייַזענדען. אין דער זעלבער מינוט איז אָבער אָנגעפֿאַלען אַזאַ נעבעל, אַז אויפֿ'ן פּלאַץ, חוץ דעם דאַך פֿון בית־המקדש, האָט מען גאָר נישט געקענט זעהן.

נאָך אַ געוויסער צייַט, איז פּוּת אָנגעקומען צו אַ הויכע מויער. ער האָט געקוקט אויפֿ'ן הימעל און האָט אָנגעהויבען געהן צו מערב־זייַט. יעדע מינוט זענען איבער זיין קאָפּ געפֿלויגען נאַכט־פֿויגעל און פֿלעדערמייַז, דער נעבעל איז געוואָרען אַזוי געדיכט, אַז ער האָט געמוזט זיך האַלטען אָן דער וואַנד, כדי ער זאָל וויסען, אַז ער בלאָנדזעט נישט. דאָס אַרומוואַנדערן האָט לאַנג געדויערט, נאָר ענדליך איז ער אָנגעקומען צו אַ טהירעל, וואָס איז געווען אויסגעשלאָגען מיט בראָנז־נעגעל. ער האָט זיי געצעהלט פֿון דער לינקער זייַט פֿון דער הויך און צעהלענדיג, האָט ער איין נאָגעל שטאַרק געדריקט און אַנדערע האָט ער אומגעדרעהט.

ווען ער איז אָנגעקומען צום לעצטען נאָגעל אונטען, האָט זיך די טהיר שטיל אויפֿגעעפֿענט. פּוּת איז אָבגעגאַנ־

גען עטליכע טריט און איז אריין אין א ענגע קאמער, אין וועלכער עס האט געהערשט א שרעקליכע פינסטערניש.

ער האט מיט פארזיכטיגקייט געטרעטען די ערד, ביז ער איז צוגעקומען צו א ברונען, פון וועלכען עס איז ארויס א קיהלקייט. ער האט זיך אנידערגעזעצט און דרייסט האט ער זיך אראבגעלזאט, האטש ער איז צום ערשטענמאל געוועזן אויף דעם ארט און אין דעם לאנד.

דאס ארט איז אבער נישט געוועזן זעהר טיעף. פוט איז פון דארט ווייטער געגאנגען אראב דורך א שמאלען קארידאר מיט אזא זיכערהייט, ווי ער וואלט שוין לאנג געקענט דעם וועג.

ענדליך איז ער אנגעקומען צו'ם טהיר, פוט האט טאפענדיג געפונען א האמער, מיט וועלכען ער האט דריי מאל אנגעקלאפט, אלס ענטפער האט זיך אבגערופען עפעס פון ערגעץ א שטימע.

— דו, וואס שטערסט ביי נאכט די רוהע אין א הייליג ארט, צי מעגסט דו דא אריינגעהן?

— איך האב קיין עולה נישט געטהון קיין מאן, קיין פרוי און קיין קינד... מיינע הענד האט קיין בלוט נישט פערפלעקט... איך האב נישט געגעסען קיין אונריינע מאכלים... איך האב נישט געגזל'ט, איך האב קיין ליגענט נישט געזאגט און האב נישט ארויסגעגעבען קיין סוד — האט פוט רוהיג געענטפערט.

— ביזט דו דער, אויף וועלכען איך ווארט. צי דער, וואס דו זאגסט? — האט ווידער די שטימע געפרעגט.

— איך בין דער, וואס האט געזאלט קומען פון די ברידער פון מורח; גאר דער צווייטער נאמען איז אויך

מײַן נאָמען, און אין דער שטאָדט פֿון צפֿון האָב איך אַ הויז און ערד, ווי איך האָב פֿרעמדע געזאָגט — האָט פּות געענטפֿערט.

די טהיר האָט זיך געעפֿענט און פּות איז אַרײַן אין אַ ברייטען קעהלער, וועלכען עס האָט בעלייכט אַ לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טישעל, פֿאַר אַ פּורפּור־פֿאָרהאַנג. אויף דעם פֿאָרהאַנג איז געווען אויסגעהאָפֿטען מיט גאָלד אַ קויל מיט פֿליגעל און מיט צוויי שלאַנגען.

אין דער זייט איז געשטאַנען אַ כהן פֿון מצרים אין ווייסע קליי־ער.

— דו, וועלכער ביזט דאָ אַרײַנגעקומען — האָט דער כהן געזאָגט, ווייזענדיג מיט דער האַנד אויף פּות'ן — ציי ווייסט דו, וואָס עס דערצעהלט דער צייכען אויף דעם פֿאָר־האַנג?

— די קויל — האָט דער אָנקומענדער געזאָגט — איז אַ בילד פֿון דער וועלט, אויף וועלכער מיר וואָהנען, און די פֿליגעל ווייזען, אַז די וועלט פֿליהט אין דער לופֿט, ווי אַ אָדלער.

— און די שלאַנג?... — האָט דער כהן געפֿרעגט.

— די צוויי שלאַנגען דערמאָהנען דעם חכם, אַז ווער עס וועט אַרויסגעבען דעם גרויסען סוד, דער וועט דאָפּעלט שטאַרבען — מיט'ן גוף און מיט דער נשמה.

נאָך אַ ווײַלע שטיל־שווייגען האָט דער כהן ווידער געפֿרעגט:

— אויב דו ביסט טאַקי בר־אות (דער כהן האָט דעם קאָפּ אַראָב געבויגען), פֿאַר וועלכען עס זענען קיין סודות

נישט פֿערהאַנען אויף דער ערד און אויפֿן הימעל, בעווילינ צו זאָגען דיין קנעכט: וועלכער שטערן איז אַממעהרסטען וואונדערליך?

— וואונדערליך איז דער שטערן הר־שת, וועלכער געהט אום דעם הימעל אין משך פֿון צוועלף יאָהר, ווייל אַרום איהם געהען פֿיער קלענערע שטערן. נאָר אַממעהרסטען וואונדערליך איז דער שטערן חרקא, וועלכער קרייזט אום דעם הימעל דרייסינ יאָהר. ער האָט נישט נאָר אונטערטעניגע שטערן, אָבער אויך אַ גרויסע רייף, וועלכער ווערט טיילמאָל פֿערשוואונדען.

הערענדינ דאָס איז דער כהן פֿון מצרים געפֿאַלען אויף דעם פנים פֿאַר דעם כשרי. דערנאָך האָט ער איהם געגעבען אַ פורפורנעם באַנד און אַ שלייער פֿון מושלין, ער האָט איהם געוויזען, וואו עס שטעהט קטורת און בוקענדינ זיך פֿאַר איהם, איז ער אַרויס פֿון דער היכל.

דער כשרי איז געבליבען איינער אַליין. ער האָט אַרויפֿגעלעגט דעם באַנד אויף דעם רעכטען אָרם, דאָס פנים האָט ער זיך בעדעקט מיט דעם שלייער און נעהמענדינ דעם גאָלדענעם לעפֿעל, האָט ער אַריינגעשאָטען קטורת, וועלכעס ער האָט אָנגעצונדען ביי דאָס לעמפעל פֿאַר דעם פֿאָרהאַנג. מורמלענדינ האָט ער זיך דריי מאָל אומגעדרעהט און דער רויך פֿון דעם קטורת האָט איהם אַרומגענומען ווי מיט אַ דרייפֿאַכיגען מושלין.

אין דער צייט איז אין דער היכל געוואָרען אַ משונהדיגע אונרוה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער סופית געהט אַרויף אין דער הויך און די ווענד רוקען זיך אויס. דער פֿאָרהאַנג פֿאַר'ן מזבח האָט זיך געשאָקעלט, ווי עפעס פֿער־

בארגענע הענד וואלטען איהם בעריהרט. עס איז געוואָרען א לייכטער ווינד, ווי א סטאדע פויגעל וואלטען דאָרט גע־פלויגען.

דער כשדי האט פונאנדערגערוקט זיין מלבוש אויף דער ברוסט און האט ארויסגענומען א גאלדענעם מעדאל, וואס איז געווען בעדעקט מיט עפּעס צייכענס. די הייהל האט געציטערט. דער פארהאנג האט געוואלדיג זיך גערירט און אין פערשידענע ערטער האבען זיך געוויזען פלעמלעך.

דער כשדי האט אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך און געזאגט:

„פאטער אין הימעל, גנעדיגער און רחמנות'דיגער, רייניג מיין נשמה... שיק אראב אויף דיין קנעכט ברכות און ציה אויס דיין אלמעכטיגען אָרם אויף די, וואס בונ־טעווען זיך, כדי איך זאל קענען וויזען דיין מאכט...

„דאס איז דער צייכען, וועלכען איך בעריהר פאר אייך... אט, בין איך געשטיצט אויף דער הילף פון גאט, איך זעה אלעס פאראויס און שרעק זיך נישט פאר קיינעם... אט בין איך מעכטיג און איך רוף אייך און בעשווער אייך... קומט דא אהער אין נאמען פון עי, שרי, עי שרי..."

גלייכצייטיג האבען זיך אנגערופען עפּעס שטימען. נעבען דעם לעמפּעל איז דורכגעפלויגען א פויגעל, דערנאך איז געפלויגען א נעלב קלייד, דערנאך א מענש מיט א ווידעל און צום סוף א האהן אין א קרוין, וועלכער האט זיך געשטעלט אויפ'ן טישעל פאר דעם פארהאנג.

דער כשדי האט ווידער געזאגט.

„אין נאָמען פֿון אלמעכטיגען און אײביגען גאָט...
עמר, תנחה, רעבור, לתיסתן..."

פֿון דער ווײטענס האָבען זיך צום צווײטען מאָל גע־הערט שטימען.

„אין נאָמען פֿון אמת'ען און אײביג־לעבענדען אלוה, ארחים, רעבור בעשווער איך אײך און רוף אײך... אין נאָמען פֿון דעם שטערן, וואָס הײסט זון, אין נאָמען פֿון זײן צײכען, אין נאָמען פֿון געלויבטען און שרעקליכען גאָט..."

פּלוצלונג איז אלץ שטיל געוואָרען. פֿאַר דעם מזבח האָט זיך בעוויזען אַ געשטאַלט מיט אַ קרוין אויף דעם קאָפּ זיצענדיג אויף אַ לײב.

— בר־אות!... בר־אות!... — האָט די געשטאַלט אויסגעשריען מיט אַ געשטיקטער שטימע — צו וואָס רופסט דו מיך ארוים?

— איך וויל אַז מײנע ברידער פֿון דעם בית־מקדש זאָלען מיך אָננעהמען מיט אַ רײן הארץ און זײ זאָלען צו־בויגען די אויערען צו די ווערטער, וועלכע איך ברענג זײ פֿון מײנע ברידער פֿון בבל — האָט דער כשדי געענטפֿערט:

— זאָל אַזוי זײן! — האָט די געשטאַלט געזאָגט און איז פֿערשוואונדען געוואָרען.

דער כשדי איז געבליבען אָהן בעוועגונג, ווי אַ שטײן־בילד. דער קאָפּ זײנער איז געוועזען אַרונטערגעוואָרפֿען, די הענד האָט ער געהאַלטען אויפֿגעהויבען אין דער הויך. ער איז אַזוי געשטאַנען מעהר ווי אַ האַלבע שעה און זיך קײן ריהר נישט געגעבען.

אין דער זעלבער צײט, האָט זיך אָבגערוקט אַ שטיק מויער, וואָס איז געוועזען אַ וואַנד פֿון דער הײהל און דרײ

מצרי'שע כּהנים זענען אַריינגעגאַנגען. דערזעהענדיג דעם כּשדי, וועלכער איז געלעגען, ווי אין דער לופט, אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אויף עפּעס אַ אונזיכטבּאַר אָנלעהן, האָבען די כּהנים געקוקט אויף זיך מיט בּעוואונדערונג. דער עלטסטער פון זיי האָט געזאָגט:

— פאַרצייטענס זענען בּיי אונז אַזעלכע געווען, היינט קאָן דאָס אָבער קיינער נישט.

זיי זענען געגאַנגען אַרום דעם כּשדי אין אַלע זייטען. זיי האָבען איהם בּעריהרט אין אַלע זייטען, זיי האָבען בּעריהרט זיינע גלידער, וועלכע זענען געווען שטייף, ווי פּאַראַליזירט, און מיט אונרוהע האָבען זיי געקוקט אויף זיין פּנים, וואָס איז געווען געלב, ווי אַ פּנים פון אַ מת.

— צי איז ער געשטאָרבען? — האָט דער יונגסטער געפרעגט.

בּיי די ווערטער האָט זיך דער קערפּער פון דעם כּשדי אויסגעגלייכט. אויף זיין פּנים האָט זיך געוויזען אַ רויטליכקייט און די אויפגעהויבענע הענד האָבען זיך אַראָבּגעלאָזט. ער האָט אָבּגעאָטהעמט, געריבּען די אויגען, ווי איינער, וואָס חאַפּט זיך אויף פון שלאָף, ער האָט געקוקט אויף די כּהנים און נאָך אַ ווײַלע האָט ער געזאָגט:

— דו — האָט ער געזאָגט ווענדענדיג זיך צום עלטסטען — דו בּיזט מפרים, דער כּהן־גדול פון דעם בּית־מקדש פּת אין מעמפיס... דו — בּיזט הרהור, דער כּהן גדול פון עמון אין טעבּי, דער שני־למלך פון דער רעגירונג... דו — האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם יונגסטען — בּיזט פּענטוער, דער צווייטער נביא אין בּית־המקדש פון עמון און יועץ פון הרהור.

— און דו ביסט אודאי בר־אות, דער גרויסער כהן און חכם פון בבל, ווענען וועלכען מען האט אונז נאך פאר א יאהר אנגזאגט א בשורה, אז ער וועט קומען — האט מפרים געזאגט.

— אמת האסט דו געזאגט — האט דער כשדי גע־ענטפערט.

ער האט זיי געהאלזט איינעם נאכ'ן אנדערן און זיי האבען דעם קאפ אראב געבויגען פאר איהם;

— איך ברענג אייך גרויסע ווערטער פון אונזער אלעמענס היים, פון דער קלוגשאפט — האט בר־אות גע־ענטפערט — זאלען די ווערטער ארײַן אין אייערע הערצער און טהוט וואס מען דארף.

הרהור האט געמאכט א צייכען און פענטוער האט זיך אבגערוקט אין א זייט. דערנאך האט ער געבראכט דריי גרויסע שטוהלען פון לייכט האלץ פאר די עלטערע און א נידריג בענקעל פאר זיך. ער האט זיך געזעצט נעבען א לעמפעל און האט ארויסגענומען פון בוזעם א קליינעם שטי־רעט און א טעוועלע, וואס איז געווען בעדעקט מיט וואקס.

ווען אלע דריי האבען זיך געזעצט, האט דער כשדי אנגעהויבען:

— צו דיר, מפרים, רעדט די גרעסטע חברה פון די כהנים אין בבל: די היילינע כהונה אין מצרים פאלט. פיעל כהנים זאמלען געלד און ווייבער און פערברענגען דאס לעבען אין תענוגים פון עולם־הזה. די קלוגשאפט ווערט פערנאכלעסיגט. איהר האט נישט קיין מאכט, נישט איבער יענע וועלטען און נישט איבער אייערע איינענע נשמות. נישט איינער פון אייך האט שוין קיין אמונה אויך נישט

און פון אייערע אויגען איז פערהוילען די צוקונפט. נאך ער־גער איז, וואס פיעל כהנים, שפירענדיג, אז די קרעפטען פון זייער גייסט זענען פערשוואונדען געווארען, זענען זיי אראבגעגאנגען אויף דעם וועג פון שקר און מיט פאלשע נסים פערפיהרען זיי דאס פאלק.

אזוי זאגט די גרעסטע חברה כהנים: אויב איהר ווילט געהן אויף א גוטען וועג, וועט בר־אות בלייבען ביי אייך עטליכע יאהר און מיט דער הילף פון דעם פונק, וואס ער האט געבראכט פון דעם גרויסען מזבח אין בבל, וועט ער אנצינדען א הייליג פייער און ברענגען א ליכטיגקייט אין מצרים.

— אלץ איז אזוי, ווי דו זאגסט — האט מפריס געענטפערט מיט טרויריגקייט — פערבלייב דאדורך ביי אונז עטליכע יאהר, כדי דער יונגער דור זאל זיך דערמאנען דיין קלוגשאפט.

— און איצט האב איך דיר, הרהור, עפעס צו זאגען אין נאמען פון דער העכסטער חברה כהנים...

הרהור האט אראבגעבויגען דעם קאפ.

— וועיל די גרויסע סודות זענען פערנאכלעסיגט גע־ווארען. האבען אייערע כהנים נישט דערזעהן, אז שלעכטע צייטען קומען אן אויף מצרים. אינערליכע אונגליקען ווע־לען קומען אויף אייך און נאר מעשים־טובים קענען זיי פערטרייבען. זעהר שלעכט וועט זיין, אויב איהר וועט אין משך פון צעהן יאהר פיהרען א מלחמה געגען אשור. דאס מיליטער פון אשור וועט מנצח זיין דאס מיליטער פון מצרים. א מפלה וועט מצרים האבען. אשור וועט קו־מען צום נילום און וועט אלעם אויסראטען.

אוי, די שטערן, די שטערן איבער מצרים! זיי שטעהען היינט פּונקט אַזוי, ווי אין די ציַיטען, ווען די היקסאָסען זענען אָנגעקומען קיין מצרים און האָבען דאָס לאַנד אײַנגענומען און בערויבט. אין פֿינפֿהונדערט יאָהר אַרום וועלען זיי ווידער אַזוי שטעהן. דאַמאָלס וועט אָנקו-מען אויף מצרים אַ אונגליק פֿון אשור און פֿון דעם פֿאָלק פּרס, וואָס וואָהנט אויף מזרח-זייט פֿון כשדים...

די כּהנים האָבען דאָס אַלעס אויסגעהערט מיט שרעקעניש. הרהור איז בלאַס געווען, פּענטוער'ן איז דאָס טעוועלע פֿון דער האַנד אַרויסגעפֿאַלען. מפּרים האָט אָנ-געחאַפּט די קמיע, וואָס האָט געהאָנגען אויף זיין ברוסט און האָט מתפּלל געווען מיט טרוקענע ליפּען.

— היט זיך פֿאַר אשור — האָט דער כּשדי ווייטער געזאָגט — וויַיל היינט איז די צייט פֿון אשור, אַ אַכור איז אשור!... אַכורי'ש איז דאָס פֿאָלק פֿון אשור... עס האָט פֿיינד אַרבייט און לעבט נאָר פֿון מלחמות. די וואָס אשור אין מנצח, שלאָגט ער צו אָן סלופּעס, אָדער רייסט פֿון זיי די הויט אַראָב. די שטעדט, וואָס ער נעהמט איין, רואינירט ער און די איינוואָהנער פֿיהרט ער אַוועק אין גלות, זיין פֿרייד איז, ווען ער שיסט צו שרעקליכע חיות, אַ שפּיע-לעכטס איז ביי איהם צו שיסען מיט'ן פֿייל-און-בויגען צו די מענשען, וואָס ער פֿאַנגט, אָדער זיי אויסצושטעכען די אויגען. פֿון בית-מקדש'ים מאַכט ער חורבות, די כּלים פֿון די בית-מקדש'ים בענוצט ער פֿאַר זיך ביי זיינע סעודות, פֿון כּהנים און חכמים מאַכט ער זיך לצים. זייערע ווענד בעצירען זיי מיט דער הויט, וואָס זיי ציהען אַראָב פֿון לעבע-

דיגע מענשען, די טישען זייערע בעצירען זיי מיט די פּערבלוטיגטע קעפּ פון זייערע שונאים.

ווען דער כשדי איז שטיל געבליבען, האָט זיך מפרים אָנגערופען:

— גרויסער נביא! אַ אימה האָט דו געוואָרפען אויף אונזערע נשמות און דו ווייזט אונז נישט, מיט וואָס מיר זאָלען זיך קענען ראַטעווען. עס קען זיין, און אַודאי וועט זיין אַזוי, ווי דו זאָגסט, אַז אַ געוויסע צייט וועט אונזער גורל נישט זיין גוט; אָבער ווי אַזוי זאָלען מיר זיך פון דעם בעפרייען? אין נילוס זענען פערהאַנען געפעהרליכע ערטער, פון וועלכע קיין שיף קען גאַנץ נישט אַרויס; די קלוגהייט פון די רודערער לערנט זיי אָבער, ווי זיי זאָלען אויף אַזעלכע ערטער נישט קומען. אַזוי איז אויך מיט די אונגליקען פון פעלקער. אַ פאָלק איז ווי אַ שיף און די צייט איז ווי אַ טייך, וואָס ברויזט אין געוויסע צייטען, אויב אַ האָלצערן שיפעל פון אַ פישער קען זיך בעפרייען פון אַ אונגליק, פאַרוואָס זאָלען מיליאָנען מענשען זיך נישט קאָנען בעפרייען פון אַ אונגליק?

— קלוג זענען דיינע ווערטער — האָט בר-אות געענטפערט — איך קען אָבער נישט אויף אַלע ענטפערן.

— ווייסט דו דען נישט אַלץ, וואָס עס וועט געשעהן? — האָט הרהור געפרעגט.

— פרעג מיך נישט דאָס: וואָס איך ווייס און איך קען נישט זאָגען. אַמוויכטיגסטען איז פאַר אייך צו דערהאַלטען דעם שלום מיט אַשור אין משך פון צעהן יאָהר. דאָס קענט איהר דאָך טהון.

אַשור האָט נאָך מורא פאַר אייך, ער ווייס גאַרנישט,

וואָס די שטערען ווייזען וועגען אייער גורל און ער וויל אָנ־הויבען צו פיהרען אַ מלחמה מיט די פעלקער פון צפון און מזרח, וועלכע וואָהנען נעבען דעם ים, בכן קענט איהר מיט איהם שליסען אַ שלום אפילו נאָך היינט...

— אויף וואָס פאַר בעדינגונגען? — האָט הרהור געפרעגט.

— אויף זעהר גוטע בעדינגונגען. אשור וועט אייך אָבטרעטען ארץ־ישראל, ביז צו דער שטאָדט עכו און דאָס לאַנד אדום ביז צו דער שטאָדט אילת, בכן וועלען זיך אייערע גרענצען פערברייטען, אָהן מלחמה, מיט אַ שטיק פון צעהן טעג גאַנג אויף צפון־זייט און צעהן טעג אויף מזרח־זייט.

— און פעניציען?...— האָט הרהור געפרעגט.

— היט זיך פאַר דער תאוה! ... — האָט בר־אות געשריען — ווען פרעה וואָלט היינט אויסגעצויגען די האַנד אויף פעניציען, וואָלטען די אַרמעען פון אשור אין אַ חודש אַרום אָנגעהויבען צו געהן אויף צפון־זייט און נאָך אײ־דער אַ יאָהר וואָלט פאַראיבער, וואָלטען זייערע פערד זיך געבאָדען אין נילוס.

— מצרים קען דאָך אָבער נישט אַוועקלאָזען פון איהר האַנד די מאַכט, וואָס זי האָט איבער פעניציען? — האָט איהם הרהור איבערגעריסען.

— אויב מצרים וועט איהר מאַכט איבער פעניציען נישט אַרויסלאָזען פון איהר האַנד, וועט זי אַליין אויף זיך אַ מפלה ברענגען — האָט דער כשדי געזאָגט — איך מוז נאָך אַ מאָל איבערחזר'ן די ווערטער פון דער העכסטער חברה כהנים: „זאָג מצרים — האָבען מיך געהייסען מיי־

נע בריִדער פֿון בבל — אַז צעהן יאָהר זאָל זי זיך האַל־טען ביי איהר ערד, וואָרום אַ רויבפֿויגעל וואַרט אויף איהר זי צו צורייסען. זאָג, אַז מיר כשדים האָבען פֿיינד אַשור נאָך מעהר ווי מצרים, ווייל מיר קענען דעם עול פֿון זיי־ער ממשלה נ פֿונדעסטוועגען הייסען מצרים, זי זאָל שלום מאַכען מיט דעם בלוטדורשטיגען פֿאָלק, צעהן יאָהר — נאָר צעהן יאָהר און דערנאָך וועט איהר קענען צוריקקומען צו אייער פֿריהריגען צושטאַנד און אונז וועט איהר קענען ראַטעווען.

— דאָס איז אמת — האָט מפרים געזאָגט.

— בעטראַכט נאָר — האָט דער כשדי ווייטער גע־זאָגט — אויב אַשור וועט מיט אייך פֿיהרען אַ מלחמה וועט ער צוציהען בבל, וועלכע מיאוס׳ט זיך מיט מלחמות, אונזער עשירות וועט אויסגעשעפּט ווערען און די אַרבייט פֿון קלוגהייט וועט פֿערהאַלטען ווערען. אַפילו ווען מען וועט אייך נישט מנצח זיין, וועט אייער לאַנד לאַנגע יאָה־רען רואינירט זיין, פֿיעל מענשען וועלען אומקומען און זאַמד וועט פֿערשיטען אייער פֿרוכטבאַרע ערד און איין יאָהר און דאָס לאַנד וועט וויסט זיין.

— דאָס פֿערשטעהען מיר — האָט זיך הרהור אָנ־גערופֿען — און טאַקי דערפֿאַר ווילען מיר נישט פֿערטשע־פּען אַשור. אָבער פֿעניציען...

— וואָס שאַדט אייך — האָט בר־אות געזאָגט — אַז די רוצחים פֿון אַשור וועלען צודריקען די גנבים פֿון פֿעניציען? אונזערע און אייערע סוחרים וועלען דערפֿון פֿערדיענען. און אויב איהר ווילט האָבען אונטער אייער מאַכט די פֿעניציאַנער, ערלויבט, אַז זיי זאָלען זיך בעזע־

צען אויף אײַערע ברעגען. איך בין זיכער, אַז די רײַכסטע און קלוגסטע פון זײ װעלען ענטלויפען פון דער אויבער־מאַכט פון אשור.

— װאָס װאָלט געשעהן מיט אונזער פלאַץ, װען אשור װאָלט זיך בעזעצט אין פעניציען? — האָט הרהור געפרעגט.

— דאָס איז דאָך נישט אײַער פלאַץ, נאָר אַ פעני־צישער — האָט דער כשדי געענטפערט — אויב איהר װעט נישט האָבען קײן שיפען פון צור און צידון, װעט איהר אָנהויבען בויען אײגענע שיפען און מצרים װעלען זיך אָנהויבען לערנען די קונסט פון שיפערײַ. אויב איהר װעט האָבען פערשטאַנד און גבורה, װעט איהר בײַ די פעניציאַנער אַרויסרײַסען דעם האנדעל אין גאַנץ מערב...

הרהור האָט אַמאָך געטהון מיט דער האַנד

— איך האָב געזאָגט, װאָס מען האָט מיך געהײסען — האָט כר־אות געזאָגט — און איהר טהוט, װי איהר װילט. געדענקט אָבער, אַז צעהן יאָהר מיט מפלות װעט איהר האָבען.

— מיר דאַכט זיך — האָט זיך פענטױער אָנגערו־פען — אַז דו האָסט עפּעס געזאָגט װעגען אינערליכע מפלות, װאָס זאָלען קומען אויף מצרים. װאָס פאַר מפלות װעלען זײַן?... אפשר קענסט דו זאָגען דײַן קנעכט?...

— װעגען דעם פרעגט נישט מיך. דאָס דאַרפט איהר בעסער צו װיסען פון מיר. איך בין דאָך אַ פרעמ־דער. די פאַרזיכטיגקײט װעט אײַך מגלה זײַן די קרענק און דער פערשטאַנד װעט אײַך געבען אַ רפואה.

— דאָס פֿאָלק איז שרעקליך געדריקט פֿון די גרויַ־סע לײַט — האָט פֿענטעאור געזאָגט.

— די פֿרומקײַט איז געפֿאַלען, האָט מפריס געזאָגט.

— עס זענען בײַ אונז פֿערהאַנען פֿיעל מענשען, וואָס קוקען אַרוים אויף אַ מלחמה מיט אויסלאַנד — האָט הרהור צוגעגעבען — איך זעה אָבער שוין לאַנג, אַז מיר קענען קײַן מלחמה נישט פֿיהרען. אויסער נאָך צעהן יאָהר...

— בכן וועט איהר שליסען אַ שלום מיט אַשור? — האָט דער כשדי געפֿרעגט.

— דער גאָט עמון, וועלכער קען מײַן הארץ — האָט הרהור געזאָגט — דער גאָט עמון ווײַסט, ווי מיאוס עס איז מיר אַזאַ שלום... אשור האָט דאָך אונז ערשט נישט לאַנג געצאָהלט מס!... נאָר אויב דו, הײַליגער פֿאָ־טער, און די גרעסטע חברה כהנים זאָגט, אַז דער גורל שטעהט געגען אונז, מוזען מיר דאָך שלום שליסען...

— אמת, מיר מוזען... האָט מפריס געזאָגט...

— אויב אַזוי, זײַט מודיע די חברה כהנים פֿון בבל, אַז איהר האָט אַזוי בעשלאָסען און זײַ וועלען מאַכען, אַז דער מלך פֿון אשור וועט צו אײַך שיקען זײַנע שלוחים. גלויבט מיר, אַז דער שלום איז זעהר גוט פֿאַר אײַך: אָהן מלחמה וועט איהר פֿערגרעסערן... אונזער חברה כהנים האָט די זאַך גוט בעקלערט.

— אַלע ברכות זאָלען קומען אויף אײַך: עשירות, מאַכט און קלוגהײַט! — האָט מפריס געזאָגט — די כהונה מוז געהעכערט ווערען, און דו, הײַליגער מענש, בר־אות, וועסט אונז צוהעלפֿען.

— קודם־כל דארף מען פערלייכטערען די עלענדקייט פון פאלק — האט זיך אנגערופען פענטעאור.

— כהנים... פאלק!... — האט הרהור ווי צו זיך אליין געזאגט — קודם־כל דארף מען פעסט איינהאלטען די, וואס ווילען דוקא מלחמה... אמת טאקי, דער הייליגער פרעה האלט מיט מיר און עס דאכט זיך מיר, אז דאס הארץ פון דעם קרוין־פרינץ, אייביג זאל ער לעבען, איז אויך אביסעל אין מיין האנד. אבער ניטאגער, וועלכער דארף אזוי מלחמה, ווי א פיש דארף וואסער... אבער די אנפיהרער פון דעם געדונגענעם מיליטער. וועלכע האבען זייער וויכטיגקייט נאר בעת א מלחמה... אבער אונזער אריסטאקראציע, וועלכע מיינט, אז א מלחמה וועט בעצאה־לען די חובות פון פעניציען און זיי וועט זי ברענגען א פערמעגען...

— דערוויל פאלען די ערד־ארבייטער אונטער דער לאסט פון זייער שווערער ארבייט און אנדערע ארבייטער ווערען אויפגערעגט פון דער בעדריקונג פון זייערע אויבער־הערען — האט זיך פענטועער אנגערופען.

— דער האלט זיך שטענדיג נאר ביי דאס זייני־גע! — האט הרהור געזאגט פערקלערט — קלער דיר דו פענטועער וועגען פויערען און ארבייטער, דו, מפרים, קלער דיר וועגען די גרובען. וואס אייך וועט געלונגען צו טהון, ווייס איך נישט, אבער איך — איך שווער אייך, אז אויב מיין אייגענער זוהן וואלט געשטופט מצרים צו א מלחמה, וואלט איך איהם, מיין אייגענעם זוהן, פערטיליגט.

— טהו אזוי — האט דער כשדי געזאגט — ווער עס

ווײל, קען פֿיהרען אַ מלחמה, אָבער ניט אין אַ געגענד, וואו ער קען זיך טרעפֿען מיט אשור.

די זיצונג איז געענדיגט געוואָרען. דער כשדי האָט זיך אַרומגענומען דעם אָרעם מיט זײַן באַנד און מיט אַ שלײער האָט ער זײַן פּנים פֿערהילט. מפּרים און הרהור האָבען זיך געשטעלט אין בײדע זײַטען, פּענטעאור איז געשטאַנען הינטער איהם און אַלעמענס פּנים'ער זענען געווען געווענדעט צו דעם מזבח.

בר־אות האָט פֿערלעגט די הענד אויפֿ'ן האַרץ מורמעלענדיג עפּעס אַ תּפלה און גלײַכצײַטיג האָט זיך געהערט אַ גערויש פֿון אונטער דער ערד. הרהור, פּענטעאור און מפּרים האָבען זיך זעהר געוואונדערט און דער כשדי האָט הויך געזאָגט:

— בראל־ענתות, בלעדי־חיונתות, פום־חיה, איך נעהם אײַך פֿאַר עדות. איהר זײַט עדות! איהר זאָלט אונז שטיצען!

עס האָט זיך געהערט אַ קול פֿון אַ שופר. מפּרים איז געפֿאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד, הרהור האָט זיך אומגעקוקט מיט בעוואונדערונג און פּענטעאור האָט אַנידערגעקניעט מיט ציטערניש און האָט זיך די אויערען מיט די הענד פֿערשטאָפּט.

דאָס פּורפּורנע פּרוכת פֿאַר'ן מזבח האָט זיך געשאָקעלט און די פֿאַלדען פֿון פּרוכת האָבען זיך אַזוי געלענט, ווי פֿון הינטער זײ וואָלט אַ מענש געוואָלט אַרויסגעהן.

— זײַט עדות! — האָט מיט אַ משונה'דיג קול דער כשדי געשריען — זײַט עדות, אַלע מלאכים און אַלע

שדים! און דער וואָס וועט קיין וואָרט נישט האַלטען, אָדער דער, וואָס וועט דעם סוד אַרויסגעבען, דער זאָל זיין פערשאָלטען!...

— פערשאָלטען!... — האָט עפּעס אַ קול איבערגעחזר'ט.

— און פערטיליגט...

— און פערטיליגט... — האָט ווידער אַ קול איבערגעחזר'ט.

— אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דורך דעם שם, וועלכען מען טאָר נישט מעלדען, אויסער אין דעם בית־המקדש פאַר'ן מזבח און בשעת ער ווערט אַרויסגערעדט ציטערט די ערד, דער ים געהט צוריק, פייער ווערט פערלאָשען, בערגער שפּרינגען...

אין דער הייל איז געוואָרען אַ מהומה. עס האָבען זיך געהערט קולות פון שופרות און שרעקליכע דונערן. דאָס פּרוכת האָט זיך אויפגעהויבען. עס האָט געבליצט און געדונערט און פון אונטער דעם פּרוכת האָט מען געזעהן עפּעס ברואים, האַלב מענשען און האַלב חיות, האַלב מענשען און האַלב בוימער, וועלכע זענען געווען צונויפגעקנוילט און צונויפגעמישט.

פּלוצלונג איז שטיל געוואָרען און בר־אות איז געפלויגען אין דער לופט איבער די קעפּ פון די דריי כהנים.

. . . .

אַכט אַ זייגער אין דער פריה איז פּוּת פון חרן צוריקגעקומען אין דעם איינפאָהרהויז פון פעניציאַנער, וואו עס זענען שוין געווען זיינע זעק און קאַסטענס, וועלכע זענען געגנב'עט געוואָרען. עטליכע מינוטען דערנאָך איז

געקומען דער פערטרויטער קנעכט פון אסרחדן, וועלכען דער בעל-בית האט אריינגעפיהרט אין קעהלער אריין און איהם קורץ געפרעגט:

— וואס?...

— די גאנצע נאכט בין איך אויפ'ן ארט געווען — האט דער קנעכט געענטפערט;— דארט, וואו עס שטעהט דער בית-מקדש פון שת. צעהן א זייגער אווענד זענען דריי כהנים ארויס פון דעם גארטען, וואס געפינט זיך נאך פינף הייזער פון דעם הויז „דער גרינער שטערן". איינער פון זיי מיט א שווארצע בארד און שווארצע האר איז דורכ'ן פלאץ געגאנגען צו דעם בית-המקדש פון שת, איך בין נאך איהם געלאפען, עס איז אבער אנגעקומען א נעבעל און ער איז מיר פון די אויגען פערשוואונדען געווארען. צי ער איז צוריקגעגאנגען צו דעם „גרינעם שטערן" און ווען ער איז צוריקגעגאנגען, — ווייס איך נישט.

דער בעל-בית פון דעם איינפאהרהויז, אויסהערענדיג דעם בעריכט, האט זיך א קלאפ געטהון אין שטערן און געמורמעלט צו זיך זעלבסט:

— בכן קליידט זיך מיין גאסט פון הרן אין קליידער פון א כהן און געהט אריין אין בית-מקדש, נו, איז ער דאך אודאי א כהן; און אויב ער שערט זיך נישט דעם קאפ און די בארד, איז ער א כהן, א כשדי. און אויב ער זעהט זיך בסוד מיט די היגע כהנים, מוז דאך אין דעם זיין אזוינס, וואס זיי מוזען האלטען בסוד. איך וועל וועגען דעם דער פאליציי גארנישט זאגען, ווארום איך אליין וואלט נאך געקענט האבען א מפלה. איך וועל דאס דער-צעהלען נאר איינעם פון די גרעסטע לייט פון צידון, ווארום

מען קען בײַ דעם זעהר פֿיעל פֿערדיענען. אויב איך וועל נישט פֿערדיענען, וועלען מײַנע ברידער די פֿעניציאַנער פֿערדיענען.

קירצליך איז דער אַנדערער שליח צוריקגעקומען. אסרחדן איז אויך מיט דעם געגאַנגען אין קעהלער אַרײַן און האָט אויסגעהערט אויך, וואָס דער האָט איהם דערצעהלט:

— די גאַנצע נאַכט בין איך געשטאַנען געגען דעם הויז „אונטער דעם גרינעם שטערן". דער גאַסט פֿון חרן איז דאָרט געווען, ער האָט זיך אָנגעשכור'ט און האָט אַזוי געשריען, אַז אַ פּאָליציאַנט איז אַוש געקומען און האָט דעם שווײַצער געזאָגט, אַז דער שכור זאָל אַזוי נישט שרײַען...

— הע? — האָט דער בעל־בית געפֿרעגט — דער גאַסט פֿון חרן איז דאָרט געווען די גאַנצע נאַכט און דו האָסט איהם געזעהן?...

— און נישט נאָר איך האָב איהם געזעהן, אָבער אויך דער פּאָליציאַנט...

אסרחדן האָט גערופֿען דעם ערשטען קנעכט און יעדען פֿון זײַ האָט ער געהײַסען איבער'חזר'ן, וואָס זײַ האָבען פֿריהער געזאָגט. זײַ האָבען איבערגע'חזר'ט וואָרט בײַ וואָרט, יעדער, ווי ער האָט פֿריהער געזאָגט. פֿון בײדענס ווערטער האָט מען געזעהן, אַז פּוּת פֿון חרן האָט געוויילט די גאַנצע נאַכט אין הויז „אונטער דעם גרינעם שטערן", נישט אַרויסגעהענדיג פֿון דאָרט איין מינוט און גלײַכצײַטיג — איז ער צעהן אַ זייגער בײַ נאַכט געגאַנגען

צו דעם בית־מקדש פון שת, פון וואנען ער איז נישט צוריקגעקומען! ...

— אָ! ... — האָט דער פעניציאַנער געמורמעלט — אין דעם אַלעם שטעקט עפּעס גאָר אַ גרויסער שווינדעל ... איך מוז ווי אַמגיכסטען מודיע זיין די עלטסטע פון דער געמיינדע פון פעניציען, אַז דער בן־חת קען זיין גלייכצייטיג אויף צוויי ערטער. גלייכצייטיג וועל איך איהם בעטען, ער זאָל זיך אַרויסטראָגען פון מיין איינפאַהרהויז ... איך האָב נישט ליעב אַזעלכע, וואָס האָבען צוויי געשטאַלטען: איין געשטאַלט אַ אייגענס, דאָס צווייטע פאַר אַנדערע ווענען.

ווייל אסרחדן האָט מורא געהאַט פאַר כשוף, האָט ער מתפלל געווען צו אַלע געטער, וואָס זיינען געווען אין זיין איינפאַהרהויז. דערנאָך איז ער געלאָפען אין שטאָדט אַריין און דאָרט האָט ער אַליץ מודיע געווען דעם עלטסטען פון דער געמיינדע פון די פעניציאַנער און דעם עלטסטען פון דעם גנבים־צעח. קומענדיג צוריק אַהיים האָט ער גערופען אַ עלטערן פון דער פּאָליציי און איהם געזאָגט, אַז פוּת קען זיין אַ געפעהרליכער מענש; דערנאָך האָט ער פערלאַנגט פון פוּת'ן, אַז ער זאָל אַרויס פון זיין איינפאָהר־הויז, וועלכען ער גיעט נישט קיין פערדינענסט, נאָר חשדים און היזק.

פוּת איז גערן בעשטאַנען דערויף און האָט געזאָגט דעם בעל־בית, אַז נאָך היינט וועט ער פאָהרען אויף אַ שיף קיין טעבי.

— הלואי זאָלסט דו פון דאָרט נישט צוריקקומען!... — האָט זיך אסרחדן געקלערט — הלואי זאָלסט דו פגר'ן

אין די גרובען, אדער דו זאלסט אריינפאלען אין טייך און א קראקאדיל זאל דיך אויפפרעסען.

איין אין צוואנציגסטעס קאפיטעל.

די רייזע פון קרוין-פרינץ האט זיך אנגעהויבען אין דער שענסטער צייט פון יאהר, אין חודש פאיענוט (ענדע דעצעמבער און אנפאנג יאנואר).

דאס וואסער איז אבגעפאלען ביז דער העלפט, אבדעקענדיג זיך וואס א מאל מעהר פון גרעסערע שטיקער ערד. פון טעבי זענען געשוואומען צום ים פיעל טראפּטען מיט ווייץ; אין נידריגערן מצרים האט מען אראבגענומען פערשידענע וואוקסען פון פעלד. פאמעראנצען און גראנאטען-ביימער זענען בעדעקט געווען מיט בלומען, און אויף די פעלדער האט מען געזעעט לובין, פלאקס, גערשטען, באס, בעבלעד, אוגערקעס און אנדערע גערטנער-וואוקסען.

דעם קרוין-פרינץ און שני-למלך רעמסס האבען בעגלייט ביז צום ברעג כהנים, די העכסטע בעאמטע פון דער מלוכה, פרעה'ס גווארדיע און א גרויסע מאסע געוועהנליכע מענשען. אין דעם פערגאלדעטען שיף איז רעמסס אריין צעהן א זייגער אין דער פריה. אויפ'ן שיף זענען געווען טייערע געצעלטען און צוואנציג סאלדאטען האבען געארבייט מיט רודערס. ביי דעם מאסטבוים און איןביידע זייטען פון שיף זענען געשטאנען די בעסטע אינזשינערען. עטליכע האבען געהיט דעם מאסטבוים, אנדערע האבען קאמאנדעוועט מיט די רודערער, נאך אנדערע האבען געוויזען דעם וועג.

רעמסס האט פערבעטען אויף זיין שיף ארויף דעם כהן-גדול מפרים און דעם הייליגען כהן מנטה-זופית, וועלכע האבען געזאלט מיט איהם צוזאמען פאהרען און צוהעלפען אין זיין הערשען. ער האט אויך גערופען צו זיך דעם הויפט-מאן פון מעמפים, וועלכער האט דעם קרוין-פרינץ בעגלייט צו דער גרענעץ פון זיין פראווינץ.

עטליכע הונדערט טריט פאר דעם שני-למלך איז זיך געשוואומען א שענע שיף פון דעם גרויסען עוט-עת, וועלכער איז געוועזען א הויפט-מאן אין עי, א פראווינץ נעבען מעמפים. נאכ'ן שיף פון דעם קרוין-פרינץ זענען געוועזען א מענגע שיפען, אויף וועלכע עס זענען געפאהרען זיין הויף, כהנים, אפיצירען און בעאמטע.

נאהרונג און דיענערשאפט זענען פריהער אבגעפאהרען.

פון מעמפים פליסט דער נילוס צווישען צוויי פאסען פון בערג. וויטער געהען די בערג אראב אויף מזרח און אויף מערב און דער טייך טיילט זיך אויף עטליכע צווייגען, און זייער וואסער פליסט אויף א גרויסען, גלייכען שטח.

ווען דאס שיף איז אבגעגאנגען פון ברעג, האט דער קרוין-פרינץ געוואלט שמועסען מיט דעם כהן-גדול מפרים. עס האט זיך אבער פלוצלונג געהערט אזא געשריי פון דעם המון, אז דער קרוין-פרינץ האט געמוזט ארויסגעהן פון זיין געצעלט און זיך ווייזען דעם המון.

דאס גערויש איז אבער דאן גרעסער געווארען. אויף ביידע ברעגען איז געשטאנען א המון, וועלכער איז וואס א מאל גרעסער געווארען, האלב-נאקעטע ארבייטער און שטאדט-לייט, וועלכע זענען געוועזען יום-טוב'דיג געקליידט.

זעהר פיעל פון זיי האבען געהאט בלומען־קרענץ אויף די קעפ. כמעט אלע האבען געהאלטען אין די הענד גרינע צווייגלעך. עטליכע גרופען האבען געזונגען, אנדערע האבען געפויקט, נאך אנדערע האבען געשפיעלט אויף פלייטען.

דער נילוס איז פול געוועזען מיט קליינע שיפלעך, פון וועלכע עס זענען געווארפען געווארען בלומען צו'ם שיף פון קרוין־פרינץ. פיעל מענשען זענען געשפרונגען אין וואסער אריין און זענען געשוואומען נאך דעם פערגאלדעטען שיף.

— זיי בעגריסען דאך מיך אזוי, ווי דעם הייליגען פרעה!... — האט דער קרוין־פרינץ זיך געקלערט.

און א גרויסע נאוה איז אריין אין זיין הארץ, ווען ער האט דערזעהען אזוי פיעל הערליכע שיפען, וועלכע ער וואלט געקענט אויפהאלטען מיט איין ווינק, און די טויזענדער מענשען, וועלכע האבען אוועקגעווארפען זייערע בעשעפטיגונגען און האבען זיך איינגעשטעלט דאס לעבען, אבי נאר אנצוקוקען זיין געטליך פנים.

אממעהרסטען איז רעמסס געוועזען בערוישט מיט דעם געשריי פון דעם המון, וועלכעס האט איין מינוט נישט אויפגעהערט. דאס געשריי האט איהם פול געמאכט דאס הארץ, געשלאגען אין מוח, איהם געהויבען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז אויב ער וואלט אראבגעשפרונגען פון שיף, וואלט ער אפילו דאס וואסער נישט בעריהרט, ווארום דאס געשריי פון המון וואלט איהם געחאפט און געהויבען ביז'ן הימעל, ווי פליגעל הייבען א פויגעל.

דאס שיף איז אביסעל נעהנטער געקומען צום לינקען ברעג. דאס געשטאלט פון דעם המון איז מעהר בולט גע־

וואָרען און רעמסס האָט דערזעהן, וואָס ער האָט זיך גאָר נישט געריכט צו זעהן. בעת די ערשטע רייהען פון המון האָבען געזונגען און געפּאַטשט מיט די הענד, זענען אין די ווייטערע רייהען שטעקענס געפאלען געדיכט און גיך אויף אקסלען, וועלכע ער האָט נישט געזעהן.

רעמסס האָט זיך געווענדעט צו דעם הויפט־מאַן פון מעמפיס און אזוי געזאָגט:

— זעה נאָר, דו, גרויסער מאַן... די שטעקענס האַלטען דאָרט אין איין ארבייט...

דער הויפט־מאַן האָט מיט זיין האנד זיך די אויגען פערהאלטען און זיין קארק איז איהם רויט געוואָרען...

— זיי מוחל, גרויסער הערשער, איך זעה אָבער נישט גוט...

— מען שלאָגט... מען שלאָגט זיכער — האָט דער קרוין־פרינץ געזאָגט.

— עס קען זיין—האָט דער הויפט־מאַן געענטפערט— די פּאָליציי האָט אודאי געחאַפּט א באנדע גנבים...

רעמסס, וועלכער איז נישט זעהר צופרידען געוועזען מיט דער תשובה, איז געגאַנגען אין א זייט, וואו די אינזשינערען זענען געשטאַנען, און פון דאָרט האָט ער געקוקט אויף מעמפיס.

די ברעגען אין דער הויך פון נילוס זענען געוועזען כמעט וויסט, די שיפלעך זענען פערשוואונדען געוואָרען און די ארבייטער זענען געשטאַנען און געשעפּט וואסער און געגאָסען אין די ברונענס, ווי געוועהנליך.

— די שמחה האָט זיך שוין געענדיגט? — האָט ער געפרעגט איינעם פון די אינזשינערען.

— יאָ... די מענשען זענען צוריק צו זייער ארבייט— האָט דער אינזשינער געענטפערט.

— אזוי גיך!...

זיי מוזען אָבארבייטען פאר דער צייט, וואָס זיי האָבען דיך בעגריסט — האָט אונפאָרזיכטיג געזאָגט דער אינזשינער.

דער קרוין־פרינץ האָט א ציטער געטהון און געקוקט ווי מיט כעס אויף דעם אינזשינער. באלד האָט ער זיך אָבער בערוהיגט און איז צוריקגעגאנגען אין זיין געצעלט. ער איז געוועזען טרויריג און האָט מיט קיינעם א וואָרט נישט גערעדט. נאָך דער גאוה, וואָס האָט איהם געהאַט בעהערשט, האָט ער זיך אָנגעהויבען מיאוס'ן מיט דעם המון, וואָס געהט אזוי גיך אוועק פון התלהבות צו דער ארבייט.

אין דעם געגענד הויבט זיך דער נילוס אָן צו טיילען אויף צווייגען. דאָס שיף פון דעם הויפט־מאַן פון עי איז אראָב אויף מערב און נאָך א שעה רייזע איז ער אָנגעקומען צום ברעג. דער המון איז געוועזען גרעסער ווי אין מעמפיס. עס זענען געשטאנען א מאסע סאָפעס מיט פעהנער און טריאומף־טויערען, וועלכע זענען געוועזען בעדעקט מיט גרינס. צווישען דעם המון האָט מען וואָס א מאָל עפטער געזעהן פרעמדע פנים'ער און מלבושים.

ווען דער קרוין־פרינץ איז ארויס אויף דער יבשה, זענען צו איהם צוגעגאנגען די כהנים מיט א חופה און דער הויפט־מאַן עוט־עת האָט צו איהם געזאָגט:

— געבענשט זאָלסט דו זיין, שני־למלך פון דעם געט־ליבען פרעה ביי דער גרענעץ פון לאנד עי. אלס צייכען פון דיין חסד, וואָס איז פאר אונז ווי טהוי פון הימעל,

זײַ מקריב א קרבן דעם גאָט פּתח, אונזער גאָט, וועלכער שיצט אונז, און נעהם אונטער דײַן שוץ און מאַכט די מדינה מיט איהרע בית־מקדש'ס, איהרע בעאַמטע, איהר פאָלק, בהמות, תבואה און אַלץ, וואָס דאָ געפינט זיך.

דערנאָך האָט ער איהם פאָרגעשטעלט א גרופּע יונגע לײַט אין מלבושים, וואָס זענען געווען מיט גאָלד אויסגעשטיקט. די יונגע לײַט זענען געווען נאָהנטע און ווײַטע קרובים פון דעם הויפּט־מאַן, די אָרטיגע אריסטאָקראַציע.

רעמסס האָט זײ גוט בעטראַכט.

— אהאַ! — האָט ער געזאָגט — עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די הערען פעהלט עפּעס און שוין זעה איך, װאָס זײ פעהלט. זײ טראָגען נישט קײן פּערוקען...

— ווײַל דו, גרויסער קרוין־פּרינץ, טראָגסט נישט קײן פּערוק, האָבען אונזערע יונגע לײַט א נדר געטהון, אויך קײן פּערוקען נישט צו טראָגען — האָט דער הויפּט־מאַן געענטפערט.

נאָך דער ערקלערונג האָט זיך אײנער פון די יונגע לײַט געשטעלט מיט א פעכער הינטער דעם קרוין־פּרינץ, א צווײטער האָט זיך געשטעלט מיט א שוץ־שילד, א דריטער מיט א שפּיז און די פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעהויבען. דער קרוין־פּרינץ איז געגאַנגען אונטער דער חופּה, פאַר איהם איז געגאַנגען א כהן מיט א פאַהן, און וועלכער עס האָט זיך געריכערט קטורת און עטליכע יונגע מײדלעך האָבען געוואָרפען רויזען אויף דעם שטעג, וואו דער קרוין־פּרינץ האָט געזאָלט דורכגעהן.

דער יום־טוב'דיג געקלײדעטער המון מיט צווײַגלעך אין די הענד האָט געמאַכט א וואַרע און געשריען, געזונגען,

אָדער געפֿאַלען מיט'ן פנים אויף דער ערד פֿאַר דעם פֿערטרעטער פֿון פרעה. דער קרוין־פּרינץ האָט אָבער דערקענט, אַז טראָץ די הויכע צייכענס פֿון שמחה, זענען די פּנים'ער טויט און טרויריג. ער האָט אויך בעמערקט, אַז דער המון איז איינגעטיילט אין גרופּען, מיט וועלכע עס דיריגירען עפּעס מענשען און די שמחה קומט פֿאַר נאָר לויט דעם, ווי די מענשען קאָמאַנדעווען. און ווידער האָט ער זיך אָנגעהויבען צו מיאוס'ן אין האַרץ מיט דעם המון, וועלכער קען זיך אפילו נישט פֿרייען.

די פּראָצעסיע איז לאַנגזאַם נאָהענט צוגעקומען צו אַ געמויערטען זייל, וועלכער האָט אָבגעטיילט די פּראָווינץ עי פֿון דער פּראָווינץ מעמפֿיס. אויף דעם זייל זענען געווען אויפֿשריפֿטען אויף דריי זייטען וועגען דער בעפֿעלקערונג און דער צאָהל פֿון די שטעדט אין די פּראָווינצען. אויף דער פֿערטער זייט איז געשטאַנען אַ שטיינבילד פֿון דעם גאָט פּתח, וועלכער איז געווען אַרומגענומען פֿון די פֿיס ביז דער ברוסט מיט פּיאַווקעס, אויפ'ן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ געוועהנליכע הויב און אין דער האַנד — אַ שטעקען.

איינער פֿון די כהנים האָט דעם קרוין־פּרינץ דערלאַנגט אַ גאָלדענעם לעפֿעל מיט ברענענדען קטורת. דער קרוין־פּרינץ, אָבזאָגענדיג די תפלות פֿון קטורת, האָט דעם לעפֿעל צוגעטראָגען און אויפֿגעהויבען צום פּנים פֿון דעם גאָט און האָט זיך נידעריג געבוקט.

די געשרייען פֿון המון און פֿון די כהנים זענען וואָס אַ מאָל שטאַרקער געוואָרען, חאָטש די אַריסטאָקראַטישע יוגענד האָט געשמייכעלט און געלאַכט. דער קרוין־פּרינץ, וועלכער האָט זעהר אָנגעהויבען שעצען געטער און כהנים

זייט ער האט מיט הרהור'ן שלום געשלאסען, האט לייבט איינגעצויגען די ברעמען און באלד האט די יוגענד א אנדערע שטעלונג אנגענומען. אלע זענען ערנסטער געווארען און עטליכע זענען געפאלען אויף די פנים'ער פאר דעם שטיינ' בילד.

„מענשען פון איידעלען שטאם — האט זיך דער קרוין-פרינץ געקלערט — זענען טאקי בעסער פון דעם המון... מענשען פון איידעלען שטאם. וואס נאר זיי טהוען, טהוען זיי פון גאנצען הארץ, נישט אזוי, ווי די, וואס שרייענדיג פון מיין כבוד ווענען, וואלטען זיי שוין גערן ווי אמגיכסטען צוריק געגאנגען צו זייערע שטאלען און ווערקשטעלען...

איצט האט ער מעהר ווי א אנדערש מאל געזעהן, ווי ווייטער איז פון די געוועהנליכע מענשען, און ער האט פערשטאנען, אז נאר די אריסטאקראציע איז א קלאס, וואס קען פיהלען דאס זעלבע וואס ער פיהלט. ווען עס וואלטען פלוצלונג פערשוואונדען געווארען די אויסגעפוצטע יונגע לייט און די שענע פרויען, וואס זייערע פלאמענדע בליקען שפירען נאך יעדע בעוועגונג זיינע, כדי זיי זאלען איהם באלד קענען דינען און ערפילען זיין בעפעהל, וואלט ער זיך צווישען דעם גרויסען המון געשפירט מעהר איינזאם ווי אין א מדבר.

אכט נעגער האבען געבראכט א לעקטיקא, וואס די חופה איבער איהר איז געווען בעציערט מיט שטרויס-פעדערן, אין וועלכע דער קרוין-פרינץ האט זיך אריינגעזעצט און איז געטראגען געווארען אין דער הויפט-שטאדט פון דער פראווינץ, מיחון, וואו ער האט געוואהנט אין דעם פאלאץ, וואס האט געהערט צו דער רעגירונג.

אַ גאַנצען חודש איז רעמסס געווען אין דער פּראָווינץ, וואָס איז נאָר עטליכע מייל ווייט געווען פון מעמפיס. און די גאַנצע צייט, וואָס ער איז דאָרט געווען, האָט ער אָנגענומען ביטעס און הולדיגונגען, בעאַמטע האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט און סעודות האָט מען פון זיין כבוד וועגען געמאַכט.

סעודות זענען געמאַכט געוואָרען צוויי־ערליי: אין פּאַלאַץ, וואו עס איז פערבעטען געוואָרען נאָר די אַריסטאָקראַציע, און אויפ'ן הויף, וואו גאַנצע אָקסען זענען געבראָטען געוואָרען, הונדערטער לאַבען ברויט זענען אויפגעגעסען געוואָרען און הונדערטער קרוגען וויין זענען אויסגעטרונקען געוואָרען. דאָ האָבען געגעסען און געטרונקען די קנעכט פון דעם קרוין־פּרינץ און די נידריגסטע בעאַמטע פון דער פּראָווינץ.

רעמסס האָט בעוואונדערט דעם הויפּט־מאַן פון דער פּראָווינץ, וואָס גיעט אויס אַזוי פיעל געלד פון זיין כבוד וועגען און די איבערגעגעבענהייט פון די גרויסע לייט, וועלכע האָבען ביי טאָג און ביי נאַכט אַרומגערינגעלט דעם קרוין־פּרינץ. נאָכשפּירענדיג יעדען וואונק זיינעם און זייענדיג שטענדיג גרייט זיינע בעפעהלען צו פאָלגען.

וואַרענדיג ענדליך ערמידעט פון די פערוויילונגען, האָט רעמסס געזאָגט דעם גרויסען עוט־עת, אַז ער וויל נעהנטער דערקענען דיווירטשאַפט פון דער פּראָווינץ. אזא בעפעהל האָט ער בעקומען פון דעם הייליגען פּרעה.

דער הויפּט־מאַן האָט געבעטען דעם קרוין־פּרינץ, ער זאָל זיך זעצען אין דער לעקטיקאַ, וועלכע צוויי מענשען האָבען געטראָגען און אין בעגלייטונג פון אַ גרויסע סוויטע

האָט ער איהם געפֿיהרט אין דעם בית־מקדש פֿון דעם גאָט התור. דאָרט איז די סוויטע געבליבען אין קאָרידאָר און דער הויפּט־מאַן האָט געהייסען די טרעגער אַרויפֿטראָגען דעם קרוין־פּרינץ אויף דעם שפּיץ פֿון אַ טהורם און אַליין איז ער מיטגעגאַנגען.

אויף דעם שפּיץ פֿון דעם זעקסשטאָקיגען טהורם, וואו די כהנים האָבען געפֿאָרשט די שטערען און מיט קאָליִרטע פֿעהנלעך האָבען זיי געגעבען צייכענס די כהנים, וואָס זענען געשטאַנען אויף די טהורמען פֿון די בית־מקדש'ם אין מעמ־פֿיס, עתר־איבים און ענאָ, — האָט מען געקענט זעהן כמעט די גאַנצע פּראָווינץ.

און טאַקי אויף דעם שפּיץ פֿון דעם טהורם האָט עוט־עת געוויזען דעם קרוין־פּרינץ, וואו עס געפֿינען זיך די פֿעל־דער און די וויינגערטנער פֿון פּרעה'ן. וועלכער קאַנאַל עס ווערט איצט אויסגעפּוצט, וואו דאָס וואַסער דאַרף פֿערהאַל־טען ווערען, וואו עס געפֿינען זיך די אויוועגס צו שמעלצען בראָנז, וואו עס זענען דעם מלך'ס שפּייכלער, וואו די זומ־פֿען זענען בעוואַקסען מיט לאָטוס און פּאַפּירוס, וועלכע פֿעלדער זענען בעשיט מיט זאַמד און נאָך און נאָך.

רעמסס האָט זיך זעהר געפֿרייט דערזעהענדיג דאָס אַלץ און האָט זעהר געדאַנקט עוט־עת'ן פֿאַר דעם פֿערגני־גען, וואָס ער האָט איהם געמאַכט. נאָר ווען ער איז צוריקגעקומען אין פּאַלאַץ אַריין און לויט דער עצה פֿון פֿאָטער האָט ער אָנגעהויבען אויפֿצושרייבען זיינע איינדרוקען, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זיינע ידיעות וועגען דעם צושטאַנד פֿון דער פּראָווינץ עי זענען נישט גרעסער געוואָרען.

נאָך עטליכע טעג האָט ער ווידער פֿערלאַנגט פֿון

עוט-עת׳ן, ער זאָל איהם געבען ערקלערונגען וועגען דער אַדמיניסטראַציע אין דער פּראָווינץ. דאַן האָט עוט-עת געהייסען אַלע בעאַמטע זאָלען זיך פֿערזאַמלען און פֿערבייגעהן פֿאַר דעם קרוין-פּרינץ, וועלכער איז געזעסען אויף אַ הויך אָרט אין הויף.

פֿאַר דעם קרוין-פּרינץ האָבען זיך דאַמאָלס פֿערבייגערוקט גרעסערע און קלענערע שאַץ-מייסטערס, שרייבערס פֿון תבואה, ויין, בהמות און שטאָף צו מלבושים, הויפּטמענער פֿון מויערער און ערד-גרובער, אינזשינערען, רופֿאים פֿון פֿערשידענע קראַנקהייטען, אָפֿיצירען פֿון אַרבייטערפּאָלקען, שרייבער פֿון פּאָליציי, שופֿטים, אויפֿזעהער פֿון תּפיסות, מענשען וועלכע פּאַלמעסען טויטע. דערנאָך האָט רעמסס פֿאָרגעשטעלט זיינע איינענע בעאַמטע פֿון דער פּראָווינץ. דער קרוין-פּרינץ איז געוואָהר-געוואָרען צו זיין גרויס בעוואונדערונג, אַז אין דער פּראָווינץ ע אין דער שטאָדט סיחון פֿערמאָגט ער: אַ בעזונדערן פֿוהרמאַן, אַ בויגען-שיסער, טרעגער, וועלכע דאַרפֿען טראָגען פֿאַר איהם די שוץ-שילד, אַ שפּיז און אַ האַק, אַ ערך צוואַנציג לעקטיקאַ-טרעגער, עטליכע קאָך-מייסטערס, געטראַנק-מייסטערס, פֿריזירער און פֿיעל אַנדערע דינער, וועלכע צייכנען זיך אויס מיט זייערע צוגעבונדענקייט און טריישאַפֿט, האָטש רעמסס האָט זיי גאָר נישט געקענט און האָט אפילו זייערע נעמען קיין מאָל נישט געהערט.

ווערענדיג ערמידעט מיט׳ן בעקוקען די בעאַמטע, האָט דער קרוין-פּרינץ אויך זיין מוט פֿערלוירען. דער געדאַנק, אַז ער פֿערשטעהט גאָר נישט, און דאַדורך איז ער אויך נישט פֿעהיג צו דער מלוכה-אַרבייט, האָט איהם בעשראָקען.

ער האָט אָבער מורא געהאַט אַפילו פאַר זיך אַליין מודה צו זיין, אַז ער טויג נישט צו פיהרען דאָס לאַנד.

וואָרום אויב ער וועט נישט קענען פיהרען די מלוכה און אַנדערע וועלען זיך דערקענען אויף דעם, וואָס וועט איהם בלייבען?... נאָר דער טויט. רעמסס האָט געשפירט, אַז אויסער דעם טראָן איז פאַר איהם קיין גליק נישט פאַרהאַנען, אַז אָהן מאַכט — וואָלט ער נישט געקענט לעבען.

ווען ער האָט זיך אָבער עטליכע טעג אָבגערוהט, וויפיעל ער האָט געקענט אָברוהען אין דעם געריוש, האָט ער ווידער צו זיך גערופען עוט-עת און האָט צו איהם געזאָגט:

— איך האָב דיך געבעטען, אַז דו זאָלסט מיך בעקענען מיט דער פערוואַלטונג פון דיין פּראָווינץ. דו האָסט אַזוי געטהון: דו האָסט מיר געוויזען דאָס לאַנד און די בעאַמטע, אָבער איך — ווייס נאָך גאָר נישט. איך בין ווי איינער, וואָס געפינט זיך אין די היילען פון אונזערע בית-מקדש'ים און זעהט אַרום זיך נאָר וועגען און אַרויסגעהן אויף דער פרייער וועלט קען ער נישט.

דער הויפט-מאַן איז מבולבל געוואָר

— וואָס האָב איך צו טהון? — האָט ער געשריען — וואָס ווילסט דו פון מיר הערשער?... זאָג אַרויס אַ וואָרט װעל איך דיר אָבגעבען מיין אַמט, מיין פערמעגען, אַפילו דעם קאָפּ אויך.

און זעהענדיג, אַז דער קרוין-פּרינץ נעהמט אָן די פערזיכערונג, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— בעת דיין רייזען, האָסט דו געזעהן דאָס פאָלק פון מיין פּראָווינץ. דו ווייסט אודאַי זאָגען, אַז נישט דאָס גאַנצע פאָלק איז געוועזן. זאָל זיין אַזוי, איך וועל הייסען, אַז

די גאַנצע בעפעלקערונג זאָל אַרויסגעהן. עס וועלען אַרויסגעהן צווייא מאָל הונדערט טויזענד מאַנספּערזאָנען, ווייבער, אַלטע לייט און קינדער. אויף דעם שפּיץ פון טהורם האָסט דו געזעהן אונזער טעריטאָריע. נאָר אויב דו ווילסט, קענען מיר פון דער נאָהענט אָנקוקען יעדעם פעלד, יעדעם דאָרף און יעדע גאַס פון דער שטאָדט סיחון.

איך האָב דיר אויך געוויזען די בעאַמטע, צווישען וועלכע עס זענען נישט געוועזען די גאָר נידריגע. דאָס איז אמת. ווען דו וועסט אָבער אַרויסגעבען אַ בעפעהל, וועלען אַלע שטעהן מאָרגען פאַר דיר און זיי וועלען ליגען פאַר דיר אויף זייערע בייכער.

— וואָס זאָל איך נאָך טהון?... זאָג מיר, גרויסער הערשער!..

— איך גלויב דיר, אַז דו ביסט מיר זעהר טריי — האָט דער קרוין־פּרינץ געזאָגט — ערקלער מיר אַלזאָ צוויי זאַכען: איינס — פאַר וואָס זענען קלענער געוואָרען די איינקינפטען פון דעם הייליגען פּרעה? צווייטענס — וואָס טהוסט דו אַליין אין דער פּראָווינץ?...

עוט־עת איז צומישט געוואָרען און דער קרוין־פּרינץ האָט נאָך ווייטער געזאָגט:

— איך וויל וויסען, וואָס טהוסט דו דאָ און מיט וואָס פאַר מיטלען דו הערשסט? וואָרום איך בין יונג און הויב ערשט אָן צו הערשען...

— דו האָסט אָבער קלוגהייט פון אַ זקן! — האָט דער הויפּט־מאַן געמורמעלט.

— עס איז אַלזאָ נויטווענדיג, אַז איך זאָל פרעגען עלטערע, און דו זאָלסט מיך לערנען.

— אַלץ וועל איך דיר ווייזען און דערצעהלען — האָט עוט-עת געזאָגט — מיר מוזען אָבער אַרויסגעהן אויף אַ אָרט, וואו עס איז נישט אַזאַ גערויש...

אין דעם פּאַלאַץ, וואו דער קרוין-פּרינץ האָט געוואָהנט אין דעם אינערליכען הויף און אין דעם אויסערליכען הויף, איז טאַקי געוועזען ווי אויף אַ יריד. עס האָבען זיך געשטופּט מענגעס מענשען. מען האָט געגעסען, געטרונקען, געזונגען, זיך געשלאָגען און געיאָגט און אַלץ נאָר צוליעב דעם לויב פון דעם קרוין-פּרינץ, זייער הערשער.

דריי אַ זייגער נאָך מיטאָג האָט דער הויפּט-מאַן געהייסען אַרויספיהרען צוויי פערד, אויף וועלכע ער איז צוזאַמען מיט דעם קרוין-פּרינץ אַרויסגעפאָהרען פון דער שטאָדט אויף מערב. די הויפס-לייט זענען געבליבען אין פּאַלאַץ און זיך נאָך מעהר געווילט.

דער טאָג איז געוועזען אַ שענער, אַ קיהלער, די ערד איז געוועזען בעדעקט מיט גרינס און מיט בלומען. איבער די קעפּ פון די רייטער זענען געפלויגען פויגעל און געזונגען, די לופט האָט געשמעקט.

— ווי אַנגענעהם איז דאָ! — האָט רעמסס גערופען — דאָס ערשטע מאָל זייט איך בין דאָ, קען איך עפּעס טראַכטען. איך האָב שוין אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז אין מיין קאָפּ זיצט אַ גאַנצער פּאָלק מיט קריעגס-פוהרען און מושטירט זיך פון דער פריה ביז נאַכט.

— אַזאַ גורל האָבען די הערשער פון דער וועלט — האָט דער הויפּט-מאַן געזאָגט.

זיי זענען געשטאַנען אויף אַ בערגעל. אונטער זיי איז געוועזען אַ גרויסע לאָנקע, וואָס איז דורכגעהאַקט געוואָרען

מיט אַ בלוי טײַבעל. אויף צפון=זײַט און אויף דרום=זײַט האָט מען דאָרט געזעהן די װײַסע מויערען פֿון שטעדטלעך, נאָך דער לאַנקע װי װײַט מען האָט נאָר געקענט מיט די אויגען דערזעהן. האָט זיך געצויגען אַ רויטער זאַמד פֿון דער מערב=מדבר, פֿון װעלכען עס איז טהײל מאָל אָנגעקומען אַ הײסער װינד, װי פֿון אַ אויווען.

אויף דער לאַנקע האָבען זיך געפּאַשעט זעהר פֿיעל סטאַדעס בהמות: אָקסען מיט הערנער און אָהן הערנער, שאָף, ציגען, אײזלען, אַנטילאָפּען און אַנדערע. אויף פּער=שידענע ערטער זענען געװען אינזלען, װאָס זענען געװען בעוואַקסען מיט װאַסער=װאוקסען און קלײנע געדיכטע בוים=לעך, צװישען װעלכע עס איז געװען אַ מאַסע װילדע גענז, טויבען, באַציאַנעס און פּעליקאַנען.

— זעה, הערשער! — האָט דער הויפּט=מאַן געזאָגט — דאָ קענסט דו זעהן אונזער גאַנץ לאַנד. דעם גאָט אָזיריס איז דער פּאַס ערד געפֿעלען געװאָרען פֿון דער גאַנצער מדבר, ער האָט איהם בעשאָטען מיט װאוקסען און בהמות און חיות. דערנאָך האָט דער גוטער גאָט גענומען אויף זיך אַ מענשען=געשטאַלט און איז געװאָרען דער ערשטער פּרעה. און װען ער האָט דערשפּירט, אַז זײַן קערפּער חעלקט, איז ער אַרויס פֿון דעם קערפּער און איז אַרײַן אין זײַן זוהן, און דערנאָך — אין דעם זוהן פֿון זײַן זוהן.

אויף אַזאַ אופֿן לעבט אָזיריס צװישען אונז פֿון אײביג אין געשטאַלט פֿון פּרעה׳ן און ער נעהמט זײַן פּערדיענסט פֿון מצרים און זײַן רײַכטהום, װאָס ער אַלײן האָט בעשאַפֿען. גאָט איז אויסגעװאַקסען, װי אַ ריעזיג בוים. זײַנע גרויסע צװײַגען זענען אַלע מלכים פֿון מצרים. די קלענערע

צווייגען — די הויפט-מענער און די כהנים, די קליינינקע צווייגלעך — די ערד-לייט. דער גאט, וועלכען מיר זעהען, עצט זיך אויף זיין שטוהל און נעהמט זיך די איינקינפטען פון לאנד, וועלכע קומען איהם; דער גאט, וועלכען מיר זעהען נישט, נעהמט אן קרבנות אין די בית-המקדש'ם און מיט די מיילער פון די כהנים זאגט ער אונז וואס ער וויל.

— דו זאגסט אמת — האט זיך אנגערופען דער קרוין-פרינץ — אזוי שטעהט געשריבען.

— וויל אזירים-פרעה — האט דער הויפט-מאן ווייטער געזאגט — קען אליין זיך נישט בעשעפטיגען מיט דער ווירטשאפט פון דער וועלט, דאדורך האט ער געהייסען, אז מיר זאלען היטען זיין פערמעגען, מיר הויפט-מענער, וועלכע שטאמען פון זיין בלוט.

— דאס איז אמת — האט רעמסס געזאגט — אפילו דער זינדיגער גאט איז זיך מתלבש אין א הויפט-מאן און פון איהם שטאמט ארוים א דינאסטיע. אויף אזא אופן זענען בעשאפען געווארען פערשידענע דינאסטיעס.

— גוט זאגסט דו, הערשער מיינער — האט עוט-עת געזאגט — און איצט וועל איך דיר ענטפערן אויף דעם, וואס דו האסט מיך געפרעגט.

— דו האסט געפרעגט: וואס טהו איך אין דער פראווינץ?... איך היט דאס פערמעגען פון אזירים-פרעה און דעם טייל, וואס איך האב אין דעם פערמעגען. זעה נאר די סטאדעס: דו זעהסט פערשידענע בהמות און חיות. עס זענען פערהאנען צווישען זיי אזעלכע, וואס גיבען מילך, אנדערע גיבען פלייש, אנדערע — וואל און פעל. פונקט אזוי איז אויך די בעפעלקערונג פון מצרים: עס זענען פער-

האַנען אַזעלכע מענשען, וואָס גיבען תבואה, אַנדערע גיבען וויין, שטאָף צו מלבושים, כלים, בנינים, איך וויטער בין מחויב צו נעהמען פון יעדען, וואָס ער איז מחויב צו געבען און דאָס אַלעס אָבגעגעבען פרעה'ן.

אויפפּאַסען אַזוי פיעל סטאַדעס וואָלט איך איינער אַליין נישט געקענט; האָב איך מיר גענומען גוטע הענד און קלוגע פּאַסטוכער, פּאַסטוכער, וועלכע מעלקען די שאָף, שערען זיי, נעהמען פון זיי די פעל אַראָב, היטען זיי, גנבים זאָלען זיי נישט גנב'ענען און ווילדע חיות זאָלען זיי נישט צערייסען. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער פּראָווינץ: איך וואָלט נישט אימשטאַנד געווען צונויפצונעהמען אַלע אָב־צאָהלונגען און אָבצוהיטען מענשען פון שלעכטס; האָב איך דאַדורך בעאַמטע, וועלכע טהוען וואָס מען דאַרף און מיר גיבען זיי אָב רעכנונג פון זייערע מעשים.

— אַלץ איז אמת — האָט דער קרוין־פּרינץ געזאָגט — איך קען דאָס אַלעס און פערשטעה אַלעס. איך קען אָבער נישט געוואָהר ווערען: פאַר וואָס האָבען זיך פערקלענערט די איינקינפטען פון דעם היילינגען פרעה, האָטש מען היט זיי אַזוי אָב.

— דערמאָהן זיך, גרויסער פּרינץ — האָט דער הויפּט־מאַן געענטפערט — אַז דער גאָט שת, חאָטש ער איז דעם ליבטינגען אָזיריס ברודער, האָט ער איהם פיינד און פער־דאַרבט אַלע זיינע ווערק. ער, דער גאָט שת, שיקט אַראָב שטערבליכע קראַנקהייטען אויף מענשען און בהמות, ער מאַכט, אַז אין נילום זאָל נישט אָנקומען אַזוי פיעל וואַסער, וויפיעל מען דאַרף, אָדער עס זאָל פלוצלונג אָנקומען צו

פיעל, ער ווארפט אויף מצרים אין די הייסע טעג גאנצע טומאנען מיט זאמד.

אין א גוט יאהר דערגרייכט דער נילוס ביז צו דער מדבר; אין א שלעכט יאהר — קומט די מדבר צו דעם נילוס, און דאמאלס ווערען קלענער די איינקינפטען פון פרעה'ן.

— קוק נאר, גנעדיגער הערר — האט דער הויפט־מאן געזאגט, וויזענדיג די לאנקע — פיעל סטאדעס געפינען זיך דארט, נאר ווען איך בין יונג געוועזן, איז אויף דער לאנקע מעהר סטאדעס געוועזן. און ווער איז אין דעם שולדיג? קיינער איז נישט שולדיג נאר שת, געגען וועלכען מענשענס כחות זעגען גאר נישט. די לאנקע, וועלכע איז היינט אזוי ריזענדיג, איז אמאל גרעסער געוועזן, און אויף דעם ארט וואו מיר שטעהען, האט מען נישט געקענט זעהן די מדבר, וועלכע בעשרעקט אונז היינט.

וואו געטער פיהרען א מלחמה, דא ווערט א מענש גאר נישט העלפען; וואו שת איז מנצח דעם גאט אזירים, ווער דען א מענש איהם קענען בייקומען?

עוט־עת האט זיין רעדע געענדיגט, דער קרוין־פרינץ האט דעם קאפ אראבגעלאזט. זעהר פיהל האט ער זיך אנגעהערט אין שולען וועגען די חסדים פון אזירים און דער רשעות פון שת, און נאך אלס קינד איז ער אין כעס געוועזן. פאר וואס מען רעכענט זיך נישט אב מיט שת'ן.

„ווען איך וועל אויפוואקסען — האט ער זיך דאמאלס געקלערט — און איך וועל קענען האלטען א שפיז אין דער האנד, וועל איך אויפזוכען שת'ן און מיר וועלען אונזערע כחות פרובען".

און אט איצט קוקט ער אויף דעם גרויסען שטח פון

זאמד, אויף דער גרויסער מלוכה פון דעם שלעכטען גאט, וועלכער האט קלענער געמאכט די זיינקינפטען פון מצרים, אבער וועגען א מלחמה פיהרען געגען דעם גאט האט ער נישט געקלערט. ווארום ווי קען מען דא פיהרען א מלחמה געגען א מדבר?... מען קען נאר אויסמיידען א מדבר אדער פערלוירען ווערען אין איהר...

צוויי און צוואנציגסטעס קאפיטעל.

אין דער פראווינץ עי איזדער קרוין-פרינץ אזוי פער מאטערט געווארען, אז כדי זיך אבצורוהען און די געדאנקען צונויפצונעהמען, האט ער געהייסען, מען זאל פאר זיין כבוד וועגען מעהר קיין שמחות נישט מאכען, און האט אויך פאראויס געזאגט, אז ווען ער וועט צוריק אהיים, זאל די בעפעלקערונג נישט ארויסטרעטען מיט בעגריסונגען.

די סוויטע פון דעם קרוין-פרינץ האט זיך געוואונדערט און איז אפילו אין כעס געווען אביסעל אויף די בעפעהלען. מען האט איהם אבער געמוזט פאלגען און ער איז ווידער רוהיגער געווארען. ער האט שוין צייט געהאט צו מושטרירען דאס מיליטער — דאס איז געווען זיין ליעבליך בעשעפטיגונג — און ער האט געקענט צונויפנעהמען זיינע געדאנקען.

פערמאכט זייענדיג אין א וויים ווינקעל פון זיין פאלאץ, האט ער אנגעהויבען זיך צו בעקלערען: צי האט ער ערפילט דעם בעפעהל פון זיין פאטער?

מיט זיינע אייגענע אויגען האט ער בעקוקט די פראווינץ עי: די פעלדער, שטעדטליך, בעפעלקערונג און בעאמטע. ער האט אויך געזעהן, אז דער מזרח-ברעג פון דער

פראָווינץ איז פערנומען געוואָרען דורך דער מדבר. ער האָט אויך דערזעהן, אַז די ארבייטס־בעפעלקערונג איז גלייכגילטיג און נאַריש, זי טהוט נאָר דאָס וואָס מען הייסט זי, און אויך דאָס טהוט זי אונגערן. ער האָט זיך אויך איבערצייגט, אַז אמת'דיגע טריַיע און איבערגעגעבענע אונטערטענער קען מען געפינען נאָר צווישען דער אַריסטאָקראַציע. זיי זענען דאָך קרובים פון די פרעה'ס, אָדער זיי געהערען צו די ריטער און זיי זענען אייניקלעך פון די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געקעמפפט צוזאַמען מיט רעמסס דעם גרויסען.

יעדענפאַלס האָבען זיך די מענשען ערנסט איבערגעגעבען דער דינאַסטיע און זענען גרייט געווען איהר צו דיענען מיט'ן גאַנצען הארץ. נישט אַזוי ווי פויערען, וועלכע שרייענדיג בײַ'ם בעגריסען, זענען זיי באַלד אַוועקגעלאָפען צו זייערע חזירים און אָקסען.

דער הויפּט־צוועק פון רעמסס'ענס רייזע איז דאָך נישט געווען ערריַיכט. נישט נאָר ער האָט קלאָר נישט פערשטאַנען, פאַר וואָס פרעה'ס איינקינפטען ווערען קלענער, אָבער ער האָט אַפילו נישט געקענט פאָרמולירען די פראַגע: פאַר וואָס איז שלעכט און ווי אַזוי קען מען דאָס שלעכטס אויסבעסערען? ער האָט געשפירט נאָר דאָס, אַז די מעשה וועגען דער מלחמה, וואָס דער גאָט שת פיהרט געגען דעם גאָט אָזיריס, איז עפּעס נישט אַזוי קלאָר און פון איהר קען מען גאָר נישט פערשטעהן, וואָס מען האָט צו טהון, אום מען זאָל קענען שת'ן בעזיעגען.

און דער קרוין־פּרינץ, אַלס קינפטיגער פרעה, האָט געוואָלט האָבען גרויסע איינקינפטען, אַזעלכע ווי די

פֿריִהערִיגע הערשער פֿון מצרים. און זײַן כּעס האָט אין איִהם געבּרענט דערמאָהנענדיג זיך, אז ווערענדיג אַ קעניג, קען ער זיין אַזוי אָרעם, ווי זײַן פֿאָטער און אפשר נאָך אָריִמער.

— ניין, אַזוי וועט נישט זײַן — האָט דער קרוין־פּרינץ אויסגעשריען, צונויפדריקענדיג די פֿויסטען.

אום צו פֿערגרעסערן די קעניגליכע אייַנקינפטען, איז ער גרייט געווען צו וואַרפֿען זיך מיט זיין שווערד אויף דעם נאָט שת, און איהם אַזוי צוהאַקען אויף שטיקער, ווי ער, שת, האָט געטהון מיט זײַן ברודער אָזיריס. ער האָט אָבער פֿאַר זיך נישט געהאַט דעם טיראַנישען גאָט, אַנשטאָט איהם האָט ער געהאַט אַ לעערקייט און אַ שטילקייט.

שלאָגענדיג זיך אַ מאָל אַזוי מיט זײַנע געדאַנקען, האָט ער אָנגעחאַפּט דעם כּהן־גדול מפרים און צו איהם געזאָגט:

— הייליגער פֿאָטער, דו ווייסט דאָך אַלע סודות, זאָג מיר: פֿאַר וואָס ווערען קלענער די אייַנקינפטען פֿון דער מלוכה און ווי אַזוי וואָלט מען זיי געקענט פֿערגרעסערן?

דער כּהן־גדול האָט אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך.

— געבענשט זאָל זײַן דער גייסט — האָט ער אויסגעשריען — וועלכער האָט דיר אין מוח אַרייַנגעגעבען אַזאַ געדאַנק!... אָ, הלוואַי זאָלסט דו געהן אויף די וועגען פֿון די גרויסע פּרעה׳ס, וועלכע האָבען פֿול געמאַכט מצרים מיט בית־מקדש׳ם, און מיט דער הילף פֿון העמונגען און קאַנאַלען האָבען זיי פֿערגרעסערט דעם שטח פֿון די פֿרוכט־באַרע פֿעלדער!...

דער אלטער מפרים איז אזוי גערירהרט געוועז, אז ער האט זיך אזש פונאנדערגעוויינט.

— קודם כל — האט דער קרוין=פרינץ געזאגט — ענטפער מיר אויף דעם, וואס איך פרעג דיך. ווארום קען מען דען קלערען וועגען העמונגען און קאנאלען, בשעת דער שאך איז לעער? אויף מצרים איז געקומען דאס גרעסטע אונגליק: זיינע הערשער ווערען פערארעמט. דאס דארף מען צום ערשטען ערפארשען און פעררירכטען און דאס איבריגע וועט שוין אליין קומען.

— דאס וועסט דו, קרוין=פרינץ, געוואהר ווערען נאר אין בית=המקדש ביי דעם מזבח — האט דער כהן=גדול געענטפערט — נאר דארט קען דיין איידעלע נייגיריגקייט געשטילט ווערען.

רעמסס האט זיך געווארפען מיט אונגעדולד.

— די בית=מקדש'ם — האט ער געזאגט — פערשטעלען דיינע הייליגע אויגען און דו זעהסט נישט דאס לאנד, אפילו פרעה'ס שאץ זעהסט דו נישט!... אין בין דאך א תלמיד פון די כהנים, אויפגעצויגען בין איך דאך געווארען אין די שאטענס פון בית=מקדש'ס, איך קען די געהיימע פארשטעלונגען, אויף וועלכע איהר שטעלט פאר די רשעות פון שת'ן און דעם טויט פון אזירים מיט זיין תחית=המתים, און וואס האב איך דערפון?... ווען דער פאטער וועט מיך פרעגען: ווי אזוי קען דער שאץ פול ווערען? — וועל איך איהם גאר נישט האבען צו ענטפערען. איך וועל איהם קענען זאגען נאר דאס, אז ער זאל לענגער און עפטער מתפלל זיין ווי ביז איצט!

— דו לעסטערסט, קרוין=פרינץ, ווייל דו קענסט נישט

די העכערע מצוות פון אונזער הייליגע אמונה. ווען דו וואלסט זיי דערקענט, וואלסט דו דיר אליין געקענט ענטפערן אויף פיעל פראגען, וועלכע קוועלען דיך. און ווען דו וואלסט געזעהן דאס, וואס איך האב געזעהן!... ווען דו וואלסט דאס געזעהן, וואלסט דו געגלויבט, אז די וויכטיגסטע זאך פאר מצרים איז צו הויבען זיינע בית-מקדש'ס און די כהנים...

„אלטעלייט ווערען ווי קינדער” — האט זיך דער קרוין-פרינץ געקלערט און דעם שמועס איבערגעהאקט.

דער כהן-גדול מפרים איז שטענדיג געווען זעהר פרום; אין די לעצטע צייטען איז ער אבער נאך מעהר פרום געווארען.

— שוין וואלט איך אויסגעזעהן — האט רעמסס צו זיך אליין געזאגט — ווען איך וואלט זיך איבערגעבען אין די הענד פון די כהנים, אז איך זאל מוזען מיטמאכען מיט זיי זייערע קינדישע מעשים. און אפשר וואלט מפרים מיך אויך געהייסען שטעהן גאנצע שטונדען פאר דעם מזבח מיט די הענד אויפגעהויבען אין דער הויך, ווי ער טהוט ווען ער וויל נסים מאכען!...

אין חודש פארמוטי (ענדע יאנואר — אנפאנג פעברואר), האט זיך דער קרוין-פרינץ געזעגנט מיט עוט-עת'ן, ווערענדיג זיך איבערטראגען אין דער פראווינץ האק. ער האט געדאנקט דעם הויפט-מאן און די העררען פאר דער הערליבער אויפנאהמע, נאר אויפ'ן הארץ איז איהם טרויריג געווען, שפירענדיג אז ער האט נישט אויסגעפיהרט די אויפגאבע, וואס זיין פאטער האט אויף איהם ארויפגעלעגט.

ווערענדיג בעגלייט דורך דער פאמיליע און דורך דעם הויף פון עוט-עת, איז רעמסס מיט זיין סוויטע איבערגע-

פאָהרען אויף דעם רעכטען ברעג פון נילוס, וואו עס האט איהם בעגריסט דער הויפט־מאן רנוצר מיט גרויסע לייט און כהנים. ווען דער קרוין־פרינץ האט זיינע פיס אנידערגעשטעלט אויף דער ערד פון האק, האבען די כהנים אויפגעהויבען אין דער הויך די שטיינבילדער פון דעם גאט אטמו, דעם גאט פון דער פראווינץ, בעאמטע זענען געפאלען אויף זייערע פנים'ער. און דער הויפט־מאן האט איהם דערלאנגט א גאלדענעם שניי־מעסער, בעטענדיג איהם, אז אלס פרעה'ס פערטרעטער זאל ער אנהויבען דעם שניט, דען אין דער צייט האט מען בעדארפט אנהויבען שניידען גערשטען.

רעמסס האט אנגענומען דאס שניידמעסער, האט אבגעשניטען עטליכע זאנגען און זיי פערברענט צוזאמען מיט קטורת פאר דעם גאט, וועלכער האט געהיט די גרענצען. נאך איהם האבען דאס זעלבע געטהון דער הויפט־מאן און גרויסע לייט, און ערשט דערנאך האבען די פויערען אנגעהויבען צו שניידען די תבואה. זיי האבען געשניטען נאר די זאנגען, דאס שטרוי איז איבערגעבליבען אויף דעם פעלד.

רעמסס, אויסהערענדיג די תפלות פון די כהנים, וועלכע זענען איהם געווען לאנגווייליג, האט ער זיך געשטעלט אויף א פוהר מיט צוויי רעדער. עס האט ארויסגעטרעטען א אבטהיילונג פון מיליטער, נאך איהר — כהנים, צוויי גרויסע לייט האבען געפיהרט דעם קרוין־פרינצ'ס פערד ביי די צוימען. נאך דעם קרוין־פרינץ, אויף א צווייטען וואגען, איז געפאהרען דער הויפט־מאן רנוצר און נאך איהם — א גרויסע מחנה מיט גרויסע לייט און הויפט־דיענער. דאס פאלק איז, לויט דער פעראָרדנונג פון רעמסס'ן נישט ארויסגעטרעטען. נאר פויערען, וועלכע האבען גע־

ארבייט אויפ'ן פעלד, זעהענדיג די פראצעסיע, זענען זיי געפאלען מיט די פנים'ער אויף דער ערד...

אזוי דורכפאהרענדיג עטליכע בריקען, וואס זענען געוועזען אויף די אבטהיילונגען פון נילום און אויף קאנאלען, איז רעמסס אנגעקומען אווענד אין דער שטאדט ענו, וועלכע איז געוועזען די הויפט־שטאדט פון דער פראווינץ.

עטליכע טעג זענען געמאכט געווארען גרויסע מאהלצייטען לכבוד דעם גאסט. מען האט דעם קרוין־פרינץ כבוד אבגעגעבען, בעאמטע האבען זיך איהם פארגעשטעלט. ענדליך האט רעמסס פערלאנגט, אז דאס אלעס זאל אויפהערען און ער האט געבעטען דעם הויפט־מאן, ער זאל איהם פארשטעלען דאס רייכטהום פון דער פראווינץ.

צומארגענס האט איהם דער הויפט־מאן אנגעהויבען צו ווייזען און געוויזען האט ער איהם עטליכע וואכען. אויף דעם הויף פון פאלאץ, וואו דער קרוין־פרינץ האט געוואהנט, זענען אנגעקומען פערשידענע צעהען פון בעלי־מלאכות, וועלכע זענען קאמאנדעוועט געווארען דורך צעהן־אפיצירען און זיי האבען דעם קעניג געוויזען זייערע אויסארבייטונגען.

עס זענען אלזא פערביי־געגאנגען פאר איהם געוועהר־פאבריקאנטען מיט שווערדען, שפיזען און העק; פאבריקאנטען פון מוזיק־אינסטרומענטען מיט פייפעלעך, טראמפייטען, פויקען און הארפעס. נאך די איז אנגעקומען דער גרויסער צעך פון סטאלארעס, וועלכע האבען געוויזען שטוהלען, טישען, זאפעס, לעקטיקעס און פוהרען, וועלכע זענען געוועזען בעצירט מיט רייכע צייכנונגען, פערשידענ־פארביג האלץ, פערלמוטער און עלפאנט־ביין. דערנאך האט מען גע־

טראָגען קיך־געשיר פון מעטאל: רושטען צום פייער, שפּיז־
זען צום בראָטען, טעפּ מיט צוויי אויערען און טעלער מיט
דעקען. יוועלירען האָבען פאָרגעשטעלט שיינע גאָלדענע
פינגערלעך, בראַנזאָלעטען צו די הענד און צו די פיס פון
גאָלד און זילבער, קייטען, — אלץ פיין געשניצט, בעזעצט
מיט טייערע שטיינער אָדער מיט פערשידענע־פאַרביגע
עמאליע.

צום סוף זענען געגאַנגען טעפּער, וועלכע האָבען גע־
טראָגען מעהר פון הונדערט גאטונגען לעהמענע טעפּ,
וואזאָנען, שיסלען, קריג, וואָס זענען געווען בעדעקט
מיט מאַלערייען און בעצירט מיט קעפּ פון חיות און עופות.

יעדער צעך האָט דעם קרוין־פּרינץ געגעבען אַ מתנה
פון די שענסטע אויסאַרבייטונגען. די מתנות האָבען פער־
פולט אַ גרויסען זאַל.

ווען די אויסשטעלונג האָט זיך געענדיגט, האָט רנוצר
געפרעגט דעם קרוין־פּרינץ, צי ער איז צופרידען.

דער קרוין־פּרינץ האָט זיך פערטראַכט.

— שענערע זאַכען — האָט ער געענטפערט — האָב
איך געזעהן אין די בית־מקדש'ס און אין מיין פאָטערס
פּאַלאַץ. ווייל די זאַכען קענען קויפען נאָר רייכע מענשען,
וויים איך נישט, צי דער שאַץ פון דער מלוכה האָט פון
זיי גרויסע איינקינפטען.

דער הויפּט־מאַן האָט בעוואונדערט די גלייכגילטיג־
קייט צו קונסט־ו ערק פון דעם יונגען קרוין־פּרינץ און זיין
זאָרג וועגען די איינקינפטען. נאָר וועלענדיג צופרידען
שטעלען רעמסס'ן, האָט ער איהם אַרומגעפיהרט אין
די קעניגליכע פאַבריקען.

אין טאג האט ער איהם געפיהרט אין די מיהלען, וואו שקלאפען זענען געשטאנען און געדרעהט עטליכע הונדערט האנד-מיהלען. ער האט איהם אויך געפיהרט אין די בעקערייען, וואו מען האט אויסגעבאקען ברויט פאר דעם מיליטער, און אויך אין די פאבריק, וואו מען האט געטריקענט פיש און פלייש.

ער האט אנגעקוקט גרויסע גערבערייען און ווערקשטעלען פון סאנדאלען, הוטען, אין וועלכע מען האט געשמעלצט בראנז און געמאכט דערפון כלים און געוועהר, דערנאך האט ער בעזוכט ציגעל-אויוועגס, צעחען פון וועבער און שניידער.

די פאבריקען און ווערקשטעלען האבען זיך געפונען אין מזרח-טייל פון דער שטאדט. אין אנפאנגס האט רעמסס זיי בעקוקט מיט נייגיריגקייט, באלד איז איהם מיאוס געווארען צו קוקען אויף די ארבייטער, וועלכע זענען געוועזען דערשראקען, אויסגעדארט, האבען געהאט געלע פנים'ער און צייכענס פון שטעקענס אויף די פלייצעס.

פון דעמאלט אן האט ער קורץ געווייזט אין די פאבריקען; ער האט בעסער געוואלט אנקוקען די געגענדען פון דער שטאדט ענו. ווייט, אויף מזרח-זייט. האט מען געזעהען די מדבר, אין וועלכער עס זענען דאס פאריגע יאהר פארגעקומען מאנעווערן צווישען זיין קארפוס און דעם קארפוס פון ניטאגער. ער האט געזעהן דעם וועג, אויף וועלכען זיינע פאלקען האבען מארשירט, דאס ארט, וואו די קריעגס-מאשינען האבען געמוזט ארויסגעהן פון וועג, ווייל מען האט דארט דערזעהן די סקאראבעאושען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער זעהט אויך דעם בוים.

אויף וועלכען עס האט זיך אויפגעהאנגען דער פויער, וועלכער האט געבויערט דעם קאנאל...

פון יענעם שפיץ-בארג, געהענדיג צוזאמען מיט טוט-מאזיס'ן, האט ער געקוקט אויף די פרוכטבארע ערד פון גושן און האט געפלוכט די כהנים. און דארט, צווישען די בערגלעך האט ער בעגעגענט שרה'ן, צו וועלכער זיין הארץ האט זיך אנגעצונדען.

היינט, וואס פאר ענדערונגען זענען אין זיין לעבען פארגעקומען!... ער האט אויפגעהערט פיינד צו האבען די כהנים, זייט הרהור האט פועל געווען ביי זיין פאטער, ער זאל איהם מאכען פאר א שני-למלך און א אנפיהרער פון קארפוס. צו שרה'ן איז ער געווארען גלייכגילטיג, און אנ-שטאט איהר האט איהם אינטערעסירט דאס קינד, וואס זי האט געזאלט געבוירען.

„וואס מאכט זי דארט? — האט דער קרוין-פרינץ געקלערט — שוין לאנג האב איך פון איהר קיין ידיעה נישט געהאט".

און ווען ער האט אזוי געקוקט אויף די מזרח-בערגער און האט זיך דערמאהנט די פערגאנגענהייט, איז דער הויפט-מאן רנצור געווען איבערצייגט, אז דער קרוין-פרינץ האט דערזעהן עפעס א שווינדעל אין די פאבריקען און ער קלערט נאר וועגען דעם, ווי אזוי ער זאל איהם, רנצור'ן, בעשטראפען.

— אוי, וואלט איך גערן געוואוסט, וואס ער האט דערזעהן! — האט דער הויפט-מאן געזאגט צו זיך זעלבסט — צי האט ער דערזעהן, אז א העלפט ציגעל האט מען פער-קויפט פעניציאנער סוחרים, צי, אז צעהן טויזענד סאנדאלען

פֿעהלט אין מאַגאַזין, צי האָט איהם אַ נידערטרעכטיגער מענש איינגערוימט עפּעס וועגען די מעטאַל-הוטעס?...

און דאָס האַרץ פֿון רנצור איז פֿול געווען מיט שרעקעניש.

פּלוצלונג האָט זיך דער קרוין-פּרינץ אומגעדרעהט צו דער סוויטע און האָט גערופֿען טוטמאָזיס'ן, וועלכער האָט שטענדיג בעדאַרפֿט זיין נעבען איהם.

טוטמאָזיס איז באַלד אָנגעקומען און דער קרוין-פּרינץ איז מיט איהם אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זייט.

— הער נאַר! — האָט ער צו איהם געזאָגט, ווייזענדיג מיט'ן פֿינגער אויף דער מדבר — זעהסטו די בערגער?...

— מיר זענען דאָרט געווען פֿאַר אַ יאָהר... — האָט טוטמאָזיס געזיפֿצט.

— איך האָב מיך דערמאָהנט אָן שרה'ן...

— באַלד וועל איך דעמפֿפֿען קטורת די געטער! — האָט טוטמאָזיס אויסגעשריען — איך האָב געמיינט, אַז זייט דו ביסט שני-למלך, האָסטו שוין פֿערגעסען אָן דיינע טרייע דיענער...

דער קרוין-פּרינץ האָט געקוקט אויף איהם מיט בעוואונדערונג.

— קלויב אויס פֿון די מתנות, וועלכע מען האָט מיר געבראַכט, קלויב אויס די שענסטע כלים געשיר און אַם מעהרסטען בראַנזאָלעטען און קייטען, און פֿיהר צו שרה'ן — האָט דער קרוין-פּרינץ געזאָגט.

— אייביג זאָלסטו לעבען. רעמסס! — האָט טוטמאָזיס געזאָגט — דו ביסט אַ זעהר איידעלער הערר!

— זאָג איהר — האָט דער קרוין־פּרינץ געזאָגט — אַז מײַן הארץ איז שטענדיג פֿול מיט גנאָד צו איהר. זאָג איהר, אַז איך וויל, זי זאָל היטען איהר געזונד און זאָל זאָרגען וועגען דעם קינד, וועלכעס זי וועט געבוירען. ווען זי וועט נאָהנט זײַן צום געבוירען, און איך וועל ערפֿילען די בעפֿעהל פֿון מײַן פֿאָטער, זאָג שרה׳ן, אַז זי וועט קומען צו מיר און וואָהנען אין מײַן הויז. איך קאָן נישט דערלײַדען, אַז די מוטער פֿון מײַן קינד זאָל אײַנזאַם זײַן... פֿאָהר, טהו, ווי איך האָב געזאָגט און קום מיט אַ גוטע בשורה.

טוטמאָזיס איז געפֿאַלען אויפֿ׳ן פּנים פֿאַר דעם אײַדעלען הערשער און איז באַלד אַוועק. די סוויטע פֿון דעם קרוין־פּרינץ, נישט וויסענדיג וועגען וואָס דער שמועס איז געווען, האָט מקנא געווען טוטמאָזיס׳ן, וועלכען דער הערשער שענקט אַזוי פֿיעל חסד און רנצור׳ס שרעקעניש איז גרעסער געוואָרען.

„הלואי — האָט ער געזאָגט — הלואי זאָל איך נישט דאַרפֿען אויפֿצוהויבען די האַנד אויף זיך זעלבסט און אין די בעסטע יאָהרען אַוועקגעהן פֿון דער וועלט!... פֿאַר וואָס האָב איך, אונגליקליכער, נישט געקלערט וואָס שפּעטער וועט זײַן, ווען איך האָב מיר צוגענומען דעם הײַליגען פּרעה׳ס פֿערמעגען?"

זײַן פּנים איז געל געוואָרען און די פֿיס האָבען אונטער איהם געציטערט. דער קרוין־פּרינץ האָט אָבער דאָס נישט בעמערקט, ווײַל ער איז געווען בעהערשט פֿון אַ פֿאַליע פֿון זײַער פֿערגאַנגענהײַט.

דריי און צוואנציגסטער קאפיטעל.

איצט איז אין דער שטאדט ענו געמאכט געווארען א גאנצע רייהע מאהלצייטען און פערוויילונגען. רנצור האט ארויסגענומען פון די קעלערס די בעסטע וויינען, פון דריי נאהנטסטע פראווינצען זענען אנגעקומען די שענסטע טענצערינס, די בעריהמטסטע מוזיקער, די בעסטע קונצענמאכערס. רעמסס האט די צייט זעהר גוט אויסגענוצט. אין דער פריה האט ער מושטירט דאס מיליטער און אייפגענומען די גרויסע לייט פון דער פראווינץ, דערנאך איז געווען א מאהלצייט, א פארשטעלונג, יאגד און ווידער א מאהלצייט.

נאר ווען רנצור איז געווען זיכער, אז דעם קרוין-פרינץ זענען שוין לאנגווייליג געווארען די אינטערעסען פון דער אדמיניסטראציע, האט איהם רעמסס צו זיך גערופען און געפרעגט:

— דיין פראווינץ איז די רייכסטע אין מצרים?...

— יא... חאטש מיר האבען געהאט עטליכע שווערע יאהרען...— האט רנצור געענטפערט, און זיין הארץ איז ווידער פול געווארען מיט שרעקעניש און זיינע פיס האבען געציטערט.

— דאס וואונדערט מיך טאקי — האט דער קרוין-פרינץ געזאגט — אז פון יאהר צו יאהר ווערען קלענער די איינקינפטען פון דעם הייליגען פרעה. וואלסטו מיר דאס נישט געקאנט ערקלערען?

— הערשער! — האט געענטפערט דער הויפט-מאן אראבבויגענדיג דעם קאפ ביז צו דער ערד — איך זעה

אַז מײַנע שונאים האָבען אין דײַן נשמה פֿערזעעט אַ אונ־גלויבען צו מיר; בכן וואָס איך זאָל נישט זאָגען, וועט דיך אַלץ נישט איבערצײַגען. דאָדורך ערלויב מיר גאָרנישט צו זאָגען. זאָלען בעסער קומען די שרײַבער מיט די דאָקומענ־טען, וועלכע דו וועסט קאָנען אַלײן בעריהרען מיט דײַנע הענד און אַלײן בעטראַכטען...

דער קרוין־פּרינץ האָט זיך אַ ביסעל געוואונדערט אויף די ווערטער פֿון דעם הויפּט־מאַן, דאָך האָט ער אָנגענומען זײַן פֿאָרשלאַג און איז פֿון איהם צופֿריעדען געווען. ער האָט געמײנט, אַז די ראַפּאָרטען פֿון די שרײַבער וועלען איהם קלאָר מאַכען דעם סוד פֿון פֿערוואַלטונג.

צו מאָרגענס איז געקומען דער גרויסער שרײַבער פֿון דער פּראָווינץ מיט זײַנע געהילפֿען און האָט געבראַכט מיט זיך אַ צוואַנציג מגלות פֿון פּאַפּירוס, וועלכע זענען פֿער־שריבען געווען אויף בײדע זײַטען. יעדע מגלה האָט גע־האַלטען דרײַ טפחים אין דער ברײט און זעכציג טריט אין דער לענג. דער קרוין־פּרינץ האָט צום ערשטען מאָל געזעהן אַזאַ גרויסען דאָקומענט, וועלכער איז געווען אַ בעשרײַבונג פֿון אײן פּראָווינץ און נאָר פֿון אײן יאָהר.

דער גרויסער שרײַבער האָט זיך געזעצט אויף דער ערד, אונטערלעגענדיג אונטער זיך די פֿיס און האָט אָנגע־הויבען צו לײענען:

— אין דרײַ און דרײַסיגסטען יאָהר פֿון דעם הערשען פֿון דעם הײליגען מר־אמן־רעמסס, האָט דער נילוס צו שפּעט אויסגעגאָסען. די פּויערען, גלויבענדיג, אַז דאָס אונגליק איז געקומען דורך דעם כשוף פֿון די אויסלענדער, וועלכע וואָה־נען אין דעם פּראָווינץ האַק, האָבען זײ גענומען צושטערן

די הײַזער פֿון די אונגלויבִיגע יודען, בני־חת און פֿעניציאַ־נער און דערבײַ זענען עטליכע מענשען געהרג׳עט געוואָרען. אויפֿ׳ן בעפֿעהל פֿון דעם גרויסען הויפּט־מאַן, זענען די שולדיגע געשטעלט געוואָרען פֿאַר׳ן געריכט, פֿינף און צוואַנציג פויערען, צוויי מויערער און פֿינף שוסטער זע־נען פֿער׳משפּט געוואָרען צו אַרבײַטען אין די גרובען און איין פֿישער האָט מען דערוואָרגען.

— וואָס פֿאַר אַ דאָקומענטען איז דאָס? — האָט איהם דער קרוין־פּרינץ איבערגעהאַקט.

— דאָס איז אַ בעריכט פֿון געריכט, וועלכעס איז בעשטימט געוואָרען צוצושטעלען צו דײַנע הייליגע פֿים.

— לעג דאָס אַוועק און לײען מיר וועגען די קעניג־ליכע אײַנקינפֿטען.

די נעהילפֿען פֿון דעם גרוס׳ען שרײַבער האָבען צונויפֿ־געוויקעלט די מגלה און איהם דערלאַנגט אַנ׳אַנדערע. דער שרײַבער האָט ווידער אָנגעהויבען לײענען:

— דעם פֿינפֿטען טאָג פֿון חודש טאָט, האָט מען געבראַכט אין די קעניגליכע שפּײַכלערס זעקס הונדערט מאָס ווײץ און דער הויפּט־זויפֿזעהער האָט אויף דעם אַרויסגע־געבען אַ קוויטונג.

דעם זיעבענטען טאָג פֿון חודש טאָט, איז דער גרויסער שאַצמײַסטער געוואָהר געוואָרען, אַז פֿון דער פֿאַריעהריגער תבואה איז אָבגעקומען הונדערט אַכט און פֿערציג מאָס ווײץ. אין דער צײַט, ווען דאָס איז בעטראַכט געוואָרען, האָבען צוויי אַרבײַטער געגנב׳עט אַ מאָס ווײץ און בעהאַלטען צווי־שען די ציגעל. ווען מען איז פֿון דעם געוואָהר געוואָרען, זענען בײדע איבערגעגעבען געוואָרען דעם געריכט אין זענען

געשיקט געווארען אין די גרובען, ווייל זיי האבען אויפגעהויבען זייערע הענד אויף דעם הייליגען פרעה'ס פערמעגען...

— און יענע הונדערט אכט און פערציג מאס? — האט דער קרוין-פרינץ געפרעגט.

— די מייז האבען זיי אויפגעגעסען — האט דער שרייבער געענטפערט און ווייטער געלעזען:

— דעם אכטען טאג האט מען געשיקט צוואנציג קיה מיט פיער און אכציג שאף צו דער שחיטה. דער אויפזעהער פון די בהמות האט געהייסען, מען זאל דאס אלעס געבען דעם מיליטער און נעהמען א קוויטונג...

א טאג נאך א טאג איז רעמסס געוואהר געווארען, וויפיעל גערשטען, ווייץ, בעבלעך און קערנער פון לאטוס איז אבגעפיהרט געווארען אין די שפייכלערס, וויפיעל מען האט אבגעגעבען אין די מיהלען אריין, וויפיעל עס איז גע־גנב'עט געווארען און וויפיעל ארבייטער עס זענען דאדורך פער'משפט געווארען אויף ארבייט אין די גרובען. די ראפארטען זענען געווען אזוי לאנגווייליג, אז האלב חודש פאאפי האט רעמסס געהייסען אויפהערען לייענען.

— זאג מיר, גרויסער שרייבער, — האט רעמסס נעפרעגט — וואס פערשטעהסטו פון דעם?... וואס קענסטו פון דעם וויסען?...

— אלץ וואס דו, הערשער, וועסט הייסען...

און ער האט ווידער אנגעהויבען פון אנפאנג, אבער שוין אויסוועניג:

— דעם פינפטען טאג פון חודש טאט, האט מען געבראכט אין די קעניגליכע שפייכלערס...

— גענוג! — האט אויסגעשריען רעמסס מיט כעס

און האָט די שרייבער געהייסען אוועקגעהן.

די שרייבער זענען געפאַלען אויף די פנים׳ער, דער־נאָך האָבען זיי גיך צונויפגענומען זייערע פּאַפּירוסען, זיי זענען ווידער געפאַלען אויף דיא פנים׳ער און זענען גיך אַרויס פון דאָרט.

דער קרוין־פּרינץ האָט גערופען צו זיך דעם הויפּט־מאַן רנצור. ער איז געקומען און זיינע הענד זענען געווען פערלעגט אויף דער ברוסט, נאָר מיט אַ רוהיג פנים. ער איז געוואָהר געוואָרען פון די שרייבער, אַז דער קרוין־פּרינץ קאָן פון די ראַפּאָרטען גאָרנישט געוואָהר ווערען און ער האָט זיי אַפילו נישט אויסגעהערט אין גאַנצען.

— זאָג מיר — האָט דער קרוין־פּרינץ געזאָגט — צי דיר לייענט מען אויך ראַפּאָרטען?

— יעדען טאָג...

— און פערשטעהסט די ראַפּאָרטען?

— זיי מיר מוחל, גרויסער הערשער, צי וואָלט איך געקאָנט הערשען איבער דער פּראָווינץ, ווען איך וואָלט דאָס נישט פערשטאַנען?

דער קרוין־פּרינץ האָט זיך פערטראַכט. אפשר איז טאַקי נאָר ער אַזוי אונפעהיג?... און אויב טאַקי אַזוי — ווי אַזוי וועט ער קענען הערשען?

— זעץ זיך — האָט ער נאָך אַ ווייַלע געזאָגט, ווייזענדיג רנצור׳ן אַ שטוהל — זעץ זיך און זאָג מיר, ווי אַזוי הערשסטו איבער דער פּראָווינץ?...

דער הויפּט־מאַן איז בלאַס געוואָרען און די אויגען האָבען זיך איהם אומגעדרעהט מיט דעם ווייסען אַרויף. רעמסס האָט דאָס דערזעהן און האָט זיך פערענטפערט:

— מיין נישט, אז איך גלויב נישט אין דיין קלוגהייט... פערקעהרט, איך קאן נישט קיין מענש, וועלכער וואלט געקאנט בעסער פון דיר פערוואלטען? איך בין אבער יונג און נייגיעריג צו וויסען: וואס איז די קונסט פון פערוואלטען? אלזא בעט איך דיך, דו זאלסט מיר געבען האטש דערקלערען פון חכמה. דו הערשסט איבער די פראווינץ — איך ווייס דאס!... און איצט ערקלער מיר, ווי אזוי מאכט מען א רעגירונג?

דער הויפט־מאן האט אבגעאטהעמט און געזאגט:

— איך וועל דיר, הערשער, דערצעהלען אלץ, וואס פאר א לעבען איך פיהר, כדי דו זאלסט וויסען, וואס פאר א שווערע ארבייט איך האב.

אין דער פריה, נאכ'ן טובל זיין, בין איך מקריב קרבנות דעם גאט אמוט און דערנאך רוף איך דעם שאצמייסטער און פרעג איהם, צי מען נעהמט אב געהעריג די אבצאהלונגען פאר דעם היילינגען פרעה'ס וועגען. אויב ער זאגט מיר: יא, גלויב איך איהם; אויב ער זאגט מיר אבער, אז די און די האבען נישט בעצאהלט, גיב איך ארויס א בעפעהל, אז די אונגעהארכזאמע זאל מען נעהמען אין דער תפיסה אריין.

דערנאך רוף איך דעם אויפזעהער פון די קעניגליכע שפייכלערס, כדי איך זאל וויסען וויפיעל תבואה עס איז צוגעקומען. אויב עס איז פיעל צוגעקומען, לויב איך איהם; אויב וועניג, הייס איך די שולדיגע געבען מלקות...

שפעטער קומט דער גרויסער שרייבער און זאגט, וואס עס דארפען: דאס מיליטער, די בעאמטע און ארבייטער פון דעם היילינגען פרעה'ס גיטער — און איך הייס א־

רויםגעבען געגען א קוויטונג. אויב ער גיט ארוים ווייניגער, לויב איך איהם; גיט ער ארוים מעהר, הייס איך מאכען א אויספארשונג.

גאך מיטאג קומען צו מיר סוחרים פון פעניציע, וועלכע איך פערקויף תבואה, און דאס געלד טראג איך אב אין דעם שאץ פון פרעה'ן. דערנאך בין איך מתפלל און בעשטעטיג די פסקים פון די שופטים. פארנאכט דערצעהלט מיר די פאליציי, וואס עס איז פארגעקומען. פארגעסטערן זענען מענשען פון מיין פראווינץ אנגעפאלען אויף דער טעריטאריע פון דער פראווינץ קא און האבען בעשמוצט דאס בילד פון דעם גאט סעבאק. אין הארצען האב איך זיך געפרעהט; דאס איז דאך נישט אונזער גאט; פונדעסטוועגען האב איך געהייסען עטליכע שולדיגע דערווערגען, פיעל האב איך פערשיקט אין די גרובען און אלע האב איך געהייסען געבען מלקות.

און טאקי דאדורך הערשען אין מיין פראווינץ גוטע מדות און מנוחה, די אבצאהלונגען קומען אן יעדען טאג.

— חאטש פרעה'ס איינקינפטען זענען קלענער געווארען דא אויך — האט זיך דער קרוין-פרינץ אנגערופען.

— דו האסט אמת געזאגט, מיין הערשער,— האט רנוצר געזאגט זיפצענדיג. די כהנים זאגען, אז די געטער האבען זיך פערביזערט אויף מצרים, וויל עס זענען אנגעקומען אזוי פיעל אויסלענדער; איך זעה אבער, אז די געטער מיאוס'ן זיך אויך נישט מיט דעם גאלד פון די פעניציאנער און מיט זייערע טייערע שטיינער...

פלוצלונג איז אין זאל אריינגעקומען דער כהן מנטיזופיס מיט א אפיציר און האט פערבעטען דעם קרוין-פרינץ

און דעם הויפּט-מאַן אויף אַ עפֿענטליכער תּפֿלה. בײַדע האָבען אָנגענומען די אײַנלאַדונג און דערבײַ האָט רנוצר געוויזען אַזוי פֿיעל פֿרומקײַט, אַז דער קרוין-פּרינץ האָט איהם בעוואונדערט.

ווען רנוצר איז בוקענדיג זיך אַוועקגעגאַנגען, האָט רעמסס געזאָגט צו דעם כּהן:

— ווײַל דו, הײַליגער נביא, ביסט בײַ מיר דער פֿערטרעטער פֿון הײַליגען הרהור, בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר ערקלערען אַ זאַך, וועלכע פֿערפֿולט מיט זאָרג מײַן האַרץ.

— וועל איך דיר קאָנען ערקלערען? — האָט דער כּהן געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע.

— דו ווייסט מיר קאָנען ערקלערען, ווײַל דו ביסט פֿול מיט קלוגהײַט. דו ביסט אַ קנעכט פֿון קלוגהײַט און די קלוגהײַט פֿערפֿולט דיך. הער נאָר גוט אוים, וואָס איך וועל זאָגען:

דו ווײַסט דאָך, צי וואָס דער הײַליגער פּרעה האָט מיך דאָ אַהער געשיקט?..

— אַז דו, קרוין-פּרינץ, זאָלסט זיך בעקאָנען מיט דעם רײַכטהום פֿון לאַנד און דו זאָלסט וויסען, ווי צו הערשען — האָט מנטו-זופֿים זיך אָנגערופֿען.

— איך טהו אַזוי. איך פֿרעג אוים די הויפּט-מענער, איך בעטראַכט דאָס לאַנד און די מענשען, איך נעהם אָן ראַפּאָרטען פֿון די שרײַבער, און — איך פֿעשטעה גאָר נישט, און דאָס פֿערגיפֿטעט מײַן לעבען און וואונדערט מיך.

וואָס עס טהוט זיך אין מיליטער, ווײַס איך אַרץ: חיפֿיעל עס זענען פֿערהאַנען סאָלדאַטען, פֿערד, וועגען;

וועלכע אָפֿיציערען זענען שכורים און פֿערנאַכלעסיגען די דינסט, און וועלכע דינען עהרליך. איך ווייס אויך, וואָס איך האָב צו טהון מיט'ן מיליטער. ווען אַ קאָרפּוס פֿון אַ שונא שטעהט אויף אַ גלייכען שטח, מוז איך נעהמען צוויי קאָרפּוסען, אַז איך זאָל איהם קאָנען מנצח זיין. ווען דער שונא וואָלט געשטאַנען אין אַ פֿעסטונג, וואָלט איך זיך נישט גערירט אָהן דריי קאָרפּוסען. ווען דער שונא איז נישט גוט איינגעאָרדענט און פֿיהרט אַ מלחמה, אַרויסגעהענדיג אויף דעם פּלאַץ מיט אַ המון, וואָס איז נישט גוט אָרגאַניזירט, קאָן איך געגען זיינע טויזענד אַרויסשיקען פֿינף הונדערט אונזערע סאָלדאַטען און וועל איהם אַזוי מנצח זיין. ווען דער שונא האָט טויזענד סאָלדאַטען מיט העק און איך אויך אַזעלכע טויזענד, וועל איך איהם מנצח זיין, אויב איך וועל נאָך האָבען אַ הונדערט שיסער.

אין מיליטער, הייליגער פֿאָטער, — האָט רעמסעס ווייטער געזאָגט — זעהט מען אַלץ, ווי מען זעהט אַ פֿינגער פֿון דער אייגענער האַנד און אויף יעדער שאלה האָט מען אַ גרייטע תשובה, וועלכע מיין פֿערשטאַנד קאָן בעגרייפֿען. אָבער אין די פֿערוואַלטונגען פֿון די פּראָווינצען, זעה איך גאָרנישט. און אָנהויבענדיג דאָס צו בעטראַכטען, ווערט אין מיין קאָפּ אַזאַ פֿערמישונג, אַז פֿיעל מאָל פֿערגעס איך, צו וואָס איך בין דאָ אַהער געקומען.

זאָג מיר אַלזאָ עהרליך, אַלס כהן און אַלס אָפֿיציער: וואָס איז דאָס? צי נאַרען מיך די הויפּט-מענער, אָדער איך בין אַזוי אונפֿעהיג?

דער הייליגער נביא האָט זיך פֿערטראַכט.

— ווער וואָלט דען געהאַט די העזה דיך, גרויסער

הערשער, צו נאַרען — האָט ער געענטפֿערט — ווייס איך
ניט, ווײַל איך האָב מיך ניט אײַנגעקוקט אין זייערע מעשים.
עס דאַכט זיך מיר אָבער, אַז זיי קענען דיר דאָרורך גאָר־
ניט ערקלערען, ווײַל זיי אַליין פֿערשטעהען גאָר־ניט.

די הויפּט־מענער און זייערע שרײַבער — האָט ווײַטער
דער כהן געזאָגט — זענען, ווי די עלטערע סאָלדאַטען,
וואָס יעדער אײנציגער האָט צו בעשאַפֿען איבער צעהן:
יעדער פֿון זיי קאָן נאָר זײַנע צעהן סאָלדאַטען און וועגען
זיי טהוט ער צו וויסען די העכערע אָפֿיציערען. אָבער דעם
אַלגעמײנעם פּלאַן, וועלכען די אָנפֿיהרער פֿון דער אַרמעע
מאַכען, ווייס אַזעלכער סאָלדאַט ניט.

די הויפּט־מענער פֿון די פּראָווינצען און די שרײַבער
פֿערשרײַבען אַלץ, וואָס פּאַסירט אין זייער פּראָווינץ און די
ראַפּאָרטען שיקען זיי צו פּרעה'ן. אָבער נאָר די העכסטע
ראַט ציהט אַרויס פֿון די ראַפּאָרטען דעם האָניג פֿון
חכמה.

— איך וויל דאָך טאַקי נאָר דעם האָניג!...—האָט
אויסגעשריען דער קרוין־פּרינץ — פֿאַרוואָס גיעט מען מיר
דעם האָניג ניט?...

מנטו־זופֿיס האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— די מלוכה־חכמה — האָט ער געזאָגט — געהער
סודות פֿון די כהנים און דאָדורך קאָן זיך ערווערבען די
חכמה נאָר אַ מענש, וואָס איז איבערגעגעבען די געטער.
אָבער דו, קרוין־פּרינץ, חאָטש דו ביזט ערצויגען געוואָרען
דורך כהנים, רוקסטו זיך ווייט אָב פֿון בית המקדש.

— בכן, אויב איך וועל ניט ווערען אַ כהן, וועט
איהר מיר ניט ערקלערען?...

— עס זענען פֿערהאַנען זאַכען, וועלכע דו, גרויסער הערשער, קאָנסט איצט אויך דערקאָנען, אַלס קרוין-פּרינץ, אַנדערע זאַכען ווּעסט דו דערקאָנען, ווען דו וועסט ווערען אַ פּרעה, עס זענען אָבער פֿערהאַנען זאַכען, וועלכע נאָר דער כהן-גדול אַליין קאָן וויסען.

— יעדער פּרעה איז אַ כהן-גדול — האָט איהם דער קרוין-פּרינץ איבערגעהאַקט.

— נישט יעדער. און אויך צווישען אַ כהן-גדול און אַ כהן-גדול איז פֿערהאַנען אַ אונטערשיעד.

— דאָס הייסט, — האָט דער קרוין-פּרינץ געשריען מיט כעס — אַז איהר ווילט מיר נישט ערקלערען די פֿערוואַלטונג פֿון דער מלוכה!... און איך וועל נישט קאָנען ערפֿילען די בעפֿעהלען פֿון מיין פֿאָטער!...

— דאָס — האָט מנטו-זופֿיס רוהיג געענטפֿערט — וואָס אַ קרוין-פּרינץ דאַרף וויסען, וועסטו קאָנען געוואָהר ווערען; דו ווערסט דאָך גערעכענט פֿאַר אַ נידריגער כהן. דאָס איז אָבער פֿערבאָרגען אין די בית המקדש'ס, אונטער די פּרוכת'ן, וועלכע קיינער טאָר נישט אָנריהרען אָהן געהעריגע הכנות.

— איך יועל די פּרוכת'ן אויפֿהויבען!

— די געטער זאָלען אָבהיטען מצרים פֿון אַזאַ אונגליק! — האָט געענטפֿערט דער כהן, אויפֿהויבענדיג די הענד אין דער הויך — צי ווייסטו נישט, אַז ווער עס ריהרט אָן אַ פּרוכת אָהן געהעריגע תפלות, דער ווערט באַלד דערהרג'עט דורך אַ דונער? היים, קרוין-פּרינץ, אַריינפֿיהרען אין בית-מקדש אַ שקלאַף, אָדער איינעם, וואָס איז פֿער'משפט געוואָרען צום טוידט, און זאָל ער נאָר אויס-

ציהען די האנד זיינע. וועט ער באלד דערהרג'עט ווערען.

— איהר וועט איהם הרג'ענען.

— יעדער פון אונז וואלט געשטארבען אזוי, ווי א גערוועהנליכער פושע, ווען ער וואלט אהן געהעריגע תפלות זיך גענעהנט צו דעם מזבח—האט דער כהן געענטפערט— ביי די געטער האט פרעה און די כהנים אזא ווערטה, ווי א שקלאף.

— נו, וואס דען האב איך צו טהון?—האט רעמסס געפרעגט.

— זוך זיך א תשובה אין די בית-המקדש'ס, רייניגענ-דיג זיך פריהער מיט תפלות און תענית'ים. ווי לאנג מצרים איז א לאנד, האט קיין שום הערשער אויף אנ'אנדער אויפ'ן זיך נישט ערווארבען קיין קלוגהייט.

— איך וועל מיר דאס בעקלערען — האט דער קרוין-פרינץ געזאגט — חאטש איך זעה, אז דער הייליגער מפרים און דו, הייליגער נביא ווילט מיך צוציהען צו תפלות, ווי מיין פאטער.

— מיר ווילען דאס גאר נישט. אויב דו, אלס פרעה, וואלסט זיך בעגנויגען געלאזט מיט מושטרירען מיליטער. וואלסט דו נאר עטליכע מאל אין יאהר געקאנט זיך בעטייליגען אין דער דיענסט פון געטער. און אנ'אנדער מאל, וואלטען דיך די כהנים-גדולים געמוזט פערטרעטען. אז דו ווילסט אבער דערקענען די סודות פון די בית המקדש'ס, מוזט דו די געטער כבוד אנטהון, ווייל זיי זענען דאך די קוועלען פון דער חכמה.

פיער און צוואנציגסטעס קאפיטעל.

איצט האט שוין רעמסס געוואוסט, אז ער וועט זיין פאטערס בעפעהל נישט קאנען האלטען, אדער ער וועט זיך מוזען אונטערגעבען די כהנים און דאס האט איהם זעהר דערבייזערט אויף זיי.

עס האט זיך איהם אלזא נישט געוואלט געוואהר ווערען די סודות, וועלכע זענען פערבארגען אין בית המקדש, צו די תעניתים און תפלות. דערגעגען האט ער אנגעהויבען מעהר זיך בעטהייליגען אין די מאהלצייטען, וואס זענען געמאכט געווארען פון זיין כבוד וועגען.

דאמאלס איז צוריקגעקומען טוטמאזיס, וועלכער איז געוועזען א רעדעל-פיהרער אויף יעדער פערוויילונג און האט געבראכט דעם קרוין-פרינץ גוטע ידיעות פון שרה'ן. זי איז געוועזען געזונד און האט שען אויסגעזעהן. דאס האט אפילו רעמסס'ן וועניג אינטערעסירט. דערפאר איז ער אבער זעהר צופריעדען געוועזען פון דער בשורה, אז די כהנים זעהען פאראויס א גרויסע צוקונפט פאר זיין קינד.

זיי זענען זיכער געוועזען, אז דאס קינד וועט זיין א זוהן, וועלכען די געטער וועלען בעשענקען מיט די גרעסטע מעלות און אויב דער פאטער וועט איהם ליעבען, וועט ער פיעל כבוד אין זיין לעבען האבען.

פון דעם צווייטען טהייל פון דער נביאות, האט ער געלאכט.

— עפעס משונה'דיג איז זייער נבואה! — האט ער געזאגט צו טוטמאזיס'ן — זיי וויסען, אז דאס קינד וועט זיין א זוהן, וואס איך וויס נישט, חאטש איך בין זיין

פאטער און זיי וויסען נישט, צי איך וועל איהם ליעבען, חאטש יעדער קאן פערשטעהן, אז אפילו ווען דאס קינד וועט זיין א טאכטער, וועל איך זי אויך ליעבען.

און וועגען דעם כבוד, וואס דאס קינד וועט האבען, קאנען זיי רוהיג זיין, איך וועל מיך מיט דעם אליין בעשעפטיגען!...

אין חודש סאחאנא (יאנואר — פעברואר), איז דער קרוין-פרינץ איבערגעפאהרען אין דער פראווינץ קא, וואו עס האט איהם עמפפאנגען דער הויפט-מאן ספרא. די שטאדט ענו איז געווען ווייט זיעבען שטונדען רייזע פון אטריביס, נאר ביי רעמסס'ן האט דער וועג געדויערט דריי טעג. דערמאהנענדיג זיך אן די תעניתים און תפלות, וועלכע ער וועט מוזען דורכמאכען, איידער מען וועט איהם מגלה זיין די סודות פון די בית המקדש'ס, האט רעמסס געשפירט א גרעסערען חשק צו פערוויילונגען; זיין סוויטע האט דאס אן איהם דערקאנט און עס זענען געמאכט געווארען פערוויילונגען אויף פערוויילונגען.

אויף דעם וועג, וואו רעמסס איז דורכגעפאהרען קיין אטריביס, זענען וויעדער אנגעקומען מאסען מענשען מיט געשרייען, בלומען און מוזיק. בפרט אונטער דער שטאדט איז די התלהבות פון דעם המון זעהר גרויס געווארען. עס האט אויך פאסירט, אז עפעס א ריעזענדיגער ארבייטער האט זיך געווארפען הינטער דעם וואגען פון דעם קרוין-פרינץ. און ווען רעמסס האט פערהאלטען די פערד, זענען פון דעם המון ארויס לערך צוואנציג יונגע פרויען און האבען זיין וואגען אויסגעפלאכטען מיט בלומען.

— זיי האָבען מיך דאָך ליעב! ... — האָט זיך רעמסס געקלערט.

אין דער פּראָווינץ קאַ האָט ער שוין נישט געפֿרעגט דעם הויפּט־מאַן וועגען פּרעה'ס איינקינפֿטען, ער האָט שוין נישט בעזוכט קיין פֿאַבריקען, נישט געהייסען זיך לייענען קיין ראַפּאָרטען. ער האָט געוואוסט, אַז ער פֿערשטעהט גאָרנישט און דאַרום האָט ער דאָס אָבגעלעגט, ביז ער וועט געוואָהר ווערען די סודות אין די בית המקדש'ס. נאָר אַ מאָל, ווען ער האָט דערזעהן, אַז דער בית המקדש פֿון דעם גאָט סעבאַך שטעהט אויף אַ הויכֿען בערג, האָט ער אויסגעדריקט זיין רצון אַרויפֿצוגעהן אויף דעם שפּיץ פֿון טהורם און אָנקוקען דאָס געגענד.

דער הויפּט־מאַן ספּראָ האָט באַלד געטהון דעם רצון פֿון קרוין־פּרינץ און האָט איהם דאָרט אַרויפֿגעפֿיהרט.

די פּראָווינץ קאַ איז געווען אַ פֿרוכֿטבאַרער שטח, וועלכֿען עס האָבען דורכֿגעשנטען לערך צוואַנציג קאַנאַלען און צווייגען פֿון נילוס, ווי אַ נעץ, וואָס איז געפֿלאָכֿטען פֿון זילבערנע שנורען, מעלאָנען און ווייץ זענען שוין רייף געוואָרען. די פֿעלדער זענען פֿול געווען מיט נאַקעטע מענשען, וועלכֿע האָבען אַראָבגענומען אוגערקעס און געזעט בוימוואָל. די ערד איז געווען בעדעקט מיט בנינים, וועלכֿע זענען אין פֿיעל פּונקטען געווען ווי צונויפֿגעדריקט; דאָס זענען געווען שטעדטלעך.

דער רוב פֿון די הייזער און בפרט די, וואָס זענען געווען אויף די פֿעלדער, זענען געווען לעהם־הייזלעך, מיט שטרוי און פּאַלמען־בלעטער געדעקטע. אין די שטעדטן זענען די הייזער געווען געמויערטע און האָבען געהאַט

פלאכע דעכער. זעהר אפט זענען אויף אזעלכע הייזער געשטאנען קלענערע הייזלעך און אויף די קליינע — נאך קלענערע און יעדעס הייזעל איז געווען געמאלט מיט אנאנדער קאליער. הינטער דער פייערדיגער זון פון מצרים האבען די הייזער אויסגעזעהן, ווי גרויסע פערל, רובינען און שאפירען, פונאנדערגעווארפענע צווישען גרינע פעלדער און ארומגענומען מיט פאלמען און אקאציעס.

אויף דעם ארט האט רעמסס דערזעהן א ערשיינונג, וועלכע ער האט גוט גענומען בעטראכטען. נעבען די בית המקדש'ס זענען געווען די שענסטע הייזער און דארט אויף די פעלדער איז געווען אם מעהרסטען בעפעלקערונג.

— די גיטער פון די כהנים זענען די רייכסטע!...— האט זיך רעמסס דערמאהנט און איז מיט די אויגען נאך א מאל דורכגעלאפען די בית המקדש'ם אין דער פראווינץ.

ווייל ער האט אבער געהאט שלום געמאכט מיט הרהור'ן און האט בעדארפט א טובה צו האבען פון די כהנים, האט ער לענגער וועגען דעם נישט געוואלט טראכטען.

אין די איבריגע טעג האט דער הויפט-מאן ספרא איינגעארדענט פאר דעם קרוין-פרינץ א גאנצע רייהע פון יאגדען, רוקענדיג זיך פון דער שטאדט אטריבים צו מזרח-צו. נעבען די קאנאלען האבען זיי געשאסען מיט פייל און בויגען צו פויגעל, הונדערטער האבען זיי מיט א מאל געחאפט אין נעצען. ווען די סוויטע פון דעם קרוין-פרינץ איז אנגעקומען אין דער מזרח-מדבר, האט זיך אנגעהויבען דער יאגד מיט הינד און פאנטערען אויף חיות, פון וועלכע זיי האבען הונדערטער געהרג'עט אין עטליכע טעג.

ווען ספרא האט דערזעהן, אז דער קרוין-פרינץ האט שוין גענוג פערוויילונגען הינטער דעם הימעל און נעבטיגען אין געצעלטען, האט ער איבערגעהאקט דעם יאגד און מיט די קורצסטע וועגען איז ער צוריק מיט דעם קרוין-פרינץ און זיין סוויטע אריבער קיין אטריבים.

קיין אטריבים זענען זיי געקומען פיער א זייגער נאך מיטאג און דער הויפט-מאן האט זיי אלע פערבעטען אויף א מאהלצייט.

ספרא אליין האט דעם קרוין-פרינץ אריינגעפיהרט אין באד און פון זיין אייגענעם קאסטען האט ער ארויסגענומען שמעקענדע עהלען און געזאלבט רעמסס'ן. דערנאך האט ער אבגעהיט דעם פריזירער, וועלכער האט אין ארדנונג געבראכט די האר פון דעם קרוין-פרינץ און קניענדיג האט ער איהם געבעטען, ער זאל פון איהם נעהמען נייע מלבושים.

ער האט איהם דערלאנגט, א העמד, וואס איז ערשט געוועבט געווארען, א שירץ, וואס איז אויסגענעהט געווען מיט פערל, און א מאנטעל, וואס איז געווען געשטיקט מיט גאלד און איז געווען זעהר שטארק און אזוי דין, אזוי פיין, אז מען האט איהם געקאנט צונויפלעגען און האלטען אין צוויי פערמאכטע הענד.

דער קרוין-פרינץ האט דאס אנגענומען, זאגענדיג איהם, אז ער האט נאך קיינמאל אזא שענע מתנה ניט בעקומען.

די זון איז אונטערגעגאנגען און דער הויפט-מאן האט אריינגעפיהרט דעם קרוין-פרינץ אין באל-זאל.

דער באל-זאל איז געווען א גרויסער הויף, וועלכער

איז געווען ארומגענומען מיט זיילען און אויסגעפלאסטערט מיט פערשידען-פארביגע שטיינער, אלע ווענד זענען געווען בעדעקט מיט מאלערייען, וועלכע האבען פארגעשטעלט סצענעס פון דעם לעבען פון ספרא'ס אבות: מלחמות, רייזען אויף דעם ים און יאגדען. איבער דעם בנין איז נישט געווען קיין דאך, נאר א ריזענדיגער זומער-פויגעל מיט פערשידען-פארביגע פליגעל, וועלכע זענען געריהרט געווארען דורך פערבארגענע שקלאפען, כדי די לופט קיהלער צו מאכען.

אין לאמפען פון בראנז, וועלכע זענען געווען צוגעשלאגען צו די זיילען, האבען העל געלויכטען שטאלקאצען, ארויסגעבענדיג פון זיך שמעקענדען רויך.

דער זאל איז געווען געטיילט אין צווייען: איין טייל איז געווען לעער, דער צווייטער טייל איז געווען פול מיט טישלעך און שטוהלען פאר די געסט. אין דער טיעף איז געווען געמאכט, ווי א הויכער בריק אונטער א טייער געצעלט מיט פונאנדערגערוקטע ווענד. דארט איז געשטאנען א טישעל און א זאפע פאר רעמסס וועגען.

ביי יעדען טישעל זענען געשטאנען גרויסע וואזאנען מיט פאלמען, אקאציעס און פייגען-בוימער. דער טיש פון קרוין-פרינץ איז געווען ארומגענומען מיט נאדעל-בוימער, וועלכע האבען ארויסגעגעבען א באלזאם-גערוך.

די פערזאמעלטע געסט האבען בעגריסט דעם קרוין-פרינץ מיט א שמחה-אויסגעשריי און, ווען רעמסס האט זיך געזעצט הינטער דער חופה, פון הינטער וועלכער מען האט געקאנט זעהן דעם גאנצען זאל, האט זיך זיין סוויטע געזעצט צום טיש.

די האַרפען האָבען אָנגעהויבען שפּיעלען און עס זענען אַרייַנגעקומען דאַמען אין טייַערע מושלין-קליידלעך מיט אויפגעבלעזטע ברוסטען, וועלכע האָבען געבלאַנקט פון ציערונג. די שענסטע פיער דאַמען האָבען אַרומגענומען רעמסס'ן און אַנדערע האָבען זיך געזעצט נעבען די גרויסע לייט פון זיין סוויטע.

די לופט איז פול געוואָרען מיט אַ גערוך פון רויזען און פיילכען-בלומען און דער קרוין-פּרינץ האָט דערשפּירט, אַז אין מיינע שלעפען קלאַפּען די אָדערען.

שקלאַפען און שקלאַפינען אין וויַיסע, ראָזע און בלויע העמדער האָבען אַרומגעטראָגען קוכען, געבראָטענע עופות און חיות, פיש, וויין און פירות, און אויך בלומען-קראַנצען, וועלכע די געסט האָבען זיך געלעגט אויף די קעפּ. דער דריזענדיגער זומער-פויגעל האָט וואָס אַ מאָל גיכער געפּאָכט מיט די פליגעל און אין דעם לעערען טייל פון זאל האָבען זיך אָנגעהויבען די פאָרשטעלונגען. עס זענען אַרויסגעטרעטען טענצערינס, גימנאַסטיקער, לצים, קונצען-מאַכערס און ווען וועך פון זיי האָט געוויזען אַ גרעסער געשיקליכקייט, האָבען איהם די צוזעהער געוואָרפען בלומען פון זייערע קראַנצען, אָדער גאָלדענע פינגערלעך.

דאָס מאָהלצייט האָט געדויערט עטליכע שטונדען, אין וועלכע עס זענען פיעל מאָל אַרויסגעגעבען געוואָרען געשרייען לכבוד דעם הויפּט-מאַן און זיין פאַמיליע.

פיער דאַמען האָבען בעדינט רעמסס'ען, וועלכער איז האַלב געלעגען, האַלב געזעסען אויף אַ בעט, וואָס איז געדעקט געוועזען מיט אַ לייבען-פעל. איין דאַמע האָט איהם געפאָכט, די צווייטע האָט איהם יעדע ווייַלע אַרויפגעלעגט אויפ'ן קאָפּ אַ פרישען בלומען-קראַנץ, אַראָבנעהמענדיג

דעם פריהעריגען, די איבעריגע צוויי האבען איהם דערלאנגט די שפייזען. צום סוף פון מאהלצייט האט איהם געבראכט א בעכער ווין די דאמע, מיט וועלכער רעמסס האט אם מעהרסטען גערעדט. רעמסס האט אויסגעטרונקען די העלפט און די צווייטע העלפט האט ער נעגעבען דער דאמע. ווען זי האט אויסגעטרונקען, האט ער זי געקושט אין מויל.

דאמאלס האבען די שקלאפען גיך פערלאשען די שטאלקאצען, דער זומער-פויגעל האט אויפגעהערט צו פאכען מיט די פליגעל, אין איין זאל איז געווארען פינסטער, שטיל. די שטילקייט איז אבער יעדע ווײלע איבערגעריסען געווארען דורך די געלעכטערס פון די פרויען.

פלוצלונג האבען זיך געהערט גיכע טריט פון עטליבע מענשען און א שרעקליך געשריי:

— לאזט מיך אב!... — האט געשריען עפעס א הייזעריג מענליך קול — וואו איז דער קרוין-פרינץ?... וואו איז דער שני-למלך?...

אין דעם זאל איז געווארען א מהומה. פרויען האבען פון שרעק געוויינט און מענער האבען געשריען:

— וואס איז דאס?... א אנפאל אויף דעם קרוין-פרינץ?... וואו איז די וואך!...

עס האט זיך געהערט א קלאנג פון צעבראכענע כלים און קלאפעריי פון שטוהלען.

— וואו איז דער קרוין-פרינץ? — האט געשריען דער פרעמדער:

— די וואך!... ווערט דעם קרוין-פרינץ!... האט מען געשריען אין זאל.

— ציִנדט אָן די שטאָלקאַצען !... — האָט זיך אָנגערופען דער קרוין־פּריִנץ — ווער זוכט מיך ?... דאָ בין איך !...

מען האָט אָנגעצונדען די שטאָלקאַצען. אין זאַל זענען געלעגען צעבראָכענע כּלים איינע אויף די אַנדערע און צווישען זיי זענען געלעגען בעהאַלטען די גרויסע לייט, וואָס האָט זיך בעטייליגט אין דעם מאַהלצייט. אויף דער עסטראַדע האָט זך דער קרוין־פּריִנץ אַרויסגעריסען פון די פרויען, וועלכע האָבען זיך שרייענדיג פעסט געהאַלטען אָן זיינע הענד און פיס. נעבען דעם קרוין־פּריִנץ איז געשטאַנען טוטמאָזיס אין אַ צעריסענער פּערוק מיט אַ בראָנז־קרוג אין דער האַנד און איז גרייט געווען צו צוהאַקען דעם קאָפּ פון יעדען, וואָס וואָלט צוגעגאַנגען נעהנטער. אין די טהירען פון זאַל האָבען זיך געוויזען עטליכע סאָלדאַטען מיט אויסגעצויגענע שווערדען.

— וואָס איז דאָס ?... ווער איז דאָס ?... — האָט דער הויפּט־מאַן געשריִען מיט שרעקעניש.

מען האָט ענדליך דערזעהן דעם אָנפאַלענדען. עפּעס אַ ריעז, אַ נאַקעטער, מיט בלאַטע בעדעקט, מיט בלוטיגע שטרייפען אויף די פּלייצעס, האָט געקניעט אויף די טרעפּ פון דער עסטראַדע און האָט אויסגעצויגען די הענד צום קרוין־פּריִנץ.

— אָט איז דער רוצח !... — האָט געשריִען דער הויפּט־מאַן — נעהמט איהם !...

טוטמאָזיס האָט אויפגעהויבען זיין קרוג, פון די טהירען זענען אָנגעקומען צולויפען די סאָלדאַטען. דער פער־

זוואונדעטער איז געפאלען מיט'ן פנים אויף די טרעפ, שרייענדיג:

— רחמנות, זון פון מצרים, רחמנות!...

די סאלדאטען האבען איהם שוין געזאלט חאפען, נאר רעמכם, ארויסרייסענדיג זיך פון די ווייבער, איז צוגעגאנגען צו דעם עלענדען.

— ריהרט איהם נישט אן! — האט רעמסס געשריען צו די סאלדאטען — וואס ווילסטו?

— איך וויל דיר. הערשער, דערצעהלען פון די עולות, וואס מען טהוט אונז!...

ספרא איז באלד צוגעגאנגען צום קרוין-פרינץ או האט איהם איינגערוימט.

— דאס איז א היקסאס... טהו נאר א קוק אויף זיינע פערקאלטענדיגע בארד און האר... זיין עזות, זיין חוצפה'דיגער אנפאל בעווייזען, אז ער איז נישט קיין געבוירענער מצרי...

— ווער ביזט דו? — האט דער קרוין-פרינץ געפרעגט —

— איך בין בכור, א ארבייטער פון דעם פאלק גרובער אין סיחון. מיר האבען איצט קיין בעשעפטיגונג נישט, האט אונז דער הויפט-כאן עוט-עת געהייסען...

— דאס איז א שכור און א משוגע'נער!... — האט ספרא מיט בעם געמורמעלט — ווי רעדט ער צו דיר, קרוין-פרינץ?...

דער קרוין-פרינץ האט אזא קוק „געטהון אויף דעם הויפט-טאן, אז ער האט זיך טיעף געבוקט און אבגערוקט.

— וואָס האָט אייך געהייסען דער גרויסער עוט־עת? — האָט רעמסס געפרעגט בסוד?

— ער האָט אונז געהייסען געהן אויף דעם ברעג פון נילוס, שווימען אין דעם נילוס, שטעהן אויף די וועגען און טומלען פאר דיין כבוד וועגען. און ער האָט אונז פערשפּראָכען, אז דערפאר וועט ער אונז געבען, וואָס אונז קומט... ווארום שוין צוויי חדשים האָבען מיר גארנישט בעקומען... מען האָט אונז נישט געגעבען קיין געדערשטענע פלעצלעך, קיין פיש, קיין עהל זיך צו שמירען.

— וואָס זאָגסטו, הויפּט־מאַן? — האָט דער קרוין־פּרינץ געפרעגט.

— אַ געפעהרליכער שכור... אַ מאוס'ער ליגנער... — האָט ספרא דערויף געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ טומעל האָט איהר דאָס געמאַכט פאַר מיין כבוד וועגען?

— מען האָט געטהון, וואָס מען האָט געהייסען — האָט דער ריעז געענטפערט — מיין ווייב און מיין טאָכטער האָבען געשריען צוזאַמען מיט אַנדערע: „עביג זאָל ער לעבען!” און איך בין געשפּרונגען אין וואַסער אריין און האָב געוואָרפען בלומען־קראַנצען אין דיין שיף. דערפאַר האָט מען יעדען פון אונז געזאָלט געבען אַ אוטען, און ווען דו, הערשער, האָסט געזאָלט אריינפאָהרען אין דער שטאָדט אַטריבים, האָט מען מיך בעשטימט דערצו, איך זאָל זיך וואַרפען אונטער די פערד און אָבהאַלטען דיין וואָגען...

דער קרוין־פּרינץ האָט געלאַכט.

— ווי איך לעב, האָב איך קיינמאָל נישט געדערבענט, אז דאָס מאָהלצייט וועט זיך אַזוי לוסטיג ענדיגען!..

און וויפיעל האָט מען דיר בעצאָהלט דערפאַר, וואָס דו האָסט זיך געוואָרפען אונטער כיין וואָגען?

— מען האָט מיר פערשפּראָכען צו געבען דריי אוטענען, מען האָט מיר אָבער נישט בעצאָהלט, מיין ווייב און מיין טאָכטער האָט מען אויך גאָרנישט געגעבען. דעם גאַנצען פאָלק האָט מען שוין צוויי חדשים נישט געגעבען קיין עסען.

— און פון וואָס לעבט איהר?

— פון בעטלעריי, אָדער פון דעם, וואָס מען פער־דיענט ביי די פויערען. אין דער שווערער עלענדקייט האָבען מיר זיך דריי מאָל געבונטעוועט און מיר האָבען געוואָלט צוריק אַ היים. נאָר די אָפיציערען און שרייבער האָבען פריהער אונז פערשפּראָכען, אַז זיי וועלען אונז געבען, אָבער זיי האָבען אונז געהייסען שלאָגען...

— פאַר דעם געטומעל, וואָס איהר האָט געמאַכט פון מיין כבוד וועגען? — האָט דער קרוין־פּרינץ געפרעגט מיט געלעכטער.

— אמת זאָגט איהר, הערשער... נעכטען איז געוועזען דער גרעסטער בונט און דערפאַר האָט דער הויפּט־מאַן ספרא געהייסען שלאָגען מיט שטעקענס יעדען צעהנטען פון אונז, נאָר מיך האָט מען געהייסען אַם מעהרסטען שלאָגען, וויל איך בין דער גרעסטער און איך האָב צו שפּייזען דריי מיילער: מיינס, מיין ווייבס און מיין טאָכטערס... ווען מען האָט מיך געשלאָגען, האָב איך זיך אַרויסגעריסען פון זייערע הענד, און בין געקומען פאַלען אויפ'ן בויך פאַר דיר, הערשער, און דיר דערצעהלען, וואָס מען טהוט מיט אונז. דו שלאָג אונז, ווען מיר פערשולדיגען, נאָר

זאָלען אונז די שרייבער אַרויסגעבען, וואָס אונז קומט, ווארום מיר וועלען שטאַרבען פון הונגער — מיר, אונזערע ווייבער און אונזערע קינדער.

— א רוח איז אין איהם אריין! ... — האָט ספרא געריען — זעה נאָר, גרויסער הערשער, וואָס פאַר א שאָדען ער האָט מיר געמאַכט... מעהר ווי צעהן טאָלענטען זענען ווערטה געווען די טישען, שיסלען און קרוגען..

די געסט, וועלכע זענען צו זיך געקומען, האָבען אָנגעהויבען צו מורמלען.

— דאָס איז א באַנדיט! ... — האָט מען געזאָגט — זעהט, דאָס איז טאַקי א היקסאָס... עס קאָכט זיך נאָך אין איהם דאָס פערשאָלטענע בלוט פון זיינע זיידעס, וועלכע זענען אָנגעקומען און רואינירט מצרים... אזעלכע טייערע כלים... אזא טייער מעבעל — אַלץ צעבראָכען! ...

— איין בונט פון די אַרבייטער, וועלכע מען בעצאָהלט נישט פאַר דער אַרבייט קאָסט טייערער, ווי דאָס אַלץ — האָט זיך רעמסס מיט כעס אָנגערופען.

— היילינע ווערטער האָט דער קרוין-פרינץ פון מויל אַרויסגעלאָזט! ... מען דאַרף זיי אויפשרייבען אויף דענקמאַלען — האָט מען צווישען זיך גערעדט — יעדער בונט רייסט אָב מענשען פון דער אַרבייט און פערטריבט דאָס האַרץ פון היילינען פרעה... עס איז זעהר שלעכט, ווען אַרבייטער נעהמען צוויי חדשים נישט זייער בעלויהנונג.

רעמסס האָט מיט פעראַכטונג געקוקט אויף די גרויסע לייט, וועלכע ענדערן זיך ווי די וואָלקענס און האָט זיך געווענדעט צו דעם הויפט-מאַן:

— איך גיב דיר איבער דעם געשלאָגענעם. איך בין

זיבער, אז א האר פון קאפ וועט איהם נישט אראבפאלען. מארגען וועל איך זעהן דעם ארבייטער-פאלק, צו וועלכען ער געהער און זיך איבערצייגען, צי ער זאגט אמת.

נאך די ווערטער איז רעמסס ארויסגעגאנגען, איבערלאזענדיג דעם הויפט-מאן און די געסט זעהר פערטרויריגט.

צו מארגענס האט דער קרוין-פרינץ געפרעגט טוטמאזיס'ן, ווען ער האט זיך אנגעקליידעט:

— זענען שוין די ארבייטער געקומען?

— יא, מיין הערשער. זייט עס האט אנגעהויבען צו טאגען ווארטען זיי אויף דיין בעפעהל.

— און דער... בכור, איז צווישען זיי?

טוטמאזיס האט זיך פערקרימט און געענטפערט:

— עפעס א משונה'דיגער פארפאל איז געשעהן. דער גרויסער ספרא האט איהם געהייסען פערמאכען אין דעם ליידיגען קעלער פון זיין פאלאץ. און אט דער הולטיי, אזא גבור! האט אויסגעבראכען די טהיר פון אצווייטען קעלער, וואו עס שטעהט ווייןו, האט אומגעווארפען עטליכע קרוגען מיט'ן טייערסטען וויין, און האט זיך אזוי פערשכור'ט, אז...

— אז וואס?...— האט דער קרוין-פרינץ געפרעגט.

— אז — ער איז געשטארבען.

רעמסס האט זיך אויפגעהאפט פון שטוהל.

— און דו גלויבסט — האט ער געשריען — אז ער האט זיך פערשכור'ט צום טויט?...

— איך מוז גלויבען, ווייל איך האב נישט קיין בעווייז, אז מען האט איהם געהרג'עט — האט טוטמאזיס געענטפערט.

— איך וועל אויפֿזוכען די רוצחים! — האָט רעמסס געשריען מיט כּעס.

ער איז אַרומגעלאָפֿען אין צימער און האָט זיך געוואָרפֿען, ווי אַ דערצירענטער יונגער לייב.

ווען ער האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט טוטמאָזיס געזאָגט.

— זוך ניט, הערשער, קיין זינד, וואו מען זעהט זי נישט. וואָרום דו וועסט קיין עדות נישט געפֿינען. ווען עס וואָלט אַפֿילו וועֶר, אויפֿ'ן בעפֿעהל פֿון הויפּט-מאַן, דערוואָרגען דעם אַרבייטער, וועט ער זיך נישט מודה זיין, דער טוידטער אַליין וועט אויך גאָר נישט זאָגען. און חוץ דעם, וואָס אַ ווערט קאָן האָבען אַ אָנקלאָגע אויף דעם הויפּט-מאַן?... אין אַזעלכע בעדינגונגען וועט קיין שום געריכט נישט וועלען אָנהויבען צו פֿיהרען אַ אויספֿאָרשונג...

— און אויב איך וועל הייסען... האָט רעמסס געפֿרעגט.

— אויב אַזוי, וועט געפֿיהרט ווערען אַ אויספֿאָרשונג און עס וועט דערוויזען ווערען, אַז ספּרא איז אונשולדיג. דערנאָך וועסטו, הערשער, פֿערשעהמט בלייבען און אַלע הויפּט-מענער מיט זייערע קרובים און דינער וועלען זיין דיינע שונאים.

דער קרוין-פּרינץ איז געשטאַנען אין מיטען צימער און האָט זיך געקלערט.

— אַלץ — האָט טוטמאָזיס געזאָגט — דערווייזט, אַז דער אונגליקליכער בכור איז געוועזען אַ שכּור, אָדער משוגע און נישט קיין מצרי. אַ געבוירענער מצרי מיט אַ קלאָרען פֿערשטאַנד, ווען ער וואָלט אַפֿילו אַ יאָהר זיין לויהן נישט

בעקומען און שטעקענס וואלט מען איהם נעגעבען צוויי מאל אזוי פיעל, וויפיעל בכור'ן, וואלט קיין מאל נישט נעהאט די העזה אריינצופאלען אין פאלאץ פון הויפט-מאן און דיך רופען מיט אזא טומעל!...

רעמסס האט דעם קאפ אראבגעלאזט, און זעהענדיג, אז אין צווייטען צימער זענען הויפס-לייט, האט ער שטיל געזאגט:

ווייסט דו, טוטמאזיס, זייט איך בין ארויסגעפאהרען אויף מיין איצטיגער רייזע, האט מיר מצרים אנגעהויבען אנדערש אויסצוזעהן. טיילמאל פרעג איך זיך זעלבסט: צי געפין איך זיך נישט אין אנ'אנדער לאנד? טיילמאל בעאונרוהיגט מיך מיין הארץ, ווי איך וואלט געהאט א הייטעל אויף די אויגען, איך זאל נישט קאנען זעהן די גנבות און רציחות...

— ווער הייסט דיך זוכען? אז דו ועסט אזוי זוכען גנבות און רציחות, וועסטו ענדליך מיינען, אז מיר אלע דארפען פערשיקט צו ווערען אין די גרובען — האט טוטמאזיס געענטפערט מיט א געלעכטער — געדענק, אז די הויפט-מענער און בעאמטע זענען פאסטוכער פון דיינע שאף. ווען איינער מעלקט אויס א מאס מילך פאר זיינעט וועגען, אדער ער שעכט א שעפעלע, דארפסטו איהם דאך נישט הרג'ענען און נישט פערטרייבען. שאף האסטו צו פיעל און פאסטוכער איז שווער צו בעקומען אנדערע.

רעמסס איז אריין אין דעם גאסט-צימער, וואו עס איז געווען פערזאמעלט זיין סוויטע: כהנים, אפיצירען און בעאמטע. דערנאך איז ער צוזאמען מיט זיי ארויס פון פאלאץ און איז אריין אין דעם אויסערליכען הויף.

דער אויסערליכער הויף איז געווען א גרויסער פלאץ מיט אקאציעס און אין זייער שאטען האבען ארבייטער אבגעווארט דעם קרוין־פרינץ. ווען א טראמפייט האט זיך געלאזט הערען, האט זיך דער המון אויפגעהאפט און אויסגעשטעלט אין פינף רייהען

רעמסס, וועלכער איז געווען ארומגענומען מיט זיין סוויטע, האט זיך פלוצלונג פערהאלטען, וועלענדיג פריהער פון ווייטענס אנקוקען דעם פאלק ארבייטער. אלע זענען געווען נאקעטע, מיט ווייסע הויבען אויף די קעפ און ווייסע גירטלען אונטער די לענדען. אין די רייהען האט מען לייכט געקאנט אונטערשיידען צווישען די ברוינע מצרים, שווארצע נעגרען, געלבע אזיאטען און די ווייסע איינוואהנער פון לוב און אויך פון די אינזלען אויף דעם ים־הגדול.

אין די ערשטע דריי רייהען זענען געשטאנען די גרובער מיט זייערע כלים און אין די לעצטע צוויי — זענען געשטאנען טרעגער מיט דרעגנגער, עמערס און גרויסע קאסטענס.

פאר די רייהען זענען יעדע עטליכע טריט געשטאנען מייסטערס. יעדער פון זיי האט געהאלטען אין דער האנד א גרויסען שטעקען און האלצערנעם צירקעל.

ווען דער קרוין־פרינץ איז נאהנט צוגעקומען צו זיי, האבען זיי אלע צוזאמען אויסגעשריען: „עביג זאלסטו לעבען!" און אנידערקניענדיג האבען זיי מיט דעם שטערן אן דער ערד געשלאגען. דער קרוין־פרינץ האט געהייסען אויפשטעהן און האט אלעמען ווידער אנגעקוקט.

אלע זענען געווען געזונדע און שטארקע, זיי זענען

גאָר נישט עהנליך געוועזן צו אזעלכע, וואָס האָבען צוויי חדשים געזאָלט לעבען פון בעטלעריי.

דער הויפּט-מאַן ספרא איז צוגעגאַנגען צו'ם קרוין-פּרינץ מיט זיין סוויטע. רעמסס האָט זיך אָבער געמאַכט נישט זעהן איהם און האָט זיך געווענדעט צו איינעם פון די מייס-טערס.

איהר זענט גרובער פון סיחון? — האָט ער געפרעגט.

דער מייסטער איז געפאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד און האָט געשוויגען.

דער קרוין-פּרינץ האָט געהויבען די פּלייצעס און זיך געווענדעט צו די ארבייטער:

— איהר זענט פון סיחון?

— מיר זענען גרובער פון סיחון!...— האָבען זיי געענטפערט אלע צוזאַמען.

— איהר האָט בעקומען אייער לויהן?

— מיר האָבען בעקומען אונזער לויהן!... מיר זענען זאַט און גליקליך!... פרעה'ס קנעכט!...— האָט דער המון הויך געענטפערט.

— אומדרעהען זיך!— האָט רעמסס געקאָמאַנדעוועט.

זיי האָבען זיך אומגעדרעהט, כמעט יעדער איינציגער פון זיי האָט געהאַט אויף די פּלייצעס טיעפע, געדיכטע ציי-בענס פון שטעקענס. פרישע שטרייפען זענען אָבער נישט געוועזן.

— זיי נאַרען מיך!— האָט זיך דער קרוין-פּרינץ גע-קלערט. ער האָט געהייסען די ארבייטער צוריקגעהן אין די קאַזאַרמען און נישט געזעגענענדיג זיך מיט דעם הויפּט-מאַן איז ער צוריק אין פּאַלאַץ אריין.

— צי ווערסטו מיר אויך זאָגען, אז די מענשען זענען ארבייטער פון סיתון? — האָט דער קרוין-פרינץ נאָכ-געפרעגט טוטמאזיס'ן.

— זיי אליין האָבען דאָך דיר געזאָגט! — האָט טוטמאָ-זיס געענטפערט.

דער קרוין-פרינץ האָט גערופען מען זאָל איהם ברענ-גען א פערד און איז געריטען צו דעם מיליטער, וועלכעס האָט געהאַט דעם לאַגער אונטער דער שטאָדט.

דעם גאנצען טאָג האָט ער מושטרירט דעם פאָלק. מיטאָג-צייט איז אָנגעקומען ספרא מיט הונדערט טרעגער, וועלכע האָבען געטראָגען געצעלטען, כלים, מאכלים און ווייַן. רעמסס האָט זיי אָבער געשיקט קיין אַטריבים, און ווען עס איז אָנגעקומען די צייט פון מיטאָג-עסען, האָט ער זיך געהייסען געבען א האָבער-פלעצעל מיט געטריקענט פלייש.

דאָס מיליטער איז בעשטאַנען פון געדונגענע פאָלקען פון לוב. ווען דער קרוין-פרינץ האָט זיי אָוועקגעהייסען אוועקלעגען דאָס געוועהר און האָט זיך מיט זיי געזעגענט, האָט זיך געדאַכט, אז די סאָלדאַטען און אָפיציערען זענען משוגע געוואָרען פון פערהייליגען און אָבטען דעם קרוין-פרינץ. זיי האָבען געשריען: „אייביג זאָלסטו לעבען!“ זיי האָבען געקושט זיינע הענד און פיס. זיי האָבען געמאַכט א לעקטי-קע פון שפיזען און מאַנטלען, מיט געזאַנג האָבען זיי גע-טראָגען דעם קרוין-פרינץ אין דער שטאָדט אריין, און אויפ'ן וועג האָבען זיי זיך געקריגט צווישען זיך וועגען דעם כבוד צו טראָגען איהם אויף די פלייצעס.

דער הויפט-מאַן און די בעאַמטע פון דער פראָווינץ,

זעהענדיג דאָס התלהבות פון דעם פרעמדען מיליטער און דאָס ליַיטזעליגקיַיט פון רעמסס'ן צו זיַי, זענען זעהר דערשראָ־קען געוואָרען.

— אָט, דאָס איז אַ הערשער!...— האָט דער גרוי־סער שרייבער איינגערוימט רעמסס'ן — ווער ער וואָלט גע־וואָלט, וואָלטען די מענשען מיט דער שווערד אויסגעהרג'עט אונז און אונזערע קינדער...

דער פערזאָרגטער הויפט־מאַן האָט אויפגעהויבען די אויגען און געזיפצט צו די געטער, בעטענדיג זיי אום שוץ.

שפעט ביַי נאַכט איז רעמסס געוועזען אין זיין פאלאַץ, און דאָ האָט איהם די דינסטשאַפט דערצעהלט, אַז מען האָט איהם געגעבען אַנ'אַנדער צימער צו'ם שלאָפען.

— פאַר וואָס? — האָט ער געפרעגט.

— ווייל אין יענעם שלאָפצימער האָט מען געזעהן אַ גיפטיגע שלאַנג, וועלכע האָט זיך אַזוי בעהאַלטען, אַז מען האָט זי נישט געקאָנט געפינען.

דאָס נייע שלאָפצימער איז געוועזען אין דעם פליגעל בעבען דעם הויפט־מאַנס הויז. דאָס צימער איז געוועזען פיער־קאַנטיג און אַרומגענומען מיט זיילען, די ווענד זענען גע־וועזען פון אַלבאַסטער און בעדעקט מיט געמאָלטע שניצעריי־ען, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט אונטען — געוויקסען אין וואַזאָנען, העכער — קראַנצען פון עהל־בלעטער און לויבער־בלעטער.

אין מיטען צימער איז געשטאַנען אַ גרויס בעט, וועלכעס איז געוועזען בעלעגט מיט העבאָן, עלפאַנט־ביין און גאָלד. צוויי שמעקענדיגע שטאָלקאַצען האָבען בעלייכט

דאָס צימער. נעבען די ווילען זענען געווען טישלעך מיט וויין, מאכלים און קרענץ פון רויזען.

אין סוף איז געווען א גרויס פיערעקיג לאך, וועלכעס איז געווען פערדעקט מיט ליינוואנד.

דער קרוין-פרינץ האָט זיך אויסגעבאָדען און געלעגט אויף דעם ווייכען געלעגער און זיין דינסטשאפט איז אוועק-געגאנגען אין די ווייטערע צימערען. די שטאלקאצען האָבען אָנגעהויבען פערלאָשען צו ווערען, אין דעם שלאָפצימער האָט געוועהעט א קיהלער ווינד, וועלכער איז אָנגעזאפט געוועזען מיט געררוך פון בלומען. גלייכצייטיג האָט זיך געהערט פון דער הויך א שטילע הארפען-מוזיק.

רעמסס האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. דער ליינוואנ-דענער דאך פון צימער האָט זיך אויפגעהויבען און דורך דער לאָך האָט ער דערזעהן א לייבען-בילד פון שטערען. די מוזיק איז וואָס א מאָל שטארקער געוואָרען.

— צי קומען די געטער צו מיר צו-גאסט?... — האָט זיך רעמסס געקלערט.

אין דעם לאָך פון סוף האָט פערבלאנקט א גרויס בינדעל ליכטיגקייט; שטארקע אָבער לינדע ליכטיגקייט. א ווילע דערנאך האָט זיך בעוויזען אין דער הויך א לעקטי-קע אין געשטאלט פון א גאלדען שיפעל, אויף וועלכען עס ליעגט א אלטאנע פון בלומען. די זיילען פון דער אלטאנע זענען געווען ארומגעוויקעלט מיט קראנצען פון רויזען, דער דאך — מיט פיילכען און לאָטאָס-בלומען.

אויף שנורען, וועלכע זענען געווען ארומגענומען מיט גרינס האָט זיך דאָס גאלדענע שיפעל אראָבגעלאָזט אין דעם שלאָפצימער. דאָס שיפעל איז געבליבען אויף דער פאר-

לאַנגע און פון אונטער די בלומען איז אַרוים אַ זעלטען שעניַן נאַקעטע פרוי. איהר קערפער האט אויסגעזעהן ווי וויַסער מאַרמאָר; פון דער בורשטין-פאַליע פון איהרע האָר איז אַרוים אַ שטאַרקער אנגענעהמער גערוך.

די פרוי, אַרויסגעהענדיג פון איהר לעקטיקע, האט אנידערגעקניעט פאַר רעמסס׳ן.

— דו בייזט ספראָ׳ס טאָכטער? — האָט דער קרוין-פרינץ געפרעגט.

— דו זאָגסט אמת, מיַין הערשער...

— און דו בייזט צו מיר געקומען!

— איך בין געקומען דיך בעטען, דו זאָלסט מוחל זיַין מיַין פאָטער... ער איז אונגליקליך!... פון מיטאָג אָן וויַינט ער און ריַיבט זיך אין אש.

— און ווען איך וואָלט איהם נישט מוחל געווען, וואָלסטו אוועקגעגאַנגען?

— ניַין!... — האט זי שטיל געענטפערט.

רעמסס האט זי צוגעצויגען צו זיך און זעהר היַים אַוישט. די אויגען האָבען איהם געברענט.

— ׳ דיים ״יל איך איהם מוחל זיַין — האָט ער געזאָגט,

— אָ, ווי גוט בייזטו!... — האָט זי גערופען, צושטופענדיג זיך צום קרוין-פרינץ, און דערנאָד האט זי מיט אַ חנ׳דעל געזאָגט:

— דו וועסט היַיסען איהם בעצאָהלען פאַר דעם שאַדען, וואָס דער משוגע׳נער אַרבייטער האָט איהם געמאַכט?

— איך וועל היַיסען...

— און מיך וועסטו נעהמען אין דיַין הויז אַריַין?...

רעמסס האט זיך אין איהר איינגעקוקט.

— איך וועל דיך נעהמען; דו ביזט זעהר שען.

— דו וועסט מיך טאקי נעהמען? — האט זי געזאגט, האלזענדיג איהם, — קוק זיך בעסער איין... צווישען די שענהייטען אין מצרים בין איך נאר די פירטע.

— וואס זאגסטו?

— אין מעמפיס, צי נעבען מעמפיס, וואהנט דיין ערשטע... צו'ם גליק איז זי א יודישע טאכטער!... אין סיחון האסטו די צווייטע...

— פון דער אין סידיי וויים ' גארנישט — האט רעמסס זיך אנגערופען.

— א, דו, טייבעל מיינם!... ווייסטו ד״ד אודאי אויך נישט פון דער דריטער און ענו...

— צי געהער אויך די צו מיין הויז?..

— דו אונדאנקבארער! — האט זי אויסגעשריען, גע־בענדיג איהם א קלאפ מיט א בלום פון לאטאס — און א חודש ארום וועסטו אויף מיר דאס זעלבע זאגיי... נארי איך וועל מיר נישט לאזען קיין עולה טהון...

— ווי דיין פאטער.

— דו האסט נאך נישט פערגעסען?... אוי, איך וועל אוועקגעהן...

— בלייב דא, בלייב!...

צו מארגענס האט דער קרוין-פרינץ בעוויליגט אנצו־נעהמען ביי זיך דעם הויפטמאן און זיין אויף דעם מאהלצייט, וואס ספרא האט פאר איהם געמאכט. ענטליך האט ער נעריהמט די אויפפיהרונג פון דעם הויפטמאן און פאר דעם שאדען, וואס דער ארבייטער האט איהם געמאכט, האט ער

אירם געשענקט אַ העלפט פון די כלים, וואס ער האט בעקומען אין דער שטאדט ענו.

די אנדערע העלפט פון די מתנות האט צוגענומען די שענע אביב, דעם הויפטמאנס טאכטער, אלם הויפּ-דאמע. אויסער דעם האט זי זיך געהייסען אויסצאהלען פון רעמסס'ענס קאסע פינף טאלענטען אויף קליידונג, פערד און שקלאפען.

אין אווענד האט דער קרוין-פּרינץ געניצענד געזאגט צו טוטמאזיס'ן:

— דער היילינגער פאטער מיינער האט מיר א גוטע לעהרע געגעבען: ער האט מיר געזאגט, אז פרויען קאסטען טייער.

— אז מען האט נישט קיין פרויען איז נאך ערגער — האט טוטמאזיס געענטפערט.

— איך האב דאך פיער פרויען און ווייס אפילו נישט גוט, ווי אזוי איך האב אלע פיער. צוויי וואלט איך באלד געקאנט אוועקגעבען.

— שרה'ן וועסטו אויך אוועקגעבען?

— שרה'ן וועל איך נישט אוועקגעבען, בפרט ווען זי וועט האבען א זוהן.

— אויב דו וועסט בעשטימען פאר די טייבלעך גוטע נדנ'ען, וועלען זיך געפינען אויך מענער פאר זייערע-וועגען.

דער קרוין-פּרינץ האט ווידער געגעניצט.

— איך האב נישט ליעב צו הערען פון נדנ'ען — האט ער געזאגט — אַ אַ אַ!... וואס פאר א גליק איז דאס, אז איך וועל זיך שוין ארויסרייסען פון אייך און וועל זיך בעזעצען צווישען די כהנים...

— דו וועסט טאקי אזוי טהון ?...

— איך מוז. אפשר וועל איך געוואהר ווערען פון זיי, פאר וואס די פרעה'ס ווערען וואס אמאל ארעמער...

אאא!... איך וועל אויך אברוהען.

פינף און צוואנציגסטעס קאפיטעל.

דעם זעלבען טאג איז אין מעמפיס דער פעניציאנער דגון געלעגען אויף א זאפע אויף דער ווערענדע פון זיין פאלאץ. ארום איהם זענען געוועזן וואזאנען מיט שמעקענדע געוויקסען. צוויי שווארצע שקלאפען האבען איהם געקיהלט מיט פעכערס, און ער, שפיעלענדיג זיך מיט א קליינע אפע, האט זיך איינגעהערט די רעכענונגען, וועלכע זיין שרייבער האט איהם געלעזען.

אין דעם איז צו איהם צוגעגאנגען א שקלאף, וועלכער איז געוועזן בעוואפענט מיט א שווערד, שפיעז און פאנצער (דער באנקיער דגון האט געליעבט מיליטער-קליידונג) און האט איהם געמעלדען, אז דער גרויסער רבתון, א סוחר פון פעניציען, וועלכער האט געוואהנט אין מעמפיס,— קומט אן.

דער גאסט האט זיך טיעף געבוקט און מיט די אויגען האט ער צו וויסען געטהון דגונ'ען, אז ער האט איהם א סוד צו זאגען. דגון האט געהייסען דעם שרייבער און די שקלאפען, זיי זאלען באלד אוועקגעהן און דערנאך האט ער מיט פארזיכטיגקייט בעקוקט אלע ווינקעלעך און געזאגט צו דעם גאסט:

— מיר קאנען שמועסען.

רבתון האט אהן שום הקדמה געזאגט:

— ציִ ווייסטו, גרויסער דגון, אז פון צור איז אָנגעקומען דער פירשט חירם?

דגון איז פון כעס אויפגעשפרונגען.

— זאָל אויף איהם און אויף זיין מלוכה קומען א מכה!... — האָט ער געשריִען.

— ער האָט מיר טאַקי געזאָגט, אז צווישען אייך זענען מחלוקת'ן — האָט דער גאַסט געזאָגט.

— וואָס הייסט מחלוקת'ן?... — האָט דגון געשריִען — דער רוצח האָט מיך בעגנב'עט, רואינירט... ווען איך האָב געשיקט מיינע שיפען, נאָך אַנדערע שיפען פון צור, אויף מערב-זייט נאָך זילבער, האָבען די רודערער פון דעם גנב חירם געוואָרפען פייער אויף מיינע שיפען. זיי האָבען געוואָלט מיינע שיפען אויף דעם זאַמד אַרויסשטופען... נו, און מיינע שיפען זענען מיט גאָרנישט צוריקגעקומען... פערברענט און צעבראָכען זענען זיי געוועזען!...

— און אויב חירם האָט אַ געשעפט, וועלכעס ער וויל דיר איבערגעבען? — האָט דער גאַסט געפרעגט קאַלטבלוטיג.

דגון האָט זיך באַלד בערוהיגט.

— וואָס פאַר אַ געשעפט קאָן דאָס זיין? — האָט ער רוהיג געפרעגט.

— דאָס וועט ער דיר אליין זאָגען, ווען ער וועט זיך מיט אייך זעהן.

— נו, זאָל ער קומען צו מיר.

— ער מיינט, אז דו דאַרפסט צו איהם קומען. ער איז דאָך איינער פון די גרעסטע יועצים אין צור.

— זאָל ער אַזוי פּגר'ן, ווי איך וועל צו איהם נישט קומען!... — האָט דגון ווידער געשריען מיט כּעס.

דער גאַסט האָט זיך צוגערוקט זיין שטוהל צו דער זאַפּע און האָט געפּאַטשט דגונ'ען אויף דער קניע.

— דגון! — האָט ער געזאָגט — האָב פערשטאַנד!

— פאַרוואָס האָב איך נישט קיין און פאַרוואָס זאָגסטו, רבתון, נישט צו מיר: „גרויסער דגון"?...

— דגון, זיי נישט קיין נאַר? — האָט דער גאַסט געענטפערט — אויב דו וועסט נישט געהן צו איהם און ער וועט נישט געהן צו דיר, ווי אַזוי וועסטו קאָנען מאַכען דאָס געשעפט?

— דו, רבתון, ביזט אַ נאַר! —האָט ווידער דגון געשריען מיט כּעס — זאָל מיר די האַנד טרוקען ווערען, אויב איך וועל געהן צו חירם'ען. אַז איך וועל צו איהם געהן, וועל איך היזק האָבען אַ העלפט פון פערדיענסט.

דער גאַסט האָט אַביסעל געקלערט און געענטפערט.

— איצט האָסטו קלוגע ווערטער געזאָגט. איך וועל דיר אָבער עפּעס זאָגען. קום צו מיר און חירם וועט אויך קומען צו מיר, און איהר ביידע וועט ביי מיר שמועסען פון דעם געשעפט.

דגון האָט אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ און פערמאַכענדיג די אויגען, האָט ער געזאָגט.

— רבתון!... זאָג באַלד: וויפיעל האָט יער דיר בעצאָהלט?

— פאַר וואָס?

— דערפאַר, וואָס איך וועל צו דיר קומען און וועל מיט דעם פאַרך מאַכען אַ געשעפט...

— דאָס איז אַ געשעפֿט פֿאַר גאַנץ פֿעניציען, און איך וויל דערפֿון נישט פֿערדיענען — האָט רבּתון געענט־פֿערט, בּײזערענדיג זיך.

— דײַנע בּעלי־חובות זאָלען דיר אַזוי בּעצאָהלען ווי דאָס איז אמת!

— זײַ זאָלען מיר גאָרנישט בּעצאָהלען, אויב איך וועל אָן דעם עפּעס פֿערדיענען! זאָל נאָר פֿעניציען נישט קײן היזק האָבּען! — האָט געשריען רבּתון מיט צאָרן.

זײַ האָבּען זיך געזעגענט.

פֿאַרנאַכט האָט זיך דגון אַרײַנגעזעצט אין אַ לעקטיקע, וועלכע זעקס שקלאַפֿען האָבּען געטראָגען. פֿאַר דער לעקטיקע זענען געלאָפֿען צוויי לויפֿערס מיט שטעקענס און צוויי מיט שטאָלקאַצען; נאָך דער לעקטיקע זענען געגאַנגען פֿיער דיענער, וועלכע זענען געווען בּעוואָפֿענט פֿון די פֿיס בּיז'ן קאָפּ. נישט פֿאַר זיכערהײַט, נאָר ווײַל דגון האָט פֿון אַ געוויסער צײַט אָן ליעב געהאַט צו האָבּען אַרום זיך בּעוואָפֿענטע מענשען, ווי אַ ריטער.

ער איז אַרויס מיט ערנסטקײַט פֿון דער לעקטיקע און, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף צוויי מענשען (אַ דריטער האָט פֿאַר איהם געטראָגען אַ שירם), איז ער אַרײַן אין רבּתון'ס הויז.

— וואו איז דער... חירם? — האָט ער מיט גאווה בּעפֿרעגט רבּתונ'ען.

— ער איז נישטאָ.

— וואָס איז?... איך זאָל דאָ אויף איהם וואַרטען?

— ער איז נישטאָ אין דעם צימער, אָבּער ער איז אין דריטען צימער, בּײַ מײַן פֿרוי, — האָט רבּתון געענטפֿערט — ער גיעט איצט אָב אַ וויזיט מײַן פֿרוי.

— איך וועל דאָרט אהין נישט גײן! ...— האָט דער באַנקיר געזאָגט, זעצנדיג זיך אויף דער זאַפֿע.

— גײ אַרײַן אין צווייטן צימער און גלײַכצײַטיג וועט ער אויך דאָרט אַרײַנגײן.

דגון האָט זיך אַביסעל צוריקגעהאַלטן, באַלד דער־נאָך האָט ער אָבער געפֿאָלגט און איז אַרײַן אין צווייטן צימער. גלײַכצײַטיג איז פֿון די ווײַטערע צימערן אַרויס אַ נידריגער מענש מיט אַ גרויער באָרד אין אַ גאָלדענעם מאַנטל און אַ גאָלדענעם רייף אויפֿ׳ן קאָפּ.

— אָט איז ער! — האָט רבתון געזאָגט שטעהענ־דיג אין מיטן — אָט איז דער ליעבליכער פֿירשט חירם, דער מיטגליעד פֿון דער העכסטער ראַטה אין צור... אָט איז דער גרויסער דגון, דער באַנקיר פֿון דעם קרוין־פּרינץ און שני־למלך אין נידריגערן מצרים.

ביידע, חירם און דגון, האָבן זיך געבוקט, האַל־טענדיג די הענד פֿערלעגט אויפֿ׳ן האַרצן און האָבן זיך געזעצט יעדער בײַ אַ באַזונדער טישעל אין מיטן דעם זאַל. חירם האָט זיך אַביסעל אָבגערוקט דעם מאַנטעל, כדי צו ווײַזן דעם גאָלדענעם מעדאַל, וואָס איז איהם אַראָבגעהאנגען פֿון האַלז און דגון האָט זיך געשפּיעלט מיט דער גאָלדענער קײט, וועלכע ער האָט בעקומען פֿון דעם קרוין־פּרינץ.

— איך, חירם, — האָט זיך דער אַלטער אָנגערו־פֿען — בעגריס דיך, הערר דגון, ווינש דיר אַ גרויס פֿער־מעגען און הצלחה.

— איך, דגון, בעגריס דיך, הערר חירם, און ווינש דיר דאָס זעלבע, וואָס דו ווינשסט מיר...

— די ווילסט זיך שוין קריגען? ... — האט איהם חירם איבערגעהאקט מיט כעס.

— ווער וויל זיך קריגען? ... רבתון, זאג דו, צי איך קריג זיך? ...

— שמועסט בעסער, גרויסע הערדען, פון די געשעפטען — האט רבתון געענטפערט.

חירם האט זיך אביסעל פערקלערט און דערנאך האט ער געזאגט:

— דיינע גוטע-פריינד פון צור האבען דיך געהייסען גריסען.

— אזוי? זיי האבען מיך געהייסען גריסען? — האט דגון געפרעגט מיט א טאן פון ליצנות—מעהר, ווי א גרוס האבען זיי מיר נישט געשיקט?

— וואס דען האסטו געוואלט זיי זאלען דיר שיקען? — האט חירם געפרעגט מיט א הויך קול.

— שטיל! ... שלום! ... — האט זיך רבתון אנגערופען.

חירם האט עטליכע מאל טיעפער אבגעטעמט און געזאגט:

— דאס איז אמת: מיר דארפען שלום ... שווערע צייטען קומען אן אויף פעניציען ...

— צי האט דער ים אייך פערגאסען צור אדער צידון? ... — האט דגון געפרעגט מיט א שמייכעל.

חירום האט אויסגעשפיגען און געפרעגט:

— וואס ביזטו היינט אזוי אין כעס?

— איך בין אלע מאל אין כעס, ווען מען רופט מיך נישט — גרויסער ...

— פאַרוואָס גיסטו מיר קיין טיטול נישט אָב ?... איך בין דאָך אַ פירשט ! ...

אפשר אין פעניציען — האָט דגון געענטפערט — אָבער אַפילו אין אַשור, וואַרטסטו דו ביי יעדען זאַטראַפּ דריי טעג אין פאָדערהויז, איידער מען לאָזט דיך אַריין, און ווען דו ווערסט שוין יאָ אויפגענומען, ליגסטו אויף דעם בויך, ווי יעדער הענדלער פון פעניציען.

— און וואָס וואָלסטו געטהון ביי אַ ווילדען מענש, וועלכער קאָן דיך צו אַ סלופּ צושלאָגען ?... — האָט חירם געשריען.

— וואָס איך וואָלט געטהון, ווייס איך נישט, — האָט דגון געענטפערט, — אָבער אין מצרים זיץ איך מיר אויף איין זאָפע מיט דעם קרוין־פּרינץ, וועלכער איז היינט אַ שני־למלך ..

— שלום, גרויסער דגון ! שלום, גרויסער פירשט !— האָט רבתון זיך געבעטען.

— שלום !... שלום קאָן זיין, ווען דער הערר, וועל־כער איז אַ געוועהנליכער הענדלער פון פעניציען, וויל מיך נישט אַכטען !... — האָט דגון געשריען.

— איך האָב הונדערט שיפען !... — האָט חירם געגענגעשריען.

— און דער הייליגער פרעה האָט צוואַנציג טויזענד שטעדט, שטעדטעלעך און אַזוי פיעל דערפער !...

— איהר, גרויסע, וועט פערזינקען דאָס געשעפט און גאַנץ פעניציען !... — האָט זיך רבתון אָנגערופען מיט אַ הויכער שטימע.

— חירם האָט צונויפגעדריקט די פּויסטען. ער איז אָבער שטיל געזעסען.

— דו, גרויסער דגון, מוזט דאָך מודה זיין, — האָט ער נאָך אַ ווײַלע געזאָגט, — אַז פון די צוואַנציג טויזענד שטעדט האָט פּרעה נישט זעהר פיעל.

— דו מײַנסט אודאי, גרויסער פירשט, — האָט דגון געענטפערט, — אַז זיעבען טויזענד שטעדט געהערען צו די בית-המקדש'ם און זיעבען טויזענד צו גרויסע הערען?... דאָך בלײַבען פּרעה'ן גאַנצע זעקס טויזענד שטעדט...

— נישט גאַנצע! אַראָבּרעכענענדיג דרײַ טויזענד שטעדט, וועלכע זענען פערמשכּונ'ט בײַ די כּהנים און צוויי טויזענד, וועלכע זענען איבערגעגעבען געוואָרען אין אַרענדע אונזערע פעניציאַנער...

— אמת, גרויסער פירשט, — האָט דגון געזאָגט, — דאָך בלײַבט פּרעה'ן צוויי טויזענד שטעדט זעהר רײַכע...

— ציז איז אַ רוח אין דיר אַרײַן?... — האָט רבתון געשריען — איהר וועט איצט אויסרעכענען די שטעדט, וואָס פּרעה האָט? זאָל איהם!...

— שאַ! — האָט דגון שטיל געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון דעם שטוהל.

— איבער פעניציען הענגט אַ אונגליק! — האָט רבתון געשריען — און איהר רעדט נאַרישקייטען!...

— לאָ'מיך שוין אַ מאָל הערען, וואָס פאַר אַ אונגליק דאָס איז! — האָט דגון געזאָגט.

— לאָז חירם'ן רעדען, וועסט געוואָהר ווערען — האָט רבתון געענטפערט.

— זאָל ער רעדען!...

— צי ווייסטו, גרויסער חירום, וואס עס איז געשעהן אין איינפאהרהויז „אונטער דער שיף", ביי אונזער ברודער אסרחדון? ... — האט חירם געפרעגט.

— איך האב נישט קיין ברודער צווישען שענ-קערס! ... — האט זיך דגון אנגערופען.

— שווייג! — האט רבתון געשריען מיט כעס און געחאפט א שטילעט אין דער האנד אריין. דו ביזט א נאר, ווי א הונד, וואס בילט פון חלום.

— וואס בייזערט זיך דער ... דער ביינער-הענד-לער? — האט דגון געענטפערט און אויך געחאפט זיין שטילעט.

— שא! ... שלום! ... — האט זיי בערוהיגט דער אלטער פירשט און האט אויך אראבגעלאזט זיין טרוקענע האנד צו דעם גארטעל, וואו ער האט געהאט זיין שטילעט.

די נאזלעכער פון אלע דריי האבען א ווילע געצי-טערט און זייערע אויגען האבען געבלאנקט. חירם האט זיך אבער אם ערשטען בערוהיגט און האט ווידער אנגע-הויבען צו שמועסען, ווי עס וואלט צווישען זיי גארנישט פארגעקומען.

— פאר עטליכע חדשים איז אנגעקומען אין דעם איינפאהרהויז פון אסרחדון איינער פות פון חרן...

— ער האט געזאלט אבנעהמען פינף טאלענטען פון עפעס א כהן — האט זיך דגון אנגערופען.

— וואס איז ווייטער געווען? — האט חירם געפרעגט.

— גארנישט. ער האט געפונען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון א כהנת און לויט איהר עצה איז ער געפאה-רען זוכען זיין בעל-חוב אין טעבי.

— דו האָסט אַ שכל פֿון אַ קינד און פּלוידערײַ פֿון אַ פֿרוי — האָט חירם געזאָגט. פּוּת איז נישט פֿון חרן ; ער איז אַ כּשׂדי, און ער הייסט נישט פּוּת נאָר בר־אוֹת.

— בר־אוֹת ?... בר־אוֹת ?...—האָט דגון ווידערהאָלט דערמאָהנענדיג זיך— איך האָב שוין אַמאָל ערגעץ געהערט דעם נאָמען...

— דו האָסט געהערט !... — האָט חירם געזאָגט מיט פֿעראַכטונג— בר־אוֹת איז דער קלינגסטער כּהן אין בבל, ער איז אַ יועץ פֿון די פֿירשטען און פֿון דעם מלך אין אשור...

— זאָל ער זײַן אַ יועץ, וואָס גערט דאָס מיר אָן, ווען ער איז נישט קיין יועץ פֿון פּרעה'ן ?...— האָט דגון געזאָגט.

רבתון איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זײַן שטוהל און, דראָהענדיג דגונ'ען מיט דער פֿויסט אונטער דער נאָז, האָט ער געזאָגט :

— דו חזיר ! אָנגעפּרעסען בּיזטו מיט פּרעה'ס מיסט... דיר גערט אַזוי פֿיעל אָן פֿעניציען, וויפֿיעל מיר מצרים... ווען דו וואָלסט געקאָנט, וואָלסטו פֿאַר אַ דראַכמאַ פֿערקויפֿט דײַן פֿאָטערלאַנד... הונד... מצורע !...

דגון איז בלאַס געוואָרען און האָט רוהיג געענטפֿערט :

— וואָס רעדט דער קרעמער ? אין צור האָב איך זיהן, וועלכע לערנען זיך דאָרט שיפֿערײַ ; אין צידון האָב איך אַ טאָכטער מיט אַ איידעם... אַ העלפֿט פֿון מײַן פֿערמעגען האָב איך געליהען דער העכסטער ראטה, חאָטש איך נעהם דערפֿון נישט אפילו קיין מעשר. און דער קרעמער זאָגט, אַז פֿעניציען גערט מיר גאָרנישט אָן !...

— רבתון, הער מיך אויס, — האָט ער נאָך אַווײַלע געזאָגט, — איך ווינש דײַנע קינדער, דײַן ווײַב און די נשמות פון דײַנע עלטערן, אַז דו זאָלסט אַזוי זאָרגען פאַר זיי, ווי איך פאַר יעדער שיף פון פעניציען, פאַר יעדען שטיין פון צור, צידון און אפילו פון צרפת און אכזיב.

— דגון זאָגט אמת — האָט זיך חירם אָנגערופען.

— איך זאָרג נישט פאַר פעניציען!... — האָט דגון ווײַטער געזאָגט — און וויפיעל פעניציאַנער האָב איך דאָ אַהער געבראַכט, זיי זאָלען דאָ פערמעגענס זיך ערווערבען און — וואָס האָב איך דערפון? ... איך זאָרג נישט!... חירם האָט מיר צוויי שיפען פערניכטעט און דורך איהם האָב איך נישט געקאָנט האָבען די גרויסע פערדינסטען, וואָס איך וואָלט געהאַט, און פינדעסטוועגען, ווען עס געהט וועגען פעניציען, זיץ איך מיט איהם בײַ איין טיש...

— ווײַל דו האָסט געמײַנט, אַז איהר וועט רעדען וועגען דעם, ווען מען האָט צו נאַרען — האָט רבתין געזאָגט.

— דו זאָלסט אַזוי לעבען, נאַר!... — האָט דגון געענטפערט — בין איך דען אַ קינד און פערשטעה דען נישט, אַז ווען חירם קומט קיין מעמפיס, קומט ער נישט האַנדלען. אוי, דו, רבתון!... דו וואָלסט בעדאַרפט חאָטש צוויי יאָהר בײַ מיר דיענען און אויסקעהרען די שטאַלען...

— גענוג! — האָט חירם געשריען, קלאַפענדיג מיט דער פויסט אָן טישעל.

— מיר וועלען קיינמאָל נישט ענדיגען די מעשה

מיט דעם כשדי — האט ער געמורמעלט מיט אזא רוהיגקייט, ווי נישט איהם וואלט מען געזידעלט.

חירם האט אבגעהוסט און געזאגט:

— ער האט טאקי א הויז און פעלדער אין חרן און דארט הייסט ער פוט. ער האט ערהאלטען בריעף פון סוחרים אין חת צו סוחרים אין צידון, האט איהם אונזער קאראוואן מיטגענומען אויף דער רייזע. ער רעדט גוט פעניציאניש, צאהלט עהרליך, קיין גרויסע זאכען האט ער נישט פערלאנגט, דאדורך האבען איהם אונזערע מענשען געליעבט.

— אבער — האט חירם געזאגט, קראצענדיג זיך די באָרד — ווען א לייב בעדעקט זיך מיט א פעל פון א אקס, קריעכט איהם ארויס האטש א שטיקעל וויידעל. פוט איז שרעקליך קלוג געוועזן; האט דער הויפט־מאן פון דעם קאראוואן איהם בסוד זיינע זאכען רעווידירט. און ער האט גארנישט געפונען, אויסער דעם מעדאל פון דער געטין עשתרות. דער מעדאל האט געשטאכען דעם הויפט־מאן אין הארצען. פון וואנען האט א בן־חת א פעניציאנישען מעדאל?

ווען זיי זענען געקומען קיין צידון, האט דער הויפט־מאן צו וויסען געטהון די עלטסטע און פון דאמאלס אן האט אונזער געהיים־פאליציי איהם גוט נאכגעשפירט.

ער איז אבער אזא חכם, אז ווען ער איז געזעסען עטליכע טעג אין צידון, האבען איהם אלע ליעב בעקומען. ער האט מתפלל געוועזן און מקריב געוועזן קרבנות דער געטין עשתרות, ער האט געצאהלט מיט גאלד, ער האט נישט געליהען קיין געלד, געלעבט האט ער נאר מיט פע־ניציאנער. און ער האט אלע אזוי גענארט, אז מען האט איהם

אויפגעהערט נאכצושפירען און ער איז רוהיג געקומען קיין מעמפיס.

דא האבען ווידער אונזערע עלטסטע איהם אנגעהויבען צו היטען, זיי זענען אבער גארנישט געוואהר געווארען; זיי האבען זיך נאר משער געווען, אז ער איז עפעס גאר א גרויסער, און נישט קיין געוועהנליכער מענש פון חרן. צופעליג איז אסרחדון געוואהר געווארען, אז פות איז א גאנצע נאכט געווען אין דעם אלטען בית־מקדש פון שת, וועלכער איז דא זעהר וויכטיג...

— אין דעם בית־מקדש געהען אריין נאר כהנים־גדולים אויף וויכטיגע בעראטונגען — האט דגון זיך אנגערופען.

— דאס וואלט אויך גארנישט געשאדט — האט חירם געזאגט — נאר איינער פון אונזערע סוחרים איז פאר א חודש צוריק געקומען פון בבל מיט מערקווירדיגע ידיעות. פאר אגרויסע מתנה האט איהם א גרויסער מאן פון בבל געזאגט, אז איבער פעניציען הענגט א אונגליק!...

— אשור וועט אייך פערנעהמען — האט דער גרויסער מאן געזאגט אונזער סוחר — און די יודען וועט מצרים צונעהמען. וועגען דעם איז דער גרויסער כהן, דער כשדי בר־אות, געפאהרען צו די כהנים קיין טעבי און וועט מיט זיי כורת ברית זיין.

— איהר מוזט וויסען — האט חירם וויטער געזאגט — אז די כהנים די כשדים בעטראכטען די כהנים פון מצרים פאר זייערע ברידער. און וויל בר־אות איז א גרויסער חשוב אין דעם הויף פון דעם מלך אסר, קאן מען גלויבען, אז ער איז טאקי געשיקט געווארען א בונד צו שליסען מיט די כהנים.

— צו וואס טויג פעניציען דעם פאלק פון אשור?...—

האָט דגון געפֿרעגט, בײַסענדיג זיך די נעגעל.

— און צו וואָס טויג פֿרעמדע שפּײַכלערס די גנבים?...— האָט חירם געענטפֿערט.

— וואָס פֿאַר א ווילכטיגקײַט קאָן האָבען דער בונד פֿון בר־אות מיט די כהנים פֿון מצרים?... — האָט זיך רבתון אָנגערופֿען;

— דו נאַר!...— האָט דגון געענטפֿערט — פּרעה טהוט נאָר דאָס, וואָס די כהנים הײסען.

— עס וועט געשלאָסען ווערען א בונד אויך מיט פּרעה'ן, זײַט זיכער! — האָט חירם איבערגעהאַקט — מיר אין צור ווײסען זיכער, אז קײן מצרים פֿאָהרט אַרויס מיט א גרויסער סוויטע און מיט מתנות סרגון דער פֿאָסאָל פֿון אשור... ער וויל כלומר'שט זעהן מצרים און זיך אָבשמועסען מיט די מיניסטאָרען, אז אין די דאָקומענטען פֿון מצרים זאָל מען נישט שרײַבען, אז אשור צאָהלט מס די פּרעה'ס. אין אמת'ן אָבער פֿאָהרט ער זיך אָבשמועסען וועגען אײַנטהײלען צווישען זיך די לענדער, וועלכע געפֿינען זיך צווישען אונזער ים און דעם טײַך פרת.

— זאָל זײ די ערד אײַנשלינגען — האָט רבתון געשאָלטען.

— ווי מײַנסטו, דגון?... — האָט חירם געפֿרעגט.

— און וואָס וואָלט איהר געטהון, ווען אסר וואָלט אויף אײַך טאַקי אָנגעפֿאַלען?...

— חירם האָט געציטערט פֿון כעס.

— וואָס?... מיר וועלען זיך זעצען אויף שיפֿען מיט אונזערע פֿאַמיליעס און שאַצען, און די הינד וועלען מיר איבערלאָזען חורבות פֿון שטעדט און פֿערפֿוילטע קערפּערס

פון טוידטע שקלאפען. צי קאָנען מיר נישט גרעסערע און שענערע לענדער פון פעניציען, וואו מען קאָן גרינדען א נייע פאָטערלאנד, א רייכערס פון דעם, וואס מיר האָבען?...

— זאָלען אונז די געטער אבהיטען פון דעם! — האָט דגון געזאָגט.

— דאָס ווילען מיר דאָך טאקי: בעטען די היינטיגע פעניציען פון אויבראָטונג — האָט חירם געזאָגט — און דו, דגון, קאָנסט פיעל טהון אין דעם...

— וואס קאָן איך?

— דו קאָנסט געוואָהר ווערען פון די כהנים, צי בר-אות איז געוועזען ביי זיי און צו האָט ער געשלאָסען מיט זיי א בונד...

— דאָס איז שרעקליך שווער!... — האָט דגון גע-מורמעלט — נאָר אפשר וועל איך געפינען אזא כהן, וועל-כער וועט מיר זאָגען...

— דו קאָנסט — האָט חירם ווייטער געזאָגט — אין פרעה'ס הויף נישט דערלאָזען צו אזא בונד מיט סרגונ'ען?

— דאָס איז זעהר שווער... איך אליין וועל דאָס נישט קאָנען...

— איך וועל זיין מיט דיר און גאָלד וועט געבען פע-ניציען. שוין איצט קלויבט מען אבצאָהלונגען.

— איך אליין האָב געגעבען צוויי טאלענטען! — האָט רבתון געמורמעלט.

— איך וועל געבען צעהן טאלענטען — האָט דגון געזאָגט — אבער וויפיעל וועל איך בעקומען פאר מיין אר-בייט?...

— וואָס?... נו, צעהן שיפען — האָט חירם גע־ענטפערט.
— און וויפיעל וועסטו פערדיענען? — האָט דגון געפרעגט.
— דו האָסט וועניג?... וועסטו בעקומען פונפצעהן...
— איך פרעג: וואָס וועסטו פערדיענען? — האָט דגון ווייטער געפרעגט.
— מיר וועלען דיר געבען... צוואַנציג שיפען... גענוג?
— זאָל זיין. אָבער דעם וועג צו דעם לאַנד פון זילבער וועט איהר מיר ווייזען?
— מיר וועלען ווייזען.
— און פון וואַנען איהר נעהמט צין וועט איהר אויך ווייזען?
— נו...
— און וואו עס איז בורשטין? — האָט דגון ווייטער געפרעגט.
— פגר'ן זאָלסטו!... — האָט געענטפערט חירם, אויסציהענדיג די האַנד צו איהם, — אָבער דו וועסט שוין נישט בייז זיין אויף מיר פאַר יענע צוויי שיפען?...
דגון האָט געזיפצט.
— איך וועל אַרבייטען, איך זאָל אָן דעם פערגעסען. אָבער... ווי רייך וואָלט איך געווען, ווען איהר וואָלט מיך דאַמאָלס נישט פעריאָגט!...
— גענוג!...— האָט זיך רבתון אָנגערופען — רעדט וועגען פעניציען.
— דורך וועמען וועסטו געוואָהר ווערען וועגען

בר־אית און דעם בונד? — האט חירום געפרעגט דגונ'ען.

— לאז צו רוה. עס איז געפעהרליך צו זאגען, ווארום צו דעם ווערען געהערען כהנים.

— און דורך ווען וואלסטו געקאנט צעשטערען דעם בונד?...

— איך מיין... איך מיין, אז נאר דורכ'ן קרוין־פרינץ, איך האב פיעל קוויטונגען זיינע.

חירם האט אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך און געזאגט:

— דורכ'ן קרוין־פרינץ — זעהר גוט, ווארום ער וועט ווערען א פרעה, אפשר גאר קירצליך...

— שא!... — האט איהם דגון א בערגעהאקט, קלאפענדיג מיט דער פויסט אויף דעם טיש — שטום זאלסטו ווערען פאר אזא רעדען!...

— אט, דאס איז א חזיר! — האט געשריען רבתון, דראהענדיג איהם מיט דער פויסט אונטער דער נאז.

— דו נארישער קרעמער! — האט איהם דגון געענטפערט — דו, רבתון, מיינסט נאר צו פערקויפען געטריקענטע פיש און וואסער אויף די גאסען, אבער נישט זיך מישען אין מלוכה־אינטערעסען. א פוס פון א אקס, וואס איז בעשמירט מיט בלאטע פון מצרים, האט מעהר פערשטאנד פון דיר, וואס דו וואהנסט שוין פינף יאהר אין דער הויפטשטאדט פון מצרים!... חזירים זאלען דיין פלייש עסען!...

— שא!... שא!... — האט זיך חירם אנגערופען — איהר לאזט מיר נישט ענדיגען...

— זאג, דו ביזט קלוג און דיך פערשטעהט מיין הארץ — האט רבתון געזאגט.

— אויב דו, דגון, האסט אַ איינפּלוס אויף דעם קרוין-פּרינץ, איז זעהר גוט,— האָט חירם געזאָגט,— ווארום אויב דער קרוין-פּרינץ וועט וועלען האָבען אַ בונד מיט אשור, וועט זיין אַ בונד און ער וועט געשריבען ווערען מיט אונזער בלוט, אויף אונזער הויט. ווען אָבער דער קרוין-פּרינץ וועט וועלען אַ מלחמה מיט אשור, וועט ער מאַכען אַ מלחמה, האָטש די כהנים וועלען געגען איהם צו הילף רופען אלע געטער.

— שאַ!...— האָט זיך דגון אָנגערופען — אויב די כהנים ווילען, וועט געשלאָסען ווערען אַ בונד... נאָר אפשר וועלען זיי נישט וועלען...

— דערפאַר, דגון,— האָט חירם געזאָגט,— מוזען מיר האָבען אויף אונזער זייט אלע אָנפיהרער.

— דאָס קאָנען מיר האָבען...

— און די הויפּט-מענער פון די פּראָווינצען...

— דאָס קאָנען מיר אויך האָבען...

— און דעם קרוין-פּרינץ,— האָט חירם געזאָגט,— נאָר ווען דו אליין וועסט איהם שטופען צו אַ מלחמה מיט אשור, וועט גאָרנישט העלפען. אַ מענש האָט פיעל סטרונעס, ווי אַ האַרפע, און מען מוז אויף איהם שפּיעלען מיט צעהן פינגער און דו, דגון, ביזט נאָר איין פינגער.

— איך וועל זיך דאָך נישט צערייסען אויף צעהן שטיק...

— דו קאָנסט אָבער זיין, ווי איין האנד, וועלכע האָט פינף פינגער. דו דאַרפסט אזוי צו טהון, אז קיינער זאָל נישט וויסען, אז דו ווילסט, מצרים זאָל פיהרען אַ מלחמה מיט אשור, נאָר יעדער קעבער פון דעם קרוין-פּרינץ זאָל וועלען די מלחמה. יעדער פריזיער פון דעם קרוין-פּרינץ

זאָל וועלען מלחמה, אַלע, וואָס טראָגען זײַן לעקטיקע, שרײַבער, אָפּיציערען, פֿוהרמאַנעס, אַלע זאָלען וועלען מלחמה מיט אשור, און דער קרוין-פּרינץ זאָל דאָס הערען פֿון דער פֿריה ביז נאַכט, און אפילו ווען ער שלאָפֿט...

— דאָס וועט זײַן געמאַכט.

— און זײַנע געליבטע קאָנסטו? — האָט חירם געפֿרעגט.

דגון האָט מיט דער האַנד געשאָקעלט.

— נאַרישע מײַדלעך — האָט ער געענטפֿערט — זיי קלערען נאָר זיך צו פּוצען, מאָלען און זאַלבען מיט שמעקענדע עהלען... אָבער פֿון וואַנען זיי נעהמען די שמעקענדע עהלען און ווער עס ברענגט זיי קײַן מצרים, דאָס ווײַסען זיי שוין נישט.

— דאַרף מען איהם אונטערדרוקען אַזאַ געליבטע, וואָס זאָל יאָ וויסען, — האָט חירם געזאָגט.

— פֿון וואַנען נעהמט מען אַזעלכע?... — האָט דגון געפֿרעגט — אַ... איך האָב שוין!... — האָט ער אויסגעשריען, קלאַפּענדיג זיך אין שטערען — קאָנסטו קאַמאַ, די כּהנת פֿון עשתּרות?...

— וואָס? — האָט איהם רבתון איבערגעהאַקט — אַ כּהנת אין בית-מקדש פֿון דער געטין עשתּרות וועט זײַן אַ געליבטע פֿון אַ מצרי?...

— דו ווילסט בעסער, זי זאָל זײַן דײַנע?... — האָט דגון געלאַכט — זי וועט נאָך ווערען אַ גרויסע כּהנת, אויב מען וועט זי דאַרפֿען אַרײַנפֿיהרען אין הויף אַרײַן.

— דו זאָגסט אמת — האָט חירם געענטפֿערט.

— די הײליגקײט פֿערשװעכֿען װילסטו ? ! — האָט זיך רבתון געבײזערט.

— די כּהנת, װעלכע װעט פֿערשװעכֿען איהר כּהונה, װעט טאַקי שטאַרבען — האָט זיך דער אלטער חירם אָנגערופֿען.

— זאָל אונז נאָר שרה נישט שאַדען — האָט זיך דגון אָנגערופֿען — זי װעט קירצליך אַ קינד געבוירען און דער קרוין־פּרינץ האָט שוין פֿאָראױס ליעב דאָס קינד. װען זי װעט אַ זוהן געבוירען, װאָלטען אַלע געליעבטע קײן װערטה נישט געהאַט.

— מיר װעלען האָבען געלד פֿאַר שרה׳ס װעגען אױך — האָט חירם געזאָגט.

— זי װעט קײן געלד נישט נעהמען ! . . . — האָט דגון געשריען — די פֿערשאָלטענע האָט אָבגעװאָרפֿען אַ גאָלדענעם, טײערען בעכער, װעלכען איך האָב איהר געבראַכט.

— װײל זי האָט געמײנט, אַז דו װילסט זי נאַרען — האָט רבתון געזאָגט.

חירם האָט מיט׳ן קאָפּ געשאָקעלט.

— מען האָט נישט װאָס צו זאָרגען — האָט ער געזאָגט — װאו מען קאָן מיט געלד נישט מאַכען, קאָן װירקען אַ פֿאָטער, אַ מוטער, אָדער אַ געליעבטע. און װאו אַ געליעבטע קאָן נישט װירקען, בעקומט מען . . .

— אַ מעסער ... — האָט איהם רבתון אונטערגעהאָלפֿען.

— סם ... — האָט דגון פֿערבעסערט.

— אַ מעסער איז זעהר אַ געמײנע זאַך — האָט חירם געפּסק׳ענט.

ער האט זיך געגלעט די בארד, פערטראכט, ענדליך האט ער זיך אויפגעשטעלט און ארויסגענומען פון בוזעם א פורפור־באנד, צו וועלכען עס זענען געווען צוגעבונדען דריי בילדער פון דער געטין עשתרות. פון אונטער דעם גארטעל האט ער ארויסגענומען א מעסער, צעשניטען דאס באנד אויף דריי טיילען, געבענדיג צוויי טיילען מיט צוויי בילדער דגי"נ'ען און רבתונ'ען.

דערנאך זענען אלע דריי געגאנגען אין א ווינקעל, וואו עס איז געשטאנען א שטיין־בילד פון דער געטין מיט פליגעל; זיי האבען פערלעגט די הענד אויפ'ן הארצען און חירם האט געזאגט:

— דיר, מוטער פון לעבען, שווערען מיר — צו האלטען ווארט און נישט צו רוהען, ביז די היילינע שטעדט וועלען זיין פערזיכערט פון די פיינד, וועלכע זאלען פערטיליגט ווערען פון הונגער, מגפה און פייער...

ווען איינער פון אונז וועט נישט טהון דאס, וואס ער האט זיך מתחייב געווען, אדער ווען ער וואלט דעם סוד אויסגעבען, זאלען קומען אויף איהם אלע קללות... זאל הונגער אויסדרעהען אלע זיינע געדערים, און דער שלאף זאל אנטלויפען פון זיינע אויגען, וואס וועלען מיט בלוט פערגאסען ווערען... זאל אויסגעטריקענט ווערען די האנד פון דעם, וואס וואלט איהם געראטעוועט, רחמנות האבענדיג אויף זיינע צרות... זאל אויף זיין טיש ברויט פערוואנדעלט ווערען אין שטיינער און ווין — אין שטינקענדיג וואסער... זיינע קינדער זאלען אויסשטארבען און זיין הויז זאל פול ווערען מיט ממזרים, וועלכע וועלען איהם בעשפייען און ארויסטרייבען. זאל ער גוסס'ען איינזאם, זיפצענדיג פיעל

טעג און זײַן טױדטען קערפּער זאָל נישט אָננעהמען די ערד, דאָס װאַסער, דאָס פֿײַער, אַפּילו װילדע חיות זאָלען איהם נישט עסען ... אמן!...

— אַזױ זאָל זײַן!

נאָך דער שרעקליכער שבועה. װעלכע חירם האָט אָנגעהױבען און די איבעריגע צװײַ האָבען פֿון דער העלפֿט אָן מיטגעזאָגט מיט ציטערנדע שטימען, האָבען די דרײַ פֿעניציאַנער זיך צוריקגעזעצט. רבּתון האָט זײַ דערנאָך געפֿיהרט אױף אַ מאָהלצײַט, בײַ װעלכען זײַ האָבען אַ װײַלע פֿערגעסען, װאָס זײַ האָבען צו טהון, האָבענדיג װײַן, מוזיק און טענצערינס.

ענדע ערשטער טײל.